פראָפ. מאיר באַלאַבאַן

יידן אין פוילן

שטודיעס און שילדערונגען
פון פאַרגאַנגענע תקופות

(מיט 45 בילדער אויף 32 בלעטער)

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

פראָפ. מאיר באלאבאן

יידן אין פוילן

שטודיעס און שילדערונגען פון פאַרגאַנגענע תקופות

(מיט 45 בילדער אויף 32 בלעטער)

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

63940

3

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942:225

156203

ŻYDZI w POLSCE
Studja i opowiadania historyczne Majera Bałabana
Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie", Wilno.

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט 7
רשימה פון די בילדער 11

I ראשים און מנהיגים פון די אַלטע טיפן

שאול וואַהל, דער יידישער מלך אין פוילן
(אמת און לעגענדע)

1 אַריינפיר 17
2 די לעגענדע 21
3 די היסטאָרישע געשטאַלט 26
4 דער סך-הכל 36
ר׳ פינחס בן אלעזר (יאַן ברעדלאָ) . . 39
ד״ר. שמחה מנחם מיונה, הויף-דאָקטאָר פון
מלך יאַן סאָביעסקי 48
ר׳ בצלאל בן הקדוש ר׳ נתן, דער מוכסן
אין דער רייסישער מדינה 59
זלמן, דער ראש-הקהל פון דראָהאָביטש
(היסטאָרישע סקיצע)

1 דער ועד-המדינה אין בויבעריק 67
2 דער פאָטער און זיין זון . . . 75
3 די נקמה 80
4 דאָס יידישע הארץ 83
5 דער סוף 86
ר׳ לייבוש באַלאַבאַן, פרנס-החודש אין
לעמבערג אין סוף פונעם 18-טן יאָרהונדערט 88

II פון אַלטע קהלות

צוויי קהלות אין איין שטאָט (אַ קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון לעמבערג)

1 די שפּאַלטונג 103

2 פון וואַנען קומען עפּעס צוויי קהלות און וועלכע איז געווען עלטער? 105

3 די שטאָט 106

4 די פאָרשטאָט 108

5 ברידער אין צרות און לייד . . . 111

6 אין דער עסטרייכישער צייט און היינט . . 113

די יידן אין קראָקע בשעת דער שוועדישער אינוואַזיע (אַ בלעטל געשיכטע פון די יאָרן 1655–1657) 116

דיפּלאָמאַטישע אינטערווענץ אין דער פּראַגע וועגן קראָקעווער יידן (1775–1776) 139

די יידן אין לובלין בשעת דער גרויסער מלחמה אין די יאָרן ת״ח–ת״ך (1648–1660)

1 די צייט פון כמיעלניצקי . . . 151

2 די קאָזאַקן אין לובלין (שנת תט״ו) . . 154

3 די שרעקלעכע שרפה (ערב סוכות תט״ז) . . 158

4 נאָך דער גרויסער מלחמה . . . 162

דער קאַמף וועגן יידישן האַנדל אין לובלין אין XVIII יאָרהונדערט 169

III צו דער געשיכטע פון יידישע דרוקערייען אין פּוילן

1 די עלטסטע יידישע דרוקעריי אין קראָקע 183

2 ר׳ יצחק בן אהרן פּראָסטיץ פון איטאַליע . 195

3 ר׳ נחום מייזעלס . . . , 198

4 יידישע דרוקערייען אין זשאָלקיעוו און לעמבערג 203

די פּרווו צו גרינדן די ערשטע העברעישע דרוקעריי אין וואַרשע 218

די צענזור אין פוילן און גאַליציע

1 עסטרייכישע צענזור	225
2 די מלחמה מיט דער צענזור . . .	229
3 די צענזור אין קאָנגרעס־פוילן . . .	232

IV נאַפּאָלעאָן

1 נאַפּאָלעאָן און זיין תקופה . . .	237
2 נאַפּאָלעאָן און די יידן אין פראַנקרייך . .	242
3 נאַפּאָלעאָן און די יידן אין פוילן . . .	249

V יידישע קונסט

פעסטונגשולן אויף די מזרחדיקע ראַנד־ געביטן פון דער פוילישער מלוכה	259
אונזערע קונסט־ און קולטור־אוצרות .	268

VI זכרונות

1 אדאָלף שטאַנד	303
2 נתן נטע סאַמועלי	313
3 עזריאל נתן פרענק	314
4 פייבוש הירש וועטשטיין	320
5 יעקב נפתלי הערץ סימבאָוויטש (שמחוני) .	32[illegible]
6 אויפן קבר פון פּראָפעסאָר צבי־פּרץ חיות .	335

ביבליאָגראַפישע נאָטיצן און הוספות . . .	337

פאָרוואָרט

די יידישע וויסנשאַפט, די אַזוי־גערופענע: „חכמת־ישראל“, און איבערהויפּט די יידישע געשיכטע זענען טוין זייער אַלט, אָבער ביז נישט לאַנג האָט דער יידיש־לעזנדיקער עולם דערפון ווייניק־וואָס געוווסט. די יידישע פאָרשער אין מערב־איראָפּע האָבן געשריבן דייטש, און די חוקרי־קדמוניות אין מזרח האָבן זייערע ספרים פאַרפאַסט אין העברעיש. אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן האָט זיך אויסגעבילדעט אַ רייכע היסטאָרישע ליטעראַטור אין ענגליש, אין מזרח האָט מען דעם געגנשטאַנד באַאַרבעט אויף רוסיש („קניגי וואָסכאָדאַ“, „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ“, „פּערע־זשיטאָיע“, די ווערק פון דובנאָוו, העססען ובדומה) און פּויליש. דעם יידישן לעזער האָט מען על־פּי־רוב געגעבן קאָמפּיליאַציעס, רעשטלעך אין אַזאַ פאַרהאַסערטער פאָרם, אַז ס'איז פון דער אמתער פאָרשונג ווייניק געבליבן. אין אונזער צייט, ווען די יידישע בעלעטריסטיק איז אַזוי פונאַנדערגעוואַקסן, באַווייזן מיר זייער ווייניק האַנטביכער פאַר יידישע געשיכטע אין יידיש.

דאָס איז נוגע דער יידישער געשיכטע בכלל און דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן בפרט. מיר באַווייזן אויף דעם געביט אַ רייע מאָנאָגראַפיעס פון שטעט און קהלות, ביאָגראַפיעס פון יידישע עסקנים אין פּוילן, אויסגאַבן פון דאָקומענטן און זכרונות, אָבער דאָס אַלץ — מיט קליינע אויסנאַמען — איז פאַראַן נאָר אין אַנדערע שפּראַכן

אין דער לעצטער צייט — כ'מיין אין די לעצטע דריי־פיר יאָר — האָט זיך אין דער הינזיכט אַביסל געבעסערט. איינצלנע פאָרשער האָבן זיך באַמיט אויף דעם אַקערפעלד, וואָס איז געוואָרן „פון זשאַרגאָן — יידיש“, אויך דער ייוואָ האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן ביי דער אַרבעט, אָבער אין אַלגעמיינעם האָבן מיר אויף דעם געשיכטע־געביט נאָך גאָר ווייניק.

איך האָב מיך זינט מײַנע ייִנגסטע יאָרן באַשעפֿטיקט מיט היסטאָריע, און זינט דרײַסיק יאָר גריבל איך מיך אין אַרכיװן און ביבליאָטעקן און גיב אַרויס היסטאָרישע װערק, װאָס באַציען זיך צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן. אַ ריי גרויסע מאָנאָגראַפֿיעס פֿון די ייִדישע קהלות אין לעמבערג (1906 און 1909), קראָקע (1912), לובלין (1919) גאַליציע (1916), און אַן ערך פֿופֿציק מײַנע באַאַרבעטונגען פֿון אַנדערע טעמעס זענען פֿאַרצײַכנט אין דער היסטאָרישער ביבליאָגראַפֿיע אין פּוילישער, דײַטשער, רוסישער און העברעישער שפּראַכן. ייִדיש אָבער האָב איך, אַחוץ אַ ביכעלע װעגן מײַן פֿאַרשטאָרבענעם פֿרײַנט דר. שמואל-אברהם פּאָזנאַנסקי ז״ל, אין בוכפֿאָרם נאָך גאָרנישט פֿאַרעפֿנטלעכט. און איך שרײַב שוין עלף יאָר ייִדיש. ס׳זענען געװען יאָרן, װען איך האָב יעדן פֿרײַטאָג פֿאַרעפֿנטלעכט אין „הײַנט" היסטאָרישע אַרטיקלען פֿאַר אַ ברייטערן לעזער-קרײַז.

איצט האָב איך מיר פֿאָרגענומען אָט די דאָזיקע און אַסך אַנדערע היסטאָרישע אַרבעטן צו זאַמלען און זיי אַרויסצוגעבן פֿאַר דעם ייִדישן לעזער. איך װיל מיט מײַנע װערק אַרײַנפֿירן דעם ייִדישן לעזער אין דעם קרײַז פֿון אונזער פֿאַרגאַנגענהייט אין פּוילן, אים פֿאַראינטערעסירן מיט אָט דעם געגנשטאַנד

איך הייב אָן פֿון קלענערע אַרבעטן און גיב דאָ אין דעם ערשטן באַנד אַ סעריע טיפּן פֿון דעם אַלטן דור: פּרנסים און באַקאַנטע תּקיפֿים, ראשי-הקהל, װאָס מ׳האָט פֿאַר זיי געציטערט אין שטאָט און אין דער מדינה. דערנאָך גייט אַ ריי עפּיזאָדן פֿון דער געשיכטע פֿון אונזערע אַמאָליקע גרויסע קהלות: לעמבערג, קראָקע, לובלין; עפּיזאָדן פֿון די טרויעריקסטע תּקופֿות: גזירת ת״ח ות״ט (כמיעלניצקי) און גזירת תּט״ו און תּט״ז, װען שװעדן און רוסן האָבן פֿאַרפֿלייצט דאָס לאַנד און האָבן פֿאַרניכטעט כּמעט דעם גאַנצן ייִדישן ישוב. דעם הײַנטיקן ייִדישן סוחר און בעל-מלאכה װעט װײַזן „דער קאַמף װעגן ייִדישן האַנדל אין לובלין", אַז ס׳איז אויך אין אַלטע צײַטן נישט געװען בעסער. די „געשיכטע פֿון די ייִדישע דרוקערײַען" איז אַ קאַפּיטל ייִדישע קולטור, און אַ שטיק קולטור אין אַן אַנדער פֿאָרם זענען מיר אין אונזערע „פֿעסטונגס-שולן". דאָס קאַפּיטל װעגן אונזערע „קונסט- און קולטור-אוצרות" גיט דעם לעזער די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אונזערע מוזייען, ביבליאָטעקן, אַרכיװן,

און מאכט אים אויפמערקזאם אויף די דאָזיקע אוצרות, וואָס ליגן צע־
זייט אויף די שול־בוידעמס אָדער אינדערהיים אויף די שאפעס. און גייען
לאיבוד. „גאפאָלעאָן" האָב איך געשריבן אין 1921 צו דער 100־יעריקער
יאָרצייט פון דעם גרויסן העלד, וואָס האָט געהאט אויך אויף דעם גורל
פון אונז, פוילישע יידן, אן השפעה. די לעצטע זעקס קאפיטלען זענען
מיינע פערזענלעכע ערינערונגען וועגן גרויסע מענטשן, וואָס זענען נפטר
געוואָרן אין די לעצטע צען יאָר.

דאָס איז בקיצור דער אינהאלט פון דעם ערשטן באנד; אין דעם
צווייטן רעדן איך ארייננעבן א ריי עלילת־דם־פראָצעסן אין פוילן אין דעם
XVI—XVIII יאָרהונדערט, און אין דריטן באנד: די געשיכטע פון דער
יידישער מיסטיק (קבלה־מעשית) פון שבתי צבי ביז יעקב פראנק. די
ווייטערע בענדער זענען נאָך נישט דורך מיר צונויפגעשטעלט. איך האלט
פאר מיין חוב צו דאנקען דעם פארלאג ב. קלעצקין פאר זיין מי ביים
ארויסגעבן מיין בוך.

וואַרשע, ערב־שבועות תר"ץ.

מאיר באַלאַבאַן

רשימה פון די בילדער

טאָוול 1. פאַר דער זייט 17

1. די מנורה פון דער אַלטער טורי־זהב־שול אין לבוב (לעמבערג), געגאָסן אין ברעסלוי אין דעם יאָר 1689 (שנת תמ״ט) און געשאָנקען פון דעם הויפדאָקטאָר פון מלך סאָביעסקי — דר. שמחה מנחם מיונה.

טאָוול 2. פאַר דער זייט 17

2. די פעסטונגסשול אין זשאָלקיעוו פון דעם 17 יאָרהונדערט.

3. די אַלטע שול אין בעלז, דאָס איז אַמאָל געווען אַ פעסטונגסשול.

טאָוול 3. פאַר דער זייט 33

4. דאָס הויז פון דר. שמחה מנחם מיונה אויף דער יידישער גאַס אין לעמבערג (בלאַכאַרסקאַ 19), צעגומען אין דעם יאָר 1905.

טאָוול 4. פאַר דער זייט 33

5. שערבלאַט פון דעם ספר פאר הלכה, געדרוקט אין זשאָלקיעוו אין דעם יאָר 1738 אין דער דרוק פון די ברידער אהרן און גרשון בני של ר׳ חיים דוד סג״ל און אייניקלעך פון די אורי פייבוש.

טאָוול 5. פאַר דער זייט 49

6. אַ מעשענער רעפלעקטער (וואַנט־לייכטער) אין דער גרויסער שטעטישער שול אין לעמבערג מיט די סמנים פון דער פוילישער מלוכה און דעם הערב פון מלך סאָביעסקי (זע זייט 68).

7. די קונע אין דער פאָרשטעטישער שול אין לעמבערג און אין איר איינגעשלאָסן אַ ייד פון דעם 18 יאָרהונדערט (פון דער זאַמלונג פאַוויליקאָווסקי, היינט אין דער ביבליאָטעק אָסאָלינסקי אין לעמבערג).

טאָוול 6. פאַר דער זייט 49

8. די אַלטע שול אין קראָקע, די עלטסטע שול אין פוילן (14 יאָרהונדערט).

9. די פעסטונגסשול אין לובאָמל (וואָלין), 17 יאָרהונדערט.

טאָוול 7. פאַר דער זייט 65

10. פאָליש פון דער אַלטער שול אין קראָקע.

טאָוול 8. פאַר דער זייט 65

11. די אַלטע שול אין קראָקע (פון אינעווייניק).

טאָוול 9. פאַר דער זייט 81

12. דער קבר פון דעם רמ"א אויף דעם אלטן בית-החיים אין קראָ-קע (פון רעכטס צו לינקס): ר' יוסף כ"ץ — בעל המחבר ספר שארית יוסף, דער צווייטער: ר' ישראל איסערל, דעם רמ"אס פאָטער, און דער דריטער: דער רמ"א (ר' משה איסערלס) אליין. די פערטע מצבה איז פון מריםביילע, דעם רמ"אס אַ שוועסטער. די פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן ה' חיים פריילין, אַ פּרנס פון דער קהלה אין קראָקע.

טאָוול 10. פאַר דער זייט 81

13. דער אָפּמאַך צווישן דער קהלה אין קראָקע און דעם דאָרטיקן מאַגיסטראַט אין דעם יאָר 1485, מיט וועלכן די יידן זאָגן זיך אָפּ פון דעם רעכט צו האנדלען אין קראָקע. (דער עלטסטער העברעישער דאָקומענט אין פּוילן—געפינט זיך אין דעם שטאַטישן ארכיוו אין קראָקע.)

טאָוול 11. פאַר דער זייט 97

14. די מצבות פון פיר קראָקעווער רבנים, אויף דעם אלטן בית-עולם (פון רעכטס צו לינקס): 1. ר' העשיל, נפטר 1663, 2. ר' אריה לייב, נפטר 1671, 3. ר' יהושע בן יוסף, בעל המחבר ספר פני יהושע, נפטר 1648, 4. ר' יצחק הלוי, נפטר 1799. (די פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן ה' חיים פריילין.)

טאָוול 12. פאַר דער זייט 97

15. פּרוכת פון דער הויבער שול אין קראָקע, אַ נדר פון ר' יחיאל מיכל בן פלטיאל און זיין ווייב מירל אין דעם יאָר 1642 (ת"ב). דער שפּיגל פון דעם פּרוכת איז גרין.

16. פּרוכת אין פּשעדבאָרז מיט דריי פּוילישע אָדלערס. לויט מסורה שטאַמט דאָס פּרוכת פון אַ פאָן פון אַ פּוילישן רעגימענט אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן. דאָס פּרוכת האָבן מנדר געווען אין דעם יאָר 1832 דאָרפישע ארענדארעס, וואָס ביי זיי האָבן עס איבערגעלאָזט די זעלנער

טאָוול 13. פאַר דער זייט 113

17. איין זייט פון דער יידישער גאַס אין לעמבערג (בלאַכאַרסקאַ נ"ר 17—31) איידער מען האָט די אלע הייזער צענומען אין דעם יאָר 1907. געצייכנט פון פראַנציישעק קאָוואַלישין פאַר מיין בוך: „דזיעלניצאַ זשידאָווסקאַ".

טאָוול 14. פאַר דער זייט 113

18. די טורי-זהב-שול אין לעמבערג, געבויט אין יאָר 1582 פון דעם איטאַליענישן בוימייסטער פּאַולאָ ראָמאַנאָ (שנת ויקרא בש"ם).

טאָוול 15. פאַר דער זייט 145

19. די מצבה פון דעם פּרנס אין לעמבערג ר' נחמן בן יצחק (נפטר 1618), אויף דער אַנדערער זייט דער נוסח המצבה פון זיין ווייב רוזא (די גילדענע רויזע). זע זייט 108.

טאָוול 16. פאַר דער זייט 145

20. די גראָדזקאַ גאַס אין לובלין.

21. דער יידישער טויער אין לובלין.

טאָוול 17. פאַר דער זייט 161

22. די מהרש"ל-שול אין לובלין (געבויט אין דעם יאָר 1567).

23. די מהר"ם-שול אין לובלין, געבויט אונטער איין דאַך מיט דער מהרש"ל-שול קעגן אָנהייב פון דעם 17 יאָרהונדערט.

טאָוול 18. פאַר דער זייט 161

24. די עלטסטע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית-עולם, אין דער לינקער זייט די מצבה פון דעם חזן אברהם בן אשאי(?) פון דעם יאָר 1543.

25. היסטאָרישע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית-עולם, פון לינקס צו רעכטס: ר' שלום שכנא, לובלינער רב, נפטר 1559, ר' עזריאל הורוויץ, לובלינער רב (נפטר 1815) און זיין זון ר' שאול פישל אפרים (1825).

טאָוול 19. פאַר דער זייט 177

26—27. אַ לעפל פון דער חברה-קדישא אין לובלין, וואָס ווערט באַנוצט ביי דער טהרה, (פאָטאָגראַפירט פון ביידע זייטן), אַ נדבה פון דעם פרנס-הקהלה ר' חיים, אין דעם יאָר 1707. אויף דעם לעפל אַ פּסוק אויפשריפט: וזרקתי עליכם מים טהורים וכ"ו.

טאָוול 20. פאַר דער זייט 177

28. דער לובלינער חזן „ר' יחיאל מיכל בן ר' נתן ממדינת רוסיא", שפּעטער (1700) חזן אין אַמסטערדאַם. (יידיש מוזעאום אין ווין).

29. ר' שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט (שי"ר), רב אין טאַרנאָפּאָל און שפּעטער אין פּראָג. (יידיש מוזעאום אין ווין).

טאָוול 21. פאַר דער זייט 193

30. דאָס שערבלאַט פון דער גמרא: מסכת תמורה, געדרוקט אין לובלין אין דעם יאָר 1639.

טאָוול 22. פאַר דער זייט 193

31. די לעצטע זייט פון דעם מחזור לכל השנה חלק ב. געדרוקט פון דעם משומד יהנים העליץ אין קראָקע ארום די יאָרן 1538-1539, איינ-איינציק עקזעמפלאר אין דער פריוואט-ביבליאָטעק פון ה. שאָקען אין צוויקוי (זאקסן).

טאָוול 23. פאַר דער זייט 225

32. דאָס שערבלאַט פון דעם יידישן ברית חדשה פון דעם משומד פוילוס העליץ, קראָקע 1540, דאָס איינציקע פולע עקזעמפלאר אין דער יאגעלאָנישער ביבליאָטעק אין קראָקע.

טאָוול 24. פאַר דער זייט 225

33. איין זייט פון דעם ברית חדשה פון פוילוס העליץ.

טאָוול 25 פאַר דער זייט 241

34. שערבלאַט פון דעם ספר: זאת תורת החטאת פון דעם רמ"א, געדרוקט אין קראָקע ביי ר' יצחק פראָסטיץ, 1577.

טאָוול 26. פאַר דער זייט 241

35. שערבלאַט פון דעם ספר תולדות נח, חלק שני, קראָקע שצ"ד (1634), געדרוקט פון ר' נחום מייזליש, מיט דעם פוילישן מלובה-אָדלער און דעם הערב פון דער שטאָט קראָקע.

טאָוול 27. פאַר דער זייט 257

36. די פעסטונגשול אין לוצק (צייכנונג פון דער מיט פון 19 יאָרהונדערט.

37. די פעסטונגשול אין לוצק (פאָטאָגראפיע פון היינט).

טאָוול 28. פאַר דער זייט 257

38. די פעסטונגשול אין טארנאָפּאָל (17 יאָרהונדערט).

39. די פעסטונגשול אין הוסיאטין (ענדע פון 17 יאָרהונדערט).

טאָוול 29. פאַר דער זייט 273

40. א זייטל פון דעם סטאטוט פון דער קראָקעווער קהלה פון דעם יאָר 1595 יידיש (שנ"ת לפ"ק), ארכיוו פון דער יידישער קהלה אין קראָקע.

טאָוול 30. פאַר דער זייט 273

41. די ערשטע זייט פון דעם פּריוויל עג פאר אלע יידן אין פּוילן, אַרויסגעגעבן פון דעם מלך יאַן סאָביעסקי אין יאָר 1676. אַרכיוו פון דער יידישער קהלה אין קראָקע.

טאָוול 31. פאַר דער זייט 305

42. צוויי בלעטער פון דעם פּנקס פון דער קהלה אין פּיאָטרקאָוו

טאָוול 32. פאַר דער זייט 305

43. אין פּאַרגאָלדעטער קריג צו שיקן משקה פאר דעם רב (לאַנגע יאָרן אין דעם באַזיץ פון דער משפחה מיזעס אין לעמבערג).

44. אַ יינגל, וואָס רופט אין באָד אַריין (זאַמלונג פּאָוליקאָווסקי).

45. אַ חתונה־בילעט, פון ענדע פון 18 יאָרהונדערט, פון לעבן טאַרנאָוו. (אָריגינאַל אין לעמבערג—פּריוואַט).

I. ראשים און מנהיגים

(פון די אַלטע טיפּן)

טאַוול 1.



1. די מנורה פון דער אַלטער טורי־זהב־שול אין לביב (לעמבערג), געגאָסן אין ברעסלוי אין דעם יאָר 1689 (שנת תמ"ט) און געשאַנקען פון דעם הויפּט־דאָקטאָר פון מלך סאָביעסקי — ד"ר שמחה מנחם מיונה.



2. די פעסטונגסשול אין זשאלקיעוו פון דעם 17 יאַרהונדערט.



3. די אַלטע שול אין בעלז, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פעסטונגסשול.

שאול וואַהל, דער יידישער מלך אין פוילן

(אמת און לעגענדע)

I

מיט אַ יאָר 30 צוריק האָט אין אַ שולע אין לעמבערג פּאַסירט אַן אינטערעסאַנטער פּאַל:

אַ יידיש מיידעלע איז געווען אויף דער לעקציע אומרויִק און האָט געשטערט דעם לימוד; האָט איר די לערערין, אַלס שטראָף, געהייסן זיך שטעלן אין אַ ווינקל פון קלאַס. מיט טרערן אין די אויגן און שטאַרק אויפגערעגט האָט דאָס מיידעלע זיך אָנגערופן צו דער לערערין: דו האָסט נישט קיין רעכט מיך אַזוי צו באַהאַנדלען, ווייל איך בין אַ בת־מלך — אַ קעניגלעכע טאָכטער. מיין עלטער־עלטער־זיידע איז געווען דאָ אין פוילן אַ קעניג, ווען אייער עלטער־עלטער־זיידע האָט אפשר ביי אונז יידן געהייצט אין אויוון!

אין קלאַס איז אַנטשטאַנען אַן אויפרעגונג. די קריסטלעכע לערערין האָט באַקומען ספּאַזמעס און די גאַנצע זאַך איז געוואָרן איבערגעגעבן דער שול־אינספּעקציע.

דאָס איז דער וועג, אויף וועלכן איך בין צום ערשטן מאָל וועגן שאול וואַהל, דעם יידישן מלך אין פוילן, געוואָר געוואָרן, און זינט יענער צייט האָט מיך די פראַגע שטאַרק אינטערעסירט.

אָפטמאָל האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע: „איז דאָס מעגלעך, אַז אין פוילן, אין לאַנד פון פּריצים און קאַטאָליציזם, ווו אַ ייד איז תמיד געווען אַן „אומגלויביקער", וואָס האָט נישט געטאָרט וווינען מחוץ פון דער יידישער גאַס, נישט געטאָרט האַנדלען מיט פאַרשידענע סחורות, נישט געטאָרט זיך ווייזן זונטיק אין די גויִישע גאַסן — איז עס מעגלעך, אַז אין דעב פוילן, ווו מען וויל היינט נישט מאַכן אַ ייד

אַפילו פאַר אַ „וואָזשני״ – זאָל אַ ייד ווערן מלך, זאָל זיין אַפילו אויף איין טאָג אָדער אויף איין נאַכט?! און ווען איז ער עס געווען מלך, ווען האָט ער געלעבט, און ווען געקעניגט? מיר קאָנען דאָך די רשימה פון אַלע פוילישע מלכים, זייער צייט און זייער געשיכטע ליגט דאָך פאַר אונז, ווי אַ ספר פתוח! ס׳מוז דאָך פאָרט עפּעס זיין אין דעם ענין, אַז די לעגענדע ציט זיך פון דורות, און עלטערן גיבן זי איבער זייערע קינדער און די קינדער פאַרפלאַנצן זי ווייטער?״

און די טראַדיציע איז דאָך נישט נאָר ביי אונז יידן. זוכנדיק שפּעטער אין אַלטע ביכער, האָב איך געפונען, אַז דער פוילישער היסטאָריקער לעלעוועל שרייבט וועגן אַ לעגענדאַרן מלך אין פּוילן אין די גאָר אַלטע צייטן, נאָך איידער די פּיאַסטן האָבן געהערשט אין דעם לאַנד, און וועגן דעם דאָזיקן מלך – ר׳ אברהם – האָט מיט גרויס התלהבות גערעדט אין דעם גאַליצישן סיים אונזער גרויסער פּאַרטיידיקער סמאָלקאַ אין יאָר 1868, ווי ער האָט געשטרעבט צוצעברעכן די מיטלאַלטערלעכע באַגרענעצונגען און אויסקעמפן פאַר אונז יידן די גלייכבאַרעכטיקונג. אַלזאָ, ווייסן „זייערע״ חוקרים אויך פון אַ יידישן מלך, נאָר ביי זיי הייסט ער אַברהם, און ביי אונז שאול. דער זעלבער ענין, נאָר אַן אַנדער נאָמען. אָבער אויך מיט ביידע נעמען האָב איך נישט געוווּסט אין וועלכער צייט און אין וועלכן אָרט איך זאָל אָט דעם מלך אַריינפּאַסן אין דער פּוילישער געשיכטע.

זוכנדיק ווייטער, האָב איך געזען, ווי דאָס איינציקע ווערק, וואָס האָט באַהאַנדלט די זאַך, איז געווען דאָס ספר: „גדולת שאול״, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן פון הירש עדעלמאַן און געדרוקט אין לאָנדאָן אין יאָר 1854.

אין דעם ספר, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אויף באַשטעלונג פון רייכע מיטגלידער פון דער משפחה וואַהל און באַזונדערס פון דעניס מ. סאַמועל אין לאָנדאָן – האָט עדעלמאַן אָפּגעדרוקט עטלעכע נוסחאות פון דער לעגענדע, עטלעכע יחוס־בריוו און אַ היפּש ביגטל בריוו פון גרויסע מענטשן אין דער פאָרם פון הסכמות, און אַזוי פאַר־שטאַרקט דעם גלויבן אין שאולס ממשלה. דאָס בוך האָבן געשווינד אויסגעקויפט די מיטגלידער פון דער משפחה און געהאַלטן אין דער היים, ווי אַ שטיק קדושה, איבערגעבנדיק עס קינדער און קינדס־קינדער.

און אַזוי איז די לעגענדע פאַרשפרייט געוואָרן אין פאָלק און באַקומען פאַרשידענע נוסחאות. אין פאַרשידענע שטעט און לענדער פאַרשידנאַרטיק אויסגעבילדעט, אַז יעדע באָבע דערציילט אַנדערש, יעדער זיידע גיט־צו זיינע אייגענע פרטים, אָבער אַלע זענען איינשטימיק, אַז שאול וואַהל איז געווען אַ מלך אין פוילן, לאַנג אָדער קורץ, אפשר נאָר איין מעת־לעת, אָדער אפשר נאָר איין נאַכט, אָבער פאָרט אַ מלך, און אויף זיין מלכות זענען זיינע אייניקלעך — די וואַהלס, וואָהלס, קאַצנעלנבויגנס קאַצנעלנפויגנס — זייער שטאָלץ.

דער אַלטער דור איז געווען מיט דעם ענין זייער צופרידן. ביי קינדער חתונה־מאַכן האָט דער יחוס שטאַרק גענוצט און ווען איינער האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דער לעגענדע, האָט מען אים געריפן אין דער לויפער־שול אין לובלין, ווו ביז היינט ווערן די הקפות און עליות אום שמחת־תורה פאַרטיילט „ברשות השר ר׳ שאול וואַהל!״

דעם יונגן דור איז די מעשה נישט געווען אינגאַנצן קלאָר. דער יחוס איז זיי טאַקע געווען געוווּנשן, אָבער מיט דער פוילישער געשיכטע איז עס געווען אין סתירה, וואָס זיי האָבן זיך נישט געקענט אויסגלייכן: אַ ייד אַ מלך אין פוילן? איז דאָס מעגלעך? אפשר האָבן זיך די פריצים געמאַכט אַ וויץ מיט אַ יידן, ווי ס׳איז שוין זייער שטייגער — און האָבן אים אויף אַ קאַטאָוועס אַרויפגעזעצט אויף דעם קעניגלעכן טראָן? און אפשר איז ער גאָר קיין מלך נישט געווען, נאָר אַן עבד מלך (עבד מלך — מלך)?

מיט דעם איינפאַל איז צו מיר אַן ערך מיט 20 יאָר צוריק גע־קומען איינער פון די אייניקלעך פון דער שטאַרק פאַרצווייגטער משפחה. איך בין אַקוראַט דעמאָלט געזעסן פאַרטיפט אין אַלטע אַקטן. פלוצלינג מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ הויכער שיינער מאַן מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד און מיט אַ גרויסער טעקע אונטער דעם אָרעם און שטעלט זיך פאָר מיט אַ הויך קול: „איך בין שאול וואַהל!״.

איך בין פון דעם קול און פון דער אימפּאַזאַנטער געשטאַלט נתפעל געוואָרן און איך האָב שוין געוואָלט זאָגן דעם פסוק: „ברוך מחיה מתים״. נאָר דער אַריינגעקומענער האָט אָנגעהויבן ווייטער דע־קלאַמירן זיין פיזמון: „איך בין אַ מאָלער און וווין אין פעטערבורג, אַ גאַנץ לעבן זאַמל איך דאָקומענטן וועגן מיין גרויסן זיידן. מיינע אבות און אבות־אבותי האָבן געמיינט, אַז „ער״ איז געווען אַ מלך אין

פוילן. דאָס איז נישט אמת, ער איז נאָר געווען אַ הויף-דינער ביי דעם קעניג, און וועגן דעם פיר איך קאַמפּן מיט מיינע קרובים". אין גרויס אויפרעגונג האָט ער געזאָגט די דאָזיקע ווערטער.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען די אויפרעגונג פון פרעמדן און שטילערהייט אים געפרעגט, וואָס ער וויל פון מיר. מיין גאַסט האָט אויפגעעפנט דעם גרויסן אַקטן-טאַש, אַרויסגענומען פון אים פאַרשידענע פאַפּירן און אָנגעהויבן לאַנגזאַם מיט כוונה יעדעס איינציקע פאַר- צולעזן. זעענדיק, אַז די זאַך וועט נישט נעמען קיין סוף, האָב איך אים געבעטן מיר בקיצור צו ערקלערן די סיבה פון זיין קומען. און אַזוי בין איך געוואָר געוואָרן, אַז „לויט זיין מיינונג האָט דער פוילישער מלך זיינע הויף-דינער אויסגעוויילט נאָר צווישן די פּריצים, און יעדערער, וואָס איז נישט געווען קיין פּריץ, איז טאַקע דורך דער באַשטימונג אַליין געוואָרן אַ שלאַכציץ, אַ שר! און אין רוסלאַנד איז דאָ אַ זאַקאָן, — האָט מיר ווייטער ערקלערט מיין גאַסט — אַז וועמענס אבות זענען געווים שרים, דער קאָן באַקומען רוסישן אַדעל (שלאַכעצטוואָ), און דאָס וויל איך פון דעם קייזער, און דערצו באַדאַרף איך אַ פעסטן יחוס-בריוו".

מיינע ערקלערונגען, אַז ער איז אין טעות, ווייל אַ סך יידן זענען געווען הויף-דינער און קיינער איז נישט געוואָרן קיין שליאַכציץ, האָבן נישט געווירקט און מיין גאַסט איז אַוועק שטאַרק אויפ- גערעגט, און איך האָב אים שוין מער נישט געזען. ווי זיין ברודער האָט מיר אַ לאַנגע צייט שפּעטער מיטגעטיילט, איז ער געשטאָרבן אין קראָקע און זיינע פאַפּירן זענען ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען.

דער פּעטערבורגער מאָלער איז געווען איינער פון די וואַהלס, וואָס קלערן-אַריין אין דעם ענין פון זייער גרויסן זיידן און זוכן און נישטערן אין ביבליאָטעקן און אַרכיוון, כדי צו ווייזן זייער יחוס.

אָבער נישט נאָר איינזיקלעך זוכן-אַרום אין די אַרכיוון: דער ענין האָט אין די לעצטע יאָרן פון דעם 19-טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן פאַך-היסטאָריקער און אין איין צייט זענען וועגן שאול וואַהל געשריבן געוואָרן צוויי גרויסע אַרבייטן: איינע אין פּויזן, די אַנדערע אין פּעטערבורג. אין יאָר 1888 האָט דער פאַרשטאָרבענער פּויזנער ראַבינער ד"ר פיליפּ בלאָך באַאַרבעט אַ אינטערעסאַנטן אַרטיקל אין דער „צייט-שריפט דער היסטאָרישן געזעלשאַפט פיר די פּראָווינץ פּאָזען"

און אין אַ יאָר שפּעטער האָט באַאַרבעט דאָס זעלבע טעמע פּראָפ. בערשאַדסקי אין „וואָסכאָד" (1889).

בלאָך האָט קיין קוועלן נישט געהאַט און האָט זיך נאָר באַגנוגנט מיט אַ ראַציאָנאַליסטישער אויפקלערונג פון דער לעגענדע. בערשאַדסקי האָט שוין אַריינגעקוקט אין די אַקטן און ער האָט צום ערשטן מאָל אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור געגעבן אַ בילד (כאָטש זייער אַ שוואַכס) פון דעם אמתדיקן שאול וואַהל.

יוויטערדיקע פאָרשונגען אין פאַרשידענע אַרכיוון האָבן אונז גע־מאַכט מעגלעך דעם ענין נאָך מער צו באַלייכטן, און כאָטש ס'איז נאָך זייער ווייט פון פעסטשטעלן די גאַנצע געשטאַלט פון שאול וואַהל אין יעדן פּרט, — האָבן מיר דאָך היינט פאַר די אויגן אַ בילד פון דעם העלד פון דער שיינער קעניגלעכער לעגענדע און מיר הויבן־אָן צו פאַרשטיין, וואָס איז אין דעם גאַנצן ענין אמת און וואָס — פאַנטאַזיע.

II

די לעגענדע

א) שאול איז געווען אַ זון פונם באַוווסטן רב ר' שמואל־יהודה קאַצענעלנבויגן אב"ד אין פּאַדוואַ, און ווי עס איז יעדן באַוווסט, האָט ער באַקומען דעם נאָמען וואַהל, ווייל ער איז געוועהלט געוואָרן אַלס מלך אין פוילן. באַקומען האָט ער ביי דער וואַל אַלע שטימען פון די פּריצים.

עס איז פאָרגעקומען אַזוי:

„ר' שאול איז געווען ביי די פּריצים זייער באַליבט און געשעצט, ווייל ער איז געווען געלערנט און זייער קלוג. אין יענער צייט איז פּלוצלינג געשטאָרבן דער מלך פון פוילן און די פּריצים האָבן געזאָלט צוטרעטן צו וויילן זיין נאָכפאָלגער. עס איז פאַראַן אָבער אין דעם לאַנד פוילן אַ חוק, אַז בעת מ'גייט וויילן, באַשטימט מען אַ פעסטן טאָג, אַ וואַל־טערמין, וואָס מען טאָר אים בשום אופן נישט אָפּלייגן. ויהי היום און עס זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן פּריצים מארבע פנות פוילן און האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אויף דעם וואַליער פעלד

אַן ערך 4 וויאָרסט פון דער שטאָט וואַרשע *) און האָבן אָנגעהויבן זיך צעשמועסן וועגן די קאַנדידאַטן. און עס איז געוואָרן מיטאָג-צייט, און עס איז געוואָרן אָוונט און זיי האָבן נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך און עס איז אויף זיי געפאַלן אַ שרעק, אַז זיי זאָלן חלילה נישט עובר זיין אויף דעם חוק בנוגע דעם יום-המוגבל (פעסטגעזעצטן טאָג). און ווי די נאַכט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן, האָבן זיך די פריצים געאייניקט אויף דערווייל צו באַשטימען ר׳ שאולן פאַר אַ מלך, ביז מ׳וועט קאָנען וויילן דעם ריכטיקן. ויהי כן. מען האָט גערופן ר׳ שאולן, אים אַרויפגעזעצט אויף דעם פוילישן טראָן און אַלע פריצים און גלחים האָבן אים אָפּגעגעבן דעם גרויסן כבוד און געשריגן בקול רם בלשון פוילן: יחי המלך, עס לעבע דער קעניג! און מען האָט באַלד געבראַכט דעם גרויסן ספר הקיומים, ד. ה. דאָס ספר פון די פּריוויליעגיען, און ר׳ שאול האָט טאַקע באַלד מיט זיין אייגענער האַנט איינגעשריבן פאַר-שידענע דעקרעטן לטובת היהודים.

„אַזוי איז אַוועק די נאַכט, די פריצים האָבן געגעסן און געטרונקען און ר׳ שאול האָט געשריבן און געחתמעט. אין צווייטן טאָג אינדערפרי זענען די פריצים דורכגעקומען און געווילט דעם ריכטיקן מלך און ר׳ שאול איז אָפּגעטרעטן און צוריק געוואָרן אַ שר בישראל".

ב) פרעגט זיך אַ קשיא, פון וואַנען קומט אַ ייד אין פוילן צו אַזאַ כבוד און פון וואַנען קומט ר׳ שאול בכלל קיין פוילן, ווען זיין פאָטער איז געווען רב אין פאַדוואַ און אין ווענעדיק?

„די מעשה איז געווען אַזוי: ר׳ שאול איז געווען אַ טשיקאַווער יונגערמאַן און האָט געהאַט חשק צו זען פרעמדע לענדער און באַקענען זיך מיט זייערע מנהגים. האָט ער געוואַנדערט איבער באַרג און טאָל, ביז ער איז געקומען אין דער ליטע אַריין און זיך באַזעצט אין בריסק. דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר׳ דוד דרוקער, און געלעבט מיט זיין ווייב און קינדער בדחקות. עס האָט זיך אין יענער צייט געטראָפן, אַז דער רייכסטער פריץ פון לאַנד, דער פירשט ראַדזיוויל, האָט געמאַכט אַן עליה קיין ארץ-ישראל, כדי דאָרט אויף די

*) היינט די וואָליער גאַס (וואָליער ראָגאַטקעס) אין וואַרשע.

קברים פון די הייליקע צו בעטן מחילה פאַר זיינע זינד. אַהיים פון דאָרט איז ער געפאָרן איבער איטאַליע און אונטערוועגנס האָט אים אויסגעפעלט געלט. כדי נישט צו ווערן פאַרשעמט פאַר זיינס גלייכן, איז דער פירשט נישט געגאַנגען צו קיין פריץ, נאָר צום רב, און האָט אים פאָרגעשטעלט זיין פאַרלעגנהייט. מיט גרויס חשק האָט ר׳ שמואל־יהודה געליען דעם פירשט אַ גרויסע סומע געלט און נישט געוואָלט אַפילו הערן פון אַ דאַנק. ביים אַוועקגיין האָט ראַדזיוויל געפרעגט דעם רב, צי האָט ער נישט עפּעס אַ קרוב אין פוילן, און הערנדיק, אַז דאָרט לעבט דעם רבס אַן אייגענער זון, האָט ער זיך זיין נאָמען אויפגעשריבן און טאַקע אָן אים נישט פאַרגעסן. קומענדיק קיין בריסק, האָט ער געלאָזט צו זיך רופן דעם יונגנמאַן און האָט אים אָפּגעשיט מיט כל טוב. פון דער צייט הויבט זיך אָן דאָס גליק און דער איינפלוס פון ר׳ שאולן, וואָס ברענגט אים אַרויף ביז אויף דעם קעניגלעכן טראָן״

ג) „אָבער אַז אַ ייד איז אַן עושר און אַ חשוב ביי פריצים און אַפילו ביי דעם מלך, מוז ער האָבן שונאים און אַזוי איז אויך געווען מיט ר׳ שאולן. בריסקער יידן האָבן אים שטאַרק מקנא געווען און האָבן געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אים צו שאַדן. קיין מסירות האָבן נישט געהאָלפן און געשעפטן האָט מען אים אויך נישט געקאָנט אויסדינגען, דערפאַר איז די קנאה און שנאה נאָך מער געוואָקסן און האָט שיער געבראַכט צו אַן אומגליק. די שונאים האָבן געוווּסט, אַז ר׳ שאול האָט אַ שיינע טאָכטער און האָבן געגעבן דערפון צו וויסן די קעניגלעכע דינער, וואָס האָבן פאַר דעם מלך — וועלכער איז געווען אַן אַלמן — געזוכט אַ פאַסיקן שידוך.

חנה — אַזוי האָט דאָס מיידל געהייסן — איז זיי זייער געפעלן, און אַ בת־מלך איז זי דאָך אויך געווען, איז טאַקע באַלד באַשטימט געוואָרן די נאַכט, ווען מען זאָל זי מיט געוואַלד אַוועקנעמען פון דעם טאַטנס הויז און ברענגען אין דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ קיין וואַרשע.

אַ באַפריינדטער פריץ האָט אָבער אָן דעם אַלעמען צו וויסן געגעבן ר׳ שאולן און ער האָט דעריבער באַשלאָסן תיכף דאָס מיידל חתונה צו מאַכן, פאַרשטייענדיק, אַז אַן אשת־איש וועט מען נישט וואַגן צו געבן דעם קעניג פאַר אַ ווייב. נאָר ווי נעמט מען אויפן אָרט

אַ חתן? אין יענער צייט איז געווען בריסקער רב דער באַוווּסטער גאון ר׳ זלמן שור, דער בעל מחבר פון ספר „תבואת שור״, אַ ייד פון זעכציק יאָר, וואָס איז טאַקע אַקוראַט געוואָרן אַן אַלמן, דעם דאָזיקן רב האָט ר׳ שאול מגלה געווען דעם סוד און האָט אים באַשווירן מיט דעם מיידל ווי אַמגיכסטן חתונה צו האָבן. דער רב האָט ממלא געווען דעם ווילן פון ר׳ שאולן און זוכה געווען מיט זיין יונג ווייב צו האָבן אַ זון, וואָס איז געוואָרן אַ בן־תורה און אַ גדול בישראל״

*

דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון דער לעגענדע, אַזוי ווי זי איז געוואָרן אויפגעצייכנט אין אָנפאַנג פון אַכצנטן יאָרהונדערט דורך דעם לייפניקער רב. ווי באַוווּסט, בלייבט אַ לעגענדע קיינמאָל נישט שטיין, נאָר זי אַנטוויקלט זיך ווייטער און ווייטער; יעדער דערציילער, יעדער זיידע און יעדע באָבע פאַרשענערט זי און בויט זי אויס און גיט איר צו אייגענע און פרעמדע מעשיות, פאַרענטפערט פאַרשידענע קשיות און פאַרקניפּט די לעגענדע מיט אַ סך אַנדערע, וואָס ווערן דערציילט אין פאַרשידענע ערטער וועגן פאַרשידענע מענטשן.

דאָס מזל פון אַלע לעגענדעס האָט געהאַט אויך די לעגענדע וועגן ר׳ שאול וואַהל. קוים איז זי אַרויס איינמאָל פון די גרענעצן פון נאַטירלעכן שכל און מען האָט אויפגעהערט זיך צו רעכענען מיט דעם היסטאָרישן אמת און מיט די היסטאָרישע מעגלעכקייטן, האָט מען שוין געקאָנט ווייטער און ווייטער דערציילן נסים ונפלאות, און וואָס מער ווונדערלעכער און אומגלויבלעכער די מעשה איז געוואָרן, אַלץ שענער איז זי געווען, אַלץ בעסער האָט זי געפּאַסט פאַר דעם המון, אַלץ אָנגענעמער איז זי געווען פאַר די אייניקלעך פון „פּוילישן מלך״.

און אַזוי וויל איינער ערקלערן, פון וואַנען קומט עס עפּעס, אַז דער פירשט ראַדזיוויל זאָל וועלן עולה רגל זיין קיין ארץ־ישראל, און דערציילט אַ לאַנגע מעשה וועגן פירשטס גרויסע חטאים און וועגן זיין תשובה אויף דער עלטער. דער אַנדערער ווייסט גאָרנישט פון דער עליה, נאָר דערציילט, אַז ראַדזיוויל איז געפאָרן צום פּויפּסט קיין רוים

און פון דאָרט גלייך געקומען קיין פּאַדוואַ. אויך די סצענע ביים רב ווערט פאַרשידן פאָרגעשטעלט. איינקע דערציילן, אַז דער פירשט איז געקומען צום רב אין בגדי מלכות, דאָס יעדער האָט געקענט זען, אַז ער איז אַ גרויסער פריץ. אַנדערע דערציילן, אַז ראַדזיוויל איז געשטאַנען ביים רבס הויז אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן (ער איז דאָך געווען אַ בעל־תשובה), נאָר ווי דער ווינט האָט אַוועקגעבלאָזן זיין שמוציק העמד, האָט ר׳ שמואל־יהודה דערזען אויף דעם בלויזן האַרץ אַ טייערן צלם און האָט תיכף דערקענט, אַז דאָ איז פאַרבאָרגן אַ גרויסער פריץ.

נאָך אַנדערע פאַרבינדן די באַגעגענונג מיט דעם פירשט ראַדזיוויל מיט אַ מעשה וועגן עלילת־דם און דערציילן, אַז דער רב האָט אויסגענוצט זיין באַזוך, כדי אים צו באַווייזן, אַז יידן באַדאַרפן נישט קיין בלוט. אויך די מעשה מיט דער טאָכטער ווערט דורך פאַרשידענע מענטשן אַנדערש דערציילט און אַפילו איר נאָמען איז נישט ביי אַלע גלייך: ביי איינעם הייסט זי חנה, ביים אַנדערן הינדעלע אָדער גאָר הענעלע. און אַזוי וואַקסט די לעגענדע אין דער לענג און אין דער ברייט, און ווער ווייסט, ווי ווייט זי וועט נאָך אויסוואַקסן אין די ווייטערע דורות און ווי אַזוי זי וועט אויסזען נאָך הונדערטער יאָרן.

די געשיכטע טאָר אָבער נישט וואַרטן ביז די לעגענדע וועט זיך אויסבויען. געשיכטע און לעגענדע — אמת און פאַנטאַזיע — זענען זיך די גרעסטע שונאים און וואָס מער די לעגענדע גייט אַוועק פון אמת, פון דער ריכטיקער צייט און פון דעם ריכטיקן אָרט, שטרעבט דער געשיכטע־שרייבער די מעשה צוריק צו פירן אַהין, פון וואַנען זי איז אַרויסגעקומען, זי געניי חוקר ודורש צו זיין, אָפּרייסן פון איר די פאַלשע צווייגן, וואָס זענען אויף איר אויפגעוואָקסן במשך פון יאָרן און אַ דאַנק דער פאַנטאַזיע פון הונדערטער מוחות, און זי פאָרשטעלן אַזוי ווי זי איז געווען באמת, אויף דעם אָרט ווו זי האָט פּאַסירט און אין דער צייט, ווען זי האָט פּאַסירט.

פאָרשנדיק די מעשה פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, פרעגן מיר: 1) האָט באמת געלעבט אַ שאול וואַהל? 2) און אויב ער האָט יאָ געלעבט, וואָס איז ער געווען? 3) ווו און ווען האָט ער געלעבט? 4) איז ער געווען אַ מלך? 5) ווי איז דער אמת מיט דעם פירשט ראַדזיוויל? 6) און וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער ספר „גדולת שאול״?

III

די היסטאָרישע געשטאַלט

עס זענען פאַראַן צוויי העברעישע מקורות פון דער דאָזיקער צייט און פון ר׳ שאולס לעבן, אין וועלכע זיין נאָמען ווערט דערמאָנט: איין קוועלע איז אַ בריוו פון דעם באַוווסטן רב און שריפטשטעלער ר׳ יהודה-אַריה פון מודינא צו ר׳ פינחס הורוויץ אין קראָקע, און די צווייטע איז אַ טאָוול, וואָס איז געווען אָנגעשלאָגן אין דער ווייבער-שול אין בריסק, איידער ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געלאָזט די שול חרוב מאַכן, כדי אויף דעם אָרט צו בויען די פעסטונג. אינם בריוו ווערט ר׳ שאול אָנגערופן: „הנשיא כמו״ה שאול קצינאַלבוגין״ און אויף דעם טאָוול הייסט ער: „הקצין מ׳ שאול בן הגאון מ׳ שמואל יהודה מפדווא״.

אין די מלוכהשע קוועלן, ד. ה. אין די פאַרשידענע אַקטן, וואָס מיר האָבן זיי פון יענער צייט, הייסט ער פשוט: שאול יודיטש. דאָס איז אַ זון פון יהודהן, ערשט זיין זון — דער בריסקער רב — שרייבט זיך: מאיר וואַהל. ר׳ שאול קאַצענעלענבויגן איז אַ זון פונם פאַדוואַנער רב, ר׳ שמואל-יהודה און אַן אייניקל פון ר׳ מאיר פאַדוואַ. דער דאָזיקער זיידע ר׳ מאיר איז געווען אַ דייטשער ייד (געשטאַמט פון דער שטאָט קאַצנעלענבויגן אין נאַסאַו), וואָס האָט זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין פוילן אין די גרעסטע ישיבות און האָט ערשט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע און דאָרט התונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פונם פאַדוער רב ר׳ אַברהם הלוי מינץ און איבערגענומען נאָך דעם שווערס טויט דאָס פאַדוואַנער רבנות.

נאָך ר׳ מאירס טויט איז געוואָרן רב אין פאַדוואַ זיין זון ר׳ שמואל-יהודה, וועלכער איז געזעסן על כסא הרבנות ביז צו זיין פטירה בשנת שנ״ז לפ״ק, ד. ה. 1597.

ווי מיר זען, איז אין דער משפחה קאַצנעלענבויגן דאָס לאַנד פוילן מיט זיינע ישיבות געווען גוט באַוווסט; קיין וווּנדער נישט, אַז ר׳ שמואל-יהודה האָט זיין זון געשיקט קיין פוילן. ר׳ שאול איז אויך נישט געווען דער איינציקער אין זיין צייט, וואָס האָט זיך געלאָזט אין

דעם דאָזיקן לאַנד. מיר זען אין יענע יאָרן אַ גאַנצע וואַנדערונג פון איטאַליענישע און טערקישע (ספרדישע) יידן קיין פוילן. עס וואַנדערן דאָקטוירים, סוחרים, וועלכע בילדן גאַנצע קהלות אין קראָקע און לעמבערג. אַלע לייב-דאָקטוירים פון די פוילישע מלכים (ר׳ שלמה אַשכנזי, ר׳ שלמה קליפארי וכו׳) און פון פוילישע פריצים (יש״ר מקאנדיא) שטאַמען פון די דרום-לענדער, און אין זאַמאָשטש אַנטשטייט אונטערן שוץ פונם באַוווסטן פוילישן מאַגנאַט און מיניסטער יאַן זאַמאָיסקי אַ היפשע ספרדישע קאָלאָניע, וואָס פירט אַ לעבעדיקן מסחר מיט גריכישן ווייַן און גריכישע פרות. מיט אַ סך אַנדערע ספרדים האָט אַלזאָ גע-וואַנדערט נאָך פוילן דער יונגער ר׳ שאול און איז געקומען קיין בריסק, ווו ס׳איז אין יענער צייט געווען די גרעסטע יידישע קהלה אין ליטע און אויך די גרעסטע ישיבה. די פרטים פון זיין ווייטערן לעבן זענען אונז ביז היינט נאָך אומבאַקאַנט. דאָס ווייסן מיר אָבער יאָ, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר׳ דוד דרוקער (געהייסן האָט זי דבורה) און געהאַט מיט איר 11 קינדער.

ווי ס׳זעט אויס, איז ר׳ שאול נישט לאַנג געבליבן ביי דער גמרא, ער האָט זיך באַלד גענומען צום מסחר און דערצו אויף דעם גרויסן שטייגער. אין דער ליטע איז פון לאַנג געווען אַ טראַדיציע פון גרויסע יידישע סוחרים, מוכסנים און חוכרים פון שטייערן, ראָגאַטקעס, מינץ וכו׳. אין דער צייט פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן (1506—1548) איז אַ ייד אברהם בן יוסף (יעזאָפאָוויטש) געווען הויף-באַנקיר און נאָך זיין שמד אַפילו פינאַנץ-מיניסטער. זיין נישט-געשמדטער ברודער, מיכאל בן יוסף, איז אויך געווען הויף-באַנקיר, און בימי זיגמונט אויגוסט איז דער ייד ר׳ אברהם בראָדאַווקאַ געווען דער אונטערנעמער און פעכטער פון דער ליטווישער מינץ.

אַזאַ גרויסער סוחר איז געווען אונזער ר׳ שאול, זיינע געשעפטן מיט פריצים און מיט דער מלוכה זענען געווען באַקאַנט. די ליטווישע מלוכה-אַקטן זענען פול מיט פאַרשידענע קאָנטראַקטן, וואָס ער האָט געמאַכט אויף וועלדער, זאַלץ, צאָל, ראָגאַטקעס א. אַז. וו. אינם יאָר 1578 האָט מען אין דער ליטע אויפסניי אָנגעהויבן צו קאָכן זאַלץ, די זידערייַ איז געווען אין דער שטאָט קעידאַן און ר׳ שאול איז געווען דער גאַנצער אונטערנעמער דערפון. זיינע שרייבערס זענען געזעסן אין

דער פאַבריק און געלאָזט דאָס זאַלץ פאַקן אין פעסער און פירן מיטן בוג און מיט דער ווייסל ביז וואַרשע, טאָרן און דאַנציק. דאָס געשעפט האָט ר׳ שאול געהאַלטן צוויי יאָר, ווייל דעם 20-טן מערץ 1580 האָבן עס געדונגען דריי אַנדערע בריסקער יידן.

זייענדיק אַ פאַכמאַן אין זאַלץ, נעמט זיך ר׳ שאול צו די באַרימטע זאַלץ-גרובן אין וויעליטשקאַ לעבן קראָקע. די הכנסה האָט געהערט צו דעם קראָקעווער וואָיעוואָדע פיאָטר זבאָראָווסקי און פון זיין האַנט האָט דאָס געשעפט געפירט דער ייד יונה, אַן איידעם פון דעם באַוווסטן לייב-אַרצט פון דער קעניגין באָנאַ — ר׳ שמואל בן משולם. ר׳ שאול איז צוגעטראָטן צום דאָזיקן געשעפט אַלס אַ שותּף און האָט עס אַנטוויקלט אויפן גרויסן שטייגער. די פּראָדוקציע פונם זאַלץ איז געווען אין זיינע הענט אַזוי ביליק, אַז ס׳האָט זיך געלוינט די סחורה צו פירן קיין סטענזשיץ מיט דער ווייסל און פון דאַנען מיט פערד קיין בריסק אין די ליטווישע מאַגאַזינען. פאַר זייער טרחה האָבן די שותּפים גענומען 20 גראָשן פון 15 פעסער. זיצנדיק אין קראָקע (וויעליטשקאָ האָט נישט געהאַט קיין קהלה), האָט ר׳ שאול נישט פאַרנאַכלעסיקט זיינע אַלטע בריסקער געשעפטן, און האָט ווייטער אַרענדירט אַלע הכנסות פון דעם בריסקער סטאַראָסטע, ווי, למשל, די הכנסות פון די ראָגאַטקעס, פון די טייכן, מילן, די פּראָפּינאַציע פון בראָנפן, ביר, וויין א. אַז. וו. אין דעם אַרענדע-קאָנטראַקט פונם 11-טן פעברואַר 1588 שרייבט דער מלך זיגמונט דער דריטער די ווערטער:

„אויף עמפּפעלונג פון אונזערע גרויסע פּריצים און וואָיעוואָדעס, וואָס האָבן שטאַרק געלויבט די ערלעכקייט פונם בריסקער ייד שאול יודיטש, וואָס האָט אין דער צייט פון דער מלוכה פון אונזערע גלאָררייכע פאָרגייער אויף דעם פּויליש-ליטווישן טראָן מיט זיין שכל, זיין רעכטשאַפנהייט און זיין פעיקייט אַ סך געלד איינגעבראַכט דעם מלוכה-אוצר, בפרט אין צאָל- און ראָגאַטקעס-ענינים... און צום דאַנק פאַר דעם געבן מיר אים איבער (פאַרפּאַכטן) אויף 10 יאָר די הכנסות פון אונזער שלאָס אין בריסק...”

די פּראַקטישע דורכפירונג פון די גרויסע געשעפטן האָט פאַרלאַנגט אַ סך קאָפּ און אַ סך טאַקט, בפרט נאָך, אַז ר׳ שאולס שרייבערס און קאַסירערס, ווי אויך אַלע מתעסקים זענען געווען יידן און די

צאָלערס זענען מיינסטנס געווען גוים און אַפילו פּריצים. אַלע מאָל זענען אויסגעבראָכן סיכסוכים צווישן זיינע אָנגעשטעלטע און פאַרשידענע פּריצים, און אין בריסק אַליין האָט זיך ר׳ שאולן אַנטקעגנגעשטעלט דער ביסקופּ פון לוצק, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן בעניני דת און האָט געשטערט די קריסטן צו קויפן בראָנפן אין דער פּראָפּינאַציע און צו צאָלן מכס אויף די ראָגאַטקעס און ביי די שטאָט־טויערן. ר׳ שאול האָט געהאַט מיט דעם גלח אַ סך צרות, און זיין שותף צום געשעפט, אַ געוויסער ר׳ יוסף, האָט נאָך מער דערפון געליטן. תמיד האָט זיך אָבער ר׳ שאול געקאָנט געבן אַן עצה, זיין איינפלוס ביי די הויכע פּריצים איז געווען גאָר גרויס, הגם ס׳האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן קעניגלעכע הכנסות, און דערפאַר האָט ער מיינסטנס געוווּנען די פּראָצעסן און איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער תקיף. דער קעניג סטעפאַן באַטאָרי (1576 — 1586) האָט אים הויך געשעצט, און זיין נאָכפאָלגער זיגמונט III, וואָס איז דווקא נישט געווען קיין אוהב־ישראל, האָט זיך מיט אים תמיד באַדינט און האָט אים געגעבן דעם העכסטן טיטל, וואָס אַ ייד אין יענער צייט האָט געקאָנט דערגרייכן, דאָס הייסט דעם טיטל פון אַ הויף־פאַקטאָר אָדער אַ הויף־דינער. דער דעקרעט איז, פּונקט ווי אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן און פּריווילעגיעס, אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער אַזוי־גערופענער „ליטווישער מעטריקע״, וואָס געפינט זיך ביז היינט אינם מלוכה־אַרכיוו אין ווילנע און פון וואַנען מען האָט אים איבערגעדרוקט אין דעם I באַנד פון די „אַקטי יוזשנאַי אי זאַפּאַדנאַי ראָסיִי״ נומער 190. אין דעם דעקרעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 7־טן יוני 1589, שרייבט דער קעניג מיטן אַמאָליקן מליצה־סטיל אין דער קליינרוסישער שפּראַך: „...ווייל מיר האָבן געזען די געטרייע אַרבעט און דעם גאָר זעלטענעם פלייס פון אונזער אונטערטאַן (פּאָדדאַני) דעם בריסקער יידן שאול יודיטש, געבן מיר אים דעם טיטל: אונזער דינער, ער זאָל זען אונזער גרויס חסד אַקעגן זיך. גלייכצייטיק באַפרייען מיר זיין אייגענע פּערזאָן, ווי אויך אַלע זיינע גיטער און זיין גאַנץ פאַרמעגן פון דער יוריסדיקציע פון אַלע פּריצישע, שטעטישע און דאָרפישע באַאַמטע, אָן אַ שום חילוק ווו זיי זענען און צו וועלכן שטאַנד זיי געהערן... פון די אַלע באַאַמטע האָבן מיר אים און דאָס זייניקע מיט דעם דאָזיקן בריוו באַפרייט און פריי־געמאַכט,

און אָט טאַקי באַפרייען מיר אים און מאַכן אים אומאָפּהענגיק ביז צו זיין טויט, ד. ה. אַז ער האָט נישט קיין שום פליכט צו שטיין אָדער תשובה צו געבן בנוגע קיין שום זאַך, הן אַ גרויסע הן אַ קליינע, הן בדיני ממונות הן בדיני קנסות. פאַר קיין שום פּערזאָן און פאַר קיין שום ריכטער אין קיין שום שטאָט און אין קיין שום פּראָווינץ. — מען טאָר אויך זיין פאַרמעגן און זיינע זאַכן, זיינע הייזער און זיין געלד נישט פאַרהאַלטן אָדער משכונען און ער אַליין טאָר אויך פון קיינעם נישט אַרעסטירט אָדער פאַרהאַלטן ווערן, געריכטעט אָדער געשטראָפט ווערן, נאָר פאַר אונז אַליין זיין האָספּאָדאַר (מלך) האָט ער דעם חוב אָפּצוגעבן דין-וחשבון פון זיינע מעשים און נאָר פאַר אונזער בית-דין איז ערלויבט אים צו רופן" א. אַז. וו.

* *
*

דאָס איז דער דעקרעט צו ר' שאולן, און דאָס איז דער יחוס-בריוו, אויף וועלכן עס פאַררופן זיך זיינע אייניקלעך. באַטראַכטנדיק דעם דאָזיקן קעניגלעכן בריוו, און פאַרגלייכנדיק זיין אינהאַלט מיט ענלעכע בריוו פון יענער צייט, זעען מיר באַלד, אַז דער דאָזיקער בריוו איז גאָר קיין אויסנאַם נישט. נאָך אין דער צייט פון זיגמונט I האָבן באַקומען ענלעכע פּריווילעגיעס די באַוווסטע הויף-באַנקירן און מוכסנים: ר' אברהם פון פוהם (בעמען), ר' אפרים פישל בן משה, די לאַנד-רבנים: ר' משה בן אפרים פישל און ר' שלום שכנא, און אין דער צייט פון דעם מלך זיגמונט אויגוסט און באַטאָרי: דער יובילער ר' יעקב עזרא אין קראָקע, ר' יצחק בן נחמן אין לעמבערג א. אַז. וו. און אין אַלע פּריווילעגיעס שטייט דער זעלבער נוסח, אַז דער קעניג באַפרייט דעם ייד פון דער געריכטסבאַרקייט פון אַלע שופטים און פאַרבאָט אָנצורירן זיין פאַרמעגן.

דערפון איז צו זען, אַז די פּריווילעגיע, וואָס איז אין יענער צייט ביי יידן אַזוי הויך געשטאַנען און ווערט ביז היינט אַזוי געשעצט, האָט דער מלך געגעבן נישט אַזוי דעם ייד צוליב, ווי צוליב זיך און דעם מלוכהשן פאַרמעגן. ביי די אומזיכערע צייטן איז דער רייכסטער

ייד נישט געווען זיכער מיט זיין לעבן און זיין פאַרמעגן, און אויף אַ גלייכן וועג האָט ער געקאָנט אַריינפאַלן אין פּריצישע הענט, וואָס זענען געווען בכוח אים „אויף אַ גערעכטן אופן״ אומגליקלעך צו מאַכן. און ווייל די דאָזיקע רייכע יידן האָבן אין זייערע הענט געהאַט דאָס קעניגלעכע פאַרמעגן, האָבן זיי באַקומען די טיטלען און די „אייזערנע בריוו״, כדי דאָס פאַרמעגן זאָל נישט גיין לאיבוד. ס׳פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז אַזאַ בריוו איז געווען אַ כבוד און איז דעם ייד אויך אין זיינע אייגענע און אין קהלישע געשעפטן שטאַרק צונוץ געקומען. אַזאַ ייד האָט געהאַט ביי זיינע אייגענע אַ גרויסן ווערט און זיין קהלה און אַפילו דער כלל־ישראל אין פוילן איז געווען שטאָלץ אויף דעם „קעניגלעכן דינער״, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטיין פאַר מלכים און שרים און האָט נישט באַדאַרפט פאַר קיינעם מורא צו האָבן.

* *
*

דער גרויסער סוחר און הויף־ייד ר׳ שאול, דער עושר און תקיף, ווערט אַ חשוב אין זיין קהילה און ביים כלל יידן אין ליטע. אַלס ראש־הקהל אין בריסק פירט ער אַ סך יאָרן אַ פראָצעס מיט דעם אָרטיקן מאַגיסטראַט, פאָרט אַרום צו פאַרשידענע פריצים, זוכט און געפינט פראָטעקציע ביי די ריכטער און איז זיך משתדל צו באַקומען פון די אַרכיוון די נויטיקע קיומים, ווייל זייט הונדערטער יאָרן האָט די בריסקער קהלה געהאַט אַ פערטל פון אַלע שטעטישע הכנסות, ווי, למשל, פון דער וואַקס־גיסעריי, פון דער שטאָט־וואָג און פון דער שאָף־שערעריי. דער מלך זיגמונט I האָט דאָס רעכט באַשטעטיקט אין דעם יאָר 1529. נאָר אין צוויי יאָר שפּעטער האָבן די מיעשטשאַנעס געפועלט ביים אים, אַז ער זאָל זיין וואָרט צוריקנעמען. פון דער צייט אָן האָבן די בריסקער יידן געטון אַלץ מעגלעכע, כדי זייער רעכט צוריק צו באַקומען, און דער פּראָצעס האָט געדויערט קנאַפּע 50 יאָר. ר׳ שאול האָט באַנייט דעם פּראָצעס און דער קעניג סטעפאַן באַטאָרי האָט מיט זיין באַפעל פון דעם 10־טן פעברואַר 1580 באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט דעם סיכסוך ערלעדיקן. דעם 14־טן מערץ האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: אָסטאַפּי וואָלאָוויץ, ליטווישער

קאַנצלער, ניקאָלאַי פּאַץ — סטאַראָסטע פון בריסק און קאָברין, און אַדאַם פּאָצ׳עי, לאַנד-ריכטער פון בריסק, איינגעלאַדן ביידע צדדים. די יידישע קהלה האָבן פאַרטרעטן עטלעכע אָנגעזעענע בעלי-בתים מיט ר׳ שאולן אין דער שפּיץ, דעם בריסקער מאַגיסטראַט — דער אָרטיקער בירגערמייסטער און עטלעכע ראַטמענער. די מיעשטשאַנעס האָבן פאַר־געלייגט זייערע פּריווילעגיעס. די יידן אָבער — זיי זענען געווען אין אַן ערגערער לאַגע, ווייל ביי דער גרויסער שרפה אין יאָר 1568 איז דאָס קהלישע אַרכיוו פאַרברענט געוואָרן און פון דעם מלוכהשן אַרכיוו איז געווען כמעט אוממעגלעך אַרויסצובאַקומען די קאָפּיעס. דער פּראָצעס האָט זיך געשלעפּט עטלעכע יאָר, ביז מ׳האָט ענדלעך אַרויסגעגעבן אַ פּסק-דין, אַז דאָס פערטל פון די שטאָטישע הכנסות קומט דער קהלה נישט, אָבער האַנדלען און זיין בעלי-מלאכות מעגן טאַקע די יידן יאָ.

אין 1592 פירט ר׳ שאול אַ פּראָצעס מיט דעם שטאָט-שופט, ווייל ער פּסקנט בנוגע יידן און יידישע סיכסוכים לויט דעם דייטשן (מאַגדערבורגער) און נישט לויט דעם פּוילישן געזעץ, וואָס עס ברענגט פאַר די יידן אַ סך שאָדן. זיגמונט III גיט דעריבער דעם 10-טן אָקטאָבער אַרויס אַ באַפעל, אַז להבא מוזן אַלע שופטים אין יידישע סיכסוכים זיך באַנוצן מיטן פּוילישן געזעץ. אַ יאָר שפּעטער (1593) קלאָגט זיך ר׳ שאול אין נאָמען פון די ליטווישע קהלות און פון די בריסקער יידן אויפן בריסקער סטאַראָסטע, אַז ער טייטשט-אויס פאַלש די אַלטע יידישע פּריווילעגיעס בנוגע דיני ממונות און מישט זיך אַריין אין סיכסוכים צווישן יידן, וואָס געהערן גאָרנישט צו אים. דעם 14-טן יוני 1593 גיט דער מלך זיגמונט III „אויף דער ביטע פון דעם קעניגלעכן דינער שאול יודיטש" אַ ריכטיקן פּירוש פון געזעץ, אַז דיני ממונות צווישן יידן זענען שייך נאָר צו אַ יידישן בית-דין.

אַלע פּריווילעגיעס, וואָס ר׳ שאול האָט זיך וועגן זיי משתדל געווען, האָט די בריסקער קהלה געהייסן איינשרייבן אין דעם „סומאַריוס" פון אירע קיומים און געלאָזט פון אַלע שפּעטערע מלכים באַשטעטיקן, און אין די אַלע באַשטעטיקונגען געפינט זיך דער זאַץ: „ס׳האָט זיך פאַר אונז באַקלאָגט אונזער דינער, דער ייד פון אונזער שטאָט בריסק, שאול יודיטש, אין



4. דאָס הויז פון ד״ר שמחה מנחם מיונה אויף דער יידישער גאַס אין לעמ-
בערג (בלאַכאַרסקאַ 19), צענומען אין דעם יאָר 1905.

טאָוול 4.


ספר

פאר הלכה

[illegible]

הובא לבית הדפוס על ידי הרבני המופלג מוהר"ר בצלאל במהור"ק יהודא ליב הלוי מק"ק זאלקווי העוסק במלאכת ה' לזכות הרבים ... לימד שיטת רבי חנינא סגן הכהנים

נדפס פה ק"ק זאלקוויא

בעיר אחוזת של אדונינו המיוחס גדול פרינץ יאקוב בן מלך ע"ת

5. שערבלאַט פון דעם ספר פְּאר הלכה, געדרוקט אין זשאָלקיעוו אין דעם יאָר 1738 אין דער דרוק פון די ברידער אהרון און גרשון בני של ר׳ חיים דוד סג״ל און אייניקלעך פון די אורי פייבוש.

זיין אייגענעם נאָמען, ווי אויך אין נאָמען פון אַלע בריסקער יידן, אַז"... דעם זאַץ האָבן געליינט די שפּעטערע דורות און תּמיד געהאַט פאַר די אויגן דעם גרויסן פאַרדינסט פון ר׳ שאולן פאַר דער בריסקער קהלה און פאַר דעם כּלל-ישראל. ווייל ר׳ שאולס נאָמען איז געשווינט אַרויס פון די גרענעצן פון בריסק און איז פּאָפּולער געוואָרן אין גאַנצן לאַנד, און ווען עס האָט זיך געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע פון אַלע פּויליש-ליטווישע קהלות און מדינות, דער באַוווּסטער „ועד ד׳ ארצות" (1581), האָט ר׳ שאול אין דער דאָזיקער אַרבעט גענומען אַ גרויסן אָנטייל. אמת, מיר האָבן נישט פון דעם אין די אַקטן פון ועד קיין פּאָזיטיוון צייכן; דער פּנקס הוועד איז — ווי באַוווּסט — פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער אַפילו אין די העתּקות פון יענע יאָרן געפינט זיך זיין נאָמען אויך נישט, אָבער צוויי זאַכן באַווייזן דעם פאַקט, און נעמלעך: די שול אין לובלין און די באַדייטונג פון זיין זון ר׳ מאיר אין ליטווישן ועד

כּל-זמן די ליטווישע קהלות האָבן אָנטייל גענומען אין דעם ועד ד׳ ארצות זענען זייערע דעלעגאַטן (פּרנסים) אַלע יאָר געפאָרן קיין לובלין און דאָ האָבן זיי געגרינדעט אַן אייגענע שול (פּאָדזאַמטשע-גאַס נומער 12), וואָס שטייט ביז היינט און ווערט אָנגערופן די „לויפער-שול" *), אָדער ר׳ שאול וואַהלס שול. נישט האָבנדיק קיין אַקטן אין דער האַנט, איז שווער צו באַווייזן, אויב טאַקע ר׳ שאול האָט די שול געמויערט, אָדער ער האָט נאָר בשעת דעם ועד אין איר געדאַוונט. זיכער איז אָבער, אַז הונדערטער יאָרן האָבן אין דער שול געבאַלעבאַטעוועט זיינע אייניקלעך, און נאָך היינט, — ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן — ווערט זיין נאָמען דערמאָנט שמחת-תּורה ביי די הקפות.

באַשטימט לאָזט זיך באַווייזן די גרויסע באַדייטונג אינם ועד פון זיין זון ר׳ מאיר, וואָס איז געווען אַן איידעם פון באַוווּסטן קראָקעווער פּרנס און גרויסן יחסן ר׳ פּינחס הלוי איש הורוויץ, אַ קרוב פון „חסד לאברהם" און „של"ה". דעם שידוך האָט ר׳ שאול געשלאָסן

*) „לויפער" הייסן קירזשנער, וואָס גייען-אַרום (לויפן) אין די דערפער און אויף ירידים. איז קעגנזאַץ צו די רייכע קירזשנער (פּוטער-סוחרים), וואָס האָבן אָפענע געוועלבער.

נאָך בשעת ער האָט געפירט דאָס זאַלץ-געשעפט אין וויעליטשקאָ און האָט געוווינט אין קראָקע. ר׳ פינחס אַליין איז געווען אַ למדן מופלג, זיין ערשט ווייב איז געווען אַן אייניקל פון דעם מהר״ל מפּראָג און דאָס צווייטע – אַ שוועסטער פון דעם רמ״א.

ביידע מחותּנים, דאָס הייסט ר׳ שאול און ר׳ פינחס, האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין פּוילן און זייער נאָמען האָט ווייט געשמט אין דער וועלט און דערגרייכט די גרענעצן פון איטאַליע, ווו מען האָט פון ר׳ שאולן פון לאַנג דערציילט נסים ונפלאות *).

אין יענער צייט (1604) האָט מען מיט געוואַלד אָפּגעשמדט אַלע קינדער פון דעם רב און די אומגליקלעכע קהלה האָט אַרויסגעשיקט שליחים אין דער גאַנצער וועלט צו זאַמלען געלד, כּדי די קינדער פון שמד אַרויסצונעמען. דער משולח ר׳ אליעזר פון ניצאַ, קומענדיק קיין פּוילן, האָט גלייך געטראָפן צו ר׳ פינחסן אין קראָקע, און פון אים צו ר׳ שאולן אין בריסק. מיט דער הילף פון די צוויי נגידים האָט ער צוזאַמענגענומען אַ מנה יפה ביז 1000 גילדן ריינישׁ. און מיט דאַנק דערמאָנט ער דאָס אין די בריוו, וואָס ער און אַנדערע איטאַליענישע רבנים שרייבן שפּעטער קיין פּוילן, בעטנדיק ר׳ פינחסן, „ער זאָל זיך משתדל-זיין צוזאַמען מיט זיין מחותּן הנשיא ר׳ שאול צוזאַמענצונעמען דאָס רעשט געלט און אָפּשיקן קייז רוים, ווו דאָס אומגליק איז אַזוי גרויס״... **)

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אַ זון פון אַזאַ טאַטן און אַן איידעם פון אַזאַ שווער האָט געהאַט אָפן אַלע טויערן און אַזוי האָט ר׳ מאיר בן שאול גאָר לייכט באַקומען דאָס בריסקער רבנות און זיין איינפלוס אויף די ועדים איז נאָך ביים פאָטערס לעבן געווען זייער גרויס און, ווי עס דאַכט זיך, האָט ער אַ גרויסע שולד דערין, וואָס די ליטווישע קהלות האָבן זיך אָפּגעריסן פון די פּוילישע און

*) ווען ר׳ שאולס פאָטער הרב ר׳ שמואל-יהודה איז נפטר געוואָרן, האָט הרב ר׳ יהודה אריה דמודינא אים מספיד געווען בזו הלשון: והבנים, כי הניח בן אשר שמוע אוזן שמענו, היותו בעל בעמיו, נכבד מאד... (מדבר יהודה, ויניציא שס״ב, 1602).

**) כתבי הרב ר׳ יהודה אריה די מודינא, בודאַפּעסט 1906, בריוו נומ. 205—207: „להשתדל ג״כ ובאמצעות הנשיא כמ״ה שאול קאַצינאַלבוגין יצ״ו מחותנו עם ק״ק בריסק, שנשלח נדבת האלף ריינישׁ אשר התנדבו לקהל הנ״ל (רומי)״...

האָבן געגרינדעט אַן אייגענעם ועד (1623). ר' מאיר איז געוואָרן פּרעזידענט אין דעם ועד (פרנס הועד), און ווער ווייסט, אויב נישט צוליב דעם דאָזיקן כבוד און בענקל, האָט ער נישט צעריסן די גרויסע פּויליש-ליטווישע אָרגאַניזאַציע. אין דעם פּנקס פון די ליטווישע ועדים געפינען מיר אין דעם ערשטן יאָר (1623) פאָלגנדן באַשלוס: „ווייל ר' מאיר איז אַ זקן און קאָן נישט אַרויספאָרן פון דער שטאָט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז כּל-זמן ער וועט לעבן, זאָלן די ליטווישע ועדים אָפּגעהאַלטן ווערן אין בריסק. און ווייל ר' מאיר איז דער יתד ואבן פּנה (דער גרונט-שטיין) און די אויגן פון גאַנץ ליטע קוקן צו אים אַרויף, טאָרן נישט צו דעם ועד געוויילט ווערן קיין שום מענטש פון זיינע קרובים אָדער מחותנים, כּדי מען זאָל חלילה נישט מוזן ר' מאירן על פּי גורל דערוויטערן פון די זיצונגען". *)

דאָס איז ר' מאיר — ד ע ר ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „וואַהל" **). און זיין פאָטער ר' שאול? ער האָט, ווי ס'זעט-אויס, אויף זיינע אַלטע יאָרן געלעבט רויק אין בריסק, ער האָט דאָ געמויערט אַ גרויסע און שיינע שול, אַ בית-המדרש, אַ תּלמוד-תּורה, און ער האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן פאָנד צו שטיצן אָרימע קרובים.

ווען מען האָט אויף ניקאָלאַי דעם ערשטנס באַפעל אין יאָר 1840 צענומען די בריסקער שול, האָט מען אין עזרת נשים געפונען די פאָלגנדע אויפשריפט:

„הקצין ר' שאול בן הגאון מ' שמואל יודא מפאַדוואַ בנה בית הכנסת של נשים לתורה ולתעודה, לזכר אשתו מרת דבורה ז"ל הצדקנית החסידה, בת (ר' דוד דר) וקר זלה"ה — טבת בשנת —— בביתה —"

לויט דער מסורה איז ר' שאול נפטר געוואָרן אין יאָר 1617 (שע"ז). לויט בערשאַדסקי — אין יאָר 1622, אָבער זיין מצבה האָט מען ביז היינט נישט געפונען

---

*) פּנקס המדינה של ועד הקהלות הראשיות במדינת ליטא, תקנה 68, יאָר 1623.

**) וואַהל = וואַל הייסט איטאַליענער, למשל, וואַלנוס הייסט „אַן איטאַליענישער נוס". פּויליש האָט מען אַלע איטאַליענישע יידן געגעבן דעם צונאָמען: וולאָך. — ו ע ט ש ט י י ן: מקור השם וואַהל (עסטרייכישע וואָכנשריפט 1910 נומער 34—35).

IV

דער סך־הכּל

דאָס איז בקיצור און לויט די היינטיקע מקורות דאָס געשטאַלט פון ר׳ שאול וואַהל. ווי מיר זען, איז ער באמת געווען אַ שר, אַ מלך בישראל, אָבער פון דעם רייכן ייד און דעם „יידישן מלך״ איז נאָך זייער ווייט צום מלך פון פוילן. פאַר דער לעגענדע, וואָס אָן איר קניפּט זיך טיילמאָל אָן אַ וואָרט־שפּיל, איז נישטאָ קיין ווייטקייט, און אַזוי איז פון מלך אין אַלעגאָרישן זין („רייך ווי אַ מלך״, „גליקלעך ווי אַ מלך״, „סתם אַ מלך״) געוואָרן אַ פּוילישער מלך. און איז דער שריט איינמאָל גע־מאַכט געוואָרן, האָט מען געמוזט צוזוכן סיבות, פּירושים, ערקלערונגען: פאַרוואָס איז ר׳ שאול געוואָרן מלך, און דאַן קומען די אַלע מעשיות וועגן אים, די פּירושים און די פּירושים צו פּירושים.

און דאָ מוזן מיר דערמאַנען, אַז אין פּוילן פון יענער צייט האָבן די מלכים דעם טראָן נישט געירשנט, נאָר נאָכן טויט פון איין מלך האָבן אַלע פּריצים געוויילט זיין נאָכפאָלגער. און אַז מען האָט געוויילט, האָט מען דאָך געקאָנט ווילן אַ ייד, אַ רייכן, אַ פיינעם! די יידישע לעגענדע האָט נישט געזען אין דער יידישקייט פון איר העלד קיין שטערונג אין דער וואַהל, און אַזוי האָט זי געלאָזט ר׳ שאולן ווילן פאַר אַ מלך. דאָס איז — ווי עס זעט אויס — געווען דער ערשטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער לעגענדע.

די שפּעטערע דערציילערס האָבן שוין בעסער געקאָנט די פאַר־העלטענישן אין פּוילן און האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ ייד קאָן אויף אַ גלייכן וועג נישט ווערן דאָ קיין מלך, האָבן זיי דעריבער צוגעגעבן די מעשה פון דעם יום המוגבל (טערמין), פון דער אומאייניקייט צווישן די וויילערס און פון דער „דערוויילקייט״ פון דער וואַל. אַזוי איז ר׳ שאול געוואָרן אַ מלך נאָר אויף איין טאָג (איין נאַכט) און דאָס איז דער נוסח שני. דער צווייטער עטאַפּ.

דעם דריטן עטאַפּ האָט געבילדעט די תשובה אויף דער פראַגע: פאַרוואָס עפּעס ר׳ שאול און נישט קיין אַנדערער ייד? און דאָ קומט די מעשה מיט דעם פירשט ראַדזיוויל. אין דער ליטע האָט באמת

געלעבט אין יענער צייט אַ פירשט קאַראָל מיקאָלאַי ראַדזיוויל (דער יתום סיעראָטקאָ), וואָס איז אין די יאָרן 84—1582 געגאַנגען קיין ארץ־ישראל און איז צוריקגעקומען אין איטאַליע באַראַבעוועט געוואָרן און געמוזט זיך לייען געלט אויף הוצאות, זיינע התנצלותן האָט מען אין פוילן געקענט, ווייל דער פירשט האָט זיי געשריבן אין 4 בריוו און געלאָזט דרוקן אין אַ בוך, וואָס איז ערשינען אין ברונסבערג אין יאָר 1601 אין דער לאַטיינישער שפּראַך (ביבליאָטעק קראַשינסקי אין וואַר־שע, נומער 27,315), אין דעם יאָר 1603 האָט מען דאָס זעלבע בוך אַרויסגעגעבן אויף דייטש אין מיינץ (ביבליאָטעק קראַשינסקי נ׳ 23,937) און שפּעטער אויך אין פויליש און אין אַנדערע לשונות.

און אָט די באַשרייבונג לערנט אונז, ווי אַזוי אַ לעגענדע שעפּט פאַר זיך פון אַלע זייטן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז אמת און וואָס נישט. דער פירשט דערציילט אונז בפירוש, אַז מען האָט אים און זיינע חברים און דינער באַראַבעוועט, און אַז ער האָט אין אַנקאָנאַ געזוכט אַ באַנקיר, כדי ביי אים צו לייען 100 קראָנען. מיט שווערער מי האָט מען אים אָנגעוויזן אַן אַגענט פון אַ ווענעציאַנער סוחר מיט דעם נאָמען קווינקטיליוס, ביי וועלכן ער האָט באַשלאָסן איבערצולאָזן פאַר אַ משכון די קליינע חפצים (אַ צלם, אַביסל הייליקע ערד און אַ שטיקל האָלץ פון דעם צלם, אויף וועלכן מען האָט אויפגעהאָנגען יעזוסן), וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל און וועלכע זענען ביי אים „צו מזל” געבליבן. נאָך שווערער מי האָט דער אַגענט די חפצים גענומען, ער זאָל אים אויף דידאָזיקע משכנות לייען הונדערט קראָנען...

ווי מיר זעען, איז די מעשה מיטן געלט נישט געווען אין ווענעציע און נישט אין פּאַדואַ, נאָר אין אַנקאָנאַ. דער סוחר איז נישט געווען קיין ייד, און דער משכון איז אַזעלכער, אַז ס׳איז שווער צו גלויבן, דאָס אַ ייד און דערצו נאָך אַ רב זאָל דאָס וועלן און קענען נעמען צו זיך אין שטוב אַריין. אַחוץ דעם איז דאָ אַ נישט־פּינקטלעכקייט אין דער כראָנאָלאָגיע: די לעגענדע דערציילט, אַז ר׳ שאול איז ביז צו זיין באַקענען זיך מיטן פירשט געווען אַן אָרעמער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן ביים שווער אין שטוב, און דערווייל זעען מיר פון די אַקטן, אַז ער איז שוין אין יאָר 1578 געווען אַ גרויסער סוחר, וואָס האָט געפירט גרויסע זאַלץ־געשעפטן, און דער פירשט ראַדזיוויל איז

ערשט אין יאָר 1582 אַרויסגעפּאָרן קיין ארץ-ישראל, איז דעם 13-טן מערץ 1584 באַראַבעוועט געוואָרן און דעם 7-טן יוני 1584 צוריקגעקומען קיין ניעסוויזש אין זיין שלאָס אַריין.

דער סך-הכל פון דעם אַלעמען איז:

ר׳ שאול איז געווען אַ שר און אַ גדול בישראל, האָט געהאַט צו טון מיט פּריצים און אַפילו מיט דעם מלך. זיין זון ר׳ מאיר, דער בריסקער רב האָט איבערגענומען נאָך זיין פּאָטער אַ גרויס פּאַרמעגן און אויך דעם יחוס און אַ אָנדענקען פון געבורטס-לאַנד איטאַליען. מען האָט אים גלייך ווי אַלע אַנדערע איטאַליענישע יידן גערופן „וולאָך״, אויף דייטש „וואַל״, פון וואַנען עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער צונאָמען: וואַהל. אין די שפּעטערע דורות האָט מען דעם נאָמען נישט פאַרשטאַנען און מען האָט געזוכט זיין שורש אין דעם וואָרט: וועהלן. און אַזוי האָט מען צוזאַמענגעשטעלט דעם יידישן טיטל פון ר׳ שאולן: שר און נשיא מיט דעם וואָרט „וואַהל״. און דעם ענין פון קלויבן אַ מלך, און אויסגעבויט די שיינע לעגענדע, וועלכע מיר האָבן דערציילט.

די איבריקע פּרטים זענען שפּעטער אויף דעם באַוווּסטן אופן צוגעקומען און אַזוי האָט געקאָנט דער לייפּניקער רב ר׳ פּינחס אין יאָר 1733 דערציילן די אמתע מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון דעם מויל פון זיין פּאָטער, און שפּעטער נאָך 121 יאָר (1854) האָט שוין הירש עדלמאַן געקענט דרוקן אַ גאַנצן ספר איבער דעם יידישן קעניג אין פּוילן. און דאָס ספר איז געוואָרן אַזוי פּאַרהייליקט ביי ר׳ שאולס אייניקלעך, אַז זיי האָבן עס גיך אויסגעקויפט, און דאַן איז געקומען נאָך אַ אייניקל, וואָס האָט דעם ספר אויפסניי איבערגעדרוקט נישט פריער און נישט שפּעטער, ווי אין יאָר תרפ״ה *).

ווי עס זעט אויס, האָט אפילו דער גרויסער אייראָפּעישער קריג דאָך נישט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן, אַז ר׳ שאול איז געווען אַ מלך אין פּוילן...

---

*) גדולת שאול, זכרונות, סיפורים והגדות על אודות הרב הגאון רבי שאול וואַהל, שהיה לפי מסורת העם מלך בפולאניא... יוצא מחדש במהדורא שניה עם הוספות שבט מיהודה שלשלת יחוסו של רבי שאול וואהל זצ״ל... מאת נינו ונכדו אריה יהודה־ליב ליפשיץ ווארשה, תרפ״ה, עם מבוא מאת פרופ. דר. מאיר באַלאַבאַן.

ר׳ פינחס בן אלעזר

(יאַן ברעדלאָ)

עס איז געווען דעם 6־טן דעצעמבער אין יאָר 1673 (תל״ג), דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אָבער אַ שיינער, איינגעהילט אין שניי האָט די ערד געגלאַנצט ווי אַ בריליאַנט אויף דער זון. גאַנצפרי איז אויפגעשטאַנען דער פריץ יאַן דזשעוויצקי און קוים האָט מען געעפנט דעם קלויסטער פון די יעזואיטן, באַלד איז ער אַריינגעגאַנגען, כדי מתפלל צו זיין און אויסבעטן ביי זיין ליבן נאָמען אַ לייכטן אופן איינצומאָנען די קאָנטריבוציע, וואָס דער לעצטער פוילישער סיים האָט אַרויפגעלייגט אויף אַלע בעלי־בתים. דזשעוויצקי איז געווען באַקאַנט פון זיין ענערגיע און געוויסנהאַפטיקייט, און עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, אַז די פריצים פון דער רייסישער מדינה האָבן אַקוראַט אים געוויילט פאַר אַ עקזעקוטאָר פאַר דעם פשעמישלער קרייז, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען דורך זיינע מרידות, אָנפאַלן און הריגות. די קאָנטריבוציע האָבן באַדאַרפט צו צאָלן אַלע, דערפאַר האָט לאַנג געקלערט אונזער פריץ פון וועמען עס איז כדאי אָנצוהייבן. פון פריצים? ס׳קאָן קומען גלייך פון אָנהויב צו אַ מרידה! פון די מיעש־טשאַנעס? היינט איז אַקוראַט אַ יומא־דפגרא! אַמבעסטן אָנצוהייבן פון יידן.

אין דער יידישער גאַס זענען געשטאַנען ביידלעך און אין זיי איז געווען אויסגעלייגט כל־מיני סחורות, ס׳רוב קינדער־שפּילעכלעך און פאַרביקע טיכער. אויפן שוויענטי מיקאָלאַי האָט יעדער געקויפט מתנות פאַר די קינדער און דערפאַר זענען שוין פון אינדערפרי געשטאַנען יידן איינגעהילט אין פעלצן, מאַנטלען און שאַלן, און רייבנדיק די הענט האָבן זיי געוואַרט אויף קונים. עס איז אָבער נאָך געווען זייער פרי, דער עולם איז נאָך געווען אין דער היים אָדער אין קלויסטער. ענדלעך האָט זיך די תפילה געענדיקט. פון די אָפענע טירן פון

קלויסטער האָט זיך אַרויסגעשיט אויף דער גאַס אַ גרויסער עולם מתפללים און געלאָזט זיך געשווינט גיין אַ היים אָדער אין ווײנשענקען, ווו מען האָט פאַרקויפט אונגאַרישע משקה מיט אַ גוטער מאַרקע. מיטן עולם איז אויך אַרויסגעגאַנגען אונזער פאַן יאַן און אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע האָט ער מאַרשירט צו דער יידישער גאַס. דאָס גדלות פון זיין אַמט איז געלעגן אויף זיין פנים, אַלעמאָל האָט ער זיך מער אויסגעשטרעקט און האַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דעם גריף פון דעם שווערד, האָט ער מיט דער רעכטער אויפגעדרייט די וואָנסעס. חדר־ייִנגלעך זענען פאַרבייגעגאַנגען און דערזעענדיק אַזאַ קאָמישע פיגור, זענען זיי שטיין געבליבן און האָבן אים אָנגעקוקט. דער באַהעלפער האָט זיי מיט אַ פּאָר קלעפּ אָפּגעטריבן, אָבער די קינדער האָבן זיך אַלע מאָל אומגעדרייט און נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם פריץ די אויגן. דער פאַן יאַן האָט די יידישע קינדער גאָרנישט געזען, שטאַרק פאַרנומען מיט זיין אויפגאַבע האָט ער גאָרנישט באַמערקט, וואָס עס טוט זיך אין דער גאַס, און אויסגעשטרעקט ווי אַ סטרונע האָט ער מאַרשירט גלייך אין דער קהל־שטוב אַריין, „כדי דאָרט מכריז און מודיע צו זיין די ראשי־הקהלה דק״ק פשעמישל, אַז ער, דער שלאַכטשיץ, האָט בדעה, לויט דעם אויפטראַג פון סיים אין וואַרשע און לויט די פולמאַכטן פון דעם סיימיק אין סאָנדאָווע־ווישניאַ, איינצומאָנען די קריגס־קאָנטריבוציע״.

די מנהיגים דק״ק פשעמישל זענען נאָך געווען ביים דאַווענען, דער הער יאַן האָט געמוזט געדולדיק וואַרטן ביז ר׳ ליבוש, ר׳ עקיבא און ר׳ משה המכונה קרעמער, ר׳ אהרן פינחס, ר׳ איצי פרעגער, ר׳ בינוש, ר׳ דודל, ר׳ טוביה און ר׳ איציק סויבעל, מנהיגי דק״ק פשעמישל האָבן געענדיקט זייער דאַווענען און זענען אַריינגעקומען אין קהל־שטוב. דזשעוויצקי האָט זיי פאָרגעשטעלט דעם ענין, אַז די קהלה זאָל ווי כנהוג מיט איין מאָל באַצאָלן די קאָנטריבוציע פאַר אַלע בעלי־בתים און שפּעטער זאָל זי אַליין דאָס געלט איינמאָנען. די פרנסים האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן, נישט־לאַנג, ווי אַן אַנדערער האָט קאָנטריבוציעס איינגעמאָנט און אויף דעם זענען דאָ קוויטן. דער פריץ שרייט, אַז דער קוויט איז פאַלש; די יידן שווערן זיך, אַז ער איז אַ ריכטיקער. יאַן ווערט אומגעדולדיק און ער ערקלערט, אַז ער וועט אויף אייגענער האַנט איינמאָנען די קאָנטריבוציע.

* *
*

די יידישע קהלות האָבן קיינמאָל נישט צוגעלאָזט, אַז פרעמדע און בפרט גויים זאָלן איינמאָנען שטייערן. מיט דעם פלעגט זיך שטענדיק פאַרנעמען קהל, וואָס האָט געהאַט צוויי אָדער דריי שמשים און אַ רשימה פון אַלע בעלי־בתים און זייער פאַרמעגן לויט „אַ גערעכטער און געוויסנהאַפטער” אָפּשאַצונג, אָדער, בעסער געזאָגט, לויט דעם גוטן ווילן פון די פרנסים. די בעלי־בתים זענען געווען צו דעם צוגעווינט, איבעריקנס האָבן זיי נישט געהאַט קיין ברירה, ווייל די ראשי־העיר האָבן געהאַט אין זייער האַנט דאָס שרעקלעכסטע שווערד פון יענער צייט, ד. ה. דעם חרם און דאָס איינציקע רעכט צו פאַרטיילן די קאָנצעסיעס, ד. ה. די חזקה. קיין פרעמדער האָט נישט געקאָנט איינמאָנען קיין שטייערן. און דערפאַר ווען דזשעוויצקי איז אַריינגעגאַנגען אין ערשטן הויז אַריין, האָט אים געענטפערט די בעלי־ביתטע, אַז איר מאַן לייבוש איז נישטאָ אינדערהיים און זי אָן אים מאַכט קיינע געשעפטן נישט. דזשעוויצקי האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף דעם ווייב, אָבער די יידענע מאַכט אויף די קאָמאָדע און נעמט אַרויס אַלטע קוויטן און וויזט זיי דעם פריץ, אונטן אַרום אָבער שיקט זי אַ ייִנגל נאָכן מאַן.

דער פאַן יאַן קוקט איבער די קוויטן און פסלט זיי אויפן אָרט און באַפעלט דעם וואָזשני, וועלכער איז מיט אים געקומען, צו מאַכן אַ רעוויזיע אין גאַנצן הויז. דער וואָזשני, אַ גריבענער יונג, געשמירט מיט אַלע זאַלבן, האָט געקאָנט לייבושן אזן געוווּסט, אַז ער איז אַ היציקער און עס איז נישט כדאי מיט אים אָנצוהייבן. דערפאַר זוכט ער גאָר געלאַסן און אונטן אַרום קוקט ער, צי איז ערגעץ נישטאָ אַן אונטער־טיר, כדי מען זאָל קאָנען בשעת־הדחק מאַכן פיס, צוועלף גילדן האָט געדאַרפט צוצאָלן לייבוש און צוועלף ריפן האָט געקאָנט פאַרלירן דער וואָזשני מיט דעם עקזעקוטאָר. און ווי זיי זוכן אַזוי, קומט צוריק דאָס ייִנגל און זאָגט, אַז ר׳ לייבוש גייט. דער וואָזשני האָט זיך אַרויסגערוקט אויף דער גאַס און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דער פאַן יאַן. לייבוש איז אָנגעקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער, מיט דער לינקער האַנט האָט ער אָפּגעווישט דעם פראָסט פון די באָרד און פאות

און די רעכטע האָט ער אויפגעהויבן קעגן די פּריצים און געשריגן: „איר הולטאַיעס! וואָס האָט איר געזוכט אין מיין הויז? עס איז אייער גליק, וואָס איך בין נישט געווען אין שטוב, אַנישט וואָלט איך אייך געממיתט ווי די הינט. דזשעוויצקי איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט, געוווסט האָט ער, אַז יידן זענען תּמיד אונטערטעניק און גרייט אויף יעדער באַפעל צו שפּרינגען אין וואַסער אַריין און דאָ האָט ער פּלוצלינג באַגעגנט אַזאַ גאווה, אַ מרידה און דערצו נאָך קעגן אים, אַלס פאַרשטעער פון דער מאַכט. שוין האָט ער געוואָלט אַרויסציען די שווערד, כדי אָנצולערנען דעם „אומגלויביקן" מחוצף, אָבער די שטאָלצע געשטאַלט פון לייבושן און די פּחדנותדיקע האַלטונג פון וואָזשני האָבן אָפּגעקילט דערווייל זיין צאָרן; ער האָט אַרויסגענומען זיין ביכעלע און האָט פאַרשריבן מיט גרויסע אותיות: לעיבאַ יודעיוס (לייבוש דער ייד), אויסגעשפּיגן דריי מאָל און איז געגאַנגען ווייטער.

לעבן לייבושן האָט געוווינט יעקב בן מרדכי. אין פאַרטער זענען געווען געוועלבער, אויפן ערשטן שטאָק האָט געוווינט יעקב. דזשעוויצקי מיט זיין באַגלייטער זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די שמאָלע און פינצטערע טרעפּן; ר׳ יעקב האָט שוין געוווסט נאָך וואָס זיי קומען און, נישט וואַרטנדיק אויף דער פראַגע, האָט ער „דערנענטערט זיין פּויסט צום פּריצס מויל און געשריען: „איר הולטאַיעס! וואָס טשעפּעט איר אייך דאָ? מיר האָבן באַצאָלט די קאָנטריבוציע ביז צום גראָשן, אַוועק פון דאַנען, אַנישט וואַרף איך אייך אַראָפּ פון אַלע טרעפּן!". דזשעוויצקין איז דאָס געווען שוין צופיל, ער האָט אָנגעהויבן צו זידלען דעם עזות־פּנימדיקן ייד, אָבער מורא האָבנדיק, דער ייד זאָל טאַקע נישט וועלן מקיים זיין זיין צוזאָג איז ער אַראָפּ פון די טרעפּן און האָט געוואָלט אַריינגיין אין שכנותדיקן הויז. דאָ האָט געוווינט ר׳ פינחס בן אלעזר, אַ היכער ברייטאַקסלדיקער ייד, אַ באַוווסטער בעל־כּוח אין שטאָט. פאַר אַ צוואָנציק יאָר איז ער מיט איין מאָל נעלם געוואָרן פון פּשעמישל און האָט זיך עטלעכע יאָר אַרומגעטריבן איבער דער וועלט. פּלוצלינג איז ער אַהיים געקומען, חתונה געהאַט אויף די עלטערע יאָרן, געקויפט אַ הויז און האָט זיך נוהג געווען גלייך ווי אַלע אַנדערע בעלי־בתים. מאַנכמאָל אָבער האָט זיך אין דעם רויקן מענטש דערוועקט אַ גוייִשע נשמה, דעמאָלט איז ער געווען פּעיק צו די

שרעקלעכסטע זאַכן. אין אַזאַ צייט האָבן אים שכנים אויסגעמײַנזן ביז זיין כעס האָט זיך אָפּגעקילט. פאַר דער קהלה איז געוועזן ר׳ פּינחס זייער נוצלעך, ער האָט גערעדט פּויליש ווי אַ פּריץ און דערפאַר האָט אים די קהלה געשיקט צו אַלע שררות און אַפילו אויפן קעניגלעכן הויף. אָבער תּמיד האָבן זיך אַרום אים אַרומגעטראָגן קלאַנגען, ווייבער און מיידלעך האָבן דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן דעם, וואָס ער האָט געטון אין די יאָרן, וואָס ער איז נישט געווען אין פּשעמישל, אָבער עלטערע בעלי־בתּים האָבן עס געהאַלטן פאַר בבא־מעשיות און האָבן דערפון נישט געוואָלט רעדן, אָבער פרעגן ר׳ פּינחסן האָט קיינער נישט געוואַגט.

ר׳ פּינחס האָט געהערט אין שטאָט, אַז עפּעס אַ פּריץ גייט אַרום איבער די יידישע הייזער און זוכט געלט, געשווינט האָט ער צוזאַמענגערופן אַ חברה ווילדע יונגען און איז געגאַנגען זוכן דעם פּריץ. דזשעוויצקי איז אַקוראַט געשטאַנען לעבן ר׳ פּינחסעס הויז, ווען דיזער מיט זיין חברה איז אָנגעקומען. ר׳ פּינחס האָט באַמערקט, אַז דער פּריץ איז אַרויס פון זיין הויז. באַלד האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער כעס, האָט אָפּגעמאָסטן דעם שלאַכטשיץ פון קאָפּ ביז פיס און געגעבן אַ געשריי בזה הלשון: „וואָס האָט איר, רויבער, געטון אין מיין הויז? עס איז אייער גליק, אַז איך האָב אייך דאָרטן נישט געטראָפן, ווייל קיינער וואָלט פון דאָרט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס, איך האָב אין מיין לעבן קיין פּריץ קיינמאָל קיין שטייערן נישט געצאָלט און איך וועל בעסער אָפּוועגן דריי הונדערט גילדן פאַר דיין קאָפּ, איידער דיר אין דער האַנט אַריין צו געבן”. דזשעוויצקי האָט זיך דערשראָקן. די נאָכגיביקע יידן האָבן זיך באַוויזן שטאָלצער ווי די מיעשטשאַנעס און אַפילו ווי די פּריצים. ער האָט איינגעזען, אַז עס איז כּדאַי דערווייל זיך צוריק צוציען און ער איז געגאַנגען אין שלאָס, כּדי צו בעטן אַ מיליטערישע שמירה.

דעם גאַנצן וועג איז ער געווען שרעקלעך אויפגערעגט. ער האָט זיך פּשוט געשעמט: אַ פּריץ האָט זיך דערשראָקן פאַר יידן, מען האָט אים גערופן הולטאַי, רויבער און דערצו בפני כּל עם ועדה. אין מיטן כעס האָט ער געהאַט פאַר די אויגן פּינחסן, זיינע שרעקלעכע בלישטשעזשיקע אויגן, זיינע שפּיציקע וואָנצעס און זיין קול, דאָס ריינע פּויליש.

דאָס קול איז אים פון ערגעץ געווען באַקאַנט, עמעצער פון זיינע חברים האָט געהאַט אַזאַ קול, דאָס זעלבע קול, נאָר ווער? אפשר אין פויזן, וווּ ער איז געלעגן קראַנק בשעת דער מלחמה? אַזוי פאַרטראַכט, בייז אויף זיך און אויף יידן, איז דער פאַן יאַן געקומען אין שלאָס אַריין און פאַרלאַנגט מיליטערישע שמירה. פאַן סטאַניסלאַוו שיצינסקי, דער לאַנד־ריכטער פון פשעמישל לאָזט אים נישט לאַנג וואַרטן און גיט אַ באַפעל דעם פאָדסטאַרשי ער זאָל שיקן אין שטאָט אַריין אַן אָפטיילונג זעלנער. אַ קורצע קאָמענדע און גלייך מאַרשירט די אָפטיילונג מיט דעם פאַן־טרעגער פאָרכאַטש אָן דער שפיץ. מיט זיי צוזאַמען גייט דער פאַן דזשעוויצקי מיט דעם וואָזשני און מיט 2 עדות, וואָס זענען געווען נויטיק צו יעדער געריכטלעכער ספּראַווע. שטאָלץ איז געווען דער פאַן יאַן, ער איז געגאַנגען אויסגעשטרעקט ווי אַ העטמאַן אָן דער שפיץ פון אַן אַרמעע, זיכער, אַז ער וועט מנצח זיין זיין קעגנער. אָבער אויך דער קעגנער האָט נישט געוואַרט רויק ווי דזשעוויצקי האָט געמיינט. די יידישע גאַס איז געווען שוואַרץ, אַרום פינחסן האָט זיך פאַרזאַמלט אַ געוואַלדיקער עולם, אַלע האָבן געשריגן און געדראָט מיט די פויסטן, אין די פאַרפרוירענע פענצטער האָט מען געזען ווייבער מיט קינדער און פון אַ נאָענטן חדר האָט זיך געלאָזט הערן דאָס איינטאָניקע לערנען פון די תינוקות של בית רבן. שוין איז די גאַנצע אָפטיילונג אין דער יידישער גאַס. דזשעוויצקי מאַרשירט גלייך אויף פינחסן, אָבער דער רוקט זיך אַרויס פאַר אַלע און שטעכט דורך מיט זיין בליק דעם פריץ. דער פריץ האָט דעם בליק נישט אויסגעהאַלטן און אויסמיידנדיק דעם שרעקלעכן ייד האָט ער זיך געלאָזט גיין גלייך אין פינחסעס הויז אַריין. דאָס האָט פינחס נישט געקאָנט דערלאָזן, ס׳איז פאַר אים געווען אַ גרויסע באַליידיקונג און מיט אַ שפרונג איז ער שוין געשטאַנען אין דער טיר פון זיין הויז און שטאָלץ האָט ער אַרויסגערופן צום פריץ: „דו, ממזר איינער! דו, רויבער! איך וועל מיך לאָזן קאָסטן הונדערט גילדן און איך וועל דיך לאָזן הרגענען ווי אַ הונט און דו וועסט נישט וויסן ווער עס וועט דיך הרגענען! דו האָסט נישט קיין אַנדער ענין ווי אָנפאַלן אומשולדיקע מענטשן?!" — „שלאָגט אים טויט, צעהאַקט אים אויף שטיקער, האָט ווילד געשריגן דער פאַן דזשעוויצקי. און באַלד האָבן זיך די שלאָס־זעלנער געוואָרפן אויף פינחסן און אין זייער שפיץ דער פאַן

פּאָרכאַטש מיט דער פּאָן. ר׳ פּינחס איז געשטאַנען אויף זיין אָרט און אַ קאַלטבלוטיקער האָט ער געוואַרט אויפן אָנפאַלן. די זעלנער זענען געבליבן שטיין. „צעהאַקט אים, האָט איבערגעחזרט דזשעוויצקי מיט נאָך אַ שרעקלעכערן קול און די זעלנער האָבן אַרומגערינגלט ר׳ פּינחסן. דער ייד האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויף דעם פּאָן-טרעגער און מיט איין ריס האָט ער די פּאָן געהאַט אין האַנט. — „מיר געהער די פּאָן, נישט דיר, איך האָב לענגער די פּאָן פון מיין פּולק געטראָגן", האָט ער אַרויסגעשריגן און הויך איבער אַלע קעפּ די פּאָן געהויבן און מיט איר געפאָכעט אויף אַלע זייטן. „דו האָסט לענגער די פּאָן געטראָגן? — האָט פאַרוואונדערט אויסגערופן דזשעוויצקי און ווי פון שלאָף געריבן די אויגן. — איצט קאָן איך דיך, דו ביסט דער ייד, דער פאַררעטער, דער שוועדישער פאָנען-טרעגער, וואַרט נאָר, וואַרט, דער טויט וועט דיך נישט מיידן". און מיט אַ שטאַרקן כוח זענען די זעלנער צו צו ר׳ פּינחסן און באַלד איז ער אַ צעשלאָגענער און אַ פאַרבלוטיקטער געלעגן אויף דער ערד. אין שווערע קייטן האָט מען אים אַריינגעזעצט אין שלאָס-קעלער, האַלטנדיק אים אויף ברויט און וואַסער. דער פּראָקוראָר האָט צוגעגרייט די אָנקלאַגע און דער תּליון — די בלוטיקע אינסטרומענטן, וואָס מיט זייער הילף האָט ער געזאָלט דעם ייד צווינגען מודה צו זיין דעם אמת

— —

אין דעם קאַלטן, נאַסן פינצטערן קעלער האָט געהאַט ר׳ פּינחס גענוג צייט איבערצוחזרן אין זיין מוח זיין גאַנץ לעבן אין זיינע פאַרשידענע תּקופות. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַ יונג יינגל, וואָס שלאָגט זיך מיט זיינע חברים אין חדר און וויל ווערן אַ גיבור, אַ צווייטער שמשון הגבור. דעם אידעאַל האָבן יידן אויסגעלאַכט, דערפאַר האָט ער געוואָלט גיין צו די גויים, ער האָט געוואָלט ווערן אַ זעלנער, אָבער ווער האָט געדאַרפט האָבן אַ יידישן זעלנער? באַלד האָבן די שוועדן באַלאַגערט פּשעמישל (1655), און דאָ איז אים געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, צוצושטיין צו די שוועדן און ווערן ביי זיי אַ פרייער מענטש און אַ מוטיקער זעלנער. פּינחס האָט גוט גערעדט פּויליש, באַלד האָט ער אַוועקגעוואָרפן די בעקעשע און די פּאות, איבערגעלאָזט די קהלה און די שטאָט און צוגעשטאַנען צו די שוועדן.

אין דער היים האָט מען געמיינט, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן, און ער האָט זיך געפלאָגט און הונדערטער מאָל געהאַט דעם טויט פאַר די אויגן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין חרטה, יידן האָבן פון אים געלאַכט, פוילישע פריצים האָבן אויף אים געשפּיגן, און איצט איז ער אַ מענטש.

אַך, דער טאָג אין וועלכן מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ פאָן-טרעגער (כאָראָנזשי)! די גראַטולאַציעס פון די אָפיצירן, די קנאה פון די חברים! ער האָט זיך געזען, ווי ער יאָגט אויף דעם שונא מיט דער פאָן אין דער האַנט, ווי ער קומט אַלס ערשטער אַריין קיין פּויזן. ביי דעם געדאַנק האָבן זיך אים טרערן געלאָזט פון די אויגן, ווייל פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען זיין טייערע זאָשע, די אויסגעקליבטע פון זיין האַרץ, די געליבטע פון זיין נשמה! אַ שיינעם הויף האָבן באַוווינט אירע עלטערן. די פריצים זאַרעמסקי, ער, דער פאָטער, וולאַדיסלאַוו אַ שלאַכטשיץ פון אבות-אבותיו, זי, די מוטער, פון דער אַלטער משפחה שווערטשעווסקי. וואָס פאַר אַ האַרציקייט, וואָס פאַר אַ פריינטלעכקייט האָט געהערשט אין דעם הויז! — ווי האָט מען אייך גערופן אין דער היים, הער אָפיציר? — האָט געפרעגט מיט גרויס ליבשאַפט דאָס פריילין. — יאַן, יאַשיאָ, מיין טייבעלע, — האָט געענטפערט מיט ציטערן פינחס — יאַן ברעדלאָ. — די ברעדלאָס, דאָס איז אַן אַלטע פריצישע משפחה, האָט ערקלערט דער פאַן וולאַדיסלאַוו, און די מוטער האָט מיט גרויס ליבשאַפט געקוקט אויף איר איידעם.

באַלד איז אָנגעקומען דער טאָג פון זיין חופה. אין דער אַלטער קאַטעדראַל-קירכע אין פּויזן האָבן זיך פאַרזאַמלט די שענסטע באַלעבאַטים, הויכע אָפיצירן פון דער שוועדישער און פוילישער אַרמעע, אויף דעם אַלטאַר האָבן געברענט גרויסע ליכט, דער אָרגל האָט געשפּילט אומעטיק און דער גלח האָט מיט אַ באַנד פאַראייניקט זייערע הענט.

די גליקלעכע האָניק-חדשים זענען באַלד פאַרביי און מיט גרויסע שמערצן האָט זיך דערמאָנט איצטער פינחס אָן דעם טאָג, אין וועלכן ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, און אין דער שיינער זאָשע, וואָס האָט אים צום טויזנטסטן מאָל געפרעגט: „האָסטו מיך טאַקי ליב, מיין מאַן?״ שרעקלעכע טעג זענען אָבער באַלד אָנגעקומען, דאָס קעניגלעכע פוילישע מיליטער האָט ערבערט פּויזן און ער האָט געמוזט די שטאָט פאַרלאָזן.

ער האָט איבערגעלאָזט דאָס ווייב מיטן קינד און איז אַוועק מיט די שוועדן. ער האָט אָבער ביים מיליטער שוין מער נישט געקאָנט אויס־האַלטן און פלוצלינג האָט ער איבערגעלאָזט די פאָן אין דער קאַזאַרמע, האָט אָנגעטון צוריק די בעקעשע און איז ,אַהיים געקומען קיין פשעמישל. באַלד האָט ער חתונה געהאַט מיט דעם ערשטן מיידל, וואָס מען האָט אים געשדכנט, ער האָט אָבער זיין צווייטע פרוי נישט ליב געהאַט, זי האָט נישט געקאָנט פאַרטרעטן זיין זאָשען. זיין ברויזנדע נאַטור האָט געוואָלט צערייסן די קייטן פון דעם יידישן לעבן, צערייסן די ענגע קאַפּאָטע, אַרויס פון דעם רשות פון דער קהלה און צוריקגיין צו זיין זאָשען און צו זיין יאַשיאַ! ער האָט אָבער נישט געטאָרט, ער איז געווען אַ ייד און אַ פאַררעטער. —

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דערלאַנגט דער איידעלער פאַן דזשעוויצקי צוזאַמען מיטן פּראָקוראָר אַן אָנקלאַגע קעגן דעם „אומגלויביקן" פינחס בן אלעזר וועגן פאַרראַט, שענדונג פון דער קאַטוילישער רעליגיע, ביגאַמיע, ווידערשטאַנד קעגן דער מאַכט און אַ סך אַנדערע פאַרברעכן, וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אין דעם פוילישן געזעץ...

פינחסעס שעהן זענען געווען געציילטע.

דער תליון האָט שוין געבויט אויף דעם מאַרק די בימה

צוויי ווייבער האָבן געוויינט נאָך דעם שיינעם מאַן.

(שלאָס־אַקטן פון סאַנאָק, באַנד 186, זייט 700 — 705 אין בענאַרדינער אַרכיוו אין לעמבערג.)

ד״ר שׂמחה מנחם מיונה

הויף־דאָקטאָר פון יאַן סאָביעסקי

דער פוילישער מלך יאַן סאָביעסקי האָט זיך דערוואַרט, ריכטיקער געזאָגט: נישט דערוואַרט צו זען, ווי דער טריאומף־וואָגן, וועלכער איז אים געגעבן געוואָרן במתנה דורך די דאַנקבאַרע וויענער, דינט היינט אַלס פּרעדיקט־טריבונע אין דער קליינער דאָרפישער קירך אין פּאַדדאַק, אין פּאָמערן, און ווי דער וואַנט־לייכטער פון זיין שלאָס אין זשולקעוו באַצירט די וואַנט פון דער גרויסער שטאָטישער שול אין לעמבערג. הכל תלוי במזל! דער לייכטער, וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ, איז אַ גרויסע מעשענע בלעך, באַצירט פון אויבן מיט דער „קליינער״ פּוילישער וואָפּן־צייכענונג, אונטער וועלכער עס געפינט זיך דער הערב פון די סאָביעסקיס. דער אונטערשטער טייל, ווידער, פון דער בלעך בילדט דעם אייגנטלעכן לייכטער, איבער וועמען עס זענען אויסגע־שטאַנצט עטלעכע שיינע אַלעגאָרישע פיגורן. פּראָזאַאישע, ראַציאָנעלע פאָרשער באַהויפּטן, אַז דער דאָזיקער לייכטער איז אַריבער געטראָגן געוואָרן אין דער שול אינם יאָר 1804 נאָכן באַנקראָט פון די ראַדזיווילס, ווען פונם זשולקעווער שלאָס זענען אַוועקגענומען געוואָרן אַזוי פיל שיינע זאַכן; אַנדערע, ווידער, היסטאָריקער, מער, אַזוי צו זאָגן, דיכ־טערישע, עמאָציאָנעלע, ווילן גלויבן, אַז דעם דאָזיקן לייכטער האָט געשענקט דער שול ד״ר. שמחה מנחם מיונה (Emanuel de Jona), הויף־דאָקטאָר פונם קעניג יאַן סאָביעסקי. דען פאַרוואָס טאַקע זאָל ער האָבן פאַרגעסן אין דער „אַלטער״ שול, ווען ער האָט דער „נייער״ געגעבן כּמתנה אַ אומגעהויער־גרויסע מנורה פון פּראַכטפולער אויס־אַרבעטונג. און באמת זעען מיר אין דער ט״ז־שול, ביים ארון־קודש, אַ זייער גרויסע מנורה, געגאָסן אין ברעסלוי אינם יאָר 1689, וועלכע עס האָט מנדב געווען דער „געלערטער און דאָקטאָר פונם קעניג



ס א מעשענער רעפלעקטער (וואנט־לייכטער) אין דער גרויסער שטעטישער שול אין לעמבערג מיט די סימנים פון דער פויליִשער מלוכה און דעם הערב פון מלך סאָביעסקי (זע זייט 68).

7. די קונע אין דער פאָרשטעטישער שול אין לעמבערג און אין איר איינגעשלאָסן א ייד פון דעם 18טן יאָרהונדערט (פון דער זאמלונג פאווליקאָווסקי, היינט אין ד״ר ביבליאָטעק אָסאָלינסקי אין לעמבערג).



8. די אַלטע שול אין קראָקע, די עלטסטע שול אין פּוילן (14 יאָרהונדערט).



9. די פעסטונגסשול אין לובאָמל (וואָלין), 17 יאָרהונדערט.

יאַן כאָביעסקי, דר. שמחה מנחם בן ר׳ יוחנן ברוך מיונה״. לויט אַ געַ-ווייסער לעגענדע, איז די דאָזיקע מנורה געגאָסן געוואָרן פון איינעם ביי די טערקן אונטער ווין ערֹאָבערטן האַרמאַט, וואָס ער האָט באַקומען געשענקט פונם זיגרייכן מאָנאַרך. היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, איז שווער אויסצופאָרשן, צי האָט דער מעש פון דער דאָזיקער מנורה באמת געשטאַמט פון אַ טערקישן האַרמאַט. דאָס, אָבער, איז אַ פאַקט, אַז דר. שמחה מנחם איז געוועזן הויף-דאָקטאָר פון יאַן סאָביעסקי, כאָטש אייניקע היסטאָריקער לייקענען אָדער פאַרשווייגן דאָס.

ר׳ שמחה מנחם איז געווען אַ זון פונם באַוווּסטן דאָקטאָר יוחנן ברוך און אַן אייניקל פונם דעסגלייכן באַרימטן לעמבערגער דאָקטאָר, שמחה מנחם מיונה. וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט „מיונה״, איז שווער צו דערגיין. דער ערשטער אַרויסגעבער פון די לעמבערגער מצבות-(נוסחאות) גבריאל סוכיסטאָוו 1), קוקנדיק מיט זיין ווילדער פאַנטאַזיע אויף דער מצבה פונם דאָזיקן מאַן, אויף וועלכער עס זענען אויסגע-קריצט צוויי פיש, וויל זען אינם דאָזיקן נאָמען אַן אָפּשטאַמונג פון יונה הנביא. די דאָזיקע השערה פון סוכיסטאָוו איז אין דער יידישער גאַס אָנגענומען געוואָרן, און אַלע שפּעטעדיקע שרייבער (ר׳ שלמה בובער 2), דר. יחזקאל קאַראַ 3), א. א. וו.) חזרן זי איבער אָן באַוואָרעניש. באמת אָבער באַצייכנט וואָרשיינלעך דאָס וואָרט מיונה די שטאָט, פון וואַנען די דאָזיקע פאַמיליע האָט געשטאַמט. דאָס דאָזיקע אָרט ליגט אין דרום-פראַנקרייך און הייסט Yonne.

אין די מעטריקעס פון דער פאַדוער אוניווערזיטעט 4) אין דעם יאָר 1640 זעען מיר אין דער רשימה פון די ניי-אָנגענומענע סטודענטן דעם נאָמען יאָנאַ דע יאָנאַ (יונה מיונה), וואָרשיינלעך דער פאָטער פון אונזער שמחה מנחם, דער שפּעטערדיקער דר. יוחנן ברוך מיונה. נאָכן ענדיקן די שטודיען האָט ער זיך באַזעצט אין זיין היימשטאָט,

1) מצבת קודש, העפט 4.

2) אנשי שם.

3) Geschichte der Juden in Lemberg.

4) Ks. Warchał: Żydzi na Uniwersytecie w Padwie, kwartalnik dla historji Żydów w Polsce, zeszyt III z 1913 r.

אין לעמבערג, און האָט חתונה געהאַט מיט אַקסאַ, אַ טאָכטער פון אַ צווייטן לעמבערגער דאָקטאָר, מנחם צונספּאָרט 1). פון דער דאָזיקער פרוי זענען געבוירן געוואָרן פינף קינדער: איין טאָכטער, חיה, און פיר זין: אליעזר, יעקב, יוסף און שמחה מנחם אָדער עמנואל. אַלע האָבן דעם צונאָמען מ י ו נ ה און אַלע, אויסער יוספן, זענען געווען באַוווּסטע לעמבערגער דאָקטוירים. ווי אליעזר האָט געענדיקט די שטודיען, איז אונז אומבאַקאַנט, מיר ווייסן בלויז, אַז ער האָט אין לעמבערג פיל פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר, און אַז ווען ער איז אין 1672 „בחצי ימיו״ געשטאָרבן 2), האָט זיין טויט באַקלאָגט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג.

דער צווייטער זון פון דר. יוחנן ברוך, י ע ק ב מ י ו נ ה, האָט שטודירט אין פּאַדואַ, ווו ער איז דעם 30-טן נאָוועמבער 1678 אויפגענומען געוואָרן אין קאָלעגיאָ וועגעטאָ. נאָך צוויי-יעריקע שטודיען האָט ער זיך אין יולי 1679 צוגעשטעלט צום דאָקטאָר-עקזאַמען, צו וועלכן ער איז אויך (צוזאַמען מיט זיין לעמבערגער חבר, לוי ליבערמאַן) צוגעלאָזן געוואָרן. דער פּראָטעקטאָר, פאַרשטעלנדיק יעקבן דעם פּאָרזיצנדן פון דער עקזאַמען-קאָמיסיע, רופט אים אָן: „הער יעקב יונה, זון פון עקסעלענץ הער יונה״, וואָס עס ווייזט בפירוש אויפן אַקאַדעמישן טיטול פון זיין פאָטער. נאָכן ענטפערן אויף אַלע געשטעלטע פראַגן, האָבן ביידע קאַנדידאַטן באַקומען דאָקטאָראַטן פון פילאָזאָפיע און מעדיצין. ביידע האָבן זיך באַזעצט אין לעמבערג, ווו זיי האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע מעדיצינישע טעטיקייט 3). אָבער עפּעס אַ שלעכט מזל האָט פאַרפאָלגט די פאַמיליע מיונה, דען אויך דר. יעקב איז עלף יאָר נאָכן באַקומען דעם דאָקטאָר-דיפּלאָם אין 1688 „בחצי ימיו״ קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און איז נקבר געוואָרן לעבן זיין ברודער דר. אליעזר (מצבה נ״ר 298). נאָך פריער – אין 1666 – איז געשטאָרבן זייער מוטער (מצבה נ״ר 301), און אין 1669 – דער פאָטער, דר. יוחנן ברוך. אין

---

1) מצבה אויפן אַלטן בית-עלמין נומער 301.

2) מצבה-נוסח לויט בובערס אנשי שם, נומער 73.

3) באַלאַבאַן: Die Jüdenstadt Von Lublin, זייט 70.

Ex bibl. univ. Tart.

דער צווישן-צייט איז אויך געשטאָרבן זייער איינציקע שוועסטער (מצבה נ"ר 303), אַזוי, אַז פון דער גאַנצער פאַמיליע זענען נאָר פאַרבליבן אונזער דר. שמחה מנחם און זיין ברודער יוסף, אַ סוחר אין לעמבערג.

שמחה מנחם האָט געענדיקט זיין שטודיום אויך אין פּאַדואַ, וווּהין ער איז אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1664. נאָכן חתונה-האָבן מיט נעשע, אַ טאָכטער פונם געלערנטן ר' פּתחיה, האָט ער אויך אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר אין לעמבערג און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן שטאַרק אָנגעזען. נאָכן טויט פון פאָטער און די ברידער פאַרברייטערט ער זיין מעדיצינישע פּראַקטיק, דערביי אָבער פאַרנאַכלעסיקט ער נישט זיינע בירגערלעכע פליכטן און לייגט-צו פיל מי, אויפצוהויבן גייסטיק און מאַטעריעל זיין קהלה. און שווערע צייטן האָט דאַן די לעמבערגער יידישע קהלה געהאַט דורכצומאַכן. נאָך דער שרעקלעכער קאָזאַקיש-טאָטערישער מלחמה, נאָך מער מאָליקע באַלאַגערונגען בעת וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען. אין די יאָרן 1663 און 1664 חזרן זיך כּסדר איבער די אָנפאַלן פון דער האַנטווערקער-יוגנט און די יעזואיטישע שילער אויפן יידישן קוואַרטאַל. דער אָנפאַל, אָדער די אַ. ג. שילער-געלייף פונם 12-טן יוני 1664, איז געווען באַזונדערס בלוטיק, דען עס זענען אומגעקומען 129 נפשות און אַלע דריי שולן און אויך דער גרעסטער טייל הייזער זענען צערויבט און אויך זאָגאַר געגנצלעך פאַרניכט געוואָרן, אויף דער יידישער גאַס האָט געהערשט נויט און דאָס פאָרשטעטישע יידישע פערטל (קהלה קדושה מחוץ לעיר) האָט כּמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. זייט די קאָזאַקישע און טאָטערישע מלחמות האָבן די יידן מורא געהאַט אומצוקערן זיך אין די וווינונגען אויף די פאָרשטעט און זיך געדרענגט אין די ענגע און פינצטערע הייזער פונם יידישן קוואַרטאַל אין שטאָט. אויך די אַנטלאָפענע פון די שכנותדיקע שטעטלעך האָבן זיך יעצט באַזעצט אין שטאָט און נאָך פאַרגרעסערט די ענגשאַפט. די געלט-מיטלען פון דער קהלה זענען געווען ערשעפּט; בכדי צו צאָלן דעם שונא בעת די באַלאַגערונגען אויסקויף-געלט, האָט זיך געמוזט די קהלה זייער פאַרשולדיקן און ס'איז נישט געווען פון וואַנען צו באַצאָלן די הויכע פּראָצענטער 1).

---

1) Bałaban: Dzielnica Żydowska, Lwòw 1909, Str. 32 i nast.

און אָט אין דער דאָזיקער שווערער צייט זעען מיר אונזער דר. שמחה מנחם צווישן די ראשי הקהל, העלפנדיק מיט ראַט און טאַט זיינע פּאַראַפימטע און נויט-ליידנדע ברידער. און געהאַט האָט ער דערצו פיל מעגלעכקייט, דען דער רום פון זיינע דאָקטאָרישע פעיקייטן האָט דער-גרייכט ביז צום קעניגלעכן הויף, און דער מלך יאַן סאָביעסקי האָט אים אַרויסגערופן קיין זשולקעוו, בכדי צו געפינען ביי אים היילונג פאַר זיינע שמערצן. סאָביעסקי איז זייט אַ לענגערע צייט קראַנק געווען, עס איז נישט געווען קיין חודש אין די יאָרן 1670 און 1671 אָן שווערע נאַקן- און קאָפּ-ווייטיק, פון וועלכע ער האָט כסדר און שרעקלעך געליטן. אַלעמאָל האָבן זיך אים געמאַכט געשווירן אין האַלז, דאָ ווידער ווייטיק אין פינגער פונם רעכטן פוס, היץ און העכסט-געפערלעכע שלאָפלאָזיקייט. צו דעם האָט זיך נאָך צוגעטשעפעט אַ בייזהאַפטיקע אויגן-קרענק. נישט קיין וווּנדער אַלזאָ, אַז וואָס אַמאָל האָט מען אַרויס-גערופן אַנדערע דאָקטוירים: ברוין, פּאָליציאַני לאַסיאָס און דעם ענגלענדער דאָקטאָר קאָנאָר 1). זיי אַלע האָבן געטון, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, אַבי צו פאַרלייכטערן דעם קעניג די שמערצן. סאָביעסקי איז געווען אַ שלעכטער פּאַציענט, גרינגגעשעצט די אָנווייזונגען פון די דאָקטוירים, און גיכער געגלויבט, עס קאָן אים באַפרייען פון די צרות די „פּאַננאַ מאַריאַ״ פון טשענסטאָכאָוו. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען אַרויסגערופן דעם דר. שמחה מנחם און ער האָט, זעט אויס, געקאָנט דעם קעניג צופרידנשטעלן, קודם האָט מען אים וואָס אַמאָל אַלץ עפטער אַרויסגערופן און נאַכהער אים געהייסן זיך אינגאַנצן באַזעצן אין זשולקעוו, בכדי אים צו קאָנען האָבן אויפן אָרט צו יעדן פאַרלאַנג.

דאָס באַשטימען דר. שמחה מנחם אַלס הויף-דאָקטאָר האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין אָנזען ביי יידן, און ווען ער האָט זיך נאָכן טויט פון יאַן סאָביעסקי אומגעקערט קיין לעמבערג און צוריק באַזעצט אין זיין הויז אויף דער יידישער גאַס (נומער 19) האָט מען זיך צו אים פון אַלע זייטן געווענדט וועגן הילף און עצות. די יידישע קהלה

1) Luniński: Wspominki, str. 37 i nast. (Ostatnie chwile Jana III).

האָט אין אים געזען „איר נשיא און איר מנהיג”, און באַשטימט פאַרן משגיח איבערן צדקה-געלט פאַר ארץ-ישראל און ווילט אים אויך אַלס פרנס צו די ועדי מדינה און צום ועד ארבע ארצות. דער רום פון דר. שמחה מנחם האָט ווייט איבערגעשריטן די מויערן פון לעמבערג און איר סביבה. אַזוי האָט אים אין יאָר 1699 דער ועד ארבע ארצות געוויילט פאַר דעם פרנס, ד. ה. פאַר דעם פאַרטרעטער פון דער גאַנצער פוילישער יידנשאַפט. אויפן דאָזיקן פאָסטן האָט ער באַוויזן פיל אויפצוטון פאַר זיינע ברידער, און דאָס אַדאַנק זיין באַקאַנטשאַפט און נאָענטע באַציונגען מיט איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן נאָך פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ דאָקטאָר ביי „דעם פאַרשטאָרבענעם הער און קעניג”. אין דער צייט פון זיין פרעזידירן האָט דער ועד ארבע ארצות אַנטשיידט דעם אַלטן סיכסוך צווישן די יידישע דרוקערייען. קיין פוילן איז — אונטער סאָביעסקיס פראָטעקציע — געקומען דער באַרימטער אַמשטערדאַמער מדפיס ר׳ אורי פייביש הלוי, און האָט זיך אין יאָר 1693 באַזעצט אין זשולקעוו. צוליב דעם, וואָס ער האָט געדרוקט שיין און אויף גוט פאַפיר, האָט דאָס אַרויסגערופן קעגן אים ביידע העברעישע דרוקעריי-אייגנטימער אין פוילן, נעמלעך פון קראָקע און פון לובלין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָסטבאַרער און פאַרעקשנטער פראָצעס, אַדאַנק וועלכן די ניי-געגרינדעטע דרוקעריי האָט נישט געקאָנט אַנטוויקלען קיין געהעריקע טעטיקייט. דער ועד ארבע ארצות האָט פעסטגעשטעלט אַ אַרבעט-נאָרמע פאַר אַלע דריי דרוקערייען, באַשטימענדיק פאַר יעדער איינציקער דאָס רעכט אָפצודרוקן יערלעך 700 בויגן אויסער קאַלענדאַרן און אַנדערע קלענערע דרוק-זאַכן 1).

יוען אין יאָר 1701 איז אין זשולקעוו אויסגעבראָכן אַ סיכסוך צווישן די מיטגלידער פון דער קהלה, און עס האָט געדראָט, אַז די יידישע איינהייט זאָל צעקלאַפּט ווערן, האָט זיך די קהלה געווענדט צו אונזער דאָקטאָר, ער זאָל מיט זיין אויטאָריטעט באַרויקן די צעהיצטע געמיטער. און אָט גיט ער אַרויס אַ קול-קורא צו די זשולקעווער יידן, אין וועלכן ער מאַכט אויפמערקזאַם אויף די מחרחרי ריב און וואָרנט פאַרן פירוד, וועלכער דראָט דער קהלה, אויב דער סיכסוך זאָל נישט

1) בובער: קריה נשגבה, זייט 105, דאָקומענט 24.

געמילדערט ווערן. „מיין נשמה האָט אַ ציטער געטון צוליבן געשריי, — לעזן מיר אינם איפרוף, — מיין האַרץ וויל זיך דערוויסן, ווער איז עס דער, וועלכער האָט געוואַגט פּורץ גדר צו זיין און צעברעכן דאָס, וואָס איז זייט יאָרהונדערטער געשטעלט אויף די בעסטע יסודות. עס איז קיין ספק נישט, און די ציקונפט וועט עס ווייזן, אַז דער דאָזיקער מענטש וועט געניסן די פּרוכטן פון זיינע מעשים, עס וועט קומען אויף אים אַ נקמה פון שווערד און הונגער, און זיין נשמה וועט פאַרביטערט ווערן. איך וויל אָבער נישט קיין נקמה און למען השלום שטעל איך אויף מיין אויער אויסצוהערןביידע צדדים. און באַטראַכטן דעם סיכסוך״...

אין ווייטערדיקן טייל פאַררופט זיך דר. שמחה מנחם אויפן איינאָריטעט פון די כתבי הקדש און רופט די ווידערשפעניקע, זיך אונטער צו געבן דעם באַשלוס, וועלכן ער האָט אָנגענומען צוזאַמען מיטן פריערדיקן זשולקעווער רב ר׳ ישכר בער, וועלכער האָט יעצט פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין קרעמזיר אין מעהרן. פאַר זיין אונטערשריפט שטייט דער טיטל: אָט דאָס זענען די ווערטער פונם באַרימטן, געלערנטן פירשט און מאַגנאַט, דעם שטאַרקסטן צווישן אַלע דאָקטורים פאַרן גוף און דער נשמה... אינם טאָג, ווען דער אויבערשטער האָט צוויי מאָל געזאָגט „כי טוב״, ד. ה. דינסטיק, י״ב כסלו תס״א (1701). (כה דברי המרומם התורני הקצין והנדיב אביר הרופאים רפואת הנפש והגוף החותם היום יום שנאמר בו פעמיים „כי טוב״ י״ב כסליו תס״א לפ״ק). נאָכדעם קומט די אונטערשריפט: „הקטן שמחה מנחם בן ר׳ יוחנן ברוך מיונה, דאָקטאָר״ 1).

דער אויפרוף פון דר. שמחה מנחם האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער זשולקעווער קהלה. דער ועד מדינה פון די רוסישע יידן, וועלכער האָט זיך אין דער זעלבער צייט געהאַט פאַרזאַמלט אין זשולקעוו, האָט זיך אויך פאַרנומען מיטן דאָזיקן ענין און האָט אַרויסגעגעבן אַן ענלעכן באַשלוס, פאַררופנדיק זיך אויפן פסק פון די רבנים און „זאָגאַר אויף דער דעציזיע פונם הקצין והטפסר, דעם באַוווסטן דאָקטאָר ר׳ שמחה״ 2).

1) זע, ,,די אויבן, № 30. ז׳ 118.

2) דאָרט 29

דעם כבוד, וועלכן מען האָט אים אין די יידישע ספערן אָפּגע-געבן, פּאַרדאַנקט דר. שמחה מנחם נישט אַזוי פיל זיין מעדיצינישער וויסנשאַפט, וויפל זיינע ידיעות אין תלמוד און נושאי כליו. די רבנים פונם אַכצנטן יאָרהונדערט, ווי ר׳ יחזקאל לאַנדוי פון פּראָג אין זיין ספר „נודע ביהודה״ און פון די שפּעטערדיקע ר׳ עקיבא איגר, פאַררופן זיך אויף זיינע מיינונגען אין עניני התלמוד, און דער באַוווסטער צדיק און בעל-מופת, ר׳ יואל בעל-שם-טוב פון זאַמאָשטש, דערציילט אין ספר „מפעלות אלקים״, אַז פיל פון זיינע רפואות פאַרדאַנקט ער דעם געלערטן, דר. שמחה מנחם. דעם דאָזיקן ר׳ יואלן האָט מען אין סוף פונם 17-טן יאָרהונדערט אַרויסגערופן קיין פויזן, אַרויסצוטרייבן אַ שד פון אַן אַלטן הויז אויף דער יידישער גאַס (קב הישר ז׳ 34 — 233).

דר. שמחה מנחם האָט געוווינט אין לעמבערג אין זיין אייגן הויז אויף דער יידישער גאַס (בלאַכאַרסקאַ 19), וועלכעס ער האָט אַליין זיך געלאָזט אויפמויערן. דאָס דאָזיקע הויז האָט מען דעריבער גערופן: די דאָקטאָרישע מויער, אויף יידיש: ד״ר שמחהס הויז. ווער עס איז געווען דער בוי-טעכניקער פונם דאָזיקן הויז, וועגן דעם שווייגן די דאַמאָלסטיקע אַקטן. דער שטח פון דער געביידע איז געווען אַ שמאָלער, זי האָט געהאַט בלויז 2 פענצטער (ווי פיל אַנדערע דאַמאָלסטיקע הייזער) און געהאַט צוויי שטאָק. דער פאָדערשטער טייל איז געווען זייער סטילהאַפט אויסגעפירט און האָט ביים ערשטן בליק זיך אונטערגעשיידט פון אַלע אַנדערע הייזער אויף דער יידישער גאַס. אַ ברייטע איינגאַנגס-טיר אין רענעסאַנס-סטיל, מיט אַ פאָרטאַל פון שטיין האָט געפירט אין אַ שיין, העל פאָדער-הויז 1), באַצירט מיט שיינע וועלבונגס-ריפּן און ראָזעטן 2). מאָנומענטאַלע שטיינערנע טרעפּ האָבן געפירט אין די צימערן אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק, ביידע צו צוויי פענצטער. דעם כאַראַקטעריסטישן פראָנט פון דעם הויז האָבן באַצירט פאַרשידענע שניצערייען איבער די פענצטער 3). אַ באַזונדערע באַצירונג זענען געווען די שטיינערנע פיגורן, וועלכע האָבן אונטערגעשפּאַרט די באַלקאָנען 4).

---

1) Bałaban: Żydzi Lwowscy, ryc. 183

2) דאָרט, בילדער 47, 48.

3) דאָרט, בילד 49.

4) דאָרט, בילדער 42—46.

אָט אין אַזאַ פּאַלאַץ האָבן געוווינט דר. שמחה מנחם מיט זיין פרוי ביזן יאָר 1693, דען אינם דאָזיקן יאָר איז זיין פרוי געשטאָרבן [1], און ער איז אַרויסגעפאָרן קיין זשולקעוו אויפן קעניגלעכן הויף. נאָך סאָביעסקיס טויט איז ער צוריקגעקומען קיין לעמבערג, נאָך אַמאָל חתונה געהאַט און שוין אין יאָר 1697 געפייערט די געבורט פון זיין זון יעקב.

נישט לאַנג אָבער האָט ער זיך געפרייט מיט דער פרוי און דעם קינד, דען שוין דעם 28־טן מערץ 1702 האָט ער פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק און איז נקבר געוואָרן אויפן אַלטן לעמבערגער בית־עלמין, לעבן זיין פאָטער, מוטער, ברידער, שוועסטער און זיין ערשטער פרוי. אויפן קבר איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן פאָלגנדער נוסח:

נטמן פה הרב הראש והנגיד בישראל
הקצין המפורסם בדורו הרופא מומחה לרבים
ידו פתוחה לעניים ודלים
גבאי צדקה ומרא דאתרא ירושלים
ה״ה הש״ר מוהר״ר שמחה מנחם
בי מוהר״ר יוחנן ברוך מיונה זצללה״ה
תנצב״ה [2].

אין דריי יאָר אַרום איז באַגראָבן געבאָרן לעבן פאָטער דער נאָך יונגער, קוים אַכט־יעריקער, זון יעקב [3], וועלכער איז וואָרשיינלעך געווען זיין איינציקער בן־זכר, און אין יאָר 1712 — דער ברודער פון שמחה מנחם, יוסף [4]. לעבן יוספן ליגט אויך זיין טאָכטער אַקסאַ, וועלכע איז געשטאָרבן אין 1715. [5] קיין שום אַנדערע נאָכפאָלגער פון דער דאָזיקער פאַמיליע באַגעגנען מיר נישט, נישט אין די אַקטן און נישט אויפן בית־עלמין, און דער איינציקער זכר נאָך איר איז —

1) נוסח המצבה 266
2) מצבת קודש חלק ד׳ נ״ר 10. פון דאָרט אָפּגעדרוקט ביי בובער; אנשי שם נ׳ 544.
3) מצבה 295.
4) מצבה 185.
5) מצבה 186.

אויסער די מצבות — די אויבנדערמאָנטע פראַכטפולע מנורה אין דער טורי־זהב־שול אין לעמבערג.

„דאָקטאָר שמחהס הויז” איז געשטאַנען העכער צוויי הונדערט יאָר, ווערנדיק וואָס אַמאָל אַלץ מער חורבה. אינם יאָר 1767 האָט עס געהערט צו ישראל בן יוסף, דעם פעטער פון די קהלישע שטייערן. ער האָט עס וואָרשיינלעך צוגעבויט אַ דריטן שטאָק און ווי אויף אַ חוזק האָט ער געלאָזט מאַכן דריי פענצטער, בעת די נידריקע שטאָקן האָבן געהאַט בלויז צו צוויי. אין אונזערע צייטן האָט די געביידע מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון רואין און אונטערגאַנג. די גזימסן צעהאַקט, די טרעפּ און די גאַלעריע פאַרניכט, און די אומאָרדענונג און דער שמוץ זענען געווען אַן אומבאַשרייבלעכער קאָנטראַסט צו די שלאַנקע זיילן און הערלעך־געשניצטע שטיינער.

די לעצטע ווירטן פון דעם הויז (פרוי סאַס) האָט געפירט אַ מלחמה מיט די אַמטלעכע פאַרוואַלטער איבער די היסטאָרישע אַלטער־טימלעכקייטן, ווענדיק פאַר יעדן פרייז דאָס דאָזיקע הויז איבערבויען און מאָדערניזירן. זי האָט אַפילו — נישט־פרעגנדיק ביי קיינעם — געלאָזט אויסהאַקן אַ דריט פענצטער אויףביידע שטאָק און אַזוי אַרום פאַר־ניכט די גאַנצע פראָנט־סימעטריע פון דער געביידע. די אַמטלעכע אַלטערטימלעכקייט־קאָנסערוואַטאָרן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם שפּעט, ווען די גזימסן פון די פענצטער זענען שוין געלעגן אויפן הויף און דער פאָליציאַנט האָט נאָר געקאָנט אַכטונג געבן, אַז מ׳זאָל די וייטער־דיקע טיילן פון דער מויער נישט צוצעהאַקן. די בעלי־הביתטע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן קלוגער פון די באַאַמטע און זעענדיק, אַז עס איז נישטאָ קיין עצה, האָט זי מודיע געווען דעם בוי־אַמט, אַז דאָס הויז פאַלט איין. אויף דעם אַרויף האָט זי באַקומען אַן ערלויבניש עס צו־צענעמען. אַזוי אַרום איז אין יאָר 1906 פאַרשוווּנדן געוואָרן אַ הערלעכע היסטאָרישע געביידע און אויף איר אָרט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ניי־מאָדיש לאָקאַטאָרן־הויז. קורץ דערנאָך זענען אויך אַנדערע הייזער פון דער בלאַכאַרסקע גאַס צונומען געוואָרן און דער גאַנצער שטח דערמאָנט נישט מיט גאָרנישט די אַלטקייט אָדער דעם היסטאָרישן כאַראַקטער פון דער אַמאָליקער אַלטערטימלעכער יידישער גאַס.

ווען מען האָט אין יאָר 1914, אוממיטלבאַר פאַר דער מלחמה,

באַנייט און מעתּיק געווען די מצבות אויפן אַלטן לעמבערגער בית־עלמין, האָט מען געפונען אַ גאַנצע גרופּע מצבות פון דער פאַמיליע „מיונה״ און אויף אַזאַ אופן דערוועקט דעם זכר פון באַרימטע און פאַרדינסטפולע מענער.

בצלאל בן הקדוש ר׳ נתן

דער מוכסן אין דער רייסישער מדינה

ר׳ מתתיהו שטראַשון, דער גרינדער פון דער באַרימטער יידישער ביבליאָטעק אין ווילנע, דערציילט אין זיינע הוספות צו דער „געשיכטע פון די ווילנער יידן“ 1), אַז ער האָט אין עפּעס אַן אַלטער כראָניק געפונען פאָלגנדע נאָטיץ: „אַ מאַן איז געווען, געהייסן האָט ער בצלאל, וועלכער האָט נושא חן געווען אין די אויגן פון קעניג יאַן סאָביעסקי און געהערט צו די, וועלכע האָבן געהאַט אַ צוטריט צו זיין פּאַלאַץ. די פּאָליאַקן האָבן אים גערופן: דער צווייטער מרדכי און אויך די קעניגין האָט זיך צו אים זייער גינסטיק באַצויגן“.

פיל יידישע הויף-פּאַקטאָרן האָט יאַן סאָביעסקי געהאַט, מער אפשר ווי זיינע אַלע פאָרגייער אויפן פוילישן טראָן. דער טיטול „פּאַקטאָר“ איז אין דער צייט פון דער דאַמאָלסטיקער אומטאָלעראַנץ געווען דער העכסטער, וועלכן אַ ייד האָט געקענט דערגרייכן. די גרעסטע עשירים האָבן זיך באַמיט דעם דאָזיקן טיטול צו באַקומען, ווייל דאָס האָט זיי ווייניקסטנס כאָטש געגעבן די זיכערהייט פון לעבן און פאַרמעגן. דער הויפישער אָדער קעניגלעכער פּאַקטאָר האָט זיך געפונען אונטער דער שוץ פונם הויף-מאַרשאַלעק און נור פאַר אַ הויף-געריכט האָט ער זיך באַדאַרפט שטעלן, אויב עס האָט אים ווער תּובע לדין געווען. פּאַקטאָרן זענען געווען די יידישע עשירים פון ווין, וועלכע האָבן פינאַנסירט די מלחמות מיט די טערקן: ר׳ שמואל אָפּענהיימער און ר׳ שמשון ווערטהיימער. דער לעצטער איז געווען הויף-פּאַקטאָר נישט בלויז פונם דייטשן קייסער (אָבערהאָפפאַקטאָר), נור אויך פון די פּוילישע קעניגן. פון די פּאַקטאָרן פון יאַן סאָביעסקי זענען אונז באַוווּסט: הערמאַן בן

1) פין: קריה נאמנה, זייט 302.

שלמה,ביינוש בן אַברהם דער קראָקעווער יצחק בן לוי, אברהם בן נתן הרבי און פיל אַנדערע. דעם 16-טן יוני 1675 האָט יאַן סאָביעסקי נאָמינירט אין יאַוואָראָוו דעם קראָקעווער ייד יוחנן פּאַצאַנאָווסקי אַלס זיין „servitor", וואָס איז ווירדיק צו דינען אין דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ" 1).

די דאָזיקע קעניגלעכע פּריווילעגיע פאַר יוחנן האָט איבערגעחזרט אַנדזשיי פון סקשיננא דונין קאַרוויצקי, געהילף-סטאַראָסטע פון קראָקע, באַקאַנטמאַכנדיק „פאַר אַלע און פאַר יעדן באַזונדער", אַז פּאַצאַנאָווסקי געהער אויסשליסלעך דער יוריסדיקציע פון דעם קעניגלעכן מאַרשאַלעק 2).

לעבן די דאָזיקע טיטולאַר-פאַקטאָרן איז געווען איינער, וועלכער איז באמת געשטאַנען נאָענט צום קעניג און אויסגעפירט באַנקירישע פונקציעס אויף זיין הויף. דאָס איז געווען ר׳ יעקב בצלאל בן-ר׳ נתן, אָדער, ווי מ׳האָט אים גערופן, בצלאל. פון וואַנען דער דאָזיקער בצלאל האָט געשטאַמט, איז נישט באַוווּסט, דאָס בלויז קענען מיר באַשטעטיקן, אַז זיין פאָטער איז ערמאָרדעט געוואָרן בעת די קאָזאַקישע מהומות און מען האָט אים דערפאַר אָנגערופן מיטן נאָמען הקדוש, ד. ה. ער איז אומגעקומען על קידוש-השם. בערך 1685 האָט זיך בצלאל באַזעצט אין זשולקעוו און דאָ האָט ער באַקומען חזקה אין דער יידישער קהלה. י׳ תמוז האָבן זיך אונטער דעם פאָרזיץ פון זייער רב, ר׳ הלל בן-נפתלי, פאַרזאַמלט די ראשי ומנהיגי הקהל פון זשולקעוו און דאָרט אונטערגעשריבן דעם חזקה-אַקט פאַרן „האלוף הקצין מוהר״ר בצלאל, זון פונם קדוש ר׳ נתן", נעמענדיק דערביי ביי אים אַ פאַרפליכטונג, אַז ער אַנטזאָגט זיך פון אַלע פריוועלעגיעס פונם קעניג אָדער פונם ועד ארבע ארצות, וועלכע זענען סותר די רעכט פון דער יידישער קהלה; אַז ער וועט צאָלן אַלע קהלה-שטייערן און וועט ערפילן אַלערליי פליכטן, צוגלייך מיט דער גאַנצער זשולקעווער יידישער באַפעלקערונג. און פריווילעגיעס האָט בצלאל געהאַט אַ סך. קודם-כל איז ער אַלס קעניג-לעכער פאַקטאָר, געווען אַרונטערגעוואָרפן אַ באַזונדערער יוריסדיקציע, מען האָט אים נישט געטאָרט צוציען צו מאַטעריעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט

1) Relationes cracovienses tom 101 str. 647 (שטאָטישער אַרכיוו אין קראָקע).

2) דאָרט, באַנד 112, זייט 1049.

פאַר די חובות, וועלכע ער איז שולדיק געווען דער קהלה. געוווינט האָט ער אין אַ קעניגלעך הויז, ד. ה. מחוץ דעם שטח פון דער יידישער גאַס, א. אַז. וו. אין באַצוג, אָבער, צו זיינע ברידער האָט בצלאל נישט געוואָלט געניסן פון די דאָזיקע פריווילעגיעס און האָט זיך פון זיי אַנטזאָגט, ווען מען האָט פון אים דאָס געפאָדערט. דערפאַר האָט מען אים קורץ נאָכדעם געוויילט אַלס גבאי פון דער גרויסער שול און אין יאָר 1689 — זאָגאַר אַלס ראש וראשון פון דער זשולקעווער קהלה 1).

בצלאל האָט אָנגענומען די דאָזיקע כּיבודים. האָט זיך מיט זיי, זעט אויס, געפרייט, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט אויסצופירן אַלע מיט די דאָזיקע אַמטן פאַרבונדענע פליכטן. דערפאַר האָט ער שוין ביי דער וואַל זיך אויסגענומען, אַז עס וועט אים ערלויבט זיין זיך צו לאָזן פאַרטרעטן דורך זיין איידעם ר' העניך, אויב ער זעלבסט וועט זיין פאַרנומען. און נור דאַן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וויכטיקערן ענין, וועגן אַ אינטערווענץ ביים קעניג אָדער הויכ-געשטעלטע פריצים, איז ער מחויב אַליין צו גיין. זיין אינטערווענץ האָט די זשולקעווער קהלה וואָרשיינלעך צו פאַרדאַנקען די פריווילעגיעס אויף צו בויען די נייע שול אין יאָר 1687 און די באַשטעטיקונג דערצו פונם לעמבערגער אַרציביסקופּ ליפּסקי פון יאָר 1692. און באמת שטייט שוין קעגן ענדע פונם 17-טן יאָרהונדערט די פּרעכטיקע און באַ-פעסטיקטע זשולקעווער שול, וועלכע איז ביזן היינטיקן טאָג אַ צירונג פאַר דער קהלה און דער שטאָט. און אַרום דער דאָזיקער שול האָט זיך גרופּירט דאָס יידישע לעבן, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַזוי רירעוודיק און פיל-פאַרביק. דאָ האָט אין שכנות פונם קעניג, זיינע הויף-לייט און אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן געוווינט דער יידישער דאָקטאָר שמחה-מנחם מיונה, דאָ האָט פאַרלייגט זיין אַרבעטס-וואַרשטאַט דער אַמשטערדאַמער בוך-דרוקער, אורי-פייבוש הלוי, דער זיידע פון די העברעישע בוך-דרוקער מדפיס און לעטעריס אין לעמבערג און אין זשולקעוו.

בצלאל אַליין האָט נישט געקענט ווידמען פיל צייט דער נייער

1) ש. בובער: קריה נשגבה, זייט 9, 67 און צוגאָב ב' 28.

קהלה. זייער פיל עסקים האָבן אים פאַרהאַלטן אין לעמבערג, ווו ער האָט „רעזידירט" אין דער צאָל-קאַמער און קאָנטראָלירט די חשבונות און די הכנסות פון די צאָל-קאַמערן פון גאַנץ רייסן, פאָדאָליע און וואָלין. דען מיר דאַרפן געדענקען, און דאָס האָט אויך דערמאָנט אויפן סיים פון יאָר 1748 דער דעפוטאַט פון טשעכאַנאָווער קאַנט, ה׳ פולאַסקי, „אַז ווען בעת דער כסדרדיקער מלחמה מיט די טערקן האָבן פאָדאָליע און די אוקראַינישע וואָיעוואָדזטוועס גאָרנישט אימפּאָרטירט און די פינאַנץ-מיניסטאָרן האָבן אַריינגעבראַכט דעם מלוכה-אוצר קוים אַן ערך פון 300,000 גילדן, האָט זיך אויסגעצייכנט דער ייד בצלאל, און האָט פאַרגעלייגט אַ סומע פון פיר הונדערט טויזנט" [1].

דער פינאַנץ-מיניסטער האָט זיך דערפרייט מיט דער דאָזיקער אָפּפערטע און זייט דאַן אָן האַלט בצלאל בערך 15 יאָר אין אַרענדע די צאָל-שטייערן פון אַלע קאַמערן פון דרום-מזרחדיקן טייל פון פוילן און אַלס אַזעלכער קאָנטראָלירט ער די באַאַמטע און אינטענדענטן פון די דאָזיקע קאַמערן, גיט אַרויס קוויטונגען און נעמט אָב חשבונות. שוין דער טיטול זיינער באַווייזט, אַז ער פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן. „יעקב בצלאל, אַדמיניסטראַטאָר פון די קרוין-צאָלן פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט". די דורך אים אַרויסגעגעבענע דאָקומענטן האָבן דעם כאַראַקטער פון עפנטלעכע אַקטן: „איך, יעקב בצלאל, צאָל-אַדמיניסטראַטאָר פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט — לעזן מיר אין איינעם פון אַזעלכע דאָקומענטן פון יאָר 1688 [2] — בין מודיע די, וועלכע דאַרפן וועגן דעם וויסן, אַז פונם געאַכטעטן ה׳ מיקאָליי מיכאַלעוויטש, זיין פרוי און די יורשים פון פאַר-שטאָרבענעם עאוסטאַכי געאָרגעוויטש א. אַז. וו. א. אַז. וו. האָב איך איינ-געקאַסירט און אַמאָרטיזירט די צאָל-שטייערן, וועלכע זענען צו זיי איינ-געפלאָסן פון די אָריענטאַלישע סוחרים אין די נעבן-קאַמערן פון קלעמענטאָוו, האָראָדין, שניאַטן, טשערנאָביל, לוצק און אַנדערע, וועלכע זיי האָבן געהאַט אין אַרענדע אין די יאָרן 1680 און 1681. אַזוי איז געשען אין דער לעמבערגער קאַמער, אין מיין צאָל-רעזידענץ, דעם 14-טן יאַנואַר 1688".

1) Konopczyński Dyaryusz Sejmowy .י 1748, זייט 97.

2) סטאַטיסטער ארכיוו אין קראָקע, Relationes crac., tom 119 .ז 1492. —

אַן אַנדער מאָל באַשטעטיקט בצלאל 1), „אַז ער האָט ערהאַלטן פון ה׳ לוקאַש ווינקלער, סוב-אינטענדענט פון די קליין-פוילישע צאָלן, רשימות פון צאָל פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט, מלוכהשע אַסיגנאַציעס, חשבונות א. אַז. וו. אַנולירט אַלע פרעטענזיעס בנוגע דער צאָל-אַדמיניסטראַציע, וואָס ער באַשטעטיקט מיט זיין אונטערשריפט לעבן דער חתימה״...

די דאָזיקע הויכע שטעלע, וועלכע איז געווען באַזעצט דורך אַ ייד אין דער צייט, ווען אַנדערע יידן און בכלל אַנדערע נישט-קאַטאָליקן זענען געווען בלויז אומגלויביקע, אַבערגלויביקע, און געפאַלן צו די פיס פאַר אַיעדן, וועלכער האָט נאָר געהאַט דעם מוט אויף זיי דאָס מויל צו עפענען, איז געווען אַ וווּנדעבאַרע ערשיינונג. די רייסישע שליאַכטע, וועלכע האָט געררייזט איבערן גרענעץ-שליאַך, האָט געמוזט דעם ייד, אָדער זיינע משרתים, אויפווייזן, אַז זי פירט אייגענע סחורה, און די לעמבערגער מיעשטשאַנעס, וועמען מען האָט נישט איין מאָל ביי דער ראָגאַטקע קאָנפיסקירט די סחורות, פון וועלכע עס איז נישט געווען אָפּגעצאָלט קיין צאָל, פלעגן ווערן מלא כעס. אינם לעמבערגער ראַטהויז, אין די פריצישע שלעסער און אויף די שליאַכעצקע הויפן האָט מען דערציילט וועגן דעם דאָזיקן ייד אויסטערלעשע זאַכן. „ער זיצט זיך אין קאַמער און האַלט אַ קריסטוס-בילד אונטער דער באַנק. ווען עס פאָרט דורך אַ שליאַכטשיץ, נעמט ער אַרויס דאָס בילד, גיט עם צו שווערן דעריבער און דערנאָך וואַרפט ער עס מיט גרינגשעצונג צוריק אַרונטער אונטער דער באַנק״. די פאָלקס-מאַסע האָט גערן אין דעם געגלויבט, פאַרשטעלנדיק זיך, אַז דער דאָזיקער בצלאל — אַ מיליאָניקער עושר — זיצט אַליין ערגעץ אויפן „שליאַבאַן ביים שאָסיי״ און נעמט אָפּ גראָשנס פון די דורכפאָרנדע. און יעדן ייד, וועלכער האָט אָפּגענומען אַ גראָשן בריק- אָדער וועג-אָפּצאָל, האָט מען גערופן אַ „בצלאל״, אַזעלכן, וועלכער באַרייסט שרעקלעך דאָס גאַנצע לאַנד. די מאַגיסטראַטן פון די קעניגלעכע שטעט האָבן זיך אין איילעניש נאָכגעפרעגט דעם לעמבערגער מאַגיסטראַט, וואָס פאַר אַ מין מוראדיק יידל דאָס איז, און דער שטאָט-שרייבער פון לעמבערג האָט מיט שמערץ געענטפערט, אַז די דאָזיקע אומגלויבלעכע מעשיות, וועלכע ווערן פאַרציילט,

1) דאָרט, באַנד זייט 120, זייט 2340.

זענען אמת, און געבעטן אין נאָמען פון די „הערן ראַטמענער, לאַווניקעס און פערציק בייראַט-מיטגלידער" וועגן אַן עצה און הילף. אַלס ענטפער אויף דער דאָזיקער מיטטיילונג האָט דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט אויסגעדריקט זיין מיטלייד, „אַז אין פוילן איז שוין דער-גאַנגען דערצו, אַז אַ ייד האַלט אין אַרענדע די קעניגלעכע צאָלן און רייסט די הויט פון די לעמבערגער סוחרים. אין וואַרשע געשעען נישט אַזעלכע זאַכן, ווייל מען לאָזט צו אַזעלכעס באַצייטנס נישט צו" (1690). דעסגלייכן דער בירגערמייסטער און די מאַגיסטראַט-מיטגלידער פון פויזן דאַנקען פאַר דער ידיעה וועגן דעם דאָזיקן יידישן צאָל-אַרענ-דאַטאָר און זאָגן צו הילף און זיך משתדל זיין דאָרט, ווי מ׳ברויכט (פויזן 13 אַפּריל 1690. 1)

אַזוי האָט זיך גערודערט אין גאַנץ רייסן און זאָגאַר אין אַנדערע פוילישע פראָווינצן, און בצלאל — שטיצנדיק זיך אויף זיין פּראָטעקציע ביים קעניג און פינאַנסיעלע באַציונגען מיטן מלוכה-אוצר — איז זיך ווייטער געזעסן „אין זיין רעזידענץ אין דער לעמבערגער קאַמער" און אָפּגענומען רעכענונגען און געלט. עס האָט זיך אָבער אויף אים אָנגע-זאַמלט אַ שטורעם, וועלכער האָט, ווי אַ דונער, באַדאַרפט אַ זעץ טון אין זיין „אומגליקלעכן" קאָפּ.

אויפן גראָדנער סיים פון יאָר 1693 האָבן די דעפּוטאַטן באַרירט דעם דאָזיקן ענין און פאָרגעוואָרפן בצלאלן, אַז ער באַגנבעט דעם מלוכה-אוצר און מאַכט חוזק פון דער קריסטלעכער רעליגיע, האַלטנדיק אין זיין קאַמער אַ קרייץ אונטער דער באַנק. איינער פון די דעפּוטאַטן האָט דערציילט, אַז ווען מען האָט בצלאלן געפרעגט, פאַרוואָס ער וואַרפט זיך אַזוי מיטן צלם, זאָל ער האָבן געענטפערט, אַז „ער איז נישט מער ווערט". אַן אַנדערער דעפּוטאַט האָט דערמאָנט עפּעס אַן אַלטן חטא פון דעם יאָר 1685, ווען מ׳האָט בצלאלן באַשולדיקט, אַז ער האָט בשותפות מיט פּשעמישלער שמוקלערס באַגנבעט דעם מלוכה-אוצר אויף 4500 גילדן, און נאָך אַן אַנדערער דעפּוטאַט האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער ליטווישער הויף-מאַרשאַל קאַרל דאָלסקי, וואָס האָט געפּאַכטן ביי דער לעמבערגער קאַטעדרע די גיטער לעבן קאַמאַרנאָ

1) ארכיוו פון דער שטאָט לעמבערג, בריוו 20 און 27.



10. פּאָליש פון דער אַלטער שול אין קראָקע.



11. די צלטע שול אין קראָקע (פון אינעווייניק).

האָט „מיט באַליידיקונג פון דער קאַטוילישער קירכע" געוואַגט די דאָזיקע גיטער אָפּצודינגען בצלאלן 1). דער סיים האָט באַשטימט אַ באַזונדערע קאָמיסיע צום אויספאָרשן די גאַנצע זאַך. דער סיים איז אָבער, ווי פיל אַנדערע, איבערגעריסן געוואָרן און דער ענין-בצלאל איז ערגעץ-ווו פאַרפאַלן געוואָרן 2).

צי האָט בצלאל ווייטער געהאַלטן אין אַרענדע די רייסישע צאָלן, צי איז ער געווען אויף דער פריי, אָדער צי איז ער גאָר איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אַריין? אויף די דאָזיקע פראַגן איז שווער צו ענטפערן צוליבן מאַנגל אין אַרכיוואַלע דאָקומענטן. נאָך אין יאָר 1699 באַשליסט די רייסישע שליאַכטע אויפן סיימיק אין סאָנדאָוואַ ווישניאַ, אַז מען זאָל צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די שטאָט סאַמבאָר, „אַלס שולדיקע דערין, וואָס בצלאל איז אַוועק פון געפענגעניש" 3). באמת אָבער – כאָטש מען האָט זיך אַזוי געוואָרפן אויף זיין פּערזאָן – האָט שוין דאַן בצלאל זייט עטלעכע יאָר גערוט אויפן יידישן בית-עלמין אין זשולקעוו. דאָרט זעען מיר – צווישן אַנדערע – אַ מצבה מיט פאָלגנדן נוסח:

פ"נ האלוף הקצין הנדיב מו"ה בצלאל מוכסן
בהר"ר נתן ז"ל. כל ימיו היה מחזיק לומדי תורה.
נפטר יום ב' י"ט תשרי תנ"ז לפ"ק (1696)
ת'נ'צ'ב'ה 4).

ווי מיר זעען איז בצלאל געשטאָרבן אין דעם יאָר 1696 און האָט איבערגעלאָזט זיינע געשעפטן און זיין פאַרמעגן זיין זון ר' נתן און זיין איידעם ר' העניך, און צו זיי האָבן אויסגעלאָזט דעם כעס פאַרשידענע פריצים און גלחים, וואָס האָבן געפירט געשעפטן מיט זייער פאָטער און שווער. ס'איז געקומען צו פאַרשידענע פראָצעסן און אינ-איינעם מיטן גלח דעמעטריוס טשערניעווסקי זענען ביידע שוואָגערס

1) Prochaska: Judka Sapajłowicz. (Przewodnik nauk.-literacki 1920, tom 46 str. 730.

2) Schudt: Jüdische Merkwürdigkeiten, Frankfurt a/M, tom I, str. 214.

3) Lauda Sejmików wiszyńskich (אַרויסגעגעבן דורך פּראָכאַסקאַ), tom II, № 119, 28.

4) קריה נשגבה, זייט 20.

פאַרמשפּט געוואָרן צו גאָר אַ שווערע שטראָף. אָבער קיין גרויסע ראָלע האָבן נישט ר׳ נתן און נישט ר׳ העניאַך אין דער וועלט נישט געשפּילט, זייער נאָמען איז געווען באַקאַנט קוים אין די ד׳ אמות פון דער שטאָט זשולקעוו.

אַנדערש איז געווען מיט בצלאלן, אַפילו נאָך זיין טויט. דער גרויסער עולם האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער איז געשטאָרבן, אַז אַזאַ ייד קאָן איבערהויפּט שטאַרבן. די פאַנטאַזיע פון דעם פאָלק האָט אויס אים געמאַכט אַ כישופמאַכער, וואָס לעבט אייביק, און אין סאַטירישע געדיכטן האָבן פּוילישע דיכטער דערציילט פון אים נסים ונפלאות. איינע פון די סאַטירעס האָט איבערגעזעצט אויף לאַטייניש טענצעל אין זיין צייטשריפט: מאָנאַטלעכע אונטעררעדונגען (זייט 347, יאָרגאַנג 1694), פון דעם האָט עס אין אַ דייטשער איבערזעצונג איבערגעגעבן יאָססמאַן אין זיין „יודענהערץ״ און ביידע האָט איבערגעדרוקט שודט אין זיינע „יידישע מערקווירדיקייטן״ (באַנד I זייט 214 פראַנקפורט א׳מ 1714). פון דעם אינטערעסאַנטן געדיכט גיב איך דאָ דעם סוף:

> „אונד ווי דעם יודען האָט זיין ווערק ניכט מעהר געניטצעט, אַלס דאָס ער זיך ערהינג, זאָ אויך דער הימעל בליטצעט אויף דיעזעס ריכטערפאָלק, דער העל־לענפלוך זי זוכט, ווען בצלאלס גאָלד זי ניכט, ווי דען פעררעטער ווירגט, זאָ ווירד אים טאָדע דאָך זיע לעגען אויף דער באַהרע אונד אינס פערדערבען ציעהען! געשענק! פערפלוכטע וואַרע! צום גאַלגען געה׳, דו יוד׳! איין קריסט פאַר גאָט זיך פורכט״.

זלמן דער ראש-הקהל פון דראָהאָביטש

(היסטאָרישע סקיצע)

I

דער ועד-המדינה אין בויבעריק 1)

ס'איז געווען אין יאָר 1753. ר' בעריש, דער שניידערשער אין בראָד און דער פרנס-הועד פון דער מדינה לעמבערג 2), האָט געהאַט אין ועד אַ סך אַרבעט. ער איז געקומען קיין בויבעריק עטלעכע טעג פאַר דער זיצונג, כדי ער זאָל קאָנען פאָרברייטן דעם סדר-היום און איבערשמועסן מיט די שמאים (שאַצערס) וועגן דער פאַרטיילונג פון דעם קאָפּ-שטייער. ס'איז אַפילו געווען אַ „שליסל" נאָך פון דעם ועד-בורשטין פון יאָר 1714, לויט וועלכן מען האָט פאַרטיילט די שטייערן צווישן די קהלות, נאָר ווער האָט זיך געקאָנט ביי דעם „שליסל" האַלטן?

ס'איז שוין אַוועק פון דער צייט אַן ערך 50 יאָר. די חובות פון דער מדינה זענען געווען געוואַלדיק גרויס, די מלווים האָבן געדריקט פון אַלע זייטן. און דאָ האָבן די קהלות נישט געוואָלט נאָכגעבן אַפילו איין גולדן. און וואָסער עקשנות! קוים האָט מען שצערזשעץ אויס-געטיילט פון דער קהלה אין קאָמאַרנאָ, איז שוין דאָ אַן אָנקלאַגע

1) בויברעק-בוברקא, אַ שטעטל לעבן לעמבערג, דאָרט זענען פאָרגעקומען עטלעכע ועדי המדינה פון דעם גליל לבוב. די אַקטן און רעכנונגען פון דעם ועד זענען אָנטהאַלטן אין דער אָסאָלינסקישער-ביבליאָטעק, כתב-יד נ"ר 303, ווי אויך אין אַ סך דאָקומענטן אין דעם מלוכה-אַרכיוו אין לעמבערג

2) ר' ישכר בער באב"ד איז געווען דער זון פון דעם סקאַלאַטער רב ר' חאַלף און דער פאַטער פון דעם ערשטן גאַליצישן רב-מדינה ר' אריה-לייב בערענשטיין.

אין דער ראָדעמער קאָמיסיע. האָט מען דער סאַנאָקער קהלה מוסיף געווען נאַרישע 300 גולדן, איז שוין געווען אַ געוואַלד וועגן „אונטערדריקונג״!

און ערשט נאָ דיר אַ סדרה רזשעוווסקי! דער ווילדער פּריץ האָט אין זין נאָר זיינע שטעטלעך: ראָזלי און כאָדאָרווו, גלייך ווי ס׳וואָלט אין דער וועלט קיין אַנדערע שטעט נישט געווען. יאַריטשעווו פאַרלאַנגט אַ געוואַלדיקע הנחה, גלייך ווי אַ שרפה וואָלט געווען אין פּוילן אַ זעלטנהייט, און מיט דער שטאָט לעמבערג קאָן מען שוין גאָרנישט אויסהאַלטן — תּמיד אַ קאָנטראָלע, אייביק אָנקלאַגעס. און ר׳ חיים כהן 1), ווי שטאָלץ ער איז אויף זיין רבנות און זיין משפחה! און דערמאָנענדיק זיך אין דעם לעמבערגער רב האָט ר׳ בעריש געטון אַ קריץ מיט די ציין. נישט איין פאָרוווּרף וועט ער אים מאַכן אויף דעם ועד און וועט אים נישט איין עולה נאָכווייזן! און באמת, וואָס איז, ווען ער, ר׳ בעריש, האָט אַפילו מיט זיין פולמאַכט געמאַכט צוויי הלוואה־געשעפטן? און וואָס גייט דען דאָ, אין נאַרישע טויזנט רייניש?! אויף דעם אַרבעט ער דאָך, ער פאָרט, דרייט זיך, פאַרלירט צייט און דאָס קאָן ער דאָך נישט מאַכן פאַר די 500 רייניש פענסיע! אַזוי האָט געקלערט ר׳ בעריש און אין זיין האַרץ איז רייף געוואָרן דער פּלאַן דעם לעמבערגער רב צו פאַרניכטן.

שוין לאַנג האָט מען געקלערט אויף די ועדים צו טיילן דאָס לעמבערגער לאַנד־רבנות. יאָ, דאָס וועט זיין דער גרעסטער קלאַפּ פאַרן לעמבערגער רב און ר׳ בערישס גרעסטער נצחון. און דעם פּלאַן וועט אויספירן טאַקע ער אַליין, ר׳ בעריש. דוקא קיין לאַנדרב נישט, אָבער דערפאַר דער ראש־המדינה דגליל לבוב! 2).

אין אַזעלכע געדאַנקען פאַרטיפט האָט ר׳ בעריש דורכגעקוקט די רעכנונגען און געאָרדנט די פּאָוויעסטקעס, נאָכגעקוקט די פולמאַכטן און אויסגעשריבן די שטייער־טערמינען פאַר דעם חודש יולי. אין דעם

---

1) ר׳ חיים־כהן ראַפּאָפּאָרט, רב אין לעמבערג (1741—1771) האָט געהאַט אַ סך שונאים.

2) די מדינה איז געטיילט געוואָרן אין צוויי חלקים. אַ צווייטער לאַנד־רב איז געוואָרן ר׳ מאיר מרגליות אב״ד אין קאָמאַרנאָ, דער בעל המחבר פון דעם ספר „מאיר נתיבים״.

גרויסן פּאַק אַקטן, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן טיש, האָט ער באַמערקט אַ בריוו פון ר׳ אברהם ר׳ חיימס פון לובלין, דעם פּרנס-הועד פון ד׳ ארצות. ר׳ אברהם שרייבט אים וועגן אַ סכסוך צווישן די דראָהאָביטשער יידן און זייער ראש-הקהל ר׳ זלמן בן וואָלף. דעם סכסוך האָט מען געדאַרפט ערליידיקן נאָך אין יאָר 1752 אויף דעם גרויסן ועד אין קאָנסטאַנטינאָוו, ס׳איז אָבער דאַמאָלסט קיין צייט נישט געווען און דערפאַר האָט מען אים, לויט אַ פאָרשלאַג פון ד׳ ארצות, איבערגעגעבן דעם ועד-מדינה.

— פאַרברענט האָט ער געזאָלט ווערן, שמעון דער שתדלן, איידער ער האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג. וויי׳ניק צרות האָב איך מיט לעמבערג, גיט ער מיר צו דראָהאָביטש! וועמען זאָל איך דאָ גערעכט געבן: זלמנען, צי דער קהלה? דער ווילדער סכסוך שלעפּט זיך שוין יאָרן; כ׳פאַרשטיי, אַז אַזוי לאַנג ווי די טאַרלאָווע איז געווען אַ סטאַראָשטשינע, האָט געקאָנט הערשן זלמן. אָבער אַצינד איז דאָרט דאָ אַן אַנדערער סטאַראָסטאַ!

איבערגעריסן די געדאַנקען האָט ר׳ בערישן דער נאמן-המדינה, ר׳ פינחס פון סוויערזש 1):

— ס׳איז נישטאָ קיין צייט, ר׳ בעריש, ס׳איז נישטאָ קיין צייט, ס׳זענען שוין דאָ אין שטאָט די מנהיגים. אויך איז געקומען מעכ״ת ר׳ חיים הכהן, איילט זיך טאַקע צו, פּרנס!

באמת איז שוין געווען שפּעט. אויף דריי נאָכמיטאָג איז געווען באַשטימט די ערשטע זיצונג און ס׳האָט שוין קיין סך צו פינף נישט געפעלט. ר׳ בעריש האָט צוגעקנעפּלט די קאַפּאָטע, אָנגעטון אויף דער יאַרמאָלקע דעם קאַשטורענעם קאַפּעלוש און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט פינחסן אין בית-המדרש אַריין, ווו עס זענען געווײנלעך פאָרגעקומען די זיצונגען פון די ועדים. אויף דער גאַס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם און די מענטשן האָבן געוויזן מיט די פינגער אויף ר׳ בערישן

1) ר׳ פינחס איז געווען נאָר פאָרמעל רב אין דעם גאָר קליינעם שטעטל סוויערזש (לעבן לעמבערג), באמת האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט מדינה-ענינים. ער איז געווען זייער רייך, זיין פאָטער איז געווען דער רייכסטערייד אין לובלין, ר׳ אברהם ר׳ חיימס פון דער משפחה האלפערן, פּרנס-הועד ד״ד ארצות, און זיין שווער איז געווען ר׳ איסר פון זשולקעוו, דער געוועזענער פּרנס-המדינה.

און פינחסן: — וואָס פאַר אַ שיינער ייד ס׳איז דער פרנס־הועד! — האָט באַמערקט איינער פון די נייגעריקע. — „אַי וואָס, קוק אָן דעם נאָמן. דאָ זעט מען אַ משפחה און אַ יחוס!״ — האָט איבערגעריסן מיט אומגעדולד אַ צווייטער — „ווייסטו דען וועמענס זון ער איז? זיין פאָטער איז דאָך דער באַוווסטער פרנס־הועד פון ד׳ ארצות און דער גרעסטער עושר אין לובלין. אָט דער פאָטער זיינער, ר׳ אברהם ר׳ חיימס האָט געבויט אין לובלין אַ שול, און דווקא אַ גרויסע. אַלע זיינע ברידער זענען רבנים, גדולי־התורה, ער אַליין איז אויך אַ צנא מלא ספרא״.

אַזוינע און ענלעכע באַמערקונגען בנוגע דעם יחוס פון די מנהיגים זענען געפאַלן צווישן דעם עולם, וואָס איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן און אַלעמאָל מער פאַרשטעלט דעם וועג. ר׳ בעריש מיט ר׳ פינחסן האָבן זיך קוים געקאָנט אַדורכשטופן. אַלע האָבן געשריגן: „מאַכט פלאַץ!״ און קיינער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, נאָר יעדער האָט זיך צו זייביידן אַדורכגעשטופט און האָט זיי געגעבן „שלום״. באַלד איז אָבער געקומען צו לויפן פאַרסאַפּעט דער שמש און שלאָגנדיק מיט די פויסטן אויף רעכטס און לינקס, האָט ער געשריגן בקול־רם: „אַוועק, מאַכט פלאַץ, ס׳גייען די גדולי הדור, די קציני ישראל, אַוועק, שקצים!״. הערנדיק די ווערטער, האָט דער עולם טריט ביי טריט אָפּגערוקט זיך און דער פרנס מיט דעם נאמן זענען אַריין אין הויף פון דעם בית־המדרש. אין דער טיר איז געשטאַנען דער לאַנד־משמש מיט עטלעכע מאַגיסטראַט־פּאַכאָלקעס און האָט אַריינגעלאָזט נאָר דעפּוטאַטן צום ועד און שיינע שטאָט־בעלי־בתים.

פון דער ווייטנס האָט דערהערט ר׳ סנדר — אַזוי האָט געהייסן דער לאַנד־משמש — דאָס קול פון דעם שטאָט־משמש, און עפענענדיק די טיר אין דער ברייט, האָט ער אַ רוף געטון כהאי לישנא: „רבותי, שאַטץ!״. „שאַטץ, רבותי!״ — האָט איבערגעחזרט יאָשע דער מדינה־שרייבער און האָט געגעבן דריי מאָל אַ קלאַפּ מיט דעם פראַלניק.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די באַראַטונגען. מ׳האָט אויסגעקליבן די שמאים פאַר די נייע שטייערן און קאָנטראָלערן פאַר די פאַראַיאַריקע אַסיגנאַציעס. די באַראַטונגען האָבן זיך געצויגן עטלעכע טעג. אַממערסטן צייט האָט אַוועקגענומען דער סכסוך מיט לעמבערג. ר׳ בעריש האָט נוט געוווסט, אַז ר׳ חיים כהן וועט אים נישט איין ביטערן טראָפּן

געבן צו שלינגען. ענדלעך האָט דאָס אויך גענומען אַ סוף. דעם 20טן יולי האָט מען אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט דעם לעמבערגער קהל, געהייסן אים איבערזעצן אויף פּויליש און אַריינגעטראָגן אין סאָנד.

איצט איז געקומען די דראָהאָביטשער מעשה אויף דעם סדר-היום. ר׳ בעריש האָט שוין פאַרלאָרן זיין געדולד. די באַראַטונגען האָבן זיך שוין געשלעפּט אַ פּאָר טעג. מ׳האָט זיך געקריגט און געמוסרט. מ׳האָט געדראָט מיט קלאָגען צו דעם ועד ד׳ ארצות אין יאַראָסלאַוו. ר׳ בעריש האָט מורא געהאַט פאַר דעם פּרנס-הועד ר׳ אברהם ר׳ חיימס און דערפאַר האָט ער געוואָלט ערליידיקן דעם דראָהאָביטשער סכסוך.

די פולמאַכט פאַר די אָסאָלינסקעס! די נאַרישע טויזנט רייניש! וויפל האָט מען אים דערפאַר אָנגעזידלט... נאָר גוט, אַז ס׳איז שוין אַריבער!

„אַ ר י י נ ל אָ ז ן ד י ד ר אָ ה אָ ב י ט ש ע ר!"

די דעפּוטאַטן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף זייערע בענקלעך. יעדער פון זיי האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע. מען האָט זיך אויפגעהערט אויף אַ ווײַלע צו קריגן. מען האָט געוואָלט דעם עולם ווייזן, אַז מ׳איז באמת טאַקע מנהיגי הדור, קציני ישראל.

אַריינגעקומען זענען פינף יידן און האָבן זיך טיף פאַרבויגן פאַר ר׳ בערישן און פאַר ר׳ חיים כהן.

„טייערער פּרנס און הייליקער רבי, — האָט אָנגעהויבן לייב דער בעקער — זייט אונז מוחל, וואָס מיר קומען מיט אַ קלאַגע אויף אונזער ראש-הקהל, אויף אונזער מנהיג, אונזער קרוין. ז ל מ ן ר׳ ו ו אָ ל פּ ס איז אַ שרעקלעכער מענטש, וויפל אומגליקן האָט ער אויף אונז געבראַכט, וויפל טרערן האָט ער אַרויסגעצאַפּט פון אונזערע אויגן, און וויפל געלד פון אונזערע קעשענעס. זינט דאָס פאָלק ישראל איז אין גלות האָט קיין שום שטאָט נישט געהאַט אַזאַ פלאָג, אַזאַ שטראָף. לענגער קאָנען מיר שוין נישט אויסהאַלטן. אַלע פאַרדינסטן נעמט ער אונז צו, די ווידערשפּעניקע שלאָגט ער מיט נאַהייקעס און מיט שטעקנס, און די פּעטש איז גאָרנישט איבערצוציילן. איך אַליין צאָל אים אַ סך געלט זינט אַכט יאָר פון מיין בעקעריי, אַנדערע צאָלן נאָך מער. אויפן יריד מוזן די סוחרים שטיין פאַר זיין הויז, אָדער פאַר די הייזער פון

זיינע קרובים, און ווען עס קומט צו דער טאַקסע, באַפרייט ער זיינע קרובים און רייסט די הויט פון די אָרעמעלייט; וואָרים ער אַליין באַשטימט די טאַקסע און קיינער טאָר אים קיין דעה נישט זאָגן. ער אַליין האַנדלט מיט ווין און מיט אייזן. ער איינער איז אַ „פריץ", און ווי וואָלט געווען דעם, וואָס וואָלט אים דערווידער געווען. אַנומלט האָט מען דעם לאָמען משה פאַרשלעפּט אין דער קהל־תּפיסה און דאָרט אים געשמידט אין שווערע קייטן און געהאַלטן ביי ברויט און וואַסער. „מיר דערציילן אייך דאָס נישט פאַר קנאה און נישט פאַר שנאה, נאָר פאַר צרות און ליידן, די טרערן פון אונזערע קינדער זאָלן פאַלן אויף זיין קאָפּ. און איר, פּרנסים, גיט אונז אַן עצה, ווי פּטרט מען אַזאַ רשע".

לייב דער בעקער האָט געענדיקט.

די מנהיגים זענען נישט געווען צופרידן פון דער רעדע. ר' בעריש איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער איז געווען מיד, און אויסער דעם האָט ער בכלל פיינט געהאַט די אייביקע קלאָגן פון דעם פראָסטן עולם. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער דעפּוטאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון בלויז בעלי־מלאכות און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענער פירונג אין בראָד און אין דער מדינה און ער האָט שוין געוואָלט מאַכן אַ סוף צום ענין. ס'האָט זיך אָבער אַריינגעמישט ר' חיים כהן מיט אַ קשיא: „אַלץ אמת, וואָס איר זאָגט, יידן, אָבער פאַרוואָס האָט איר אים געוויילט פאַר אַ ראש־הקהל, פונוואַנען וואַקסט ער, ווער איז זיין משפּחה?!". „ווידער פרעגט ער אויף דער משפּחה — האָט זיך געטראַכט ר' בעריש — און ער האָט אָנגעהויבן זיך צוצוהערן צו די ווערטער פונעם דראָהאָביטשער בעקער. „זלמנס טאַטע, דערציילט לייב דער בעקער, האָט געהייסן וואָלף. ער איז געווען אַן אָרעמער קירזשנער. אין דער יוגנט איז געווען זלמן אַ קאַסיר ביי די זאַלץ־גרובן. געווען אַ גרויסער נצרך, ער האָט אָבער ווייניק פאַרדינט. עס פּאַסט נישט דאָ פאַר אַן עדה יידן צו דערציילן, אויף וואָס ער האָט זיין געלט אויסגעגעבן. איך וויל דאָ נאָר באַמערקן, אַז ער איז געווען אַ בחור, כאָטש ער איז שוין געווען איבער אַכצן יאָר אַלט. כ'קאָן אייך נישט זאָגן, ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען זיין „קעסטל", מענטשן דערציילן, אַז ביי דער קאָנ־טראָלע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט געלט און דאַמאָלסט האָט

זלמן געוואָלט פטרן דעם קאָנטראָלער און האָט אַזוי געטון, אַז יענער איז אינדערפרי נישט אויפגעשטאַנען". „וואָס האָט ער געטון?" — האָבן געגעבן אַ געשריי אַלע דעפּוטאַטן צוזאַמען. — „מיר זענען דאָ צווישן אונז, יידן, — האָט ווייטער געזאָגט לייב דער בעקער און ער האָט זיך פאַרנייגט ביז צו דער ערד, — ס'איז דאָ נישטאָ קיין פרעמדער, מעג איך דאָס אַלץ זאָגן: ער האָט אים געסמט". — „איר זענט אַ מלשין! — האָט געגעבן אַ געשריי ר' בעריש — צי מעג מען אַזוינס זאָגן אויף אַ ייד, אויף אַ טאַטע פון קינדער, אויף אַ פרנס-החודש!" — „דאָס איז אוממעגלעך!" — האָבן איבערגעחזרט די איבריקע. אָבער לייב דער בעקער האָט זיך נישט געלאָזט שטערן און האָט פאָרגעזעצט זיין אָנקלאַגע.

„ס'איז אמת, רבותי, איך שווער עס אייך בחרם. מ'האָט איינ־געזעצט זלמנען אין תּפיסה און דאָס שטאָט-געריכט האָט אים געהייסן שרעקלעך פייניקן. דער פסק-דין איז אָבער געווען נישט קיין שטרענגער; מען האָט אים אָפּגעריסן אַ האַלבן „סטאַן", אויסגעציילט הונדערט ריטער און מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט. איך געדענק, כאָטש עס זענען שוין אַוועק 24 יאָר, ווי וויבער האָבן געוויינט און זיין מאַמע האָט געקושט די הענט פון בירגערמייסטער און די לאַווניקעס. הלוואי וואָלט מען אים דאַמאָלסט געווען אויף טויט געשמיסן דעם רויבער! — ליידער איז דאָס דאַמאָלס נישט געשען. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז געשטאָרבן דער דראָהאָביטשער סטאַראָסטאַ, דער פריץ כאַמענטאָווסקי, זיין ווייב האָט אַמאָל ליב געהאַט זלמנען, ווייל ער איז געווען אַ שיינער ייִנג און זי אַ יונגע אלמנה. דער שטאָט-שרייבער האָט אַרויסגעריסן פון די אַקטן דריי בלעטער מיט דעם פסק-דין און זלמן איז אַהיים געקומען גלייך ווי גאָרנישט ער. איר ווייסט, רבותי, אַז די דראָהאָביטשער סטאַראָסטווע איז זייער רייך און באַלד באַקומט זלמן ביי דער פריצה אין אַרענדע אַלע פאָלוואַרקעס, אַלע גרובן און אויך גאַנצע דערפער; צו אונזער אומגליק אַרענדירט ער אויך די שטאָטישע פּראָפּינאַציע, וואָס איז געווען פאַרזעצט ביים דעם פאַרשטאָרבענעם פריץ. דאָס איז געווען אַ קלאַפּ פאַר דער גאַנצער שטאָט, אַלע יידן האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן זיין באַפעל און ווער עס האָט געוואַגט אים דערווידער צו רעדן, דער האָט פאַרלוירן זיין ברויט און האָט

נישט געהאַט מער וואָס צו טון אין שטאָט. און זלמן איז געוועזן אַ נוקם ונוטר, האָט געוואָלט רעגירן; ער, אַן אָרעמען קירזשנערס אַ זון, האָט געהאַט די העזה צו ווערן אַ ראש-הקהל. פונקט אין יענעם יאָר איז געשטאָרבן דער אַלטער ר׳ חיים און אַזוי ווי אַלע יאָר אין חול-המועד פסח זענען צוזאַמענגעקומען אין שול די בעלי-בתים, כּדי צו ווילן אַ ניי-קהל; שוין האָט מען על-פּי גורל געוויילט פינף בוררים און זיי האָבן געוואָלט צוטרעטן צו דער וואַל. אָבער פּלוצים זענען אָנגעקומען פויערן פון ריכטשיצע מיט שפּיזן און קאָסעס און האָבן אַרומגערינגלט די שול. אין שול אַריין איז געקומען דער ה׳ ביעלסקי, דער עלטסטער פון דעם דראָהאָביטשער פאָלוואַרק און ער האָט פאָרגעלייגט אַ פולמאַכט פון דעם דראָהאָביטשער סטאַראָסטאַ. די בוררים האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָבן געזען, אַז דאָס איז נישט קיין קאַטאָוועס, דער ה׳ ביעלסקי האָט געהייסן באַלד אויסשטרייכן אַנדערע נעמען און קלויבן זלמנען פאַר אַ ראש-הקהל. כּך הוה, זלמן איז געוואָרן אַ פּרנס העיר און אין צוויי חדשים אַרום איז געוואָרן זיין איידעם, שמואל ר׳ לייבס, אב״ד אין דראָהאָביטש.

דער בעקער האָט געענדיקט און האָט אויפגעהויבן זיינע מיט טרערן פולע אויגן צו די דעפּוטאַטן. ס׳איז אויפגעשטאַנען ר׳ בעריש און האָט געהייסן אַרויסגיין די דראָהאָביטשער, כּדי מען זאָל קאָנען בנימוס איבעררעדן וועגן דער זאַך.

— איך זע נישט, רבותי, — זאָגט ר׳ בעריש, — אין וואָס ס׳ליגט די שולד פון זלמנען. דער ערב-רב איז קיינמאָל נישט צופרידן און ווו ער קאָן, מסרט ער אויף זיינע מנהיגים.

— איר האָט רעכט, — האָט באַמערקט ר׳ משה אב״ד פון לינסק, — דעם געמיינעם עולם קומט תּמיד אַ רעשט. איך האָב ביי מיר אין שטאָט געהאַט אַ ענלעכן ענין. איך האָב אָבער קיין שום דעפּוטאַציעס נישט צוגעלאָזט, איך האָב אַריינגעזעצט די שקצים אין דער תּפיסה אין אַן עק.

דאָס רוב פון די דעפּוטאַטן איז שוין געווען אומגעדולדיק. דער דראָהאָביטשער ענין איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז מען האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ס׳קאָן זיין אַנדערש און מען האָט אָנגעהויבן צו האָבן טענות צו ר׳ בערישן פאַרוואָס ער האָט געלאָזט דעם בעקער אַזוי

לאַנג רעדן. ר׳ בעריש האָט זיך גוט געקענט אויף זיינע מענטשן. באַלד האָט ער געלאָזט אָפּשטימען איבערן ענין און די דראָהאָביטשער זענען אַהיימגעפאָרן מיט גאָרנישט, אין שרעק פאַרן כּעס פון זלמנען. די דעפּוטאַטן האָבן גענומען זייערע רייזע־הוצאות ווי אויך צדה לדרך און זענען אַהיימגעפאָרן. אין בויבעריק זענען פאַרבליבן אין דער אַכסניה נאָר ר׳ בעריש, ר׳ פּינחס מיט די לאַנד־שרייבער, ר׳ יאָשע פון סקאַלאַט, ר׳ בעריש קריכלאָווער, הרב ר׳ מרדכי ר׳ זעליקס פון זשאָלקווע, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסצופאַרטיקן די החלטות און צו פאַרעפנטלעכן די תּקנות. אין דער אַנדערער שטוב זענען געזעסן די צוויי שרייבערס, ר׳ דוד פון בראָד און ר׳ משה פון זשאָלקווו און האָבן איבערגעשריבן די תּקנות פאַר יעדן קהל באַזונדערס.

II

דער פאָטער און זיין זון

אין דער קעניגלעכער שטאָט דראָהאָביטש איז געווען שטאַרק לעבעדיק. ס׳איז געווען אַ יריד און הונדערטער מענטשן און בהמות האָבן פאַרנומען דעם גרויסן שטאָטישן מאַרק. עפּעס אַ ווונדערלעכע אומרו האָט געהערשט אויפן יריד. מענטשן זענען געשטאַנען אויפן מאַרק און האָבן דערציילט שרעקלעכע מעשים. אין דער געגנט פון טרוסקאַוויעץ האָט זיך אַרומגעדרייט דאָבּאָש, אַ באַקאַנטער מערדער, מיט אַ גרויסער רויבער־באַנדע. ס׳איז שוין געווען אַ פּאָר איבערפאַלן. עטלעכע סוחרים האָבן זיך ביי דער חברה אויסגעקויפט, אַנדערע האָט דאָבּאָש באַרויבט, נאָך אַנדערע דערהרגעט. אויף דעם וועג פון סאַמבאָר איז מען באַפאַלן די קאַסירער און ביי זיי צוגענומען דאָס קעסטל מיט געלט און איצט שטייען זיי און האָבן מורא אויסצוזאָגן — זלמן קאָן זיי הייסן שמייסן און אפשר אויפהענגען.

דאָס געווויין פון די קאַסירער הילכט איבער דעם גאַנצן מאַרק, אַרום זיי פאַרזאַמלט זיך אַ גרויסער עולם און דערציילט פאַרשידענע מעשים פון זלמנען. אַלע געדענקען, ווי מען האָט אויפגעהאָנגען דעם שליאַכטשיץ לעוואַנדאָווסקי — און וואָס האָט ער געטון? ער האָט געגנבעט

ביי זלמנס איידעם, ר׳ איציק, אין געוועלב עטלעכע שטיק קיטייקעס, און דערפאַר האָט אים דאָס שטאָט-געריכט פאַרמשפּט — לויט דעם מאַגדענבורגער רעכט — צום טויט. זיין לעבן איז געלעגן אין זלמנס האַנט. ס׳האָבן געבעטן זלמנען די מיעשטשאַנעס און די יידן, עס זענען געקומען צו אים צו פאָרן די אַרומיקע פריצים, אַפילו דער גלח אַליין איז געקומען בעטן פאַרן לעבן פון לעוואַנדאָווסקין, זלמן איז אָבער געבליבן האַרט ווי אַ שטיין. ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן און דער מאַגיסטראַט האָט געהייסן דעם פּסק-דין אויספירן. אין מיטן מאַרק האָט דער תּלין אויסגעפירט די עקזעקוציע. דאָס פאָלק האָט זיך געבונטעוועט, אָבער די צעכן האָבן מיט די ביקסן אין דער האַנט געמאַכט אַן אָרדענונג.

„אוי, די צעכן" — האָט זיך דער קאַסירער געטראַכט. נאָך היינט קאָן ער שפּירן זייער כּוח און זייער רשעות, און פּלוצלינג האָט ער געגעבן אַ קוק אויף זלמנס הויז. געשטאַנען איז דאָס הויז אין מאַרק און איז געווען דאָס שענסטע הויז אין דער גאַנצער שטאָט. פאָרנט — אַ וועראַנדע מיטברייטע טרעפּ. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ פּריצישער הויף, אַ וווינונג פון אַ געבוירענעם שליאַכטשיק. פאַר דעם הויז זענען געשטאַנען די זאָטל-מאַכערס מיט געלאָדענע ביקסן: היינט האָט דער דאָזיקער צעך דינסט, מאָרגן וועלן גיין אויף דער וואַך די שוסטער. דער צעך-מייסטער זיצט אויף דער וועראַנדע און שמועסט מיט די פויערן און מיט די יידן, וואָס וואַרטן מיט עניוות אויף דעם „פּאַן". אַ סך מענטשן דרייען זיך פאַרן הויז, קוקן זיך צו צו דער וואַך, באַוווּנדערן די ביקסן און בליקן מיט אומצוטרוי אויף דעם „פאַרשאָלטענעם" הויז. מ׳האָט דערציילט אין שטאָט, אַז זלמן האָט געהאַט צו טון מיט כּישוף, אַז ער האָט אין זיין הויז באַהאַלטן עטלעכע כּישופמאַכערינס און איז זיך מתיעץ מיט קאָרטן-לייגער און טאָטערן, כּדי אויף דעם אופן צו ברענגען אַ שאָדן דער „קריסטלעכער וועלט" און אויך אַנדערע מענטשן. וויפל מאָל די פויערן זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיין הויז אַזוי פיל מאָל האָבן זיי זיך געצלמט און אויסגעשפּיגן, כּדי דעם שטן אָפּצוטרייבן.

נאָך ערגער פון דעם פאָטער איז געווען זיין זון לייב.

אים האָט זיך דער קאָפּ אינגאַנצן איבערגעדרייט. עס האָט זיך

אים גערדאַכט, אַז ער איז אַ פּריץ מימים קדמונים. די גוים פון אַרום האָט ער געשלאָגן איבער דעם קאָפּ מיט אַ שטעקן; ער האָט זיי צעבלוטיקט און טיילמאָל האָט ער זיי געהייסן אַנידערלייגן אויף דער באַנק און שמייסן. פעלדער און לאָנקעס האָט ער צוגענומען ווי אַ רויבער. ער האָט געקאָסעט, ווו עס איז אים געפעלן, און ווי דעם פויער און אַפילו דעם אָרעמען פּריץ, וואָס וואָלט געוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן. אָט דאָ איז ער טאַקע:

אויף דער וועראַנדע האָט זיך באַוויזן אַ הויכער יונגערמאַן אין גוט אויסגעפּוצטע שטיוול, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. אויף דעם קאָפּ אַ יאַרמולקע, די קאַפּאָטע ברוין און נישט זייער לאַנג. דער צעך-מייסטער פון די זאָטל-מאַכערס האָט זיך פאַרנייגט אין צווייען, לייב האָט אים אַפילו נישט אָנגעקוקט און געגעבן אַ ברום גלייך אַזוי ווי צו זיך אַליין: „מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך אייך נישט מער באַדאַרפן, דער פשעמיסלער סטאַראָסטאַ האָט געשריבן דעם טאַטן, אַז ער שיקט אונז זיינע דראַגאָנער און פאַכאָלקעס". באַלד האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזעענדיק צוויי פויערן, האָט ער זיי געגעבן אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אַריינקומען אין שטוב.

טעאָדאָר קאַרלאָוו און מאָראַז זוואָריטש, — די צוויי פויערים פון דער סטעבניקער זשאַפּ, איינגעבויגן אין צווייען, זענען אַריינגעקומען אין שטוב אַריין און געבליבן שטיין אין אַ ווינקל. לייב האָט צוגעמאַכט די טיר אויף דעם שליסל און קוקנדיק אויף די פויערן, האָט ער אַ פרעג געטון: „שוין?" — „שוין נאָך אַלעמען" — האָבן געענטפערט ביידע צוזאַמען. „זעט איר, אַזש מיט אַ בייטש האָט מען אייך געמוזט אָנטרייבן, כּדי איר זאָלט פאָלגן. „האָט ער שיין געברענט?". „אַי, פּאַניע לייב, געברענט האָט ער שיין!" — האָט באַמערקט מאָראַז. „אָבער עס איז דאָך אַ שאָד, עס איז דאָך גאָטס וואַלד; אַזוי פיל מענטשן ווערן פאַרפרוירן און קיין האָלץ איז נישטאָ!" — „גאָטס וואַלד, אָדער דעם טייוולס — האָט זיי איבערגעריסן לייב מיט כּעס — דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן! אַבי עס האָט אייך מיין שוואָגער לייזער נישט געזען. ער וועט שוין דאָס אַנדערע מאָל וויסן, ווי אַזוי מען דינגט מיר אויס אַ זשאַפּ! און איצט, קינדער — שווייגן! קיין וואָרט אַפילו נישט דעם אַלטן. אַנישט — לאָז איך אייך שמייסן ביז צום טויט. איצט גייט און לאָזט זיך געבן צו צוויי קוואָרט בראָנפן ביי אַנשלען אין סטעבניק".

די פויערן זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער וועראַנדע און לייב האָט געהאָרכט. פון דער ווייטנס האָט זיך געלאָזט הערן דאָס קלאַפּן פון פערד און דער גאַנג פון מענטשן. דאָס זענען געווען די פּאַכאָלקעס פון דער פּשעמישלער מדינה, וואָס זענען צוזאַמען מיט צוואָנציק דראַגאָנער אין דער פולער באַוואָפענונג פאַרפאָרן פאַרן הויז. דער סטאַראָסטאַ האָט געהאַלטן וואָרט: דאָס מיליטער האָט זיך אויסגעשטעלט פאַר דעם גאַניק, קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט, ווייל מען האָט געמיינט, אַז עס קומט אַ שטייער-עקזעקוטאָר מיט זיין באַוואַכונג. ווי גרויס איז אָבער געווען דאָס שטוינען פון עולם, ווען די דראַגאָנער האָבן אַריינגעשטעלט די פערד ביי זלמנען אין שטאַל און אויסגעשטעלט אַ וואַך ביי זיין הויז. ביי דעם צווייטן טויער אויף דער הינטערגאַס האָבן זיך אויסגעשטעלט די פּאַכאָלקעס. זלמן אַליין איז אַרויסגעקומען אויף דעם גאַניק און געדאַנקט דעם אָפיציר און גלייכצייטיק האָט ער אָפּגעפּאַרטיקט די זאָטל-מאַכערס, אַריינגעבנדיק אין האַנט פון דעם צעך-מייסטער עטלעכע מטבעות. פון דער צייט אָן איז די וואַך אייביק געשטאַנען פאַר ר׳ זלמנס הויז און די שרעק פאַר זיין פּערזאָן איז אין דער שטאָט געוואָרן נאָך גרעסער.

פונקט אין דער צייט איז אַהיימגעקומען די דעפּוטאַציע פון בוברקאַ. זלמן האָט שוין פריער געוווּסט, אַז זיי האָבן דאָרט גאָרנישט געפּועלט; דער לאַנד-שרייבער ר׳ יאָשע האָט אים שטיל דאָס צו וויסן געגעבן. איצט האָט ער געקאָנט פראַנק און פריי זיך נוקם זיין אָן די דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געהאַט די העזה אים אָנצוקלאָגן.

קוים איז לייב דער בעקער אַריבערגעפאָרן די דראָהאָביטשער ראָגאַטקעס האָבן שוין זלמנס פּאַכאָלקעס אַרומגערינגלט דעם וואָגן, אַראָפּגעשלעפּט אַלע רייזנדע און אַריינגעזעצט אין דער קהלישער תּפיסה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אונטערזוכונג. באַלד האָט מען צוגענומען פאַר קהלשע פּאָדאַטקעס זייערע בהמות און מעבל, זיי אַליין אַרויסגעוואָרפן פון די דירות און אַראָפּגעריסן די פּרוכט פון די ביימער. דער שטאָט-רב, ר׳ שמואל — זלמנס איידעם — האָט אַריינגעלייגט אין חרם אַריין די יעניקע, וואָס האָבן קעגן אים גערעדט.

נישט בעסער האָט זלמן באַהאַנדלט די יידן פון סאַמבאָר און דאָלינאַ, אָבער אויך נישט בעסער די דאָרטיקע מיעשטשאַנעס און

פויערן. שרעקלעך זענען די שטראָפן: פּאַר אַביסל געשמוקלטן זאַלץ, פּאַר נישט-פֿינקטלעכן אָפּלימערן פון דעם האָלץ אין די זשאַיפּן זענען געגאַנגען די וואָיטן און סאָלטיסן אין דער תּפיסה אַריין און די פויערן האָט מען געשמידט אין קייטן. אַזוי ווי אַ באַרג האָט געדריקט דאָס הויז אין מאַרק די גאַנצע סביבה, קיינער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זלמנען, ער האָט געלאַכט פון יעדן דיין און ב״צ. „ביי וועמען ווילט איר געפינען רעכט, – האָט געפּלעגט צו זאָגן דער ביר-גערמייסטער פון דראָהאָביטש – אַז דער מלך אַליין גיט זלמנען אייזערנע בריוו 1), און באמת האָט קעניג אויגוסט דער דריטער מיט זיין „אַלערגנעדיקסטן שרייבן״ פון 20טן מאַי 1753 איינגעהאַלטן אַלע פּראָצעסן, וואָס זלמן האָט געהאַט אויף זיך.

לכתחילה זענען די ראַטמענער און לאַווניקעס נשתּומם געוואָרן, אָבער באַלד האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען און איבערגעשיקט אַ נייע אָנקלאַגע צום קעניג קעגן דער הויך-געבוירענער פּריצטע טאַרלאָוואַ און קעגן דעם אומגלויביקן ייד זלמן בן וואָלף. אויף אַ קורצע צייט האָבן אויפגעהערט די אייביקע סכסוכים צווישן דער שטאָט דראָהאָביטש און אירע פּאָרשטעט. דעם 23טן אויגוסט 1753 ווערט געשלאָסן אַן אָפּמאַך צווישן די פּאָרשטעטישע גמינעס זאַוויעזשניע לישניאַנסקיע און זאַדוואָרנע, און דעם מאַגיסטראַט און אַלע איינוווינער פון דער שטאָט, „לויט וועלכן די שטאָט און די פּאָרשטעט ערקלערן, אַז זיי וועלן בכּבוד האַלטן די קעניגלעכע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן דורך די לאַנגע סכסוכים אַ סך געליטן, און נישט האָבנדיק קיין אַנדער מיטל צו ראַטעווען זיך פון דעם אומגליק, באַשטימען זיי דעם שטאָט-מאַגיסטראַט פּאַר דעם קאָפּ, און די פּאָרשטעט – פּאַר די גלידער. אַזוי ווילן זיי צוזאַמען ווייטער פירן דעם פּראָצעס קעגן זלמנען און פּאַרפּליכטן זיך צו דעקן די קאָסטן אין וואַרשע״.

און באמת האָט מען אַרויסגעשיקט אַן אָנקלאַגע קיין וואַרשע און צו איר האָבן זיך אָנגעשלאָסן די יידן פון דראָהאָביטש. פון דאָלינאַ און פון סאַמבאָר, די פּאַכטערס און קאַסירערס פון סטעבניק, קאַלוש, טשעברין און טרוסקאַוויעץ.

---

1) שוק-בריוו

אויף אַ באַזונדערער אספה אין סטרי האָבן זיך פאַרפליכטעט די יידן צוזאַמען מיט די גויים, מיט דעם גאַנצן כּוח און מיט אַלע מיטלען מנצח צו זיין און פּטור ווערן פון זלמנען. דער עולם האָט מער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך לאָזן פירן פאַר דער נאָז פון זיינע מנהיגים, דער ועד ארצות און דער ועד מדינה האָבן אים נישט געהאָלפן, דעריבער האָט ער באַשטימט זיך אַליין אַן עצה צו געבן, און די עצה איז געווען שרעקלעך

III

די נקמה

דעם צוועלפטן אַפּריל 1754 איז אָנגעקומען צו די באַרימטע און אייביק־געליבטע ראַדניקעס און לאַווניקעס פון דער קעניגלעכער שטאָט דראָהאָביטש און צו דעם הויך געבוירענעם גראַף נאָסטיץ זשעוווסקי דעם גענעראַל־מאַיאָר פון דעם קעניגלעכן מיליטער און דעם סטאַראָסטאַ פון דראָהאָביטש און דעם אַדמיניסטראַטאָר פון דער סאַמבאָרער עקאָנאָמיע... אַ קעניגלעכער דעקרעט, אין וועלכן דער קעניג באַשטימט די קאָמיסאַרן צו משפטן צווישן דער פּאַני טאַרלאָוואַ און איר פאַקטאָר זלמן וואָלף פון איין זייט, און דער קעניגלעכער שטאָט דראָהאָביטש און יידישע קהלות פון דריי שטעט פון דער אַנדערער זייט. די קאָמיסיע איז טאַקע באַלד אָנגעקומען. וועלנדיק די זאַך פאַראייניפאַכן האָט דער דראָהאָביטשער מאַגיסטראַט צוריקגעצויגן די קלאַגע קעגן דער טאַרלאָוואַ און מיט זיין גאַנצן כּוח זיך געווענדט קעגן דעם פאַרהאַסטן ייד. יעדער פון די מיעשטשאַנעס האָט צו אים געהאַט אַ באַזונדערע תּרעומות און אַלע צוזאַמען האָבן אים נישט געקאָנט מוחל זיין זיין שטאָלץ און זיין שטיינערן האַרץ. דער המון האָט מורא געהאַט פאַר זיין כּישוף און האָט געבעטן די קאָמיסאַרן, זיי זאָלן דעם כּישופמאַכער פאַרמשפּטן. די שאַרף פון דער גערעכטיקייט האָט זיך געווענדט קעגן זלמנס גאַנצער משפּחה, דאָס הייסט קעגן זיין זון לייב, זיין איידעם דעם רב. ווי אויך קעגן אַנדערע זיינע איידעמס. מ׳האָט געהייסן דורכפירן



12. דער קבר פון דעם רמ״א אויף דעם אלטן בית־החיים אין קראָקע (פון רעכטס צו לינקס). ר׳ יוסף כ״ץ—בעל המחבר ספר שארית יוסף, דער צווייטער: ר׳ ישראל איסרל, דעם רמ״א׳ס פאָטער, און דער דריטער: דער רמ״א (ר׳ משה איסערלס) אליין. די פערטע מצבה איז פון מריםביילה, דעם רמ״אס א שוועסטער.

די פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן העיר חיים פריילך, א פרנס פון דער קהילה אין קראָקע.



13. דער אפמאך צווישן דער קהילה אין קראקע און דעם דאָרטיקן מאגיסטראט אין דעם יאָר 1485, מיט וועלכן די יידן זאָגן זיך אָפּ פון דעם רעכט צו האנדלען אין קראקע (דער עלטסטער העברעיִשער דאָקומענט אין פוילן — געפינט זיך אין דעם שטאַטישן ארכיוו אין קראקע).

אַ קאָנטראָל אין זלמנס רעכנביכער און דאָס געריכט האָט אַרויסגעשיקט צוויי לאַוניקעס צו קאָנטראָלירן די סאַמבאָרער עקאָנאָמיע. אויף דעם יסוד האָט מען איינגעצויגן זלמנען און זיין גאַנצע משפחה. זעענדיק די גרויסע געפאַר האָט זלמן אויסגעשטעלט וועקסלען אויף כלומרשטע חובות און אַ סך געלט אַרויסגעשיקט אין דער מאָלדאַ־וואָלאכיי און קיין כאָצים. ער האָט זיך אָבער דערמיט קיין סך נישט געהאָלפן, ווייל אַלץ האָט זיך אויף אים פאַרנומען און מ'האָט אים אָנגעהויבן דערמאָנען אַלע עונות. עס איז געקומען אויפן טיש די מעשה מיטן סיכסוך פון 1729 יאָר, דאָס אונטערצינדן פון דעם קאָלפיעצער וואַלד. די יידן האָבן פאָרגעלייגט זייערע פנקסאות און נאָכגעוויזן די פאַלשקייט ביים קלויבן פון דעם רב, ביי די וואַלן פון דעם שלטון הקהילה וכ"ו.

די קאָמיסאַרן האָבן איבערגעגעבן די „ספּראַווע" אַ געריכט, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם סטאַראָסטאַ און דעם שטאָט־געריכט (לאַוניקעס), און דאָס געריכט האָט באַלד אַרויסגעטראָגן אַ שרעקלעכן פּסק־דין.

ס'איז געווען דעם 17טן טשערוויעץ 1755. אין דעם דראָהאָביטשער געריכט־זאַל זענען געווען פאַרזאַמלט פיל מענטשן, עס איז געווען גאָר אַ גרויסע ענגשאַפט, אַלע האָבן געוואַרט אויפן אורטייל. פּלוצים האָט זיך די מזרח־טיר אויפגעמאַכט און אין דער שפּיץ פון לאַוניקעס איז מיט גרויס ערנסט אַריינגעקומען דער אונטער־סטאַראָסטאַ ל ו פּ אַ צ ק י, אַ ריכטער פון דער כעלעמער מדינה און האָט געטראָגן אין דער האַנט אַ כתב־יד. די לאַוניקעס האָבן אָנגעהויבן שאָקלען מיט זייערע שווערדלעך, אַזוי ווי ס'הייסט דער מנהג פון דעם מאַגדענבורגער רעכט. דאַן איז אַריינגעקומען דער וואָזשנע און צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. „וואָזשנע, מאַכט צו די טיר!" האָט געטון אַ געשריי דער וואָיט. דער וואָזשנע האָט די טיר געעפנט. „וואָזשנע, עפן די טיר!" דער וואָזשנע האָט די טיר צוגעמאַכט. נאָך דעם ווי די צערעמאָניע האָט זיך דריי מאָל איבערגעחזרט, האָט דער וואָיט געהייסן אַריינפירן די אָנגעקלאָגטע. ס'איז אַריינגעקומען זלמן מיט לייבן, ביידע געשמידט איז שווערע קייטן. דער ערשטער גראָ ווי אַ טויב און שטאַרק פאַרעלטערט. דער אַנדערער בלייך ווי די וואַנט: די תפיסה האָט אירס געטון. אַרום זיי איז געשטאַנען די וואַך פון די צעכן, היינט האָבן געהאַט דינסט די זאָטל־מאַכערס. דער

צעך-מייסטער איז געשטאַנען ביי זלמנען. דער פאַן לופּאַצקי האָט איבערגעגעבן דעם בירגערמייסטער דעם כתב-יד און דער האָט געהייסן דעם שרייבער איבערלייענען. די לאַוניקעס זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און האָבן די שטולן איבערגעקערט. אַלע אויגן האָבן געקוקט אויף זלמנען און אויף לייבן. דער שרייבער האָט געלייענט. אין דעם געריכט האָט געהערשט אַ שטילקייט, ווי אויף אַ בית-עלמין. מ׳האָט געהערט דאָס פלאַקערן פון די ליכט פאַר דעם הייליקן בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער מזרח-וואַנט... דער מלאך-המות האָט געקלאַפּט מיט די פליגל. דער שרייבער האָט געלייענט: „... מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין איינפאַכקייט און עניוות האָט זלמן געצווונגען צו פורכט און געהאָרכזאַמקייט, זיין גאוה האָט געוואָקסן אָן אַ מאָס, בירגערמייסטערס, מיעשטשאַנעס און דעם פראָסטן עולם האָט ער געפּאַטשט אין זיין שטוב און געשלאָגן מיט אַ שטעקן. פויערן און פאָרשטעטישע איינוווינער האָט ער געלאָזט אַנידערלייגן אויף אַ באַנק און געשמיסן מיט נאַהייקעס און שטעקנס אין זיין הויז און אין זיין הויף... ביי די ירידים האָט ער געהייסן די סוחרים שטיין פאַר זיין הויז, אָדער פאַר די הייזער פון זיינע קרובים, וואָס האָט אים געגעבן אַ סך נוצן און אַנדערע געבראַכט שאָדן. ער האָט נישט געצאָלט קיין שום רעגירונגס- און קיין שום שטאָט-שטייערן, כאָטש ער און זיינע קינדער און איידעמס האָבן געהאַט אין מאַרק די שענסטע הייזער, די רייכסטע קראָמען און די בעסטע שענקען. פאַרגעסנדיק אָן די עשרת-הדברות, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט דורך משהן געגעבן די פעלקער, האָט זלמן זיך באַנוצט מיט כישוף, אין זיינע קעלערס האָט ער געהאַלטן כישופמאַכערינס און דורך זייער כח געבראַכט שאָדן דעם קריסטנטום, ווי אויך פיל מענטשן... דערפאַר אָנערקענט אים דאָס געריכט פאַר שולדיק אין די פאַרברעכנס, וואָס זענען אַנטהאַלטן אין זאַקסישן שפּיגל, און פאַרמשפּט זלמנען צום טויט און גיט אים איבער דעם מייסטער פון דער עפנטלעכער גערעכטיקייט, ער זאָל אים אויפהענגען אויף אַ פּאַסיקן און פון דעם קרימינאַל באַשטימטן אָרט...

לייב, זלמנס זון, גייענדיק נאָך דעם ביישפּיל פון זיין טאַטן, האָט עפנטלעך אין שטאָט געשלאָגן מענטשן און פויערן — מיט אַ שטעקן

איבערן קאָפּ און איבער די פּלייצעס, ווי אויך געפּאַטשט זיי און האָט אָפּט געהייסן די מענטשן אַריבערלייגן און שמייסן. דערפאַר האָט ער אַ שטרענגערע שטראָף פאַרדינט. דאָס געריכט מיינט אָבער, אַז דער טויט פון זיין פאָטער וועט אים שוין גענוג אָנלערנען און פאַראורטיילט אים צו עפנטלעכן שמייסן אויפן מאַרק אונטער דעם ראָטהויז. און ווייל זלמן האָט צוגענומען אַלע רייכטימער און האָט זיין גאָלד, זילבער און חפצים אַרויסגעשיקט פון דעם לאַנד און שיער אַליין נישט אַנטלאָפן, דערפאַר ווערן זיין ווייב און זיין זון לייב אַזוי לאַנג געהאַלטן ווערן אין דער תּפיסה, ביז זיי וועלן נישט אָפּגעבן אַלע מענטשן דאָס, וואָס זייער מאַן און פאָטער האָט ביי זיי צוגעזלט"...

דער שרייבער האָט געענדיקט, דער עולם האָט געשוויגן. זלמן איז געשטאַנען בלייך און געציטערט; די גאַנצע ווירקלעכקייט איז אים געקומען פאַר די אויגן, און פאַרלירנדיק זיינע כּוחות האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין זון און געשטאַנען אָן באַוועגונג. דערווייל האָבן זיך די לאַוויניקעס געוואַשן די הענט און אַנידערקניענדיק פאַר דעם הייליקן בילד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ טיפן באַס „ממעמקים". די פאַראורטיילטע האָט מען אַרויסגעפירט פון געריכט־זאַל און אַריינגעזעצט אין אַן אונטערערדישן קעלער. דער תּלין האָט זיך באַלד גענומען צו בויען די תּליה, אין אַ וואָך אַרום, דעם 14טן יוני, האָט געזאָלט פאָרקומען די עקזעקוציע.

V

דאָס יידישע האַרץ

דעם 14טן יוני איז געווען טרויעריק אין דער דראָהאָביטשער שול, הגם דער עולם איז געווען פאַרזאַמלט אַזוי, ווי יעדן אַנדערן שבת. דאָס דאַווענען איז נישט געגאַנגען, און נישט פון איין יידישע ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ, אויך וויינען האָט מען געהערט אין די ווינקעלעך. דער רב איז נישט געווען אין דער שול, ווייל ר׳ שמואל, זלמנס איידעם, איז בשעת דעם פּראָצעס אַנטלאָפן פון דער שטאָט. די קהלה איז געבליבן כּצאן בלי רועה. אין אַ האַלבע שעה

אַרום האָט מען געזאָלט אויפהענגען איר פּרנס־החודש. און ווירקלעך איז אַריינגעקומען אין שול אַריין אַ וואָזשני מיט צוויי עדות און אַרויפגייענדיק אויף דעם בעלעמער, האָט ער פאָרגעלייענט דעם פּסק־דין און איינגעלאַדן דעם עולם צו דער עקזעקוציע. „זייט וויסן, איר יידן, – האָט ער געענדיקט – אַז צען אַזייגער אין דער פרי וועט דער מייסטער פון דער הייליקער גערעכטיקייט אַדורכשניידן דעם פאָדעם פון זלמנס זינדיקן לעבן. קומט אַלע פּינקטלעך, וועט איר זען, ווי גאָט שטראָפט די זינדיקע". מיט אַ שטילן זיפץ האָט געענטפערט דער עולם אויף די ווערטער פון דעם באַקאַנטן וואָזשני יאַן ווידלאַטי. דאָס זיפצן איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער און גלייך אַזוי ווי די ברוסט פון אַלע וואָלט זיך אויפגעמאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער שול אַ שרעקלעכע יללה. „זיי האָבן געוואָלט אָנלערנען זלמנען, אָבער נישט הרגענען".

זייט מענטשן געדענקען האָט מען קיין פּרנס־החודש נישט אויפגעהאָנגען און דערצו אויפן פּאַרלאַנג פון זיין אייגענער קהלה. און וואָס האָט ער אַזוינס געטון? ער האָט געמוזט מער געלט ווי ס'איז אים געקומען. ער האָט געגעבן אַ ייד אַ פּאַטש, ער האָט אַמאָל איינגעזעצט תּפוס! דערפאַר קומט אים נאָך נישט צו הענגען און דערצו אין אַ שבת־קודש! אַזעלכע ווערטער האָבן זיך געלאָזט הערן אין שול און מיט איין מאָל איז פּאַרטיק געוואָרן אַ פּלאַן און דער גאַנצער עולם האָט אַ געשריי געטון מיט איין קול: פּדיון שבוים! מען האָט איבערגעריסן דאָס דאַוונען און די יידן זענען אַרויסגעלאָפן אויפן מאַרק צו באַפרייען זלמנען.

דער דראָהאָביטשער מאַרק איז געווען פול מיט מענטשן. פון די אַרומיקע דערפער און זשאיפן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן פויערן צו זען ווי מען וועט הענגען זלמנען און אָנזעטן זיך מיט נקמה פאַר די פּעטש און שטעקנס. אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ רושטאָוואַניע און אויף אים די תּליה. אַרום און אַרום – מיט אָנגעלאָדענע ביקסן – זענען געשטאַנען אַלע שטאָט־צעכן אונטער דער אָנפירונג פון דעם נאַכט־וואָיט. די „ראַדאַ" און די לאַווניקעס מיט דעם פּרעזידענט און דעם בירגער־מייסטער האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער. די וואַך האָט צעטיילט דעם עולם און דורך דעם שפּאַלער האָט מען אַדורכגעפירט זלמנען אָנגעטון אַ קיטל מיטן טלית אויפן קאָפּ. אונטער אים איז געגאַנגען דער תּלין

מיט אַ שטריק אין דער האַנט; היינט האָט ער באַקומען אַן עקסטרע שכר־טרחה, ווייל ער האָט געזאָלט הענגען אַ ייד — און מחויב איז ער געווען נאָר קריסטן אַרויסצושיקן אויף יענער וועלט.

ס׳האָבן געגעבן אַ ברום די פויקן און אויף דער רושטאָוואַניע איז אַרויפגעשפרונגען דער שרייבער, כּדי פאָרצולייענען דעם פּסק־דין. פּלוצים האָט זיך געלאָזט הערן פון עק מאַרק אַ גוואַלד, דער עולם האָט זיך געטון אַ ריר און דורך אים האָבן זיך אָנגעהויבן אַדורכרייסן יידן און גלייך לויפן צו די ראַדנעס און לאַווניקעס. דער שרייבער האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און דערווייל האָבן זיך די יידן צוגעשלאָגן צום בירגערמייסטער און אָנגעהויבן מיט אים עפּעס צו רעדן און אויפקלערן אים עפּעס. דער עולם האָט גאָרנישט געקאָנט הערן, נאָר ער האָט געזען די נערוועזע זשעסטיקולאַציע. דער בירגער־מייסטער האָט געהייסן דעם שרייבער אַראָפּגיין, די צעכן מאַכן מער פּלאַץ און צוזאַמענגערופן אויפן אָרט אַ באַראַטונג אויף וועלכער מען האָט זיך באַראַטן, צי מען זאָל אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון די יידן: זלמן וועט פאַרמשפּט ווערן אויף אייביקע טורמע און די שטאָט וועט קריגן 500 רענדלעך, וואָס באַטרעפט דאָך 9000 פּוילישע גולדן. אַז איר וועט באַלד דאָס געלט געבן, ציען מיר צוריק די דעלאַציע 1) — האָט געזאָגט דער פּרעזידענט אין נאָמען פון דער „ראַדאַ" און דער „לאַוואַ". „היינט איז שבת, מיר קאָנען דאָך היינט נישט צאָלן" — האָבן געענטפערט די יידן. — „טאָ גיט אונז אַ משכון ביז מאָרגן, אָבער באַלד, ווייל דער עולם איז אומגעדולדיק". באַלד האָט מען געבראַכט אַ קויש מיט אַ וואָג, און יידן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוואַרפן גאָלדענע קייטן, רינגען, אויררינגלעך און אַנדערע חפצים. פאַרוואונדערט האָט דאָס פאָלק זיך צוגעקוקט צו דער סצענע און דער שרייבער האָט אויפן אָרט אויסגע־פּאַרטיקט אַן אַקט כּהאי לישנא: „זלמן בן וואָלף פאַרמשפּט צום טויט איז שוין געפירט געוואָרן צו דער תּליה, די יידישע מנהיגים און דער יידישער עולם האָט זיך אָבער איבער אים מרחם געווען, ווי אויך אויף זיינע אַלטע יאָרן און דערפאַר אויסגעבעטן זיין לעבן ביי די חשובע ראַדנעס און לאַווניקעס און ביי דעם קריסטלעכן פאָלק פון דער שטאָט

1) דער אַנטראַג אויסצופירן דעם פּסק־דין.

דראָהאָביטש און אים בפירוש אַרויסגענומען פון דעם תּלינס הענט"...
„דאַנקענדיק פאַר דער טובה און פאַר דעם רחמנות פאַר זלמן בן וואָלף פאַרשפּרעכן מיר, מנהיגים דק"ק דראָהאָביטש, צו צאָלן אַ אונטערשטיצונג פון 500 רויטע גולדן לויט אַ ריכטיקער וואָג און אַ ריכטיקער צאָל. ווייל אָבער היינט איז שבת און מיר קאָנען נישט דאָס געלט היינט צאָלן, לייגן מיר איין ביז מאָרגן די חפצים פאַר אַ משכּון און פאַר-פליכטן זיך באַלד נאָך שבת זיי אויסצולייזן און די סומע פון די 500 רענדלעך ערלעך אויסצוצאָלן".

די דראָהאָביטשער יידן האָבן אויף זיך אויך גענומען דעם אויס-גלייך מיט די יידן פון סאַמבאָר און דאָלינאַ. זלמנען האָט מען אָפּגעפירט אין דעם ראַטהויז-טורעם אונטער דעם זייגער, דאָס פאָלק האָט קיין „טעאַטער" נישט געהאַט און איז דעריבער געווען שטאַרק אומצופרידן. „די יידן האָבן אָפּגעהוּרשט די ראַדע" – האָבן דערציילט די פּויערן, וועלכע זענען אַהיימגעגאַנגען אין די דערפער און אין די זשאַיפּן.

צומאָרגנס, זונטיק, האָבן די דראָהאָביטשער מנהיגים אַריינגע-טראָגן אין דער שטאָט-קאַסע די פאַרפליכטעטע סומע און אָפּגענומען זייערע משכּנות. דער פּראָצעס מיט די קהלות אין דאָלינאַ און סאַמבאָר האָט זיך לאַנג געצויגן, דעם סכסוך האָט מען באַהאַנדלט אויף דעם ועד אין בראָד און איבערגעגעבן דעם לעמבערגער רב. זלמן איז דערווייל געזעסן אין טורמע אונטער דעם זייגער ביי ברויט און וואַסער, לייב איז אַוועק פון דער שטאָט, די משפּחה איז צעשפּרייט געוואָרן אויף אַלע שבעה ימים, אויך האָט מען באַלד געקליבן אַ נייעם רב...

V

דער סוף

עס איז אַוועק אַ האַלב יאָר, פאַמעלעך האָט מען אָנגעהויבן אין דער זאַך צו פאַרגעסן, די ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט. פּלוצים זענען אין אַ זונטיק אַרויפגעגאַנגען גלחים אויף דעם טורעם אַרויף, אַראָפּ-גענומען פון זלמנען די קייטן און אים אַראָפּגעפירט אין דער קירכע. קיינער האָט אים נישט דערקאָנט, ער איז געווען ראַזירט, שטאַרק איינגעבויגן

און כמעט בלינד. דער פּראָבאָשטש האָט אים אָפּגעשמדט און אָנשטאָט דעם אומגלויביקן זלמן איז אַרויסגעקומען פון דער קירכע דער נייער קריסט יענדזשעי. ער איז שוין נישט מער צוריקגעגאַנגען אויפן טורעם, נאָר מען האָט אים איבערגעפירט אין קלויסטער פון די קאַרמעליטן. יענדזשעי וואָלפאָוויטש האָט זיך נישט לאַנג געפרייט מיט זיין אמונה. די ענויים, די לאַנגע תּפיסה, ווי אויך די אויפרעגונג פון דעם שמד האָבן אין אַ פּאָר טעג געמאַכט אַן ענדע פון זיין לעבן. מיט גרויס פּאַראַד האָט מען אים מקבר געווען אויפן קריסטלעכן צמענטאַרזש...

די געשיכטע האָט אין זלמנען פאַרגעסן, געבליבן איז ער אין דער לעגענדע. און אַז די לעגענדע איז בלייך געוואָרן איז געבליבן אַלס איינציקער אָנדענקן פון זיין לעבן און זיין טויט אַ פאָלקס-ליד, וואָס ווערט געזונגען ביז היינט פון אוקראַאינישע מיידלעך ביי זייער אונטערהאַלטן אין וויעלקאַנאָץ, אין דער האַולקע אָדער האַהולקע (אַ פסח-ליד) קלינגט נאָך ביז היינט די שרעק, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט פאַר זלמנען און פאַר די זלמאָנאָווע „ליודע", ווי אויך די שמחה, אַז מע האָט אים פאַרמשפט צום טויט.

„נודיעט ליודעי זלמן — בייע ליודעי זלמן".
„ניע פאַנויע זלמן — נאַ פאָהיבעל זלמן". [1]

1) די אַקטן פון דעם פּראָצעס אין די דראָהאָביטשער שטאָט-אַקטן, צומטייל אַרויסגעגעבן פון פּראָפעסאָר איזידאָר שאַראַניעוויטש, צומטייל נאָך אין כּתבֿ-יד אין לעמבערגער מלוכה-אַרכיוו. אין דעם פּנקס פון דער קהלה, וואָס איך האָב אים געהאַט אין דער האַנט ערשט אין דעם יאָר 1925, קומט זלמן אַ סך מאָל פאָר, תּמיד ביי די קהלה-וואַלן אַלס ראש וראשון פון די שטאָט-פּרנסים.

בנוגע דעם ליד וועגן זלמנען האָט מיר פאַר עטלעכע יאָר געשריבן אַ באַקאַנטער פון דעם שטעטל פּאָטיליטש (צפון-גאַליציע), אַז מ'זינגט דאָס ליד נאָך היינט.

ר׳ לייבוש באַלאַבאַן,

פרנס־החודש אין לעמבערג אין סוף פונם 18טן יאָרהונדערט.

עס איז געווען אין אַ רעגנדיקן האַרבסט־טאָג. די יידישע גאַס איז געווען פול מיט בלאָטע, ווייל זעקס חדשים זענען שוין געווען זייט דער גאַסן־רייניקונג פון פרילינג, און אויף ווינטער האָט מען נאָך די גאַסן נישט געבראַכט אין אָרדענונג. די גאַסן אַרום זענען אַפילו געווען ברוקירט, אָבער קיינער, זאָגאַר זקנים, האָבן נישט געדענקט, ווען מ׳האָט די דאָזיקע שטיינער געלייגט. דער וואָיעוואָדע און גענעראַל פון די רוסישע פראָווינצן, גענעראַל־מאַרשאַל פון דער רעפּובליק, סטאַראָסטאַ פון קאַליש, לאַטאַוויטש און וויעליטש, הער אויף קלעוואַן און זשוקאָוו, אויגוסט אַלעקסאַנדער דער פירשט טשאַרטאָריסקי, האָט באַלד נאָכן איבערנעמען זיין אַמט געגעבן די מנהיגי הקהלה אַ שטרענגן באַפעל וועגן דער „ריינלעכקייט״, אָבער כאָטש עס זענען זייט יענער צייט שוין פאַרביי עטלעכע יאָר און אויף דעם קאַלענדאַר איז שוין געווען דער פינפטער אָקטאָבער 1766, איז נאָך דער דאָזיקער באַפעל אַלץ געבליבן אויפן פאַפיר. וואָס עס האָט באַאיינפלוסט די פאַרשפּע־טיקונג פונם אויספירן דעם דאָזיקן באַשלוס, צי די פיש, בשמים־אַרטיקלען און עסנוואַרג, וועלכע מען האָט רעגולער צוגעשיקט דעם געהילף־וואָיעוואָדע, ה׳ אָרלעווסקי, צי געוויסע הנחות ביי געלט־צאָלונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן דעם פּראָקוראָר, ה׳ אולאַנאָווסקי, צי גאָר איז אין די דאָזיקע גאַסן געפאַלן מער רעגן און ווייניקער זון־שטראַלן, — איז היינט נאָך אַזוי פיל יאָרן שווער פעסטצושטעלן. אינדער־פרי זענען איבער די גאַסן געגאַנגען יידן, אַלטע און יונגע, און יעדער האָט אין בוזעם געטראָגן אַ הושענא. אייניקע האָבן אין דעם יאָר צום לעצטן מאָל מיטגענומען מיט זיך דעם לולב, בכדי אַרומצוגיין מיט אים זיבן מאָל אַרום דעם שול־באַלעמער און אים נאָכהער אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל.

די חשובי העיר זענען שוין אַלע געווען פאַרזאַמלט אין שול, מען האָט נאָר געוואַרט אויפן רב. דער פּרנס-החודש פון יענעם יאָר, ר׳ לייבוש באַלאַבאַן, איז געווען אומגעדולדיק און האָט עטלעכע מאָל געשיקט דעם שמש געוואָר ווערן, פאַרוואָס דער רב קלייבט זיך עפּעס אַזוי פּאַמעלעך אין שול אַריין. אין דער צווישן-צייט איז אויך דער גאַנצער עולם געוואָרן אומגעדולדיק און די בחורים האָבן פונדערווייטנס אָנגעהויבן מעסטן די הויך פון דעם ארון-קודש, צי זיי וועלן קאָנען אַזוי הויך אַרויפוואַרפן די הושענות נאָכן אָפּקלאַפּן זיי.

צום ערגסטן האָט זיך אויפגעפירט דער קליינער באָגדיס, אַ משרת ביי איינעם פון די ראשי הקהל, ר׳ אליהו בן הבל. ר׳ לייבוש באַלאַבאַן האָט דאָס דאָזיקע יינגל נישט ליב געהאַט, ווייל ער איז עלול געווען אָפּצוטון כלערלי ווילערישע שטיקלעך, און דער פּרנס-החודש האָט נישט געהאַט קיין סך געדולד. חוץ דעם האָט ער אים נישט געליטן דערפאַר, וואָס ער האָט געדינט ביי אלין, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעריסן אויף די קהלה-זיצונגען.

„צוליבן דאָזיקן יינגל וועט נאָך אַמאָל קומען צו אַן אומגליק" האָט ר׳ לייבוש אָפּט פאָרויסגעזאָגט, וויפל מאָל נאָר ער פלעגט זען, ווי דער משרת, טראָגנדיק דעם טלית פון זיין בעל-הבית, מאַכט לוסטיקע שפּאַסן און שטיפעריי. עס איז שוין אָבער נישט געווען קיין צייט פאַר לאַנגוויילי קייט, ווייל דער רב איז אָנגעקומען אין שול אַריין און אַלע האָבן דורך אויפשטעלן זיך אים אָפּגעגעבן כבוד.

נאָכן דאַוונען האָבן אַלע שנעל פאַרלאָזט די שול, כדי צו ערלע-דיקן זייערע געשעפטן פאַר יום-טוב. אייניקע האָבן זאָגאַר נישט געעפנט די געוועלבער, ווייל עס איז געווען זונטיק, ווען עס איז קיין שום פּדיון נישטאָ.

נאָר ביי איין געוועלב האָט זיך גערודערט. דאָס איז געווען די קראָם אינם הויז פון קהלה-עסקן ר׳ יוסף צימעלעס, לעבן דער שול (באַלאַכאַרסקאַ 29). די אייגנטימערין פונם געוועלב, ר׳ מאָנישעס פרוי, האָט געהאַט צו פאַרקויפן אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, פון אַ נאָדל ביז אַ בייטש, פון ליכט ביז בשמימוואַרג און אויפרייס-פולווער. אינם דאָזיקן טאָג גראַדע איז אויפן לעצטן אַרטיקל געווען אַ שטאַרקע

נאָכפּראַגע, ווייל אין לעצטן טאָג יום־טוב, אין שמחת־תורה, פּלעגט מען אין לעמבערג שיסן „אויף וויוואַט“.

וויפל פינגער מען האָט אַלץ אָפּגעבריט, אָדער צוגעקוועטשט מיט די הענער פון אַלטע פּיסטוילן, וויפל אומגליקן, איבערשרעקונגען און פאַלן פון חלשות זענען אַלץ דערפון געווען! עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפן. יינגלעך זענען יינגלעך און יום־טוב איז יום־טוב.

עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז אין אַזעלכע שייגעצערייען האָבן זיך געשפּילט נאָר די בחורים פון ערגערע שטובן, דען פאַר אַ יונגן בן־תורה פּאַסט נישט אַפילו אויף אַ רגע צו פאַרגעסן דעם ערנסט פון זיין שטאַנד. דאָס האָבן געטון די „יינגלעך פון פּראָסטן קלאַס“, די שוסטערלעך און ענלעכע ווילע־יונגען.

ר׳ לייבוש באַלאַבאַן האָט אַלע יידישע געוועלבניקעס פאַרווערט צו פאַרקויפן די בחורים פולווער, און דאָס אונטער דער דראָונג פון שווערע שטראָפן. ווער האָט זיך אָבער געקאָנט ריכטן, אַז ר׳ מאָנישעס פרוי האָט צו פאַרקויפן פולווער, זי האָט שוין זייט אַ האַלב יאָר נישט געצאָלט קיין דירה־געלט און צימעלעס האָט איר נאָר געהאַלטן צוליב רחמנות.

באָגדיס איז מיט זיין בעל־הבית געגאַנגען אַהיים, געגעסן פרישטיק, וואָס איז אין דעם טאָג אויסגעפאַלן צוזאַמען מיטן מיטאָג, און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס אַריין. דאָ האָט ער זיך אויף אַ געוויסער צייט געשפּילט אין דער בלאָטע, שפּעטער איז ער אַריין אין די וואוינונג פון זיין פאָטער דעם בעקער, אַרויסגעפּליקט עטלעכע גענזענע פעדערן פון אַ שמיר־בערשטל און אַוועק גלייך צו ר׳ מאָנישעס פרוי.

„גיט מיר פאַר צוויי דרייערס פולווער, נאָר אַ סך“. די פרוי האָט אים גוט געקענט. ער האָט ביי איר שטענדיק איינגעקויפט פאַר ר׳ אלין, האָט זי אים דערפאַר געגעבן מער, ווי אַן אַנדערן. באָגדיס האָט די פעדערן באַהאַלטן אין בוזעם, דעם פולווער זאָרגפעלטיק פאַרפּאַקט, כדי ער זאָל נישט ווערן נאַס, און אַהיימקומענדיק האָט ער זיך אַוועק־געזעצט אין אַ ווינקל, אויסגעבלאָזן די פעדערן און זיי אָנגעפילט מיט פולווער, כדי זיי זאָלן כאָטש טיילווייז קאָנען פאַרטרעטן אַ פּיסטויל, פאַר אים אַ אומדערגרייכבאַרער אידעאַל. דאָס אַלץ האָט ער באַהאַלטן אויף אַ שענקל צווישן די גמרות און קיינעם וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — —

עס זענען אַריבער זונטיק און מאָנטיק. אין דער נאַכט פון שמחת־תורה איז געווען פריילעך אויף דער יידישער גאַס. עס איז, גאָט צו דאַנקען, קיין רעגן נישט געווען, נאָר אַ בלאָטע, אַ בלאָטע ביז צו די קנעכלען.

ווי עס איז נאָר געוואָרן פינצטער האָט מען אין אַלע פענצטער אַריינגעשטעלט ליכט און דאָס אומעטום, צי אויפן ערשטן שטאָק, צי אויפן פּערטן. אַפילו די איינוואוינער פון די בוידעם־שטיבלעך האָבן נישט געוואָלט הינטערשטעליק בלייבן און האָבן אילומינירט זייערע פענצטער.

וווּנדערבאַר האָט אָפּגעשלאָגן די שיין פון הונדערטער ליכט אין דעם בלאָטיקן שפּיגל, וועלכן עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די גאַס. קיינער האָט אָבער דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. פאַר דער וווינונג פונם רב האָט זיך פאַרזאַמלט כמעט די גאַנצע קהלה, כדי אין טאָג פון שמחת־תורה צו באַגלייטן דעם גדול התורה אויף אַ פייערלעכן אופן אין שול אַריין.

לאַנג האָט מען געוואַרט. דער רב איז געווען אַן אַלטער און נישט קיין געשווינטער, איבריקנס האָט ער זיך בכלל נישט געאיילט. ער האָט ביי זיך אין שטוב געשמועסט מיט די פרנסים און זיך אויס־געפרעגט וועגן די פּרטים פון דער לעצטער בית־דין זיצונג, אויף וועלכער ער האָט צוליב זיין אַלטקייט נישט געקאָנט פירן דעם פאָרזיץ. די מנהיגים האָבן זייער רבין דערציילט וועגן פאַרשידענע ענינים, זיך געקלאָגט אויף די שלעכטע צייטן, אויפן נישט־פאָלגן זיך מצד דעם יינגן דור, אויפן אומווילן צו לערנען און אויף דער אויסגעלאַסנקייט פון דער יוגנט, אויף די שוואַכע פאָרשריטן אין לערנען און די אָפּגעלאָזנקייט און פאַרנאַכלעסיקונג פון די מלמדים א. אַז. וו. דער רב האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם דרוק, וועלכן די קהלה האָט אויף אים אויסגעאיבט בעתן איבערנעמען דאָס רבנות פון דער מדינה, הייסנדיק אים אונטערשרייבן אַ באַשייניקונג, אַז ער וועט זיך באַפרידיקן מיט דעם געהאַלט פון דער מדינה און וועט נישט האָבן קיין פּרעטענסיעס צו די שטאָטישע קהלות; דעסגלייכן ווי מ׳האָט פאַרלאַנגט פון אים אַרויסצוגעבן די ביכער און דעפּאָזיטן, „וועלכע געהערן דער שטאָט לעמבערג". דער רב האָט אויך נישט געקאָנט

איבערטראָגן דעם שמערץ צוליבן וכּוח מיט די פראַנקיסטן אין דער לעמבערגער קאַטעדרע, אין וועלכן אויך ער האָט געמוזט אָנטייל נעמען. וויפל הונדערטער יידן האָט דער דאָזיקער פראַנק געפירט צו דער שמד, די שטראָף אָבער האָט אים נישט אויסגעמיטן. מ׳האָט דערקענט דעם דאָזיקן פויגל און יעצט זיצט ער אין דער טשענסטאָכאָווער פעסטונג צו דער צופרידנהייט פון אַלע.

די ראשי־הקהל האָבן זיך געקלאָגט אויפן דרוק מצד דעם געהילף־וואָיעוואָדע און באַזונדערס דעם פּראָקוראָר, ה׳ יאַנאָווסקי, און ר׳ לייבוש באַלאַבאַן האָט ווידער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס האָבן די פרנסים פון דער פאָרשטאָט געוואַגט אַנצופאַלן אויפן דאָרטיקן פרנס־החודש.

ר׳ לייבוש איז געווען אַ זעלבסהערשער און האָט נישט דער־לויבט קיין ווידערשטאַנד, און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט הערן וועגן דעם באַוווסטן בונט קעגן דעם ראש־הקהל פון דער פאָרשטאָט, ר׳ אליעזר מינטשעלעס, איז ער רויט געוואָרן ווי אַ בוראַק און געזאָגט: „ווען אַזאַ דוד צויבעל אָדער שלמה צי לייבוש מיזיס זאָל מיר זאָגן: ,כ׳וועל דיר געבן אין דער מאָרדע אַריין׳, וואָלט איך עס נישט געשענקט, אַפילו ווען די גאַנצע וועלט זאָל זיך שטעלן אויפן קאָפּ“.

דער רב האָט געקאָנט די נאַטור פון ר׳ לייבושן און, נישט וועלנדיק ערלויבן צו באַרירן די שטורמישע זכרונות פון פאַר אַנדער־האַלבן יאָר, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און האָט מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן, אַז עס איז שוין צייט צו גיין אין שול אַריין.

ר׳ לייבוש פון איין זייט און ר׳ ישראל יוספס פון דער צווייטער האָבן אָנגענומען דעם רב פאַר די אָרעמס, אים אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ און נאַכהער, גייענדיק אינמיטן גאַס, זענען זיי אַוועק אין שול אַריין.

דער עולם האָט אויפגענומען דעם רב מיט פרייד־אויסגעשרייען און פאַטשן מיט די הענט און איינער אַ מנגן האָט אָנגעהויבן צו זינגען עפּעס אַ מעלאָדיע אָן ווערטער, וועלכע גרויס און קליין האָט מיט־באַגלייט, נישט קימערנדיק זיך וועגן האַרמאָניע און טאַקט. — די מעלאָדיע איז געווען אַלעמען באַקאַנט, מ׳האָט זי שטענדיק געזונגען

אויף חתונות און תנאים. — אויפן אָפּקלאַנג פונם געזאַנג האָבן זיך אין די פענצטער באַוויזן קעפּ פון ווייבער און מיידלעך און פון אומעטום האָט מען זיך איבערגעגעבן די האַסלע: „מ׳גייט שוין״, „מ׳גייט״.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין שול איז געווען העל ווי אינמיטן טאָג. אַלץ איז בעתן דאַווענען געווען ערנסט געשטימט. נאָר די חברה קליינוואַרג האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, ביז דאָס אייגנטלעכע דאַווענען זאָל זיך שוין ענדיקן און מ׳זאָל שוין אָנהייבן טיילן הקפות. באַלד טאַקע איז דער שמש צוגעגאַנגען צום ארון-קודש און אַרויסנעמענדיק איין ספר-תורה נאָך דער אַנדערער, האָט ער אויסגערופן ביים נאָמען און פאָטערס נאָמען די אָנגעזעענסטע בעלי-בתים פון דער קהלה, טיילנדיק זיי הקפות. צוערשט איז געגאַנגען דער חזן, נאָך אים דער אַלטיטשקער רב, דאַן די ראשי-הקהל מיט ר׳ לייבושן בראש. ביי דעם קלאַנג פון די געזאַנגען האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם באַלעמער און צוקומענדיק צוריק צום ארון-קודש, האָבן זיי אַוועקגעגעבן די ספרי-תורה אַנדערע מתפּללים. פון אָנהויב איז אַלץ געגאַנגען אין אָרדענונג. די אָנגעזעענסטע מתפּללים האָבן גענומען ספרי-תורה און זיי אַוועקגעגעבן אַנדערע מתפּללים. נאָך יעדער הקפה, אָבער, האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען ספרים וואָס אַמאָל אַלץ מער אָרעמערע הן אין תורה הן אין עשירות, ביז עס זענען אָנגעקומען די בעלי-מלאכה און דאָרפישע אַרענדאַרן, וועלכע האָבן די ימים-טובים פאַרבראַכט אין שטאָט. ביים סוף האָבן באַקומען הקפות בחורים עלטערע און ייִנגערע, ביז די סאַמע — יינגסטע. יעצט האָט אויפגעהערט יעדע אָרדענונג. די יינגלעך האָבן זיך געשטופּט צום שמש, ווילנדיק וואָס שנעלער באַקומען אַ ספר-תורה.

„מיר אַ ספר״, „גיט מיר, איך בין עלטער״, „ניין, איך בין עלטער״. יעדער רייסט, שרייט, און צווישן דעם אַלעמען זינגט דער חזן ווייטער, דעם כּסדר איינטאָניקן ניגון: „עוזר דלים, הושיעה נא״, און די עלטערע יידן שרייען: „גיב אַכטונג, וועסט נאָך אַראָפּלאָזן דאָס ספר״, „פּאַמעלעך״, „ווי אַזוי טראָגסטו?״ א. אַז. וו.

— — — — — — — — — — — — — — —

אונזער באָגדיס האָט זיך דערווייל אָפּגערוקט פון זיין בעל-הבית און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יינגלעך אָפּגעקליבן זיך אַן אָרט אויף

אַ באַנק, פון וועלכער ער זאָל קאָנען זעען אַלע הקפות און פאַרטשעפען זיינע חברים. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם זיינע געזונע פעדערן, זיי באַקוקט, צי זיי זענען פול און איין אַזאַ פעדער צוגעלייגט צו אַ חלבן ליכט, וואָס האָט געברענט אויף אַ באַנק, און זי אָנגעצונדן. „וויוואַט״ האָבן זיינע חברים אויסגעשריגן און איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אויסגעשאָסן פון זייערע פּיסטוילן.

ר׳ לייבוש באַלאַבאַן איז באַלד אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, כדי אויסצופאָרשן, ווער עס האָט געוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן זיין באַפעל. ער האָט אָבער נישט געקאָנט דערזען אַזוי ווייט און באָגדיס האָט זיך באַהאַלטן אונטער די פּלייצעס פון איינעם, וועלכער איז געזעסן לעבן אים. דאָ האָט ער זיך אַרויסגענומען אַ צווייטע פעדער און געוואָלט ווידער אויסשיסן אויף וויוואַט. דערווייל האָט ער דערזען זיין געוועזענעם חבר פון חדר, דעם זון פון נתן דעם קירזשנער. דער בחור האָט געהאַט לאַנגע פאות, וועלכע האָבן זיך אים געשאָקלט אַהין און צוריק. באָגדיס האָט נישט לאַנג געקלערט, צוגעלייגט די פעדער צו די פאות פונם יינגל, צוגעלייגט אַ ברענענד ליכטל און אָנגעצונדן. אַ מוראדיקער געשריי איז געווען דער ענטפער אויפן שאָס און אין דער זעלבער רגע איז אַ ספר-תורה געלעגן אויף דער ערד...

אַ געשריי, אַ גערייסעריי, אַ צעמישונג נישט צו באַשרייבן. וואָס איז געשען? וואָס איז געשען? אַן אומגליק! מען דאַרף פאַסטן גאַנצע פערציק טעג און דאָס די גאַנצע קהלה, און אויך דאַן איז נישט זיכער, צי עס וועט ווער נישט שטאַרבן.

עס האָבן זיך אויפגערעגט די ראשי-העיר און זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן, ווער עס האָט דאָס ספר אַראָפּגעלאָזט און ווער עס האָט אויסגעשאָסן. ר׳ לייבוש האָט געהאַט וואַסער אויף זיין מיל: „איך האָב געזאָגט, אַז דורכן דאָזיקן יינגל וועט נאָך קומען צו אַן אומגליק, איר האָט נישט געגלויבט, אָט האָט איר, האָב איך אייך נישט געזאָגט? אלי איז אַזאַ בעל-הבית און האָט אַזעלכע משרתים. ווער גיט עס אַ יינגל פולווער, פעדערן? ווער ערלויבט דאָס אַזעלכן זיך צו שפּילן אויף אַזאַ געפערלעכן אופן?״

ר׳ אלי האָט נישט געהערט די טענות פונם פרנס-החודש, דען

באַלד נאָכן דאָזיקן אומגליקלעכן פּאָרפּאַל איז ער צוגעפאַלן צו באַגדיסן, אים אויסגעפּאַטשט און צוגענומען ביי אים די פעדערן. אויך דער רב איז צוגעגאַנגען צום יינגל. ער האָט אָבער נישט ערלויבט אים צו שלאָגן. „שיקט אים אַוועק, אלי, און פאַרטיק. אויב ער איז אַ שייגעץ, זאָל ער גיין!“ באַלד דערויף איז ר׳ לייבוש צוגעגאַנגען צו באַגדיסן, אָנגענומען אים ביים קאָלנער און צורופנדיק דעם שמש, האָט ער אום געהייסן שטעלן אין קונע. ר׳ לייבוש האָט אַזוי געשריגן, אַז קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס אים גייט. אלי האָט מורא געהאַט פאַר די ערגסטע פאָלגן, וואָס עס קאָנען דאָ פאַרן דאָזיקן יינגל אַרויסקומען, האָט זיך זייער געשעמט, אַז מ׳זאָל זיין משרת איינזעצן אין טורמע, ווי אַ פאַרברעכער, און נישט ערלויבט דעם שמש צו נעמען באַגדיסן.

עס איז געקומען צו אַ קריגעריי, אַרומרייסעניש און כמעט צו אַ געשלעג. „דו לא־יצלח!“ האָט ר׳ לייבוש געשריגן צו אלין, „דו עזות־פנים, צי ווייסט דו, אַז איך בין דער פרנס־החודש, איך האָב מאַכט, איך וועל דיך הייסן אַרויסיאָגן פון שטאָט און ווּעסט גיין“. „וואָס ביסט דו ביי זיך אַזוי גרויס“, האָט אלי איראָניש געענטפערט. „וויכטיקערע פון דיר האָבן ביי מיין פאָטער געדינט!“. דער רב האָט פונאַנדערגעשיידט די אויפגערעגטע צדדים, מילדערנדיק דאָ דעם, דאָ דעם; דערווייל האָט באַגדיס באַוויזן צו אַנטלויפן פון שול און זיך אויסבאַהאַלטן אַזוי, אַז מען האָט נישט געוווּסט ווו און ביי וועמען.

דאָס דאַוונען איז איבערגעריסן געוואָרן, די ספרי־תורה האָט מען צוריק אַריינגעשטעלט אין ארון־קודש און אַלע זענען, טרויעריקע און איבערגעשראָקענע, אַהיים געגאַנגען. אַן אימה איז געהאָנגען איבער דער קהלה. „פערציק טעג פאַסטן, און ווער ווייסט, צי עס וועט ווער נישט שטאַרבן צוליב דער דאָזיקער עבירה?“. די יום־טובדיקע פריילעכקייט איז געוואָרן פאַרשטערט, מען האָט שוין די נאַכט נישט מער אַזוי געזונגען, נישט געפרייט זיך און שנעל זענען אומעטום פאַרלאָשן געוואָרן די ליכט און אַ חושך־מצרים האָט באַדעקט די גאַס. אַ שטילקייט האָט געהערשט און נאָר די טריט פונם שטאָטישן וועכטער, וועלכער האָט געהיטן די יידישע גאַס, האָבן זיך פון צייט צו צייט געהערט.

ר׳ לייבוש איז נישט געשלאָפן, נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן. אַזאַ באַליידיקונג און דערצו נאָך אין שול, אין דער אָנוועזנהייט פון

דער גאַנצער קהלה. „בעסערע פון דיר האָבן ביי מיין פאָטער געדינט" דאָס האָט ער געהערט און פון וועמען, פון אַזאַ אלי. גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט אַזאַ פאַרשעמונג איז די באַליידיקונג פון אליעזר מינטשעלעס. ר׳ לייבוש האָט געקלערט וועגן נקמה און דאָס אויפן שרעקלעכסטן אופן.

אין די אַמאָליקע צייטן איז די מאַכט פון דעם ראש־הקהל, פונם אַזוי באַוווּסטן פרנס־החודש, געווען אַ גרויסע און אַ מוראדיקע ביז ערשט די דעקרעטן פון די וואָיעוואָדעס האָבן זי באַגרענעצט, און ביז דער יידישער המון אַליין האָט זי מיט הילף פון פרעמדע כוחות געבראָכן.

געהערט האָט ר׳ לייבוש, אַז אַמאָל האָבן זיך אַפילו די רבנים געמוזט אונטערגעבן דער הערשאַפט פון די פרנסים און דער גאון, ר׳ מאיר בן גדליהו מלובלין, דער באַרימטער מהר"ם, האָט געמוזט פאַרלאָזן לעמבערג, ווען עס האָט דאָס געפאָדערט דער פרנס ר׳ אברהם שרענצעלס כהן־ראַפּאָפּאָרט. ר׳ לייבוש האָט אין זיך דער־שפּירט דעם כוח פון די אַמאָליקע פרנסים און האָט באַשלאָסן צו באַנייען זייער אַמאָליקע מאַכט און ברעכן די חוצפה פון די ווידער־שפּעניקע. און דער געהילף־וואָיעוואָדע, דער פּראָקוראָר!? אויך פאַר זיי האָט ער נישט מורא געהאַט און מיט אַ רויק געפיל וועגן זיינע כוחות איז ער האַסטיק איינגעשלאָפן. ווי אַ דערצערנטער לייב, וועלכער עטעמט מיט נקמה אין אַ וויטן, פינצטערן וואַלד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אויפצומאָרגנס האָט מען זיך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט מיטן דאַוונען. הקפות האָט מען געמאַכט בלויז זיבן, די ספרי־תורה האָט מען געגעבן נאָר עלטערע, קיין ייִנגלעך האָט מען קיין ספרים נישט געגעבן. עס זענען נישט געווען קיין טענץ, קיין געזאַנגען, נישט קיין פריילעכקייט. „מען דאַרף פאַסטן פערציק טעג און וואָר ווייסט, אויב עס וועט וועט נישט שטאַרבן צוליב דער דאָזיקער עברה".

נאָכן דאַוונען האָט ר׳ לייבוש פונאַנדערגעשיקט שמשים און גערופן די פרנסים מיטן רב אויף אַ דין־תורה אויף נאָכמיטאָג. ווען מ׳האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין יום־טוב טאָרן קיין דין־תורהס נישט פאָרקומען, נישט לויטן יידישן דין און נישט לויטן פוילישן געזעץ,

14. די מצבות פון פיר קראָקעווער רבנים אויף דעם אלטן בית־עולם (פון רעכטס צו לינקס): 1. ר׳ העשיל, נפטר 1663; 2. ר׳ אריה־ליב, נפטר 1671; 3. ר׳ יהושע בן יוסף, בעל המחבר ספר פני יהושע, 1648; 4. ר׳ יצחק הלוי, נפטר 1799 (די פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן הער חיים פריילין).



15. פּרוכת פון דער הויכער שול אין קראָקע, אַ נדר פון ר׳ יחיאל־מיכל בן פּלטיאל און זיין ווייב מירל אין דעם יאָר 1642 (ת״ב). דער שפּיגל פון דעם פּרוכת איז גרין.



16. פּרוכת אין פּשעדבאָרזש מיט דריי פּוילישע אָדלערס. לויט מסורה שטאַמט דאָס פּרוכת פון אַ כאָן פון אַ פּוילישן רעגימענט אין דער תּקופה פון נאַפּאָלעאָן. דאָס פּרוכת האָבן מנדר געווען אין דעם יאָר 1832 דאָרפּישע ארענדאַרעס, וואָס ביי זיי האָבן עס איבערגעלאָזט די זעלנער.

האָט ער דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר געטון זיינס. ר׳ אלין האָט ער צו דער דין־תורה נישט געבעטן.

אַ געדענקבאַרער „זמן שמחתנו״ איז דאָס געווען פאַר דער יידישער קהלה. באַלד נאָכמיטאָג זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער קהלס־שטוב לעבן דער שול די מנהיגים פון דער קהלה. בראש איז געזעסן דער רב און לעבן אים זענען לויט דער ריי געזעסן די זקני־העיר: ר׳ ישראל בן יוסף, ר׳ זלמן בן אלי, ר׳ אהרן פון דראָהאָביטש, ר׳ מרדכי בן ברוך, ר׳ אַנשיל בן יעקב, ר׳ יוסף צימעלעס, ר׳ ברוך בן מענדיל, ר׳ יואל בן משה און ר׳ אפרים בן אברהם.

ר׳ לייבוש האָט גענומען דאָס וואָרט און, פאָרשטעלנדיק דעם גאַנצן ענין, האָט ער געפאָדערט צו באַשטראָפן אלין. עס האָבן זיך אָפגערופן שטימען פאַר און קעגן. אייניקע האָבן בכלל אין אליס אויפ־פירונג קיין שום שלעכטס נישט געזען. „ער האָט פאַרטיידיקט דאָס יינגל און אים נישט געלאָזט באַליידיקן״.

ר׳ לייבוש איז אָבער נישט אָפגעשטאַנען. „אלי איז קיינמאָל קיין גראָשן נישט ווערט געווען און אויך היינט איז ער קיין גראָשן נישט ווערט. איר מיינט, אַז איך האָב צו אים טענות גלאַט אַזוי, אָן אַ שום סיבה? ער איז דער שולדיקער אין אַלע אומגליקן פון דער קהלה. ער קריכט צו די באַאַמטע און גיט זיי איבער אַלע קהלישע סודות. דערפון שטאַמען אַלע באַפעלן פון אָרלעווסקין, אַז מ׳זאָל אָפּגעבן דין־וחשבון פונם קהלה־געלט, וואָס מען האָט געטון דאָ און דאָרט. דען אַנדערש, פון וואַנען וואָלט אַזאַ פאַרשוין געוווּסט, וואָס עס טוט זיך ביי אונז? און אָט זעען מיר, ווי מענטשן ווילן זיך אונז נישט הערן, שטענדיקע טענות, שטענדיקע אָנקלאַגן, איר אַליין גראָבט אַ גרוב אונטער דער קהלה, איר מאַכט זי אַליין אומגליקלעך״. לאַנג האָט ר׳ לייבוש גערעדט און וואָס אַמאָל איז ער אַלץ מער געוואָרן אויפגעהיצט. האָבן אַלע פּרנסים געהערט און מורא געהאַט זיך אים אַנטקעגנצושטעלן. דערנאָך האָבן זיך אָבער ווידער די מיינונגען געטיילט, ביז דער רב האָט ענדלעך געשטעלט דעם ענין צו אָפּשטימונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרלויפיק צו פסלען ביי אלין דאָס אַמט פון אַ פּרנס־הקהל, ביז עס וועט אַרויסגעגעבן ווערן אַן ענדגילטיקער פסק.

באַלד איז ר׳ לייבוש אַרויסגעלאָפן פאַר דער שול און, נישט

פאַרשטענדיקנדיק זיך מיט פרנסים פון דער פאָרשטאַט — ווי עס איז געווען פאָרגעשריבן — האָט ער די שמשים געהייסן פובליקירן איןביידע גרויסע שולן פאָלגנדן פסק:

„עס איז פאַראַן ביי אונז אַ גרויסער חרם אויף די, וועלכע גיבן אַרויס די סודות פון דער קהלה, און ווייל אלי אָבלאָוויטש האָט דאָס געטון און האָט דעם פרנס־החודש געזידלט, נעמען מיר ביי אים אָפּ דאָס רעכט פון אַ פרנס־הקהל און נאָך יום־טוב וועט ווערן אים אַרויס־געגעבן ווערן אַ צווייטער דעקרעט".

כּדי זיין קעגנער נאָך מער צו דערצערנען האָט ר׳ לייבוש צונויפ־גענומען אַ באַנדע בעל־עגלהס און זיי געהייסן אונטער די פענצטער פון אלין דעם דאָזיקן פסק הויך אויסשרייען.

דאָס איז געווען דינסטיק, דעם 7טן אָקטאָבער 1766.

צומאָרגנס איז אלי מיט זיינע אָנהענגער אַוועק אין קאַמפּיאַנס הויז, ווו עס האָט אַמטירט דער געהילף־וואָיעוואָדע, און דאָ פאַרן אַמט גע־שילדערט אַלץ, וואָס האָט קעגן אים באַגאַנגען ר׳ לייבוש, ווי אַזוי ער האָט געלאָזט אום יום־טוב אַרויסגעבן אַ פּסק און געשיקט אונטער זיינע פענצטער די בעל־עגלהס און געהייסן זיי דעם פסק אויסשרייען. פאַר די זלזולים פאָדערט ר׳ אלי פון דעם שופט, ער זאָל ר׳ לייבושן פאַרלאָדן פאַר זיין געריכט.

אָרלעווסקי האָט מיט דער זאַך לאַנג נישט געוואַרט און אויף צוויי טעג אַרום, ד. ה. אויפן 10טן אָקטאָבער, באַשטימט דעם טערמין פון דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג. ביידע צדדים זענען געשטאַנען: קהל און דער רב זענען געווען די אָנגעקלאָגטע, וועגן זייער טעטיקייט און דעם אויבנדערמאָנטן פסק.

דער פּראָקוראָר אולאַנאָווסקי האָט איבערגעלעזן די באַשולדיקונג און נאָך אַ עטלעכע־שעהדיקער באַטראַכטונג האָט דאָס געריכט אַרויס־געגעבן פאָלגנדן אורטייל:

„אלי אָבלאָוויטש, אָפּקומענדיק פאַר זיין טאַט, דאַרף ער צו באַצאָלן ר׳ לייבוש באַלאַבאַן צען פוילישע גריוונעס און דעם געריכט העלפט פון דער דאָזיקער סומע, און אַחוץ דעם ר׳ לייבושן מיט זיינע חברים איבערבעטן.

ר׳ לייבוש באַלאַבאַן, ווידער, דערפאַר וואָס ער האָט אלי אָבלאָוויטשן, וועמעס אבות־אבותיו האָבן דאָ געוווינט, מיט זייער גראָבע ווערטער געזידלט און אַ טומל אַרויסגערופן, דעסגלייכן

דערפאַר, וואָס „זייענדיק זעלבסט דער אָנקלאָגער, האָט ער אונטער־געשריבן אַ פסק אין דער אָפּוועזנהייט פונם אָנגעקלאָגטן און נאַכהער נאָך געהייסן דעם פסק פאַרעפנטלעכן, מיטן צוגאָב, אַז אלי גיט ארויס סודות פון דער קהלה", זאָל אין אַ וואָך אַרום איינגעזעצט ווערן אינם טורם פון דער שטאָטישער שול, ווו ער זאָל זיצן צוויי טעג און נעכט, און נאָכן אָפּזיצן — אלין מיט זיינע שכנים איבערבעטן.

די ראשי־הקהל, ווידער, דערפאַר, וואָס, קעגן געזעץ און די דעקרעטן פונם וואָיעוואָדע, האָבן זיי ביי אלין אַוועקגענומען דאָס רעכט פון אַ פרנס־הקהלה און דערצו נאָך צונויפגערופן דאָס בית־דין אין יום־טוב, אויף וואָס זיי האָבן קיין שום ערלויבניש נישט באַקומען און אויך דערפאַר, וואָס זיי האָבן געלאָזט אויסרופן אין די שולן מער פון דעם, וויפל זיי האָבן זיך אויסגעדריקט אינם פסק, זאָל יעדער פון זיי, נאָכדעם, ווי ר' לייבוש וועט אַרויס פון טורם, איינער נאָכן אַנדערן, אָפּזיצן דאָרט צו איין טאָג פון זון־אויפגאַנג ביז אָוונט (אויסער שבת).

דער רב, כאָטש ער האָט אויך פאַרדינט אַ שטראָף, ווערט צוליב זיין עלטער באַפרייט. עס ווערט אים אָבער דערמאָנט, אַז ער זאָל אַזעלכע דעקרעטן פון דערוויטערן פרנסים פון דער קהלה נישט וואַגן מער אַרויסצוגעבן, נישט אָנפרעגנדיק פריער דעם געהילף־וואָיעוואָדע.

דאָס אַלץ ברויכן אַלע צדדים ערפילן, און דעם, וועלכער וועט זיך דעם דאָזיקן דעקרעט אַנטקעגנשטעלן, דראָט אַ קערפערלעכע שטראָף".

וואָס אָנבאַטרעפט דאָס יינגל באָגדיס, ווערט זיין ענין איבער־געשיקט צום געהעריקן בית־דין, וועלכער דאַרף אַרויסגעבן זיין ענדגילטיקן פסק וועגן אים אויפן סמך פונם דאָזיקן דעקרעט.

אַרויסגעגעבן אין לעמבערג, אין מיין רעזידענץ, דעם 10טן אָקטאָבער 1766".

אונטערגעשריבן: יוזעף אָרלעווסקי.

— —

דער דאָזיקער דעקרעט האָט צעשמעטערט די מאַכט פון דער קהלה און צונישט געמאַכט די פּלענער פון ר' לייבושן.

ר' לייבוש האָט אַריינגעטראָגן אַן אַפּעלאַציע צום וואָיעוואָדע;

דער געהילף־וואָיעוואָדע האָט די דאָזיקע אַפּעלאַציע אָנגענומען.

צי האָט ער מיט איר עפּעס אויפגעטון? וועגן דעם שווייגן די אַקטן, גלייך ווי זיי שווייגן פון דער ווייטערער אַרבעט פון ר׳ לייבושן. זייט דאַן איז זיך ביזן סוף פון דער קאַדענץ רויִק געזעסן אין זיין אַמט איינער פון לעצטע פרנסי־החודש אין דער צייט פון דער פוילישער מלוכה.

II. פון אַלטע קהלות

צוויי קהלות אין איין שטאָט

(אַ קאַפּיטל פֿון דער געשיכטע פֿון לעמבערג)

1. די שפּאַלטונג

אַ קינד בין איך נאָך געווען און איך האָב מיך תּמיד געוווּנדערט וואָס מ׳רופט מיין קוזין: אַ ש ט ע ט י ש ע ר. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אַז ער הייסט אַזוי, ווי איך בין אָבער שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז ער הייסט לאַנדוי, האָב איך דעם ענין שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען. אין חדר האָב איך אַמאָל געהערט פון אַ חבר, אַז אין „שטאָט״ דאַוונט ב ר ו ך ש ו ר מיט זיין פיינער מקהלה און עטלעכע יינגלעך האָבן מיר דערציילט, אַז זיי גייען שבת אין ש ט אָ ט אַ ר י י ן הערן דעם דאָזיקן חזן. אַן אַנדער מאָל האָט מען דערציילט ביי אונז אינדערהיים, אַז אַ קרוב אונזערער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פריילין, וואָס איז זייער פיין און באַלעבאַטיש, נאָר איין חסרון האָט זי, זי איז אַ... ש ט ע ט י ש ע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט ש ט ע ט י ש באַטייט עפּעס אַ גוואַלטיקן פעלער, אַ מינדערווערדיקייט, און איך האָב מיר פאָרגענומען חוקר-ודורש צו זיין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין ענין.

איך האָב נישט באַדאַרפט לאַנג צו וואַרטן, וואָרים אַמאָל אין סאַמע ערב-שבועות האָט מיר געזאָגט דער זיידע מיינער: „מאירטשע, קום, מיר וועלן גיין אין שטאָט אַריין אין דער אַלטער שול, ווייל היינט איז די יאָרצייט פון די קדושים: ר׳ חיים און ר׳ יהושע רייצעס, וואָס מ׳האָט זיי פאַרברענט אויפן מאַרק פאַר אַן ערך פון צוויי הונדערט יאָר״. דאָ האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און באַוואָרפן דעם זיידן מיט אַזוי פיל קשיות, אַז ער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריער צו ענטפערן: וואָס הייסט דאָס ש ט אָ ט, מיר וווינען דאָך אין

שטאָט לעמבערג, און וואָס פאַר איין שטאָט אַריין גייען מיר? ווו איז די אַלטע שול? ווער איז ברוך שור און ווו דאַוונט ער מיט זיין מקהלה וכו׳ וכו׳? דער זיידע איז נישט געווען געלוינט מיר צו ענטפערן אויף די קשיות און האָט מיר נאָר אַזוי פיל געזאָגט: מאירטשע מיין קינד, אין לעמבערג איז פאַראַן צוויי קהלות: אַ שטעטישע און אַ פאָרשטעטישע, אין איעדערער פון זיי איז דאָ אַן אייגענע שול מיט אַן אייגענעם רב און אַן אייגענעם חזן. אַזוי איז ביי אונז אין פאָרשטאָט דער רב ר׳ הערש אָרנשטיין און ז י י אין שטאָט האָבן נאָר אַ מגיד, ביי אונז אין שול דאַוונט דער באַוווּסטער חזן ר׳ אהרן-שלום און זיי האָבן עפּעס אַ ברוך שור. „יאָ, – האָב איך אַ זאָג געטון – דו זאָגסט, זיידע, עפּעס אַ ברוך שור און ביי אונז אין חדר זאָגן די קינדער, אַז אהרן־שלום מעג ביי אים הייצן אין דער גרובע!“ דער זיידע איז געוואָרן אָנגעצונדן, ער איז אויף איינמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר פּלוצלינג האָט ער געטון אַ זאָג: „דאָס קאָנען נאָר זאָגן טיפּשים, שטעטישע נאַראָנים!“ און ער האָט געטון אַ זיפץ, אַז איך האָב שוין געהאַט גרויס חרטה אויף וואָס איך האָב געזאָגט אַזאַ „מיאוסע“ זאַך.

מיר זענען געגאַנגען אין שטאָט אַריין, געגאַנגען דורך פאַרשידענע גאַסן, געזען אַסך שיינע יידישע געוועלבער, געקומען אין דער „אַלטער שול“, געטראָפן יידן, גאַנץ ענלעך צו אַלע אַנדערע יידן, געדאַוונט מנחה בציבור און נישט געזען קיין חילוק צווישן שטאָט און פאָרשטאָט. און דאָך האָט געהערשט צווישן די צוויי „קהלות“ אַ שפּאַלטונג גאָר אַ גרויסע, אַן אָפּגרונט, וואָס איז נאָך ביז היינט נישט צוגעשיט, אַ מין קעגנזאץ אין גאַנצן לעבן, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אויף יעדן שריט און טריט. „וואָס קאָנסט דו פון איר פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל האָבן שכל, אַז זי איז אַ שטעטישע“ – האָט געזאָגט אונזער שכנטע צו איר דינסטמיידל. „שמוציקער קאָכצשיק“ איז געווען דער צונאָמען פון די פאָרשטעטישע מיידלעך, ווען זיי האָבן געוואַגט זיך צו פאַר-דינגען ביי אַ שטעטישע באַלעבאָסטע. צוויי קהלות זענען אַמאָל געווען אין לעמבערג, און כאָטש די טיילונג האָט זייט הונדערט יאָר אין גאַנצן נישט מער עקזיסטירט, אין לעבן איז זי געבליבן כמעט ביז צום היינטיקן טאָג.

2. פון וואַנען קומען עפּעס צוויי קהלות און וועלכע איז געווען עלטער?

מזרח-גאַליציע איז אַמאָל געווען אַ פּירשטנטום פאַר זיך און איר הויפּט-שטאָט איז קודם געווען האַליטש און שפּעטער לעמבערג. רוסישע פירשטן האָבן דאָ געקעניגט און זייער שלאָס איז געשטאַנען אויף די היינטיקע שקאַרפּען, דאָרט ווו דער באַרג לאָזט זיך אַראָפּ צום סטאַרי רינעק און ווו ס'שטייט היינט דער טעמפּל. דער נאָמען „אַלטער מאַרק" ווייזט בולט, אַז דאָ איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דעם רוסישן לעמבערג. אַהער האָט אויך געפירט די וויכטיקסטע גאַס — היינט אוליצאַ זשולקעווסקאַ — מיט אירע אַלטע צערקוועס. פון דעם הייליקן ניקאָלאַי, די הייליקע פּאַראַסצעוויע א. אַז. וו.

און ווו האָבן געוווינט די יידן? אָט דאָרט ווו ס'שניידט זיך די היינטיקע זשולקווער גאַס מיט דער שול-גאַס (באָזשניטשנאַ) איז געגאַנגען די באַך און אַ בריק האָט פאַרבונדןביידע טיילן פון דער שטאָט. פון יענער זייט באַך האָבן געוווינט יידן ביז צו דער היינטיקער באַך, ווו ס'האָבן געקלאַפּט עטלעכע מילן, און ביז צום הינטספּלאַץ, ווו דער תליון האָט אויסגעפירט זיינע עקזעקוציעס און ווי די געהאַנגענע פלעגן צו הענגען אויף די תליות ביז דאָס פלייש איז זיי אויסגעטרוקנט געוואָרן אויף זייערע ביינער. און נאָך דעם הינטספּלאַץ, ווייט, ווייט איבער זומפּן און טייכן איז געווען (און איז נאָך ביז היינט) דער עלטסטער יידישער בית-עולם, וואָס ווערט דערמאָנט אין די אַקטן שוין אין דעם יאָר 1411 און ווו מ'האָט מקבר געווען די לעמבערגער יידן און קאַראַימעס ביז צו דער גרויסער כאָלערע אין דעם יאָר 1855. ערשט דאַן האָט דער מאַגיסטראַט פאַרמאַכט דעם דאָזיקן בית-עולם און געעפנט אויף דעם יאַנאָווער דעם היינטיקן נייעם בית-עולם.

ווער זענען געווען די יידן אין עלטסטן לעמבערג, פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געפירט, דעריבער שווייגן אַלע היסטאָרישע מקורות, גלייך ווי זיי זאָגן גאָרנישט וועגן דער שטאָט אַליין. דאָס איינע איז זיכער, אַז בשעת דער פוילישער מלך קאַזימיר דער גרויסער האָט בדרך ירושה איבערגענומען די שטאָט (1340) זענען דאָרט געווען יידן. אין דעם יאָר 1350 איז אָבער גאַנץ לעמבערג

אָפּגעבּרענט געוואָרן, אַזוי ווייט, אַז די איינוווינער זענען געווען בדעה איבערצולאָזן די שטאָט און זוכן זיך אַן אַנדער אָרט. דעמאָלט האָט דער מלך געלאָזט אויסהאַקן אַ גרויסן וואַלד, וואָס האָט באַדעקט דעם שטח פון דער היינטיקער שטאָט און אויף דעם נייעם פּלאַץ האָט ער געלאָזט אויפשטעלן די מויערן, וואָס האָבן אַן ערך פון 400 יאָר פאַר־שלאָסן די שטאָט און זי אָפּגעהיט פאַר דעם שונא אין יענע פינצטערע צייטן. די מויערן האָבן געבילדעט אַ פיר־עק אַרומגערינגלט מיט די היינטיקע גאַסן: העטמאַנסקאַ, סאָביעסקיעגאָ (נייע גאַס) פּאָדוואַלע און סקאַרבקאָווסקאַ (אונטערע אָרמיענער גאַס) און אַרום די מויערן האָבן זיך געצויגן וואַלעס, וואָס זענען נאָך צו טייל געבליבן ביז צום היינטיקן טאָג. אין דער דאָזיקער נייער שטאָט האָבן זיך אַריינגעצויגן אַלע לעמבערגער „נאַציאָנען", ווי די דייטשן, די רוטענער, די אָרמיענער, די טאַטאַרן, און איעדע האָט פאַרנומען אַן אייגענע גאַס. נאָר די דייטשן האָבן באַזעצט דעם מאַרק און האָבן איבערגענומען אין שטאָט די מלוכה, און אויך יידן זענען אַריין אין שטאָט און האָבן באַקומען אַן אייגענע גאַס אין דרום־מזרח און האָבען דאָ — אין סאַמע עק פון דער שטאָט, ביי דער מויער (היינט עק באָימוּוו און סאָביעסקי גאַס) אויפגעשטעלט זייער שול. דער גרעסערער טייל פון דער קהלה איז אָבער געבליבן מחוץ לעיר און אַזוי האָבן זיך געמאַכט צוויי באַזונ־דערע קהלות: ק"ק בתוך לעיר און קהלה קדושה מחוץ לעיר. איעדע האָט געהאַט אירע אייגענע שולן און בתי־מדרשים, אייגענע רבנים, דיינים, חזנים, שוחטים, שתדלנים וכו׳, און נאָר דער טויט האָט זיי פאַראייניקט, ווייל זיי האָבן געהאַט נאָר איין בשותפותדיקן בית־עולם.

3. די שטאָט

רוסישע יידן האָבן געוווינט אין אַלטן רוסישן לעמבערג און דייטשע יידן זענען צוגעקומען אין דער שטאָט אַריין נאָך דער גרויסער שרפה. מיר דערקענען דאָס אָן די פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט און באַקומען פון דעם פּוילישן מלך און נאָך זייער גאַנצער פירונג. די יידישע גאַס איז פון אָנפאַנג געווען באַקוועם, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך אויסגעפילט ביז אויף דעם לעצטן פלעק.

יידן האָבן אויסגעקויפט אַלע גויִישע פלעצער און האָבן אויפגעשטעלט שטיינערנע און האָלצערנע הייזער. דעם צענטער פון דער קהלה האָט געבילדעט די שול, אַ קליינער בנין פאַר 20 מנינים יידן און אַנטקעגן איר דאָס בית־המדרש, די שחט־יאַטקע, דאָס שוויץ־באָד וכו׳.

ס׳איז אָבער נישט געווען באַשערט די יידן צו זיצן בשלוה, אַחוץ פראָצעסן מיט דעם מאַגיסטראַט בנוגע האַנדל און מלאכה, האָט אַלע פאַר יאָר אַ שרפה אומגליקלעך געמאַכט כמעט אַ האַלבע שטאָט. אין דעם יאָר 1521 איז גאַנץ לעמבערג אָפּגעברענט געוואָרן און קוים האָט זיך די שטאָט צוריק אויפגעבויט, איז אין דעם יאָר 1571 אַ נייע שרפה אויסגעבראָכן אין דער יידישער גאַס און געמאַכט אַלע הייזער צו שטויב און אַש. דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט ערלויבט די הייזער צוריק אויפצושטעלן, אָבער נאָר פון ציגל און שטיין און נישט פון האָלץ. דער דאָזיקער באַפעל פון מלך ווי אויך אַ נייע רעגולאַציע פון דער יידישער גאַס האָט געגעבן דער גאַס אַ ניי פנים, שיינע הייזער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן און צווישן זיי אַ נייע שול, גרעסער און שענער פון דער אַלטער. ר׳ יצחק בן נחמן האָט געהייסן דער ייד, וואָס האָט געקויפט ביים מאַגיסטראַט דעם פלאַץ (היינט בלאַכאַרסקאַ 27) און אויף אים אויפגעשטעלט אַ שול און אַ וווין־הויז. די שול האָט געבויט דער איטאַליענישער בוי־מייסטער פּאַאָלאָ ראָמאַנאָ פון טשיאַמוט אין שפּעטגאָטישן סטיל, און דער פרט, וואָס איז נאָך היינט צו זען אין סאַמע צענטער פון דער סקלעפּיעניע — „ויקרא בשם״ — ווייזט, אַז דער בוי איז פאַרענדיקט געוואָרן אין דעם יאָר 1582.

די דאָזיקע שיינע שול, וואָס ווערט אָנגערופן „טורי־זהב־שול״, אָדער די שול פון דער „גילדענער רויזע״, איז היינט די דריט עלטסטע אין פוילן *) און האָט אַ לאַנגע און אינטערעסאַנטע געשיכטע. אין דעם יאָר 1602 האָבן אָנגעהויבן די יעזויטן אין לעמבערג צו זוכן אַ פלאַץ צו בויען אַ קירכע און אַ קלויסטער, און ווייל דער מאַגיסטראַט האָט זיי נישט געוואָלט שענקען אַ פלאַץ אין שטאָט, האָבן

*) די עלטסטע צוויי שולן זענען פאַראַן אין קראָקע: די אַלטע שול פון דעם XI־טן יאָרהונדערט און די רמ״א־שול פון דעם יאָר 1557.

זיי געמסרט ביים קעניג, אַז דער פּלאַץ, וואָס די יידן האָבן אויף אים געשטעלט זייער שול, געהערט צום קעניג און אַז דער מאַגיסטראַט האָט אים נישט געטאָרט פאַרקויפן ר׳ יצחקן. אויך האָט ר׳ יצחק נישט געטאָרט בויען די שול, נישט האָבנדיק דערויף אַן ערלויבניש פון דעם פּויפּסט. דאָס מסירהלע האָט געכאַפּט פייער און דער קעניג זיגמונט דער דריטער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל דעם ענין אויס-פאָרשן. די מעשה האָט געדויערט עטלעכע יאָר, האָט פּאַסירט אַסך אינסטאַנצן, געקאָסט אַסך געלט, און געענדיקט זיך פאַר יידן גאָר שלעכט. די לעצטע אינסטאַנץ האָט צוגעפּסקנט דעם פּלאַץ מיט די בנינים די יעזויטן, און אַם 28 פעברואַר 1606 האָבן זיי מיט גרויס פאַראַד איבערגענומען די שול און אויף דעם שפּיץ דאַך אויפגעשטעלט אַ צלם. די יידן זענען געווען פאַרצווייפלט, די פּרנסים פון דער קהלה און בפרט די זין פון דעם גרינדער פון דער שול — ר׳ מרדכי און ר׳ נחמן בני ר׳ יצחק — האָבן זיך געראַנגלט אויף גלייכע ווענט, כדי די שול צוריק צו באַקומען. אַממייסטן האָט זיך משתדל געווען די פרוי ר׳ נחמנס מיט דעם נאָמען רויזע, אַן אשה צנועה און אַ באַ-וואוסטע שיינהייט, און אַדאַנק אַלע השתדלותן איז נאָך דריי יאָר געלונגען די שול צוריקצובאַקומען. שבת נאָך פּורים שנת שפ״ט (1609) האָט מען מיט גרויס שמחה צוריק מחדש געווען די שול און דער שטאָט-חזן האָט געזונגען אַ שיר, ספּעציעל אָנגעשריבן צו דער פייערונג פון ר׳ יצחק הלוי, אַן עלטערן ברודער פון דעם „טורי-זהב״. אין דעם זכרון פון דעם לעמבערגער עולם איז געבליבן ביז צום היינ-טיקן טאָג דאָס פאַרדינסט פון דער „גילדענער רויזע״, וואָס האָט זיך „מקריב״ געווען פאַר דער שול. פרומע ווייבער צינדן ביז היינט אָן ליכט אויף איר קבר אויף דעם אַלטן בית-עולם.

4. די פאָרשטאָט

אין עק פון דער יידישער גאַס איז געווען אַ טויער, וואָס מ׳האָט אים יעדן אָוונט פאַרמאַכט. אויך שבת, יום-טוב און גוי׳שע חגאות איז דער טויער געווען פאַרשלאָסן פון ביידע זייטן און קיינער האָט נישט געקאָנט נישט אַריין און נישט אַרויס. אינעווייניק איז געווען

זיכער אָבער טרויעריק, די הויכע הייזער און די ענגע גאַס מיט אירע נאָך ענגערע געסלעך און פינצטערע הויפן האָט געוואָרפן אַ מרה-שחורה אויף אַיעדן, וואָס איז אַרייגגעקומען. זון און לופט זענען דאָ געווען גאָר זעלטענע געסט און מגפות האָבן אין דער „גאַס" געהערשט יאָרן לאַנג. צוויי מאָל אין יאָר האָט מען די „גאַס" געריייניקט. קיין ווונדער, אַז אין „רחוב היהודים" זענען געלעגן בערג מיסט, וואָס האָבן פאַרשפרייט אַן שרעקלעכן אַויר. גאַנץ אַנדערש האָט מען געלעבט אין פּאָרשטאָט, מחוץ לחומה, פאַר דעם קראָקעווער טויער („פאַרן טויער") האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע גאַס — דער וואַרשעווער טראַקט *), וואָס האָט געפירט איבער זשולקעוו, לובלין נאָך וואַרשע. דער יידישער עולם האָט געוווינט גאַנץ נאָענט ביים טויער און די גרויסע שול איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער שטאָט-מויער — דאָרט ווו ס'שטייט היינט דער באַזאַר אויף דעם פּלאַץ קראַקאָווסקי **). אין דעם יאָר 1624 איז אָבער די שול מיט אַ טייל יידישע הייזער אָפּגעברענט געוואָרן און דער מאַגיסטראַט האָט ערלויבט צו בויען אַ נייע שול נאָר אונטער דעם באַדינג, אַז מ'וועט זי ווייט אַוועקרוקן פון די שטאָט-מויערן. ויהי כן. אין דעם יאָר 1632 האָט די קהלה אויפגעשטעלט אַ נייע גרויסע שול אין „דעם טאָל פון דעם פויזנער הויף". דאָס איז דאָרט, ווו זי שטייט היינט, און אַרום איר האָט זיך גאָר געשווינד באַזעצט די גאַנצע קהלה, אַזוי ווייט, אַז יידישע הייזער און יידישע גאַסן האָבן אַרומגערינגלט די שול ווי קינדער זייער מאַמען. און די שול איז באמת געווען אַ מוטער צו די קינדער, אין אירע מויערן האָבן די פאָרשטעטישע יידן זיך פאַרזאַמלט דריי מאָל אין טאָג, דאָ האָבן זיי אויסגעגאָסן זייער האַרץ פאַר דעם בורא עולם, דאָ האָבן זיי זיך געפרייט און דאָ געטרויערט און דאָ געזוכט שוץ אין די שווערע צייטן. ווייל די שול איז געווען אַ פעסטונג מיט שטאַרקע מויערן און מיט אַ פלאַכן דאַך ווו מ'האָט געקאָנט אַרויפשטעלן האַרמאַטן און פון וואַנען מ'האָט מיט ביקסן אַראָפּגעשאָסן אויף דעם שונא. און שונאים האָט געהאַט די „פאָרשטאָט" אָן אַ שיעור: בעל-מלאכה-שקצים

*) היינט די זשולקעווער גאַס.

**) דעם באַזאַר האָט מען אויפגעשטעלט ערשט אין דעם יאָר 1876.

מיט שטיינער, שיכּורע גויִים און ווילדע פּריצים, וואָס זענען נישט איינמאָל מיט זייערע דינער און היידוקן אַריינגעפאַלן אין „פאָרשטאָט" און געשלאָגן אָן רחמנות אַלע יידן, מענער, ווייבער און קינדער. אַממייסטן האָבן אָבער דערקוטשעט סטודענטן און שילער, איבער-פאַלנדיק די גאַס בייטאָג און ביינאַכט. פאַר דעם שילערגעלויף האָבן מורא געהאַט יידן ווי פאַר אַ פייער און האָבן געצאָלט די דירעקטאָרן און גלחים ממון קורח, כּדי זיי זאָלן איינהאַלטן זייערע תּלמידים. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן און וואָס שפּעטער אין דעם XVII יאָרהונדערט, זענען די שילערגעלויפן געוואָרן וואָס מער גוואַלטיק, וואָס מער בלוטיק, ביז ס'איז געקומען אין דעם יאָר 1664 צו אַ קאַטאַסטראָפע. די פאָרשטעטישע יידן האָבן שוין געהאַט פון אַ צייט באַמערקט, אַז ס'גרייט זיך אַ שילערגעלויף, און האָבן אָרגאַניזירט אַ שמירה פון יונגעלייט, וואָס זענען טאָג און נאַכט מיט ביקסן און שווערדן געשטאַנען אויף דער וואַך. די שמירה האָט אָבער נאָך מער צערייצט דעם עולם. נאָך אַ קליינעם פּאָגראָם דעם 3טן מאַי, האָט זיך דעם 12טן יוני 1664 אָנגעהויבן אַן אמתע שלאַכט אין וועלכער מ'האָט די יידישע יונגעלייט סיי פאַרטריבן, סיי געהרגעט, און דער ווילדער עולם איז אַריין אין „שטאָט", כּדי זיך אָפּצורעכענען אויך מיט די שטעטישע יידן. ווי‑סנדיק וואָס ס'טוט זיך אין פאָרשטאָט, האָבן די ראשי הקהל אין שטאָט געלאָזט פאַרמאַכן זייער טויער און אַנידערגעשטעלט יונגעלייט מיט ביקסן אויף דער וואַך. דער פּרנס החודש איז דורך אַן אונטערוועג געלאָפן צו דעם סופּעריאָר פון די יעזויטן און אים מיט טרערן אין די אויגן געבעטן רחמים. דער גלח האָט געהאַט רחמנות און איז צוגע-גאַנגען צו דעם יידישן טויער, כּדי אַוועקצוטרייבן די שילער, וואָס האָבן שוין מיט העק און דשאַגאַנעס אין אים געהאַקט. דער עולם, דערזעענדיק דעם גלח, האָט זיך אויף אַ ווײַלע באַרויקט, באַלד אָבער זענען די שקצים געפאַלן אויף אַ המצאה, אַריינגעגאַנגען אין די שכנותדיקע הייזער און איבער די דעכער זיך אַריינגעכאַפּט אין דער יידישער גאַס. אין דער גאַס איז געוואָרן אַ מהומה. דער עולם איז אַריין אין די הייזער און פאַרמאַכט די לאָדנס. די סטודענטן מיט די בעלי-מלאכות זענען זיי נאָך און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגלמעסיקע שחיטה. אַמגוואַלטיקסטן איז געווען דער שטורעם אַרום דער „טורי-זהב-שול". די סטודענטן זענען

אַריין אין הויף און האָבן אָנגעהויבן צו שטורמען די שול. פון אינעווייניק האָט מען זיי באַגריסט מיט אַ האָגל פון קוילן, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי פון ביידע זייטן און באַלד איז דער טויער געווען אויסגעבראָכן און די מערדער זענען ווי ווילדע חיות אַריין אין שול אַריין. נישט איינער פון די פאַרטיידיקער איז געבליבן לעבן. צווישן די 102 יידישע מתים זענען אויך געלעגן צוויי זון פון דעם „טורי זהב״ מיט צעשפאַלטענע שאַרבנס און מיט ביקסן אין די פאַרגליווערטע הענט. אויף דעם אַלטן יידישן בית-עולם שטייען ביז היינט איבער הונדערט מצבות פון די קדושים פון יענע שרעקלעכע טעג (ה׳ אייר — י״ב סיון) און אויף איעדער לייענען מיר די ווערטער: מת במיתה חמורה... ונשפך דמו כדם פר. און צום סוף די קללה: ה׳ ינקום דמו.

5. ברידער אין צרות און לייד

דאָס שילערגעלויף פון שנת תכ״ד 1664 איז געווען שרעקלעך און זיין גרויזאַמקייט האָבן באַקומען צו שפירן ביידע קהלות. דאָס האָט אויף אַ ווייל פאַרשיט דעם אָפּגרונט צווישן די שוועסטער-געמיינדן און דערנענטערט די שטאָט צו דער פאָרשטאָט, אָבער די צרה איז געווען אַ הבל קעגן אַנדערע, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ק״ק מחוץ לעיר און זיך אַריבערגעטראָגן אין שטאָט אַריין. שבועות שנת ת״ח (1648) איז געקומען קיין לעמבערג די שרעקלעכע ידיעה, אַז ווייט אין די מזרח-קאַנטן פון דער פוילישער מלוכה האָבן די קאָזאַקן מורד במלכות געווען, זיך פאַרבונדן מיט טאַטאַרן און גייען איבער שטעט און שטעטלעך, שחטן יידן און צינדן אונטער די שטעט. די נאַכריכטן זענען געווען אַלעמאָל שרעקלעכער און באַלד האָבן זיך באַוויזן צופוס און אויף וועגן יידן מיט ווייבער און קינדער, קרוע ובלוא און האָבן דערציילט מעשים, וואָס די האָר האָבן זיך געשטעלט צו בערג. אין שטאָט אַריין האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט, ווייל דאָרט איז געווען סיי-ווי-סיי ענג און דער מאַגיסטראַט האָט מורא געהאַט פאַר אַ מגפה. אָבער אין פאָרשטאָט האָט מען זיי אויפגענומען מיט אָפענע הענט, געקליידט און געשפייזט און אַריינגענומען אין די שטובן, די צאָל פון די פליכטלינגע איז אָבער מיט יעדן טאָג געוואָקסן און

באַלד האָט מען געזען פונדערווייטנס פלאַמען פון ברענענדיקע שטעט און שטעטלעך. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דער שונא איז שוין נישט ווייט. און די שרפות האָבן זיך אַלע מאָל דערנענטערט און באַלד האָבן זיך אויף די שכנותדיקע בערג באַוויזן קאָזאַקן און טאַטאַרן און האָבן אָנגעהויבן צו שיסן אויף דער פאָרשטאָט. ס׳איז געווען ראש־השנה־צייט. דער פאָרשטעטישער עולם האָט געזען, אַז ס׳איז שלעכט, האָט ער אַריבערגעטראָגן די סחורות און חפצים אין שטאָט אַריין, ווי מעגלעך אַהין געשיקט צו קרובים און פריינד די ווייבער און קינדער און די מענער אַליין האָבן זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן זייערע הייזער און בתי־מדרשים. די שול האָט מען צוגעגרייט ווי אַ פעסטונג און פון דעם דאַך געשאָסן פון האַרמאַטן. דער בירגערמייסטער פון לעמבערג מאַרטין גראָסוויער האָט אָבער געזען, אַז ס׳איז אוממעגלעך די פאָרשטאָט צו דערהאַלטן און, נישט וועלנדיק דעם שונא איבערלאָזן די הייזער, שולן און קירכן, האָט ער אַריינגענומען דעם גאַנצן עולם אין שטאָט אַריין און די גאַנצע פאָרשטאָט געלאָזט אונטערצינדן און פאַרברענען. מיט שמערץ און שרעק האָבן די פאָרשטעטישע יידן געקוקט פון די שטאָט־מויערן אויף זייער אומגליק און ווי זיי האָבן געזען ווי די שרפה נעמט אַרום דעם דאַך פון דער שול, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ יללה, אַז די שטאָט האָט מיט זיי געהילעכט.

קוים זענען די פלאַמען פאַרלאָשן געוואָרן זענען די פאָרשטעטישע יידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער יידישער גאַס, וווּ ס׳איז געוואָרן אַזוי ענג, אַז ס׳איז כמעט נישט געווען קיין פלאַץ צו שטיין, אין די הייזער זענען שוין געווען איבערפולט און אַזוי האָבן אַן ערך צענטויזנט יידן געמוזט ליגן אין די הייף און סתם אין די גאַסן אין בלאָטע און קעלט — ס׳איז דאָך געווען דער חודש חשון.

די מאָס פון צרות איז אָבער נאָך נישט געווען פול. נאָך אַ חודש צייט האָט כמיעלניצקי אָנגעהויבן מיט דער אומגליקלעכער אויס־געהונגערטער שטאָט צו פאַרהאַנדלען. ער האָט פון דעם מאַגיסטראַט פאַרלאַנגט 200,000 רענדלעך און „אַחוץ דעם די אויסליפערונג פון אַלע יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער. ווי די שתדלנים זענען צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין מיט דער בשורה, איז געוואָרן אין „דער גאַס״ תשעה באב. די יללה איז געגאַנגען עד לב



17. איין זייט פון דער יידישער גאס אין לעמבערג (בלאכארסקא נ"ר 17—31) איידער מען האָט אַלע די הייזער צענומען אין דעם יאָר 1907. געצייכנט פון פראַנציסשעק קאָוואַלישין פאַר מיין בוך: „דזיעלניצאַ זשידאָווסקאַ".



18. די טורי־זהב־שיל אין לעמבערג, געבויט אין יאָר 1582 פון דעם איטאַ־ליעניש בוימייסטער פּאַאָלאָ ראָמאַנאָ. (שנת ויקרא בש״ם).

השמים. דער רב האָט גוזר תּענית געווען און די גאַנצע נאַכט האָט מען אין די שולן געזאָגט תּהלים. ר׳ שמעון שתּדלן און די ראשי הקהלה זענען געלאָפן פון איין פריץ צום צווייטן. און גאָט האָט געהאָלפן, די שטאָט האָט די יידן נישט אַרויסגעגעבן און די זאַך איז אויסגעגאַנגען צו שרעק און צו געלט. כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן איז אָפּגעטרעטן, אָבער דער פאָרשטעטישער עולם האָט אַ גאַנצן ווינטער געמוזט בלייבן אין שטאָט, ביז מ׳האָט געקאָנט נאָך פּסח זיך נעמען צו דעם אויפבוי פון די פאַרברענטע הייזער.

אַזוינע אומגליקן האָבן זיך איבערגעחזרט אין דער צווייטער העלפט פון דעם XVII יאָרהונדערט עטלעכע מאָל [1655, 1675, 1695] און תּמיד האָבן געמוזט די פאָרשטעטישע יידן איבערלאָזן דאָס פייער און דעם שונא זייערע הייזער און זיך באַהאַלטן אין שטאָט אַריין. קיין וווּנדער נישט, אַז צווישן די שטעטישע און פאָרשטעטישע האָט זיך געשאַפן אַ קשר. די פּרנסים פוןביידע קהלות האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענצו־אַרבעטן און פון דעם יאָר 1714 האָבן זיי געהאַט אין שטאָט אַ געמיינזאַמע קאַנצעלאַריע, און כאָטש אין דעם 18 יאָרהונדערט האָבן אויפגעהערט די באַלאַגערונגען און שרפות, טראָץ דעם זענען געבליבן ביידע קהלות כמעט פאַראייניקט און די פּרנסים האָבן איינע אָן די אַנדערע גאָרנישט געטון.

6. אין דער עסטרייכישער צייט און היינט

די פּרנסים פון ביידע קהלות זענען געווען פאַרבונדן אָבער אין לעבן איז געבליבן דער קעגנזאַץ זייער שאַרף. די שטעטישע האָבן געקוקט אויף די פאָרשטעטישע ווי אויף „זאַוואָלאָקעס“, וואָס האַלטן גרייט זייער בינטל אין דער האַנט, כּדי יעדן אויגנבליק אַוועקצולויפן אין שטאָט אַריין, דעמאָלט ווען זיי — די שטעטישע — זיצן בשלום ובשלוה אין זייערע דירות און אין שיינע געוועלבער. און די דירות און געוועלבער האָבן זיך שוין פון לאַנג נישט געקאָנט זמיעשטשען אין דער יידישער גאַס און האָבן פאַרנומען אַלע שכנותדיקע גאַסן [די רוסישע, סערבסקאַ, חלפנים — גאַס באָאימוב] און אַפילו די מיינסטע געוועלבער אין מאַרק, די קריסטלעכע סוחרים האָבן באַשטרעבט מיט אַלע מיטלען, כּדי די יידן צוריק אַריינצוטרייבן אין דער יידישער גאַס [געטאָ], ס׳זענען

אַראָפּגעקומען פון וואַרשע צענדלינקער קאָמיסיעס, ס׳איז געקומען צו געשלעגן און הרוגות, אָבער די יידן האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייערע פּלעצער. ערשט די עסטרייכישע רעגירונג האָט געפונען דעם כּוח די יידן צו פאַרטרייבן. אונ׳ אין די יאָרן 1796 און 1811 האָט זי געטרפעט די גאַסן, ווּ האָבן זיך געקאָנט די יידן אַהינטון? אין דער יידישער גאַס אין שטאָט איז נישט געווען קיין פּלאַץ, און אָט זענען זיי אַריבערגעגאַנגען אין פאָרשטאָט אַריין פון וואַנען זייערע טאַטעס און זיידעס זענען אַוועק אין די פריערע יאָרן. פּלאַץ איז דאָ געווען גענוג, בפרט אַז עסטרייך האָט צענומען די שטאָט-מויערן און פאַרבונדן די שטאָט מיט דער פאָרשטאָט, און אַזוי באַזעצן זיך די שטעטישע יידן אַרום-און-אַרום אויף דעם קראָקעווער פּלאַץ [פאַרן טויער], זיי בויען זייערע הייזער „פאַר דער שול״ און אויף דער בריק״ *) און כאַפּן זיך אַריבער איבער דער באַך (וואָס איז געגאַנגען אין דער לעגיאָנען-גאַס און אויפן פּלאַץ גאָליכאָווסקי) און קויפן פּלעצער פאַרן פערדל **) און אין דער ברייטער גאַס, ***) וואָס איז געווען צו טייל גויִש, אין דער דאָזיקער ברייטער גאַס געפינען זיך נאָך אין דעם יאָר 1772 דריי קלויסטערס: דאָרט ווּ ס׳שטייט היינט דער האָטעל „אַסטאָריאַ״ איז געשטאַנען אַ קלויסטער און אַ שפּיטאָל פון דעם הייליקן סטאַניסלאַוו, אויף דעם גרויסן שטח פון נר 31 — 33 [קאָהנישע הייזער] איז געווען דאָס קלויסטער פון דער בלאָהאָווישטשע און אַקעגנאיבער דאָס קלויסטער פון דער הייליקער בריגידע — היינטיקע בריגידקעס, אָבער אַחינו בני ישׂראל האָבן פאַרשטאַנען אַ געשעפט און שוין אין דעם יאָר 1806 זענען כמעט אַלע הייזער אין דער אונטערשטער ברייטער גאַס [1 — 20] אין יידישע הענט. מיט דער צייט איז די דאָזיקע גאַס געוואָרן דער האַנדלס-צענטער פון דער גאַנצער שטאָט, אַהער האָבן זיך געצויגן אַלע מאַנופאַקטוריסטן, אייזן-סוחרים וכו׳ און די „שטאָט״ איז געבליבן פּוסט און אָפּגעלעבט.

אַזוי איז געווען ביז צו דעם יאָר 1867, ווען די קאָנסטיטוציע

*) זשולקיעווסקאַ גאַס, ביים טעמפּל.

**) פאַר דעם פערטל-פאַר דעם טויערל. היינט דער אונטערשטער טייל פון דער לעגיאָנען-גאַס.

***) קאַזימיעזשאָווסקאַ-גאַס.

האָט סקאַסירט די „יידישע גאַסן" און האָט ערלויבט די יידן צו וווינען אין דער גאַנצער שטאָט. רייכע יידן האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין גוייִשע גאַסן און מיט דער צייט איז פאַרווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן יידישע און נישט-יידישע גאַסן, צווישן שטאָט און פאָרשטאָט.

דער פרומער און אָרעמער עולם איז אָבער ביז היינט געבליבן אויף זיין מקום, ער וווינט נאָך תמיד לעבן דער שטאָטישער אָדער לעבן דער פאָרשטעטישער שול, לערנט אין שטאָטישן אָדער אין פאָרשטעטישן בית-המדרש, פרעגט אַ שאלה ביי ר' לייבעלע ברוידע אין פאָרשטאָט *) אָדער ביים הרב ציף אין שטאָט. ער איז נאָך היינט שטאָלץ אויף דער קדושה פון „זיין" חזן און אויף דעם קלאַפּן אין שול אַריין פון „זיין" שמש. און ווען ס'פּאַרט – ס'זאָל זיך נישט טרעפן – די עגלה מיט אַ בר-מינן, זאָגט ער מיט אַ זיפץ: ברוך דיין אמת און פרעגט דעם שכן: אַ שטעטישער צי אַ פאָרשטעטישער איז געשטאָרבן?

---

*) דער לעמבערגער רב ר' אריה-ליב ברוידע איז נפטר געוואָרן אין דעם יאָר תרפ"ח (1928). ער איז געווען דער איידים פון דעם לעמבערגער רב ר' צבי-הירש אָרנשטיין וואָס איז געווען אַן אייניקל פון דעם לעמבערגער רב ר' יעקב אָרנשטיין, דעם בעל-מחבר פון דעם ספר „ישועת-יעקב".

די יידן אין קראָקע בשעת דער שוועדישער אינוואַזיע.

(אַ בלעטל געשיכטע פון די יאָרן 1655 — 1657).

די יאָרן פון די קאָזאַקישע איבערפאַלן זענען פאַר פוילן און זיינע איינוואוינער געוועזן מוראדיק. דער גאַנצער מזרחדיקער שטח פונם לאַנד האָט שרעקלעך געליטן פון דער קאָזאַקיש-טאַטאַרישער שווערד. אַלע שטעט און אוקראַינע, וואָלין און פּאָדאָליען זענען מער אָדער ווייניקער פאַרניכטעט געוואָרן. די יידן, וועלכע זענען אין דרום-מזרחדיקן טייל פון לאַנד באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון שטאָטישע איינוואוינער, האָבן באַזונדערס שווער געליטן, פאַלנדיק ווי פליגן פון דער שווערד און די עפּידעמיעס, אָדער האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע שטענדיקע וווין-ערטער און נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין דער האַנט.

נאָך ערגער איז געוואָרן, ווען כמיעלניצקי האָט זיך אונטערגעגעבן די רוסן און דאָס רוסישע מיליטער האָט אָנגעהויבן מאַרשירן אויף ליטע. שרעקלעך זענען דאָ געוועזן די ליידן פון די איינוואוינער פון ווילנע, מינסק און אַנדערע שטעט, אָבער נאָך שרעקלעכער זענען געוועזן די יסורים פון די יידן. די רוסן האָבן אויף זיי נישט געהאַט קיין רחמנות און זיי געמאָרדעט אין די טויזנטער, אָן אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער. ר׳ משה רבקהס, דער מחבר פון ספר „באר הגולה״, וועלכער האָט אַליין מיטגעמאַכט די דאָזיקע געשעענישן, באַשרייבט אַזוי די דאָזיקע אומגליקלעכע צייט: „די קאָזאַקן און מאָסקוויטער האָבן פאַרפלייצט גאַנץ ליטע, גובר געוועזן פּאָלאָצק, וויטעבסק און מינסק און פאַרניכטעט די דאָזיקע שטעט. וווּהין די קאָזאַקן זענען נאָר

אַריינגעקומען, האָבן זיי איינגעאָרדנט מוראדיקע שחיטות איבער די יידן; ווען זיי האָבן געלאָזט ביים לעבן, האָבן זיי גענצלעך צעראַבירט. ווען די דאָזיקע צעווילדעוועטע האָרדן האָבן זיך באַוויזן פאַר די טויערן פון ווילנע, איז דער וואָיעוואָדאַ ראַדזיוויל אַנטלאָפן מיט זיין גאַנצן מיליטער און נאָך זיי איז מיטגעלאָפן אין בהלה דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער. מיטוואָך, כ״ג תמוז תט״ו, איז אַנטלאָפן פון ווילנע כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. אַ טייל איז אַנטלאָפן אויף פערד אָדער אויף וועגן אַ טייל צו־פוס, טראָגנדיק אויף די פלייצעס קליינע קינדער. ווייט אַרום האָט אָפּגעהילכט דאָס געוויין פון די אומגליקלעכע און אויך מיינע אויגן זענען געווען פייכט פון טרערן... [1]

די געשרייען פון די אומגליקלעכע, דאָס געוויין פון די יתומים און אַלמנות, האָט זיך אָבער געלאָזט הערן, נישט בלויז אין ליטע און אוקראַינע. אויך אין דייטשלאַנד זענען נאָכן דרייסיק־יאָריקן קריג אַלע שטעט געווען פאַרניכטעט און פאַרברענט און אויך דאָרט האָבן די יידן באַזונדער שטאַרק געליטן. ווער עס האָט געקאָנט, איז אַנטלאָפן קיין פוילן. און ווייל גרויס־פוילן איז זיי געווען צום נאָענטסטן און ווייל אַהין האָבן אויך נישט געהאַט דערגרייכט די איבערפאַלן פון די קאָזאַקן און אַנדערע פיינטלעכע חיילות, דעריבער האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אַסך עמיגראַנטן סיי פון די מזרח־געביטן פון לאַנד, סיי פון דייטשלאַנד, שלעזיע, בעמען און מערן. צו די דאָזיקע יידישע ערי מקלט האָט אויך געהערט קראָקע, וווּ עס האָט געפונען מנוחה אַ גרעסערע צאָל יידישע אויסוואַנדערער פון די שכנותדיקע פּראָווינצן.

אָבער אויך פאַר די דאָזיקע געגנטן, פאַר גרויס־פוילן (פּויזן) און קראָקע, האָט געזאָלט אויסשלאָגן די אומגליקלעכע שעה. אַ נייער שונא האָט זיך באַוויזן אין די גרעניצן פון פוילן און געווען זענען דאָס די ש ו ו ע ד ן, וועלכע זענען אונטער דער אָנפירונג פון זייער מלך קאַרל גוסטאַוו דעם 10־טן אָן אַ פריערדיקער קריגס־ערקלערונג אַריינמאַרשירט קיין גרויס־פוילן. דאָס פוילישע מיליטער האָט זיך אונטערגעגעבן די שוועדן און אַזוי אַרום האָט זיך די גאַנצע מלוכה געפונען אין די הענט פונם שונא. די שוועדן האָבן אַבסאָלוט נישט געקאָנט קיין יידן. אין זייער

1) רש״י פין קריה נאמנה, זייט 14.

לאַנד האָבן זיך קיין יידן נישט געפונען און האָבן דעריבער געהאַט איבער זיי די ערגסטע מיינונג. נישט קיין וווּנדער, אַלזאָ, אַז פאַר די יידן איז דאַן אָנגעקומען אַ ביטערע שעה, אַז מען האָט זיי געמאָרדעט און באַרויבט. און טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט מען אין קרוין-פוילן פאַרשפּרייט אַ נישט-געשטויגענע מעשה, אַז זיי האַלטן מיט די שוועדן און פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד אויף שריט און טריט. ווער עס האָט פאַרשפּרייט דעם דאָזיקן בלבול, איז שווער פעסטצושטעלן. אַ פאַקט איז אָבער, אַז די קאַטאָליקן, מורא-האָבנדיק פאַר דער נקמה פון די פּראָטעסטאַנטישע שוועדן צוליב די אָנפאַלן אויף די עוואַנגעלישע קירכעס און בית עלמינס, פלעגן יעדן נישט-קאַטאָליק מאַכן פאַר אַ שותף פון שונא.

און פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז ווי אויף צו להכעיס די דאָזיקע קלאַנגען, האָבן די שוועדן אָן רחמנות געמאָרדעט די יידישע באַפעלקערונג און זי פולשטענדיק באַרויבט.

שוין די ערשטע דורך זיי פאַרנומענע שטאָט – פּויזן – האָט דערפילט דעם טעם פון שוועדישן יאָך און די יידישע באַפעלקערונג האָט, אויסער די שווערע לאַסטן, וועלכע זי האָט געהאַט צו טראָגן צוזאַמען מיט די איבריקע איינוווינער, נאָך געליטן פון באַזונדערע רויב-איבערפאַלן. שוין אין דער ערשטער נאַכט האָבן די שוועדן צעראַבירט די יידשע געשעפטן און שענק-הייזער און זיך איינגעאָרדנט אַ סעודה. גלייכצייטיק האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אַ מגפה, וועלכע האָט פאַרשלינגען הונדערטער קרבנות. פון פּויזן האָבן די שוועדן מאַרשירט קיין קראָטאָשין און דאָ האָבן זיי געמאַכט אַזאַ שחיטה, אַז פון 400 יידישע פאַמיליעס זענען איבערגעבליבן קוים 50. פון לעשנאָ (ליסאַ) זענען פאַר שרעק כמעט אַלע יידן אַנטלאָפן קיין שלעזיען [1].

ר׳ יהודה בן אפרים חיים פון פּילאָ דערציילט וועגן דער מוראדיקער מגפה און שרעקלעכע פּרעסט פון יענעם יאָר. זיין טאָכטער

---

1) Lewin Louis: Judenverfolgungen im zweiten Schwedisch-polnischen Krieg. צייטשריפט דער היסטאָרישן געזעלשאַפט פאַר די פּראָווינץ פּאָזען, באַנד 16.

איז דאַן געגאַנגען צו-קינד און אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי זיך צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע געמוזט אַרומוואַלגערן אין די וועלדער אַרום פאַזשאַראָוו און קיין שום אַקושערין האָט נישט געוואָלט גיין צו דער דאָזיקער אָנשטעקנד-קראַנקער געווינערין, ענדלעך האָט זיך געפונען איין אַקושערין און אַ דאַנק איר האָט דאָס ווייבל געבוירן דאָס קינד. פרילינג האָט זיך די גאַנצע משפחה איבערגעטראָגן קיין ווראָנעק און דאָ האָבן זיי זיך דערוווסט וועגן דעם אָנקומען פון די שוועדן. אַלע יידישע בעלי-בתים פונם שטעטל זענען זיך צעלאָפן איבער דער געגנט. יעדער איז אַוועק, וווהין די אויגן האָבן אים געפירט. אונזער מחבר איז מיט דער פאַמיליע אַריבער קיין גראָדזיסק. „ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען — שרייבט ער צוריק אַנדערע —, האָבן מיר אויף דער יידישער גאַס זיך נישט געקאָנט מאַכן קיין וועג. אומעטום איז געווען פול מיט אָנגעלאָדענע פורן, גרייט יעדע רגע אָפּצופאָרן קיין שלעזיען. אויף די פורן זענען געזעסן קלענערע און גרעסערע קינדער און געוואַרט אויף דער אָפּרייזע".

אַלס אַ צוגאָב צום אומגליק, האָט מען אין יאָר 1654 אָנגעהויבן באַשולדיקן די גרויס-פוילישע יידן אין דעם אַלטן חשד וועגן עלילת דם. אַ סך קדושים האָבן דאַן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דעם שם רע און אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן די מנהיגי מדינה באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלע-גאַציע קיין רוים מיט אַ בקשה צום פויפּסט. ר׳ יעקב בן נפתלי פון גנעזן האָט זיך אונטערגענומען דאָס דאָזיקע שליחות און אַוועק-געוואַנדערט קיין רוים ווי ס׳האָט געהערשט דער פויפּסט אינאָצענס דער 10-טער. עס איז אונז נישט באַקאַנט דער ווייטערדיקער גורל פון דעם דאָזיקן שליחות, אָבער דאָס ווייסן מיר, אַז איידער ר׳ יעקב איז אַהיים-געקומען, איז דער גרעסטער טייל פון די גרויס-פוילישע יידישע ישובים געווען פולשטענדיק חרוב. די שוועדן פון איין זייט און דאָס פוילישע מיליטער פון דער צווייטער האָבן באַרויבט און געמאָרדעט יידן אָן רחמנות.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען זיך אין קראָקע דערוווסט, אַז די שוועדן מאַרשירן גלייך אויף דער שטאָט, ווייל זיי האָבן שוין פאַרנומען פּויזן און וואַרשע און עס פעלט זיי בלויז די קרוינונגס-שטאָט.

צוליב דער דאָזיקער ידיעה, איז אויף דעם קוזמיר (קאַזשימיערזש) אַנטשטאַנען אַ אומבאַשרייבלעכע מהומה. די יידן האָבן נישט געוווסט, צי זיי זאָלן באַהאַלטן זייערע סחורות און שטוב-זאַכן אין קוזמיר,

אָדער זיי איבערטראָגן אין זייערע געוועלבער און קעלערס אין קראָקע. דער קוזמיר איז געווען זייער שוואַך באַפעסטיקט. די יידישע הייזער האָבן דערגרייכט ביז צו די מויערן פון שטאָט און אין די דאָזיקע מויערן זענען געווען פיל לעכער און שפּאַלטן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען פון די וואַסער-קאַנאַלן און פון די רעגנס. אויף די מויערן זעלבסט זענען געשטאַנען יידישע הייזלעך און די טורמען און באַשטן פלעגן דינען אַלס מאַגאַזינען פאַר די גרויסע יידישע סוחרים 1).

ערשט יעצט האָבן זיך די יידן אַרומגעזען, אַז אַ פּאַרטיידיקונג איז כמעט אוממעגלעך און אין גרויס איילעניש האָבן זיי גענומען איבער-טראָגן זייער פאַרמעגן אין די געוועלבער און קעלערס אין קראָקע. עס זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט ווערטפולע חפצים די הייזער פון די פריצים מישקאָווסקי (פיר געוועלבער), די געביידעס פון ראַטמאַן היפּאָליט אויפן צמענטאַר פון דער קירך פּאַננאַ מאַריאַ, פון דעם פריץ אָסאָלינסקי, פון דער מטבעות-גיסעריי און אַנדערע. דאָ האָבן באַהאַלטן זייערע סחורות און משכנות, דעסגלייכן מלבושים, צירונג און זיידנס די רייכסטע יידישע סוחרים, ווי ר׳ משה ר׳ אייזיק ר׳ יעקלס, די קינדער פון ר׳ טודרוס קאָזשוכאָווסקי ז״ל א. א.

אַנדערע יידן, ווידער האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די קראָקעווער מויערן, זיי האָבן פאַרפּאַקט זייער ביסל פאַרמעגן און זענען אַנטלאָפן קיין מערען און שלעזיען. וואָס פאַר אַ גורל עס האָט זיי געטראָפן, דערוויסן מיר זיך פון אַ געוויסן פּראָצעס פון אַ יידישער אַלמנה קעגן אַ געוויסן גראַבאָווסקי אָט די דאָזיקע אַלמנה רבקה די חזנטע איז צוזאַמען מיט ר׳ לוי בן שמעון אַנטלאָפן פון קראָקע, פירנדיק מיט זיך פערל, מלבושים און גאָלדענע מטבעות פון וועלכע 24 שטיק זענען געווען מיט העברעישע אויפשריפטן. זיי זענען געפאָרן נאָך שלעזיען, אויפן וועג, אין דאָרף בוברקי, איז זיי דער דאָזיקער גראַבאָווסקי באַפאַלן, האָט זיי צעראַבירט און האָט זיי נאַקעט און באָרוועס אַרויסגעטריבן פון דעם דאָרף 2).

די יידישע באַנקירן האָבן צוגלייך מיט די קריסטלעכע נישט

---

1) קראָקעווער שלאָס-אַקטן, רעלאַציעס באַנד 81 זייט 78 — 572.

2) קראָקעווער שלאָס-אַקטן, רעלאַציעס באַנד 90 זייט 877.

געקוקט אויף די דראָענדע סכנות און פאַרלאָזט קראָקע און דעם קוזמיר. אויך די באַוווּסטע כּלי קודש, ווי דער קראָקעווער רב, ר׳ יהושע העשל און דער ראש ישיבה, ר׳ חיים בוכנער, האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. ר׳ יהושע העשל איז אַריבער קיין מערען און זיך אָפּגעשטעלט אין ניקלשבורג, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיטן ווילנער למדן ר׳ אפרים כהן (מחבר פון ספר „שער אפרים״), וועלכער איז אַנטלאָפן פון דעם ווילנער פּאָגראָם. רב און ניקלשבורג איז דאַן געווען דער באַוווּסטער גאון ר׳ מנחם מענדל קראָכמאַל, מחבר פון דעם ספר „צמח צדק״. ר׳ יהושע העשל האָט זיך אָבער נישט אויפגעהאַלטן לאַנג אין ניקלשבורג, נאָר ער איז אַוועק נאָך ווין, ווו עס האָבן געפונען אַן מקום מנוחה כּמעט אַלע רבנים און לומדים פון פוילן 1).

אַלץ, וואָס האָט נישט געקאָנט אַנטלויפן פון קראָקע און קוזמיר האָט זיך געגרייט צו אַ פאַרצווייפלטער פאַרטיידיקונג. 2) דער קראָקעווער בירגערמייסטער, ה׳ אַנדזשיי טשעניאַוויטש, האָט אייפריג געאַרבעט איבער דער באַפעסטיקונג פון די קראָקעווער פאָרטיפיקאַציעס און פיר פערטל-מייסטערס האָבן פלייסיק אַכטונג געגעבן איבער דער פאַרענדיקונג פון דער ריזיקער אַרבעט. די קוזמירער יידישע קהלה האָט באַקומען אַ באַפעל צו צאָלן 100 פוילישע גילדן וואָכנטלעך אויף צו ברענגען אין אָרדנונג די פאָרטיפיקאַציעס און אויסער דעם צוצושטעלן יידן צום גרובן שאַנצן.

די צוגרייטונגען האָבן זיך געצויגן אין משך פון די חדשים יולי און אויגוסט, דערביי איז די שטאָט קוזמיר אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן הגם מ׳האָט געזאָרגט קודם-כּל פאַר קראָקע. נישט קיין וווּנדער, אַלזאָ, אַז שוין דעם 28-טן סעפּטעמבער 1655 האָבן די שוועדן דורך אַ שפּיצל באַוויזן צו פאַרנעמען דעם קוזמיר אין איין מאָמענט האָבן זיי זיך צו-צושפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, רויבנדיק און מאָרדנדיק. די קאַטוילישע באַפעלקערונג האָט זיך באַהאַלטן אין דער קירך „באָזשע טשאַלאָ״ ווי מען האָט זיי געהאַלטן 3 טעג, די יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די שולן

1) דעמביצער: כּלילת יופי 2-טער באַנד, זייט 45.

2) Sikora: Szwedzi i Siedmiogrodzianie w Krakowie.

אַריין, אָדער האָבן אין זייערע שטובן אָפּגעוואַרט זייער גורל. דער שוועדישער גענעראַל וויטענבערג האָט ערלויבט זיין מיליטער 3 טעג צו ראַבירן און עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפּגעטון. דעם 27-טן סעפּטעמבער 1655 — לעזן מיר אין טאָג-בוך פון גענעראַל פּאַטריק גאָרדאָן — האָט די פאָרשטאָט קאַזשימיערזש באַצאָלט די אָנקומענדע שוועדן אַ סומע געלט און די יידן האָבן צו דעם באַזונדער צוגעגעבן אַ גרויסע סומע 1).

די יידישע שטאָט איז אינגאַנצן פאַרוויסט געוואָרן. אַלע שולן זענען געוואָרן געגנצלעך צעראַבירט, אין פיל פון זיי האָט מען רואינירט די סופיטן און פאַרניכטעט די איינגאַנגס-טויערן. אין די פּריוואַטע שטובן האָט מען צעבראָכן די גראַטעס, די אויוונס, צעהאַקט חפצים און אַלע אַנדערע זאַכן פולשטענדיק צעראַבירט, ווער עס האָט געקאָנט, איז אַנטלאָפן פון שטאָט. די דאָזיקע אַנטלויפנדע האָט אָבער נאָכגעיאָגט אַ מגפה, וועלכע האָט גראַסירט אין דער יידישער שטאָט און אַוועקגעכאַפּט פיל קרבנות צווישן אירע איינוווינער.

קראָקע האָט טיכטיק פאַרטיידיקט דער העטמאַן סטעפאַן טשאַרניעצקי. דער דאָזיקער מעכטיקער העלד איז אומעטום אַליין געווען, אַכטונג געגעבן איבער די באַפעסטיקונג פון די פאָרטיפיקאַציעס און אָנגעפירט מיט די מיליטערישע און סטודענטישע אָפּטיילונגען. וועלנדיק צונעמען ביים שונא די מעגלעכקייט זיך צו באַהאַלטן אויף דעם סטראַדאָם כדי פון דאָרט-אויס צו באַשיסן די שטאָט, האָט טשאַרניעצקי געהייסן אונטערצינדן אַלע שכנותדיקע הייזער און קירכעס. די שוועדן זענען אָבער נישט אָפּגעשטאַנען און האָבן מיטן גאַנצן אימפּעט כסדר געשטורמט די שטאָט. בשעת די דאָזיקע קאַמפּן איז אין שטאָט אַנטשטאַנען אַ פּאַניק, באַזונדערס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאָ געהאַט אירע געוועלבער און סקלאַדעס. יענע יידן, ווידער, וועלכע האָבן זייער פאַרמעגן איבערגעלאָזט אין קוזמיר, וענען נאָכן פאַרנעמען די דאָזיקע שטאָט דורך די שוועדן, געבליבן אָפּגעשניטן פון זייערע קרובים. די יידן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין קראָקע,

1) Tagebuch Patrick Gordons Moskau 1849, זייט 23.

האָבן געהיטן דאָס פאַרמעגן פון זייערע ברידער, וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז דער שטאָטישער המון און אַפילו די אָנגעזעענערע בירגער וואָלטן מיט חשק צעראַבירט די יידישע געוועלבער.

און אַזוי איז טאַקע געשען. אין סאַמע חגא-טאָג פונם „הייליקן מיכאַל" (דעם 29-טן סעפטעמבער) קוים צוויי טעג נאָכן פאַרנעמען דעם קוזמיר דורך די שוועדן ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורם פונם שונא אויף קראָקע, האָט אַ גרופע אָפיצירן מיט דער הילף פון אַ ביסל מיליטער זיך אָנגעהויבן אַריינצוברעכן אין די יידישע געוועלבער אין די הייזער פון די מישקאָווסקיס און היפּאָליטס, ווו עס האָבן זיך געפונען קאָסטבאַרקייטן און טייערע משכנות פון ר' משה ר' אייזיק ר' יעקלעס און אַנדערע. בראש פון דער דאָזיקער חברה זענען געשטאַנען: דער אָפיציר לודוויק פשעצלאַווסקי. הויף-מאַרשאַלעק, יאַן בראַניצקי, ווילטשקאָווסקי, לובאַוויצקי, דעמבינסקי, יוכנאָווסקי א. א. זיי האָבן עס אויפגעבראָכן די געוועלבער און אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָרט געטראָפן, האָבן זיי טיילוויז פאַרניכטעט און דאָס איבריקע אַרויפגעלייגט אויף מיליטערישע וועגן און מיטגעפירט צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדע מיליטער-טיילן. דעם היזק האָבן די יידן געשאַצט אויף זיבן הונדערט טויזנט פוילישע גילדן 1).
דער קאַנאָניק שמעון סטאַראָוואָלסקי, דערמאָנט וועגן דער דאָזיקער ראַבירונג נאָר דורך אגב, באַהויפּטנדיק, אַז דאָס האָט אויסגעפירט דער פּראָסטער המון, און אַז טשאַרניעצקי האָט די שולדיקע באַשטראָפט 2), באמת אָבער האָט די דאָזיקע „שטראָף" גאָרנישט געמוזט זיין אַזוי שטרענג, אויב שוין אין 5-טעג אַרום, ד. ה. דעם 4-טן אָקטאָבער, האָט דער גלח אָ ס אָ ל י נ ס ק י מיט זיין דינערשאַפט זיך ערלויבט אַריינ-צובאַקומען אין די קעלערס פון דער „אַלטער מטבעות-גיסעריי", ווו די יידן האָבן באַהאַלטן וויין און אַנדערע שפּייז-אַרטיקלען, און זיך פראַוועון דאָרט אַ גאַנץ נישט-קשהדיקע סעודה. דעם דאָזיקן ביישפּיל האָבן נאָכגעטון פיל מיליטער-לייט, אויסגעבראָכן די טירן פון די דאָזיקע קעלערס, און דאָ אויף דאָס ניי אָנגעהויבן אַ סעודה און טרינקעריי. ערשט דאַן האָט זיך אַריינגעמישט טשאַרניעצקי. פונאַנדער-

1) קראָקעווער שלאָס-אַקטן, רעלאַציעס באַנד 90 זייט 8—2174.

2) כראָניק, פון שמעון סטאַראָוואָלסקי (כתב-יד אָסאָלינעום) זייט 18.

געטריבן די זעלנער אויף זייערע פּאָסטנס און דעם קאַנאָניק אָסאָלינסקי געהייסן אָפּפירן אין דער קאַרדיגאַרדע (אַרעסט) [1].

בעת די דאָזיקע געשעענישן האָבן דערווייל כסדר געדויערט די קאַמפן צווישן ביידע צדדים. די פאַרטיידיקונג האָט שוין אָבער נישט געקאָנט געפירט ווערן אין ברייטערן מאַסשטאַב. ווייל די כוחות זענען וואָס אַמאָל אַלץ קלענער געוואָרן. די שוועדישע מיליטערישע כוחות, דאַקעגן, זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. טשאַרניעצקי, האָט אָבער אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן אונטערגעבן זיך. ערשט ווען מען האָט אים איבערצייגט, אַז ער קאָן פון ערגעץ נישט באַקומען קיין הילף, האָט ער באַשלאָסן מיט ערע צו פאַרלאָזן די שטאָט. אין דער זעלבער צייט האָבן די קראָקעווער בירגער אונטערגעהאַנדלט מיט דעם שוועדישן קעניג קאַרל-גוסטאַוו וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון דער שטאָט. דעם שוועדישן קעניג זענען געשטעלט געוואָרן געוויסע באַדינגונגען, ווי: באַשיצן די רעכט פון דער קאַטוילישער רעליגיע, אויפבויען די חרוב-געוואָרנע קירכעס, אויף ווייטער איבערלאָזן די פּריווילעגיעס פון דער אַקאַדעמיע, באַזעצן אַמטן בלויז מיט קאַטאָליקן און... פ אַ ר נ י כ ט ן ד ע ם י י ד י ש ן ה אַ נ ד ל [2]. דער דאָזיקער פּונקט איז בפירוש און דייטלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן. אַלזאָ, אינם דאָזיקן גרויסן אומגליק פאַר דער אייגענער שטאָט און אייגענעם לאַנד, האָבן קראָקעווער בירגער געוואָלט פאַרענדיקן זייער אַלטן סכסוך וועגן יידישן האַנדל און אים דערלויבן נאָר אין ראַמען פונם אָפּמאַך פון יאָר 1485, ד. ה. אים געצלעך פאַרניכטן. לויטן דאָזיקן אָפּמאַך האָבן זיך די קראָקעווער יידן פאַרפּליכטעט, נישט צו באַשעפטיקן זיך מיט קיין שום האַנדל און אינדוסטריע, נאָר בלויז צו פאַרקויפן אַלטוואַרג, פאַרפאַלן-געוואָרענע משכנות א. ד. וו. [3]

קאַרל גוסטאַוו איז באַשטאַנען אויף די דאָזיקע פּונקטן, איבערלאָזנדיק פאַר זיך אָבער דאָס רעכט צו באַזעצן די אַקאַדעמיע מיט פּראָטעסטאַנטישע פּראָפעסאָרן און האָט באַשטימט דעם 19-טן אָקטאָבער 1655 פאַרן פרייען אָבמאַרש פונם פּוילישן מיליטער.

(1 Sikora: Szwedzi i Siedmiogrodzianie w Krakowie זייט 27.

2) קראָקעווער שטאָט-אַרכיוו: סענאַטוס-קאָנזולט באַנד 1498 זייט 227.

(3 Bałaban: Żydzi w Krakowie. tom I str. 49.

דעם דאָזיקן טאָג, 11 אַזייגער, איז דאָס גאַנצע פוילישע מיליטער געשטאַנען אויפן קראָקעווער מאַרק און טשאַרניעצקי האָט זיך געזעגנט מיטן בירגערמייסטער און מיט די אָנגעזעענע בירגער און נאָכהער זיך געהייסן געבן אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג, אַז ער פאַרלאָזט די שטאָט בלויז אויף דער ביטע פון די בירגער צוליב סטראַטעגישער נויט-ווענדיקייט. שוין האָט דאָס פוילישע מיליטער באַדאַרפט אָפּמאַרשירן צום פלאָריאַנער-טויער, אָבער אין דער לעצטער רגע האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויפצעהאַקן די יידישע געוועלבער און קעלערס, אַרויסנעמען פון זיי אַלע זאַפּאַסן לעבנס-מיטלען און געטראַנקען. דאָס מיליטער האָט זיך באַלד געוואָרפן צום ראַבירן דאָס יידישע פאַרמעגן, נישט איבערלאָזנדיק דאָרט דאָס מינדסטע. אַלצדינג האָט מען אָנגעלאָדן אויף מיליטערישע פורן און אַרויסגעפירט פון קראָקע [1].

די יידן זענען געווען פאַרצווייפלט. אין איין מאָמענט, אומגעריכט, האָבן זיי פאַרלוירן זייער גאַנץ פאַרמעגן. נישט קיין ווונדער, אַלזאָ, אַז זיי האָבן זיך באַלד געווענדט צום שוועדישן קעניג מיט אַ ביטע וועגן אָפּנעמען זייער צעראַבירט פאַרמעגן. קאַרל גוסטאַוו איז אַנטקעגנגעקומען די דאָזיקע ביטע און אַרויסגעשיקט שליחים צום פוילישן מיליטער מיט אַ פאָדערונג, צוריקצוגעבן די צוגערויבטע זאַכן. די פוילישע סאָלדאַטן האָבן זיך אָבער אָפּגעלייקנט פון אַלעמען, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט. לויט די דאַמאָלסדיקע קוועלן [2] זאָל טשאַרניעצקי האָבן צוגענומען ביי די יידן פאַרמעגן פאַר בערך אַ מיליאָן גילדן. און באמת איז דער דאָזיקער מאַן געבליבן פאַר יידן אַ סימבאָל פון שנאה און אומגליק. די יידישע כראָניקן פון יענער צייט רופן אים כסדר „צורר טשאַרניצקי".

די שוועדן האָבן זיך נישט געקומערט וועגן פוילישן מיליטער און האָבן זיך אויפן באַקוועמסטן אופן איינגעאָרדנט אין קראָקע און אויפן קוזמיר. אין קראָקע האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע גענעראַל וויטעמבערג און געהערשט דאָרט פונם 26-אָקטאָבער 1655 ביז דעם

---

1) Sikora: Szwedzi i Siedmiogrodzianie זייט 37.

2) Pierre de Noyers: Lettres. Berlin, 1859, זייט 31.

5-טן פעברואַר 1656, אין קוזמיר האָט קאָמאַנדירט גענעראַל פערסען. דער לעצטער האָט איינקוואַרטירט זיין מיליטער אין די יידישע שולן און אין פיל ליידיק-געבליבענע יידישע הייזער.

וויטעמבערג האָט געפאָדערט פון דער שטאָט 300.000 פוילישע גילדן קאָנטריבוציע. און נאָך לאַנגע דינגענישן האָט ער אויסגעפרעסט 160.000, פון וועלכע איין זעקסטל האָבן געצאָלט די יידן. דאָס איבריקע האָט מען אים געצאָלט אין וועכנטלעכע ראַטעס צו 6.000 גילדן, פון וועלכע טויזנט האָבן געמוזט צושטעלן די יידן. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַן אַקציז אויף לעבנס-מיטלען און שוועדישע באַאַמטע האָבן איינקאַסירט אַלערליי אָפּצאָלן. אויבעראינטענדענט פאַרן צופיר פון סחורות איז געוואָרן דער קראָקעווער ראַטמאַן מאַרצין לעכמאַן. אַדמיניסטראַטאָר פון געטראַנק-שטייערן און אַקציזן איבער די שטעט און שטעטלעך איז געוואָרן יאַן אַנטאָני רוזשנאָווסקי דע ראָזענשטיין. דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען אַ וויעליטשקער ייד, וועלכער האָט זיך געשמדט נאָך בעת דער פוילישער הערשאַפט און געהאַט די אויפזיכט איבער די וויעליטשקער זאַלץ-גרובן. לעצטנס האָט ער געוווינט צוזאַמען מיט זיין פרוי „אויף די גאַרבאַרעס”. 1)

וויטעמבערג איז געוואָרן דער מושל פון שטאָט. אַלץ איז געווען פון אים אָפּהענגיק און אַלץ האָט זיך באַמיט אים צו געפעלן: דער בירגערמייסטער טשעניאָוויטש, די שטאָטישע באַלעבאַטים, די גלחים און די פּראָפעסאָרן פון דער אַקאַדעמיע. זיין ווילן איז געווען פאַר אַלע הייליק, זיינס אַ באַוועגונג – אַ באַפעל. וואָס איז אַלזאָ אַ וווּנדער, וואָס די צעראַבירטע און רואינירטע יידן האָבן זיך מכניע געווען פאַרן דאָזיקן גענעראַל צוגלייך מיט אַלע אַנדערע איינוווינער פון שטאָט?

און פונדעסטוועגן האָבן די דאַמאָלסטיקע היסטאָריקער זיך געמאַכט פאַרגעסן די אויפפירונג פון אַלע אַנדערע, באַשולדיקנדיק אין פאַרראַט נור די יידן און אַריאַנער (אַ מין פּראָטעסטאַנטישע סעקטע).

דער פוילישער מלך יאַן קאַזשימיערזש האָט זיך דערווייל אויפגעהאַלטן אין שלעזיען און פון דאָרט כסדר געשיקט שליחים צום דייטשן קייזער און אים פאַרגעלייגט צו ווערן טראָנ-

1) האַנטשריפט פון דער אָסאָלינסקישער ביבליאָטעק אין לעמבערג נ״ר 189 דף 806.

פאַלגער אָדער זאָגאַר באַלד איבערצונעמען די פוילישע קרוין, אַבי נור צו ראַטעווען דעם באַדראָטן קאַטאָליציזם.

דער קייזער האָט די פוילישע קרוין נישט אָנגענומען און דער פוילישער קעניג האָט אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען פון אַן אַנדערער זייט. דערווייל אָבער איז פלוצלינג געשען אַן אומדערוואַרטעטער פאַקט: די פאַרטיידיקונג פון טשענסטאָכאָווו, ווי 160 זעלנער און 70 גלחים האָבן אָפּגעראַטעוועט די דאָזיקע קליינע קלויסטער-פעסטונג קעגנאיבער דער פיל-טויזנטער שוועדישער אַרמעע. קורץ נאָך דעם האָט מען אין דעם קעניגלעכן לאַגער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אומקערן צוריק אַ היים. די נשמה פונם דאָזיקן פלאַן איז געווען די קעניגין.

און אַזוי האָט מען טאַקע אָנגעהויבן צו טון. פאַר די ווינטער-חגאות פון יאָר 1655 האָט יאַן קאַזשימיערזש פאַרלאָזט גלאָגובעק, די חגאות האָט ער פאַרבראַכט אין טעפּליץ און נאָכהער איז ער דורך אונגאַרן איבער דוקלאָ, קראָסנאָ, לאַנצוט, סאַמבאָר און ווישניע אַריבער נאָך לעמבערג.

דערווייל איז אָרגאַניזירט געוואָרן די טישאָוויצער קאָנפעדעראַציע און צו איר זענען כסדר צוגעשטאַנען איין וואָיעוואָדסטווע נאָך דער אַנדערער. אויף זיין רייזע, איז דעם קעניג אַממייסטן געקומען צו הילף דער פירשט יעזשי לובאָמירסקי און טאַקע ביי אים, אין לאַנצוט האָט ער זיך צום לענגסטן אויפגעהאַלטן. אָט דאָ האָט מען אים פאָרגעשטעלט די קראָקעווער יידן אַלס פאַררעטער פון לאַנד און וועגן זיי דערציילט בבא מעשות, אַז זיי זאָלן האָבן געוויזן די שוועדן די שוואַכע ערטער פון די קראָקעווער פאָרטיפיקאַציעס, דעס-גלייכן, אַז זיי האָבן צוזאַמען מיט די שוועדן באַרויבט קירכעס און פאַרקויפט דאָס צוגעראַבירטע זילבערוואַרג. דער קעניג האָט געגלויבט אין דעם אַלעמען און אין אַ דעקרעט פון 23-טן יאַנואַר 1656 האָט ער געשענקט דעם העטמאַן און מאַרשאַלעק יעזשי לובאָמירסקי און דעם קאַנצלער סטעפאַן קאָריטשינסקי די גאַנצע יידישע שטאָט ביי קראָקע (אויפן קוזמיר) מיט אַלע שולן, געמויערטע און געבויטע הייזער, סחורות מזומנים און טייערע חפצים פון יענע אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך בעת דער שוועדישער הערשאַפט אַרויסגעוויזן אַלס פאַררעטער פון פוילן. 1

---

1) Berson: Dyplomatarjusz, Nr. 255.

צי האָבן לובאָמירסקי און קאָריטשינסקי באמת באַקומען דעם דאָזיקן אַקט אין זיין דאָזיקער סטיליזאַציע אין יאַנואַר 1656 אָדער זיי האָבן דאַן נור באַקומען פון קעניג אַ מינדלעכן צוזאָג און דעם אַקט האָט מען אָנגעשריבן ערשט אין צוויי יאָר אַרום — ווען קאַזשימיערזש איז שוין געווען צוריק מלך פון פוילן —, איז שווער פעסטצושטעלן. עס איז נור אַזוי פיל זיכער, אַז אַפילו דער דאָזיקער אַקט זאָל יאָ געווען דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָט ער אויך דאַן נור געהאַט אַ טעאָרעטישע באַדייטונג, הגם אין קראָקע זענען נאָך אַלץ געווען די שוועדן און האָבן נאָך פאָרלויפיק נישט בדעה געהאַט, אפצוגעבן די דאָזיקע שטאָט.

* *

*

מיליטערישער גובערנאַטאָר פון קראָקע איז גענעראַל וויטעמבערג געווען ביז דעם 5-טן פעברואַר 1656. נאָכהער האָט ער די שטאָט-קאָמענדע איבערגעגעבן דעם גענעראַל פ א ו י ל ו י ר ט ץ און אַליין איז ער אַוועק צום שוועדישן מיליטער, כדי צוזאַמען מיט דעם קעניג קאַרל גוסטאַוו ווייטער צו פירן די אָקופּאַציע פונם לאַנד און צוצושלאָגן די אָפּטיילונגען פונם אויפשטענדיקן פוילישן מיליטער.

און אָפּטיילונגען פונם פוילישן מיליטער זענען אַנטשטאַנען אין גרויס און קליין פוילן, ווי נאָר דער מלך יאַן קאַזשימיערזש איז צוריק-געקומען קיין פוילן, „און די העטמאַנען זענען געקומען צו אים מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, איבערבעטנדיק אים פאַר זייער פריערדיקן ברעכן די שבועה, און האָבן אים געקושט די האַנט...", דאָס פאָלק האָט זיך צוריק אָנגעהויבן צו זאַמלען אונטער דער פאָן פון דער רעפּובליק. עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער צופור פון לעבנס-מיטלען קיין קראָקע, און צום ערגסטן געליטן דערפון האָבן די קוזמירער יידן, וועלכע מען פלעגט כאַפּן אויפן וועג און אויפהענגען אויף די בוימער. דער הונגער האָט אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן אין די יידישע שטובן. ווירטץ האָט ערלויבט די יידן צו קויפן אין קראָקע 120 טעפּ תבואה טעגלעך און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן אין שטאָט אַריין פיל יידן, כדי כאָטש אויפן אָרט צו קענען עסן צו דער

וועט, האָט מען באַגרעניצט די צאָל פון די איינגאַנגס-ערלויבנישן אויף 200 טעגלעך [1]. „די שוועדן האָבן געטון די יידן דעם דאָזיקן חסד — לעזן מיר אין אַ דאַמאָלסטיקער יידישער קוועלע — אָבער דאָך זענען פיל פון אונזערע ברידער בוכשטעבלעך געשטאָרבן פון הונגער [2].

נאָכהער האָבן זיך פון דער פוילישער זייט אָנגעהויבן פרווון איינצונעמען קראָקע, דער שוועדישער גאַרניזאָן איז אָבער געווען גוט פאָרבערייט און דעריבער האָט מען געמוזט אָנהויבן דעם 26/IX 1656 אַ רעגולערע באַלאַגערונג. צוויי מאָל (דעם 27/X און 3/XI) האָט מען באָמבאַרדירט דעם קוזמיר, פאַראורזאַכנדיק אין דעם שוין סיי-ווי-סיי אומגליקלעכן און רוינירטן שטעטל שרעקלעכע שאָדנס.

דערווייל האָט זיך די שוועדן איינגעגעבן צו באַקומען אַ נייעם פאַרבינדעטן אין דער פּערזאָן פונם זיבנבירגישן פירשט, געאָרג ראַקאָטשי; באַלד איז אין קוזמיר אַריין דאָס זיבנבירגישע מיליטער, וועמענס פאָדערשטע וואַך עס האָט זיך קאָנצענטרירט ביי דער יידישער בריק. דעם 28-טן מערץ 1657 איז ראָקאָטשי געשטאַנען אין קראָקע און פאַר זיין כבוד וועגן האָט ווירטץ איינגעאָרדנט אַ באַנקעט, אויף וועלכן די בירגער האָבן אָפגעגעבן כבוד דעם נייעם הערשער. אויך יידן זענען געקומען און האָבן צו דער שמחה מיטגעבראַכט מיט זיך פאַרשידענע מתנות [3]. פון דאַן אָן האָט איבערגענומען די שטאָט-קאָמענדע דער אונגאַרישער מאַגנאַט יאַן בעטלען, אַרמעע-פירער פון פירשט ראָקאָטשין, און ווירטץ האָט אין קוזמיר געזאַמלט נייע כוחות, כדי צו קומען צו הילף וויטעמבערגן אונטער זאַמאָשטש. כדי צו פאַרשטאַרקן די מיליטערישע קרעפטן, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט רייטער-אָפּטיילונגען פון פאַרשידענע צופעליקע פערזאָנען, צווישן זיי אויך פיל יידן, וועלכע מען פלעגט כאַפּן אין די גאַסן [4]. ער האָט אָבער מורא באַקומען פאַר אַ דורכפאַל און איז שנעל צוריקגעקומען אויף דעם קוזמיר, ווו עס האָבן שוין געהערשט די זיבנבירגער. דעם 18 מאַי האָבן די

1) Sikora, str. 65.

2) טיט היון בספר של גורלאנד: לקורות הגזרות של ישראל, חוברת 6, עמוד 18.

3) Sikora, str. 93.

4) Sikora str. 96.

קראָקעווער און קוזמירער איינוווינער געבויגן דעם קאָפּ און געשוווירן „טרייהייט און אונטערטעניקייט” דעם אַלערהעכסטן טראַנסילוואַנישן הערשער. דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די יידן [1].

דערווייל איז צושטאַנד געקומען אַן אָפּמאַך צווישן דעם מלך יאַן קאַזשימיערזש און דעם קייזער, און דאָס קייזערלעך-עסטרייכישע מיליטער אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראַלן האַצפעלד און פעטער צוזאַמען מיטן פוילישן מיליטער האָט אָנגעהויבן צו באַשיסן די שטאָט פון דער קוזמירער זייט. ווירטץ האָט צוריקגעצויגן זיין מיליטער קיין קראָקע און דעם קוזמיר אָפּגעגעבן די אונגאַרן, וועלכע האָבן אויף דאָס ניי אַרויסגערופן אַ פּאַניק צווישן די יידן, ראַבירנדיק די סיי-ווי-סיי צעראַבירטע יידישע שטובן און געשעפטן. נישט לאַנג אָבער האָבן די אונגאַרן געקאָנט דערהאַלטן זייערע פּאָזיציעס און שוין דעם 18-טן אויגוסט האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. די אָנפירונג האָט נאָכאַמאָל איבערגענומען גענעראַל ווירטץ. ער האָט, אָבער, באַוויזן זיך צו האַלטן דאָרט קוים צען טעג, ווייל זיין לאַגע איז געוואָרן כסדר אַלץ שווערער. כדי צו פאַרשטאַרקן זיין אַרמעע, האָט ער גערופן די יידן צו פאַרטיידיקן דעם קוזמיר, זיי האָבן אים אָבער אַנטזאַגט. דאַן האָט ער אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט די באַלאַגערער וועגן אָפּגעבן די שטאָט און בשעת מעשה געצוווּנגען די יידן אויסצופירן פאַרשידענע מיליטערישע הילפס-אַרבעטן דערביי האָט ער זיי אַרויפגעשטעלט אויף די מויערן אַלס פאַרטיידיקער פון דער שטאָט [2]. דעם 23-טן אויגוסט 1657 זענען די אונטערהאַנדלונגען פאַרענדיקט געוואָרן, די שוועדן האָבן געעפנט די טויערן און די פוילישע פיעכאָטע איז אַריין אויפן קוזמיר, גלייכצייטיק איז קיין בראָנאָוויצע אַוועק אַ דעפּוטאַציע פון בירגער, כדי צו באַגריסן דעם קעניג יאַן קאַזשימיערש, קיין יידן האָט מען אין דער דעפּוטאַציע נישט צוגעלאָזט, און דאָ האָט מען שוין געזען, אויף וועמען מען וויל אַרויפלייגן די שולד. דעם 28/VIII האָט ווירטץ מיט אַ קליינער צאָל שוועדן פאַרלאָזט די שטאָט, אָבער פאַרן אַוועקגיין האָט ער אויסגעפּרעסט פון די יידן, וואָס עס

1) שפּעטער, ווען דער קריסטלעכער עולם האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, האָט ער חושד געווען די יידן, אַז אין נוסח פון זייער שבועה איז געווען דער פּסוק, אַז זיי פאַרפליכטן זיך צו פירן מלחמה מיט פוילן, גלייך ס'וואָלט געווען פאַר יידן אַן אַנדערער נוסח.

2) זייט Morawski: Arjanie polscy. 467

נאָר געלאָזט [1] די אומגליקלעכע יידן האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צום פוילישן קעניג, אָבער ווי קאַלט האָט ער זיי אויפגענומען! זיי זענען דאָך געווען די „פאַררעטער פון לאַנד", אויף זיי האָט דאָך געלאַסטעט די שולד פאַרן „אומגליק פון דער שטאָט און דעם פאָטערלאַנד".

דעם 5-טן סעפּטעמבער איז דער קעניג מיט דער סוויטע אַריינ-געפאָרן קיין קראָקע. ער איז געפאָרן דורכן קוזמיר, ווו ער האָט באַקוקט די מוראדיקע פאַרוויסטונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן דורך די שוועדן, אונגאַרן און זיינע אייגענע האַרמאַטן. דרייסיק הייזער זענען געווען גענצלעך צעלייגט, אַלע קירכעס פאַרניכט און צעראַבירט. אין איניקע פון זיי זענען געווען איינגעאָרדנט שטאַלן פאַר מיליטערישע פערד. נאָך אַן ערגער פּנים האָט געהאַט די יידישע שטאָט. די הייזער זענען געווען פולשטענדיק רויִנירט, די פענצטער אויסגע-האַקט, די גראַטעס אַרויסגעריסן, אָדער צעבויגן, די אויוונס צעלייגט, שאַפעס און קאַסטנס צעהאַקט און צעראַבירט, די שטוב-מעבל צעבראָכן, אַלע חפצים, ווי מלבושים, צירונג און סחורות, צעראַבירט. אין אַ סך הייזער האָבן געפעלט די ראַמען פון די פענצטער. גענצלעך חרוב געוואָרן איז אויך דאָס קהל-הויז, די אַלטע שול, ווי אויך ר' אייזיק ר' יעקעלס שול. אין דעם פּריוואַט-הויז פון ר' משה ר' אייזיק ר' יעקעלס דעם פּרנס-הקהלה זענען געווען אַרויסגעריסן די פענצטער, דאָס הויז פון שמואל פאַקטאָר איז געווען פון פונדאַמענט אויס צעלייגט, דאָס הויז פון ר' אהרן דעם צינגיסער — חרוב, ער אַליין דערהרגעט, דער טיש און די ווענט באַשפּריצט מיט בלוט. דעסגלייכן אַנדערע הייזער, ווי למשל פון ר' וואָלף יאָלעס, ר' יוסף קרענגל, ר' אברהם גאָלדשמיד, ר' ישראל באָכענסקי, ר' שמואל קאָזשוכאָווסקי, ר' יעקב אָפּאַטאָווטשיק, ר' חיים קוסמאַן, ר' וואָלף פאַרבער, ר' עוזיאל רופא, ר' יעקב מאָראַווטשיק און אַנדערע זענען געוואָרן גענצלעך רויִנירט. צוזאַמען זענען פאַרניכט און חרוב געוואָרן בערך 60 הייזער. אָט דאָס זענען די שפּורן פון דער פאַר-בינדונג (!) פון די יידן מיט די שוועדן, וועגן וועלכער מען האָט אין שטאָט אַזוי פיל גערעדט [2]. „און אויך איך האָב בייגעווינט די דאָזיקע

1) Walewski: Historja wyzwolonej Polski za Jana Kazimierza, tom II, str. 101.

2) רעלאַציעס (שלאָס-אַקטן) באַנד 90, זייט 2735.

איבערקערעניש — שרייבט ר׳ אַבֿרהם בן יוסף פון קראָקע — און האָב צוגעזען דאָס דאָזיקע אומגליק פון מיינע ברידער, פון וועלכע פיל זענען אַליין אַריינגעשפרונגען אין וואַסער, כדי אויסצומיידן די פאַרשטייענדע יסורים״ [1].

דעם 4-טן סעפטעמבער האָט דער קעניג באַזוכט דעם וואַוועל און געזען דעם גרויסן חורבן, וועלכן די שוועדן האָבן דאָרט אָנגעמאַכט. דאָ האָט אים אויפגעזוכט די דעפּוטאַציע פון די קראָקעווער יידן און שילדערנדיק פאַר אים דעם אמתן זאַך-צושטאַנד ביי אים געבעטן חסד און רחמים. בכדי ווי ווייט מעגלעך צו מילדערן זיין באַציונג, האָבן די יידישע חשובי העיר אים געשענקט 60.000 גילדן און דעם עסטרייכישן גענעראַל האַצפעלד 30.000 גילדן. [2] זייער שטאַרק האָט זיך יעצט געמוזט פאַרשולדיקן די רויִנירטע יידישע געמיינדע, בכדי צונויפצוזאַמלען די דאָזיקע סומען. פּראָצענט פון די דאָזיקע חובות האָט מען געצאָלט העכער פון צוויי הונדערט יאָר און די פּראָצענסן מיט די געלד-לייער האָבן דערעסן דאָס לעבן די ראשי-הקהל. אָבער אויך דער דאָזיקער קרבן האָט ווייניק-וואָס געהאָלפן. דער קעניג, וועלכער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן דעם פאַרראַט פון כמיעלניצקין, ראַדזיווילן, די קאַלווינער און די אַריאַנער, האָט געגלויבט אין די אַלע מעשיות, וועלכע עס האָבן אים אָנדערציילט די טאַקע, וועלכע האָבן אַליין נור וואָס געהאַט „געקושט די קעניגלעכע האַנט, און געבעטן ער זאָל מוחל זיין זייער פאַרראַט״. [3] און האָט קיין רחמנות נישט געהאַט איבער „אַנדערש גלויביקע״. דער סיים האָט באַדאָרפן אַנטשיידן איבער די רעכט פון די אַנדערש גלויביקע אין פּוילן און האָט זיך טאַקע אַרויסגעזאָגט וועגן די אַריאַנער. מען האָט זיי אַרויסגעשיקט פון לאַנד, דאָס זעלבע האָט אויך געדראָט די יידן און נאָר די פאַרטיידיקונג

1) מבוא צום פירוש צו מגילת תענית, אַמסטערדאַם, 1658. זע ג ר ע ט ץ: „געשיכטע דער יודען״, באַנד 10, זייט 71.

Sikora, str. 117. (2

Korzon; Historja Polski, tom I Kijów, 1918, str. 130. (3

פון די גלחים, וועלכע עס איז געקומען ביי די ייִדן אומגעהויערע געלט-סומען, האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פונם זעלבן גורל. מען האָט זיי אָבער געוואָלט מאַטעריעל רויִנירן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זענען שוין דורך דער מלחמה געווען פולשטענדיק רויִנירט.

קודם-כל האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די ייִדן זאָלן צאָלן 200 גילדן אַ וואָך פאַר דער שלאָס-וואַך. און 100 פאַר דער שטאָטישער וואַך. דער דאָזיקער שטייער האָט באַדאַרפן געצאָלט ווערן אָנשטאָט קוואַרטירן פאַר זעלנער, וועלכע מ'האָט יעצט נישט געקאָנט איינקוואַרטירן ביי ייִדן, ווייל דער גרעסטער טייל ייִדישע הייזער איז געווען חרוב. אומזיסט האָבן זיך די ייִדן געבעטן וועגן אַ הנחה, און ווען מען האָט זיי נאָך פיל סטאַראַניעס און רייזעס נאָך וואַרשע באַפרייט פון דעם קוואַרטיר-שטייער (דעם 31/VIII 1658) [1], האָט דער קראָקעווער שטאָט-ראַט באַלד אונטערגענומען שריט מבטל צו מאַכן די דאָזיקע הנחה, וועלכע זיי האָבן כלומרשט באַקומען „מיט דער הילף פון פאַלש אינפאָרמירן די קעניגלעכע קאַנצעלאַריע" [2]. עס איז טאַקע דערנאָך אַרויס אַ באַפעל, אַז די ייִדן, וועלכע גייען פון קאַזשימיערזש נאָך קראָקע, זאָלן צאָלן 1 גראָשן טעגלעך אויף צו פאַרריכטן די בריק איבער דער ווייכסל [3].

כדי צו זיין אימשטאַנד צו ערפילן די דאָזיקע שווערע פליכטן, האָבן זיך די קוזמירער מנהיגים געמוזט אַלץ מער פאַרשולדיקן, באַשטייערן אַלע שפּייז-אַרטיקלען, נעמען הויכע פאַרמעגנס-שטייערן און אַזוי אַרום נאָך מער באַשווערן דאָס אומדערטרעגלעכע לעבן אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער שטאָט.

און ווי אויף אַ איראָניע, האָט דער קראָקעווער מאַגיסטראַט באַשלאָסן יעצט — ווען די רוין פון די ייִדן איז געווען אַ פולשטענדיקע — צו ערליידיקן דעם אַלטן סכסוך וועגן האַנדלס-רעכט. נישט ווילנדיק וואַרטן אויף דער דעציזיע פונם קעניג אָדער פון דעם סיים, האָט דער

[1] Piekosinski: Prawa i Przywileje Krakowa, tom II, str. 1154.

[2] דערזעלבער, באַנד 2, זייט 1156.

[3] Bersohn: Dyplomatarjusz Nr. 258.

מאַגיסטראַט פשוט געשלאָסן די בריק אויף דער ווייכסל און גאַנצע וואָכן נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן אין שטאָט אַריין. מיטן אויסרייד אַז אויפן קוזמיר הערשט אַן אָנשטעקנדע קראַנקהייט 1).

און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן בקשות און רייזעס נאָך וואַרשע, נייע קאָסטן און נייע אויסגאַבן. די ראשי-הקהל: ר׳ משה ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס און ר׳ יוסף בן שלמה פון איטאַליע זענען מער געזעסן אין וואַרשע, ווי אין קראָקע 2); געהאָלפן דאָרט אין קעניגלעכן הויף האָט זיי דער הויפּט-שתדלן פון דעם ועד ד׳ ארצות, ר׳ מרדכי נעקל 3), וועמען דער קעניג יאַן קאַזשימיערזש האָט „פאַר די טרייע און איבערגעגעבענע פאַרדינסטן בעת דער רעגירונג פון זיגמונט דעם דריטן און וולאַדיסלאַוו דעם פערטן" געגעבן ווין-רעכט אין וואַרשע און אין אָלקוש און נאָך אַנדערע פּריווילעגיעס 4).

אָבער די שווערע שטייערן און אפילו די פאַרדינסטן פון ר׳ מרדכין האָבן נישט געקאָנט באַפרייען די יידישע באַפעלקערונג פון ווייטערע באַשולדיקונגען און אומגליקן.

שוין בעת דעם ערשטן וויילן פונם קעניג אויפן וואַוועל האָט מען אים דערציילט, אַז די יידן האָבן אָנגעוויזן די שוועדן דאָס אָרט, ווו עס איז געווען פאַרגראָבן איינער פון די טייערסטע קירכע-אַלטאַרן, וועלכער איז אין יאָר 1518 געשענקט געוואָרן דער קירכע דורך דעם קעניג זיגמונט דעם ערשטן. „פאַרן אַריינקומען פון די שוועדן האָט דער גלח שימאָן סטאַראָוואָלסקי דעם דאָזיקן אַלטאַר פאַרגראָבן אויפן בית-עלמין ביי דער קאַטעדרע. דורך עפּעס אַן אומבאַוווּסטן פאַראַט האָבן זיך די שוועדן דערוווּסט פון די קוזמירער יידן (?!), ווו מען האָט אים באַהאַלטן, האָבן אים באַלד אויפגעגראָבן און אים פאַרקויפט דעם ייד פּינחס פון דעם קוזמיר 5).

אויף וואָס פאַר אַן אופן די קוזמירער יידן האָבן בכלל געקאָנט

(1 Pickosinski: tom II, str. 1208 i 1364.

(2 Bersohn: Nr. 262.

3) דערזעלבער, נומער 380.

4) דערזעלבער, נומער 382.

(5 Kołaczkowski: Wiadomości dotyczące przemysłu i sztuki w dawnej Polsce, str. 694.

וויסן וועגן אַזאַ מין אַלטאַר אין דער וואַוועלער קאַטעדרע און דערצו נאָך, ווו ער איז באַהאַלטן געוואָרן, וועט אויף שטענדיק בלייבן אַ סוד פון דעם שלאָס-קאָמענדאַנט, וואָס האָט דעם דאָזיקן חשד געוואָרפן אויף יידן. אויף אַזוי פיל איז אַ פאַקט, אַז ווער עס האָט געוואָלט און נישט געוואָלט, סיי דאַמאָלט און סיי נאָכהער, האָט אַלץ איבער-געחזרט די דאָזיקע מעשה און אויפן דאָזיקן סמך איז אויסגעוואַקסן די באַשולדיקונג מצד די קירכע-אָרגאַנען קעגן דער יידישער געמיינדע, פאָדערנדיק פון איר דעם ווערט פונם אַלטאַר. דעם 23-טן נאָוועמבער 1658 האָט דער גלח גאָגאָלעווסקי אין נאָמען פון דער קאַטעדרע אַריינגעטראָגן די דאָזיקע באַשולדיקונג 1) און דער פראָצעס האָט זיך געצויגן אַ יאָר צייט. דאָס שלאָס-געריכט האָט פאַרמשפּט די קראָקעווער יידן אויף אינפאַמיע (ד. ה., געשטעלט צום שאַנד-סלופּ) און צו פאַרלירן זייערע מאַיאָנטקעס. דעם פסק האָט דער געריכטס-דינער אָפּגעברענגט אין דער וווינונג פונם ראש-הקהל, דאָקטאָר דוד, אָבער אַלע קהלס-פּרנסים זענען אַנטלאָפן פון זייערע שטובן, נישט ווערנדיק אָפּנעמען דעם דאָזיקן פסק. דער ענין איז דערגאַנגען ביז צום לובלינער טריבונאַל. דער דאָזיקער טריבונאַל האָט לויטן פסק פון 19-טן מאַי 1662 פאַרפליכט די קראָקעווער געמיינדע צו באַצאָלן 10.000 גילדן „פאַרן ערמעגלעכן די שוועדן אויפצוגעפינען דעם אַלטאַר, אים צוצובּרעכן און צו פאַרניכטן" 2). פיל יאָרן האָבן די קראָקעווער יידן געצאָלט דער קאַטעדרע ראַטעס פון דער סומע, קרן און ריבית, און נאָך אין יאָר 1741 זענען זיי געווען שולדיק פונם דאָזיקן חוב 313 גילדן.

גלייכצייטיק מיטן דאָזיקן ענין איז אויפגעשווומען די פראַגע וועגן דעם אַוועקשענקען דאָס יידישע קוואַרטאַל אָדער קורצער געזאָגט: דאָס פאַרמעגן פון אַלע „יידן-פאַררעטער" דעם פירשט יעזשי לובאָמירסקי און סטעפאַן קאָריטשינסקי. די דאָזיקע ביידע מאַגנאַטן האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט די יידן וועגן אויסקויפן די דאָזיקע פּריווילעגיע. זיי האָבן פאַרן דאָזיקן „רעכט" געוואָלט באַקומען פון די יידן אַ וואָס

1) שלאָס-אַקטן: רעלאַציעס, באַנד 84, זייט 901.

2) די זעלבע אַקטן באַנד 90, זייט 1702—1689.

גרעסערע סומע; די יידישע געמיינדע-קאַסע איז דערווייל געוועזן ליידיק. דער קעניג אַליין, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט שוין די גאַנצע יידישע שטאָט געהאַט איין מאָל אַוועקגעשענקט, האָט יעצט באַזונדער אַוועקגעשענקט ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס-שול דעם פּראָבאָשטש פון דער קירך שוו. יאַדוויגאַ אויפן סטראַדאָם, סטאַניסלאַוו דזשאַנאַט, „אויף אַ קירך און אַ שפּיטאָל פאַר דער אָרעמער שלאַכטע" [1]. די קוזמירער קהלה איז דזשאַנאַטן שולדיק געווען פאַרשידענע אַלטע חובות, זי האָט אים אָבער נישט געצאָלט קיין ראַטעס און אויך נישט קיין פּראָצענט פון די דאָזיקע חובות, דערפאַר האָט דער גלח באַשלאָסן צוצונעמען די שול און זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ קירך. צום דאָזיקן צוועק האָט דער קעניג יאַן קאַזשימיערזש באַשטימט אַ קאָמיסיע פון הויכע באַאַמטע און אָנגעזעענע גייסטלעכע, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיטן אויספאָרשן דעם ענין פון די חובות און מיטן איבערגעבן די שול דזשאַנאַטן. קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן אָבער פּראָטעסטירט לובאָמירסקי און קאָריטשינסקי. היות זיי איז די גאַנצע יידישע שטאָט — און ממילא אויך די דאָזיקע שול — שוין פריער אַוועקגעשענקט געוואָרן. איינזעענדיק אַז דאָס איבערגעבן די שול דזשאַנאַטן איז טאַקע אין ווידערשפּרוך צו זיין פריערדיקן שענקונגס-אַקט, האָט דער קעניג, לויט אַ פאַראָרדנונג פונם 5-טן מערץ 1658 אָפּגערופן די אויבנדערמאָנטע קאָמיסיע און באַפוילן די יידן דורכצוקומען מיט דזשאַנאַטן [2]. און באמת האָבן זיך די מנהיגי-הקהל אויסגעגלייכט מיט דעם גלח, געבנדיק אים באַלד 600 פוילישע גילדן און פאַרפליכטנדיק זיך צו צאָלן אים נאַכהער צו 500 גילדן במשך 5 יאָר. אָבער שוין נאָכן ערשטן יאָר האָבן די יידן נישט געצאָלט די ראַטע צו דער צייט, צוליב וועלכן דער ענין איז ווידער-אַמאָל דערגאַנגען צום קעניג. זעענדיק ענדלעך, אַז וואָס אַמאָל לייגט מען אויף זיי אַרויף נייע פאַרפליכטונגען, האָבן די קראָקעווער יידן באַשלאָסן צו בעטן וועגן אַ מאָראַטאָריום, וועלכן זיי האָבן

1) שלאָס-אַקטן: רעלאַציעס, באַנד 48, זייט 736—737.

2) Archiwum glówne w Warszawie, Metryka koronna, tom 196 str. 145.

טאַקע באַקומען אויף 6 חדשים, רעכענענדיק פונם דריטן סעפּטעמבער 1659 [1].

די פראַגע וועגן דעם, לובאָמירסקין און קאָריטשינסקין, אַוועק־געשענקטן יידישן פאַרמעגן איז אין די אָפּיציעלע אַקטן עפּעס איבער־געריסן געוואָרן. וואָרשיינלעך איז אויך דער דאָזיקער ענין פאַרענדיקט געוואָרן דורך אַ גרעסערע סומע אויסקויף־געלט, הגם דער דאָזיקער קעניגלעכער „אַקט" איז פון אָנהייב אָן אויסגערעכנט געוואָרן בלויז אַרויסצובאַקומען פון די יידן אויסקויף־געלט. ווער עס האָט געוואָלט, ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט, האָט די יידן געריסן, געשלאָגן און וואָס אָפּטער אָנגעמאַכט אַ טומל אין דער יידישער שטאָט, אָנפאַלנדיק אויף די יידישע סוחרים. גלייכצייטיק האָט זיך, ווי אַן עכאָ פון דער שוועדישער אינוואַזיע, געצויגן אין לובלינער טריבונאַל דער פּראָצעס וועגן די אין יאָר 1655 דורך בראַניצקין און פשעצלאַווסקין צוגערויבטע יידישע סחורות און פאַרמעגנס פון די קעלערס פון מישקאָווסקיס און היפּאָליטס הייזער אויפן קראָקעווער מאַרק. נאָך אין יאָר 1676 האָט ר' משה ר' אייזיק ר' יעקלס, דאַמאָלסדיקער ראש־הקהל אין נאָמען פון דער קהלה אַריינגעטראָגן אַ באַשולדיקונג קעגן די יורשים פונם פאַרשטאָרבענעם כאָראָנזשי פשעצלאַווסקי, נעמלעך קעגן זיינע טעכטער זאָפיאַ קמיטאַ, זוזאַנאַ גזשיבאָווסקאַ און דריי פריילינס, דעס־גלייכן קעגן די יורשים פונם הויף־מאַרשאַלעק בראַניצקי: קעגן דער אלמנה קאַטאַרינאַ בראַניצקאַ און דעם זון מיקאָליי, אָנקלאָגנדיק זיי, אַז „זייערע עלטערן האָבן צוזאַמען מיט אַ המון באַקאַנטע זיך אַריינגעריסן אין די יידישע געוועלבער און סקלאַדעס אויפן קראָקעווער מאַרק און זיי פולשטענדיק צעראַבירט" [2]. ווי עס שיינט, האָט דער טריבונאַל אין דעם יאָר די דאָזיקע ספּראַווע פאַרענדיקט, ווייל דעם 15־טן יוני 1677 האָט די אַלמנה פונם אויבנדערמאָנטן ראש־הקהל, שרה אלמנת ר' משה ר' אייזיק ר' יעקלס פאָרגעלייגט דעם פּסק פונם טריבונאַל, בעטנדיק וועגן אַן עקזעקוציע־באַפעל קעגן די דאָזיקע פריצים און פריצות.

---

1) קראָקעווער שלאָס־אַקטן, באַנד 90, זייט 1689—1702.

2) קראָקעווער שלאָס־אַקטן באַנד 90, זייט 8—2174, באַנד 100, זייט 1665 און באַנד 104, זייט 1704.

צי האָט די מאַכט אַזאַ באַפעל אַרויסגעגעבן און צי האָט שרה אָפּגענומען כאָטש אַ טייל פונם צוגערויבטן פאַרמעגן, וועגן דעם שווייגן די שטאָטישע און געריכטלעכע אַקטן.

דיפּלאָמאַטישע אינטערווענץ

אין דער פּראַגע וועגן די קראָקעווער יידן (1775—1776)

אין יאָר 1495 האָט דער קעניג יאַן אָלבראַכט אַרויסגעטריבן די יידן פון קראָקע און זיי ערלויבט זיך צו באַזעצן אינם שכנותדיקן קוזמיר, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ באַזונדערע שטאָט. זייט דאַן וווינען די קראָקעווער יידן אין דער „יידישער שטאָט״, אין קוזמיר, און פירן זייער האַנדל אין קראָקע. דאָ האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויפן גרויסן און קליינעם מאַרק-פּלאַץ און אינאָוונט זיך אומגעקערט אין זייערע שטובן אויפן קוזמיר. אין קוזמיר געפינט זיך דאַן דאָס זיק-אָרט פון דער „קהלה קדושה ע״נ ויסלה ווילגה״, אָדער ווי זי הייסט אין די אָפיציעלע אַקטן: „געמיינדע פון די אומגלויביקע יידן״. דאָ געפינען זיך די שולן און געבעט-הייזער, בית-עלמינס, מקואות, די יידישע קהלה-פאַרוואַלטונג א. אַז וו. במשך עטלעכע יאָר-הונדערטער באַמיען זיך די קוזמירער יידן וועגן באַקומען וווין-רעכט אין קראָקע, אָבער אומזיסט. זאָגאַר נאָך דער פּולשטענדיקער פאַרניכטונג פון קוזמיר דורך די שוועדן (1655) האָט מען זיי נישט ערלויבט כאָטש צייטווייליק זיך צו באַזעצן אין קראָקע און אַפילו נישט צו נעכטיקן דאָרט אין זייערע געוועלבן און מאַגאַזינען. די קראָקעווער בירגער שטרעבן מיט אַלע ערלויבטע און נישט-ערלויבטע מיטלען צו באַזייטיקן די יידישע געוועלבן און מאַגאַזינען פון שטאָט, די האַנטווערקער-יוגנט, טיכטיק אונטערגעשטיצט דורך שילער פון די קראָקעווער שולן, אָרדנט כסדר איין אָנפאַלן אויף יידישע סוחרים און הענדלער, און דער פּראָצעס וועגן האַנדלס-רעכט פון די יידן אין קראָקע ציט זיך דורות-לאַנג, ווערנדיק פון צייט צו צייט איבערגעריסן אויף עטלעכע יאָר דורך אָפּמאַכן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן אַ „הסכם אויף אייביקע צייטן״. דער קראָקעווער מאַגיסטראַט און די קוזמירער קהלה גיבן אויס

אומגעהייערע סומען אויף אַדוואָקאַטן, פּאַרטיידיקער, רייזעס, געריכטלעכע אויפפאָדערונגען, אָנפראַגן און תשובות, מאַניפעסטאַציעס און באַריכטן, באַשייניקונגען און דאָקומענטן, אויסצוגן און רעגיסטרירונגען. הונדערטער שרייבער און שרייבערלעך ציען דערפון אַ שטענדיקע הכנסה, ד. ה. האָבן דערפון זייער פּרנסה און טויזנטער געגנז שטעלן צו פעדערן פאַרן ים טינט, וועלכע ווערט אויסגעגאָסן אויף אַזוי פיל פאַרמעט און פּראָסט פּאַפּיר.

אַזוי זענען אַריבער כמעט דריי הונדערט יאָר. דורות זענען געבוירן געוואָרן, חתונה געהאַט און אויפן אַלטן קוזמירער בית-עולם באַגראָבן געוואָרן, די וועלט האָט עטלעכע מאָל געביטן איר פּרצוף, אויף די אַמטן האָבן זיך געביטן די פּראָ-קאָנסולן פון דער קעניגלעכער שטאָט קראָקע און די מנהיגים פון דער יידישער קהלה אין קוזמיר, און דער פּראָצעס האָט אַלץ ווייטער געדויערט, כאָטש יעדער פון די קעמפנדע צדדים האָט אים גערן געוואָלט פאַרענדיקן. די יידן האָבן ווייטער געוווינט אין קוזמיר און ווייטער געפירט זייער האַנדל אין קראָקע און די הערן ראַטמענער, לאַוניקעס, בעל-מלאכות און צעך-מייסטער האָבן מיט יעדן יאָר אויסגעקלערט אַלץ נייע שטיקלעך, בכדי צו באַשווערן די „אומגליביקע” און פאַרעקשנטע קאָנקורענטן זייער האַנדל און זייער לעבן.

אינמיטן דערין האָט דאָס בלינדע גורל פון דער געשיכטע אויף עפּעס אַ ווונדערלעכן אופן אַ שמייכל געטון דעם קראָקעווער מאַגיסטראַט.

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1772 און מיט אים — די ערשטע צעטיילונג פונם אומגליקלעכן פּוילן. די נייע גרעניץ צווישן פּוילן און עסטרייך בילדעט אין דער זייט פון קראָקע די ווייסל. און ווייל צו יענער צייט איז די ווייסל געפלאָסן דורך דער היינטיקע דיעטל-גאַס, איז קראָקע פאַרבליבן ביי פּוילן און קוזמיר איז געוואָרן אַ עסטרייכישע שטאָט און באַהעפט צום קרייז ווועליטשקאַ. דאָ האָט איבערגענומען די מאַכט דער באַאַמטער „פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט”, קרייז-קאַפּיטאַן יאָזעף פאָן באַום, וועלכער איז באַקאַנט פון זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט אין זאַמאָשטש בעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. אויף דער בריק, וועלכע בינדט די קראָקעווער גאַס מיט סטראַדאָם, איז געוואָרן אַוועקגעשטעלט אַ צאָל-קאַמער און איינס פון

די הייזער ביים ברעג איז כדרך „רעקוויזיציע״ פאַרנומען געוואָרן אויף אַ קאָשאַר פאַר די פינאַנץ-יעגערס און וווין-לאָקאַלן פאַר די צאָל-באַאַמטע. באַזונדערס שלעכט איז יעצט געוואָרן די יידן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע געוועלבן אין קראָקע און די שטובן און מאַגאַזינען אין קוזמיר. מיט איין קלאַפּ איז זייער פאַרמעגן צעטיילט געוואָרן אויף צוויי טיילן, די סחורות האָבן זיי נישט געקאָנט איבערפירן אָן אַ צאָל-אָפּצאָל נישט פון די געוועלבן אין די מאַגאַזינען און נישט פאַרקערט.

און אָט ווענדט זיך די קהלה מיט „איין אַלעראונטערטעניקסטעס געזוך״ צו דער קייזערין מאַריאַ טערעזיאַ, בעטנדיק וועגן מבטל-מאַכן די צאָל-גרעניץ, ווייניקסטנס כאָטש פאַר יענע סוחרים, וועלכע וווינען אין קוזמיר. די דאָזיקע בקשה, אונטערגעשריבן דורך צוועלף „אונטערטעניקסט געהאָרכזאַמע קנעכטע״ מיטן פרנס-החודש ר׳ שלמה שיעמאַן בראש און קאָנטראַסיגנירט (באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון די אונטערשריפטן) דורך פינחס בן יהושע — „קאַסיר און געמיינגעשווארענער״, איז געבליבן אָן אַן ענטפער, און דערווייל איז אין קוזמיר איינקוואַרטירט געוואָרן מיליטער אונטער דער קאָמענדע פונם פּאָרוטשניק מאַנזאַק, צו וועמען עס האָט אויך געהערט די מיליטערישע קאָנטראָל איבער דער גרענעץ-וואַך. דער קרייז-הויפטמאַן פאָן באַום האָט געהייסן פאַררעגיסטרירן אַלע יידן און באַפוילן דער גרענעץ-וואַך געבוי אַכטונג צו געבן אויף די, וועלכע גייען טעגלעך נאָך קראָקע. דאָס האָט געגעבן דעם אָנהייב פון פיל שיקאַנען און באַשווערונגען; אָפּט האָבן די גרענעץ-היטער נישט געוואָלט דורכלאָזן די יידן קיין קראָקע און דאַן האָט מען דאָרט נישט געעפנט די געוועלבן און סקלאַדעס, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַ צערודערניש אין שטאָט. טאָמער איז דאָס אומגליק נאָך געווען ווייניק, האָט דער קראָקעווער מאַגיסטראַט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם דאָזיקן ניי-געשאַפענעם מצב און איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרענדיקן דעם אייביקן פּראָצעס וועגן יידישן האַנדל. פון יאָר 1772 זענען די יידן געוואָרן פאַקטיש אויסלענדער, וועלכע האָבן נאָר מיט גרענעץ-שיינען געקאָנט אַריבער נאָך קראָקע. די מאַגיסטראַט-אָנפירער איז, אַלזאָ, נישט-שווער געווען פּאָרצושטעלן אין וואַרשע דעם דאָזיקן אומנאָרמאַלן צושטאַנד, באַזונדערס אַדאַנק דעם, וואָס די יידן, אַלס

עסטרייכישע אונטערטאַנען, איז נישט ערלויבט געווען זיך צו שטעלן פאַר דער פוילישער מאַכט.

די דעלעגאַטן פון מאַגיסטראַט אין דער סוחרים-פאַראייניקונג, פאַרזען מיט באַפולמעכטיקונגען און באַוואָפנט מיט פּריווילעגיעס און דעקרעטן פון אַלע פוילישע מלכים, זענען אַרויסגעפאָרן נאָך וואַרשע און שנעל אָנגעהויבן זיך משתדל זיין וועגן דאָזיקן ענין ביים ראַט אָדער אַזוי-גערופענער „אומאויפהערלעכער קאָמיסיע". די קוזמירער און קראָקעווער יידן האָבן פון גאָרנישט געוווסט, אָבער זייער שטענדיקער באַפולמעכטיקטער אין וואַרשע, ה' דוד פייטעל, האָט זיך שנעל דערוווסט וועגן דער דראָענדער געפאַר און אָנגעשריבן אַ לענגערן בריוו נאָך קראָקע. אינם דאָזיקן בריוו, געשריבן אויף יידיש, טיילט דוד פייטעל מיט, „אַז די (קראָקעווער) בירגער וועגדן אָן פיל פּלייס ביי די הערן פון פאַרלאַמענט", כדי אונטערצוברענגען דעם יידישן האַנדל. ער אַליין איז שוין געווען ביי אַ יידישן אַדוואָקאַט, האָט אים אָבער נישט געטראָפן אין שטוב. צומאָרגנס איז ער ביי אים ווידער געווען, ער האָט אָבער ביי אים נישט באַקומען קיין הילף. ער האָט אַלזאָ אַריבערגעשיקט זיין פאַרטרעטער ר' שלמה ישעיהס „צו אַ גרויסן מאַן", פון וועמען מ'האָט זיך דערוווסט, אַז די פראַגע וועגן די קראָקעווער יידן שטייט זייער שלעכט. „דער גרויסער מאַן" האָט געראָטן, אַז מ'זאָל דורך אַ ספּעציעלן שליח מודיע זיין וועגן אַלעם די קראָקעווער ראשי-הקהל און זיי באַפעלן תיכף-ומיד „פער עקסטראַ פּאָסט" צו קומען קיין וואַרשע. „דער אומאויפהערלעכער ראַט" האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען יעדן דינסטיק און פרייטיק און „דער גרויסער מאַן" האָט זיך פאַרפּליכטעט, צו פאַרציִען דעם דאָזיקן ענין איבער נאָך צוויי זיצונגען, כאָטש דאָס איז זייער שווער געווען, „און די קראָקעווער בירגער דרייען זיך אַרום דעם ענין מיט ערפאָלג". דער בריוו פון דוד פייטעל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 4טן אויגוסט 1775 און שוין נאָך עטלעכע טעג איז ער דערהאַלטן געוואָרן אין קוזמיר. אין דער אַלטער קהל-שטוב, אַ. ג. יידישן ראַט-הויז, איז פאָרגעקומען אַ שטורמישע זיצונג פון די קהלה-פרנסים צוזאַמען מיט סוחרים און בעלי-מלאכה און דאָ איז באַשלאָסן געוואָרן, צו ווענדן זיך צום קרייז-הויפּטמאַן מיט אַ בקשה וועגן אַ רייזע-ערלויבניש נאָך וואַרשע. צומאָרגנס

זענען די פרנסים אַוועקגעפאָרן נאָך וויעליטשקאַ און זיך פאָרגעשטעלט דעם שטרענגן קרייז-הויפטמאַן. באַום האָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אויסגעהערט זייערע אויספירונגען, ער האָט אָבער געפאָדערט צו דער-לאַנגען וועגן דעם אַ שריפטלעכע בקשה. מ׳האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ שרייבער און ענדלעך איבערגעגעבן באַומען אַ ביט-שריפט, נאָכאַמאָל אונטערגעשריבן דורך די זעלבע צוועלף „אונטערטעניקסט געהאָרכזאַמע קנעכטע״ און דעם סעקרעטאַר פון דער קהלה. באַום האָט די דעפּוטאַציע משלח געווען און די יידישע בקשה אַליין אַוועקגעשיקט צום גובערנאַטאָר קיין לעמבערג מיט אַן אָ פּ ז אָ ג - פאָרשלאַג. אין זיין מאָטיווירונג, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אויף דער זעלבער בקשה, שרייבט דער קרייז-הויפטמאַן, אַז ער באַשטייט נישט אויף דער דאָזיקער רייזע נאָך וואַרשע, ווייל זי דאַרף צופיל קאָסטן און, אויסער דעם, קאָנען אַמאָל די יידן פאַרגעסן, אַז זיי זענען אונטערטאַנען פון איר קייזערלעכער מאַיעסטעט און זיך פאַרפליכטן צו וועלכע ס׳איז אָפּצאָלונגען, אַ זאַך, וועלכע רירט אָן די סוווערעניטעט פון עסטרייך.ביים סוף פון זיינע אויספירונגען פרעגט ער „העכסט-אונטערטעניק״, צי מען וואָלט נישט געקאָנט באַאויפ-טראַגן דעם עסטרייכישן געזאַנדטן אין וואַרשע צו אינטערווענירן וועגן דעם דאָזיקן ענין און אים ערלויבן אַליין אָנצושרייבן אַ בריוו צום פירשט אויגוסט סולקאָווסקי, דעם פאָרזיצנדן פונם אומאויפהערלעכן ראַט. דאָס גאַליצישע גובערנעמענט האָט זיך אָבער באַטראַכט פאַר נישט-קאָמפּעטענט אין דער זאַך און האָט שנעל, דען שוין דעם 6טן אויגוסט, אָפּגעשיקט דעם גאַנצן אַקט נאָך ווין מיט אַ ביטע וועגן אַ אינסטרוקציע. דאָס גובערנעמענט וואָרנט פאַר דער געפאַר, וועלכע דראָט די קראָקעווער יידן אין פאַל, ווען דער אומאויפהערלעכער ראַט זאָל זיי פאַרווערן צו האַנדלען אין קראָקע, און דערמאַנט אין דעם שאָדן פאַרן מלוכה-אוצר, וואָס דאָס וואָלט פאַראורזאַכט.

בעת דער דאָזיקער שרייבעריי פון וויעליטשקאַ נאָך לעמבערג און פון דאָרט נאָך ווין איז די יידישע פראַגע געקומען אויפן טיש פון דער אומאויפהערלעכער קאָמיסיע און דאָ האָט מען זי איבערגעשיקט דעם אַסעסאָרן-געריכט, מיט דער באַמערקונג, אַז שוין יעצט איז דעם קראָקעווער מאַגיסטראַט ערלויבט צו באַ ז יי טי ק ן די יידישע סוחרים פון שטאָט. שוין דעם 11טן סעפּטעמבער 1775 האָט דער קראָקעווער

מאַגיסטראַט געלאָזט פובליקירן איבער דער גאַנצער שטאָט און די פאַרשטעט, „אַז ביז פיר וואָכן דאַרפן די יידן אויספאַרקויפן זייערע סחורות אין קראָקע אָדער זיי איבערפירן קיין קוזמיר, אַנישט וועט מען זי קאָנפיסקירן״. אַן אימה איז געפאַלן אויף די יידישע סוחרים. זיי האָבן געזען, אַז אויף אַ לעגאַלן וועג וועלן זיי גאָרנישט אויפטון און, נישט וואַרטנדיק אויף אַ רעזאָלוציע פון ווין, האָבן זיי שנעל אַוועקגעשיקט אַ דעפוטאַציע נאָך וואַרשע. די זאַך האָט זיך אָבער נישט געלאָזט באַהאַלטן פאַרן וואַכזאַמען אויג פון די עסטרייכישע באַאַמטע און באַום האָט נישט ערלויבט צו באַצאָלן די רייזע-הוצאות פון דער דעפוטאַציע פון דער קהלה-קאַסע און אויך פאַרבאָטן צו שיקן איר נאָך וואַרשע געלט און נויטיקע באַפולמעכטיקונגען.

די קראָקעווער פרנסים האָבן זיך געפונען, ווי אין דער קלעם, שנעל אָבער האָבן זיי זיך אָריענטירט אין דער לאַגע און געפונען זוכן אַן עצה. די קראָקעווער יידן האָבן געהאַט אין ווין אַ קאָמיסיאָנער, געהייסן האָט ער יצחק בן דוד, אויף דייטש איזאַק קריעגסהאַבער. האָבן זיי באַשלאָסן אים נעמען צו הילף און צו דעם צוועק אים דורך אַ „ספעציעלן שליח״ געשיקט אַ באַפולמעכטיקונג, אונטערגעשריבן דורך די באַוווסטע צוועלף פרנסים. די יידן האָבן מורא געהאַט זי צו שרייבן אין קראָקע אויף דייטש, כּדי מען זאָל זיך נישט אַמאָל דערוויסן דערפון אין פאָליציי-אַמט, און האָבן דעריבער געשיקט אַ העב-רעישע באַפולמעכטיקונג. קריעגסהאַבער האָט זי אין ווין געלאָזט איבערזעצן דורך דעם „קייזערלעך און קעניגלעכן איבערזעצער״, אויגעניוס רודאָלף האָרוויץ, און האָט צו דער קייזערין גלייך אַריינ-געשיקט צוויי פעטיציעס. אומאָפּהענגיק פון די דאָזיקע בקשות, אין וועלכע מ׳האָט זיך געקלאָגט אויף באַומען, האָט קריעגסהאַבער אָנגעהויבן צו גיין צו „הויכע לייט״ און זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳דאַרף די יידן ערלויבן די רייזע נאָך וואַרשע, דען דאָס וועט אויך זיין לטובת דער מלוכה.

אין דער צייט, ווען קריעגסהאַבער האָט זיך באַמיט אין ווין, איז די קראָקעווער יידישע דעפוטאַציע אין וואַרשע אויך נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק. כאָטש זי האָט נישט געהאַט קיין באַפולמעכטיקונגען און קיין גענוגנדע געלט-מיטלען, האָט זי דאָך אונטערגענומען אַ שטורמישע

טאָוול 15.



19. די מצבה פון דעם פרנס אין לעמבערג ר׳ נחמן בן יצחק (נפטר 1618), אויף דער אנדערער זייט דער נוסח המצבה פון זיין ווייב רוזאַ (די גילדענע רויזע). זע זייט 108.

20. די גראָדזקאַ גאַס אין לובלין.

21. דער יידישער טויער אין לובלין.

קעגן-אַקציע אויף צוויי זייטן: ביי מלאָדזשעיאָווסקין און ביי רעוויצקין. פירשט ביסקופּ מלאָדזשעיאָווסקי איז געווען קרוין-קאַנצלער און צו אים האָבן זיך געווענדט די יידישע דעלעגאַטן מיט אַ ביטע, געשריבן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. באַראָן רעוויצקי איז געווען עסטרייכישער געזאַנדטער אין וואַרשע און אויך צו אים זענען געקומען די יידישע דעלעגאַטן, בעטנדיק וועגן הילף.

רעוויצקי האָט בריוולעך פאַרגעשטעלט דעם ענין פאַר קאַוניצן דעם עסטרייכישן קאַנצלער אין ווין און זיין בריוו, דעסגלייכן דער באַריכט פונם גאַליצישן גובערנעמענט און די באַמיונגען פון קריגס-האָפראַט האָבן געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסגעבנדע ווינער פאַקטאָרן אויף דער וויכטיקייט פונם קראָקעווער ענין. די הויף-קאַנצעלאַריע האָט באַאויפטראַגט רעוויצקין פאַרצושטעלן דעם ענין דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט און דער אומאויפהערלעכער קאָמיסיע און גלייכצייטיק באַפעלט זי באַווּמען, ער זאָל שנעל אַוועק אין קראָקעווער מאַגיסטראַט און אין נאָמען פון דער ווינער רעגירונג באַלייגן אַ שריפטלעכן פּראָטעסט מיט דער באַמערקונג, אַז דער ענין איז אַ געגנשטאַנד פון דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען צווישן די הויפן. „די עסטרייכישע רעגירונג פאָדערט פאַרלויפיק פון קראָקעווער מאַגיס-טראַט, צו פאַרלענגערן דעם טערמין פון אויסליידיקן די יידישע געוועלבן אין קראָקע, ווייל אין קעגנפאַל וואָלט מען געווען געצוווּנגען, צו פאָדערן פאַרגיטיקונג פאַר די פאַראורזאַכטע שאָדנס ביי די, וועלכע האָבן געוואַגט צו דעם צו ברענגען". דער קרייז-הויפטמאַן, באַקומענדיק אַזאַ מין באַפעל, האָט זיך גלייך אָנגעטון דעם דריי-עקיקן קאַפּעלוש, צו-געשנאַלט דאָס שווערדל און שנעל אַוועקגעפאָרן נאָך קראָקע, כּדי אין נאָמען פון איר קייזערלעך מאַיעסטעט צו באַלייגן אַן עפנטלעכן פּראָטעסט און צו פאָדערן „אָפּצולייגן דאָס צוואַנגהאַפטע באַזייטיקן די יידן פון זייערע געשעפטן". די הערן ראַטמענער – כאָטש זיי האָבן געהאַט אין האַנט דעם וואַרשעווער באַפעל – האָבן מורא באַקומען פאַר די דראָונגען פונם דאָזיקן קרייז-באַאַמטן, וועלכער האָט דאָ, לעבן דער שטאָט, געהאַט זיינע לאַנדס-דראַגונער, און האָבן גלייך אָפּגערופן זייער באַפעל, הייסנדיק צוריק עפענען די יידישע געוועלבן, וועלכע מען האָט אין דער צווישן-צייט געהאַט פאַרשלאָסן. בלויז אַ באַשיידענע באַמערקונג האָבן

די קריסטלעכע קראָקעווער סוחרים געמאַכט, אַז אויך זיי וואָלטן וועלן געניסן פון דער קייזערלעכער גנאַדע און זאָלן מעגן עפענען אין קוזמיר פּיליעס פון זייערע קראָקעווער סקלאַדעס.

אַ שווערערע אויפגאַבע פאַר באַומען האָט געהאַט רעוויצקי. נאָכן ערהאַלטן דעם ווינער אויפטראַג איז ער אַוועק צום קאַנצלער מלאָדזשעיאָווסקי, בעטנדיק אים פאָרלויפיק בלויז וועגן אָפּהאַלטן די עקזעקוציע. „איך האָב אים פאָרגעשטעלט באַשיימפּערלעך – ערקלערט רעוויצקי אין זיין באַריכט – נישט בלויז די גערעכטיקייט פון מיין פאַרלאַנג, נאָר האָב אויך אָנגעוויזן אויף דער געפאַר, וועלכע איז פאַר-בינדן מיטן דאָזיקן ענין, און אַז מיין אַלערהעכסטן הויף וואָלטן נישט געפעלט נישט קיין מיטלען און נישט קיין געלעגנהייטן אין דער געהעריקער צייט און אָרט צו באַשטראָפן פאַר אַזאַ מין נישט-פריינטלעכן באַנעמען זיך“.

אויף אַזאַ שאַרפער אַוועקשטעלונג פון דער פראַגע האָט דער קאַנצלער געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין השפעה אויפן אומאויפ-הערלעכן ראַט, דען דאָ גייט נישט וועגן אַ פּאָליטישן ענין, נאָר וועגן אַ ג ע ר י כ ט ל ע כ ן ס י כ ס ו ך, און ווען ער זאָל וועלן מיסברויכן זיין איינפלוס, וואָלט ער פאַרן קומענדן סיים זיך געמוזט פאַרענטפערן. „די יידן האָבן נישט אויף זייער זייט די גערעכטיקייט און דעריבער באַמיען זיי זיך צו פאַרציען דאָס אויספירן דעם אורטייל. אויב מען וועט זיי געבן אַ פאַרלענגערונג אויף אַ יאָר, וועט נאָכן יאָר זיין דאָס זעלבע, וואָס היינט. שוין מיט אַ צייט צוריק האָט זיי אין קאָנטומאַץ פאַרמשפּט דער קאַנצלער מאַלאַכאָווסקי און אויך דער קראָקעווער קאַשטעלאַן בראַניצקי האָט דעם פסק באַשטעטיקט, כאָטש די יידן האָבן געפּרוווט באַאיינפלוסן לטובת זיך“. מלאָדזשעיאָווסקי האָט געוויזן רעוויצקין אַ קאָפּיע פון דער פּעטיציע פון די יידישע דעלעגאַטן אַלס באַווייז, אַז זיי בעטן וועגן אַ באַגנעדיקונג, נישט וועגן גערעכטיקייט און אַז זיי פאַרשטעלן זיך נאָך מיטן פאַרבאָט צו פאָרן קיין וואַרשע, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן קרייז-הויפּטמאַן באַום. רעוויצקי האָט די דאָזיקע יידישע פּעטיציע צוגענומען און געפאָדערט פון מלאָדזשעיאָווסקין אַ שריפטלעכע תשובה. דעם 9טן נאָוועמבער 1775 האָט מלאַדזשעיאַווסקי געגעבן דעם געפאָדערטן ענטפער און רעוויצקי

האָט אים אָפּגעשיקט קיין ווין מיט דער באַמערקונג, אַז ער איז „טונקל און נישט־דרייסט און אַנטהאַלט אַ פּאַרדרייטן, אָבער אַנטשידנדן אָפּזאָג". רעוווצקי האָט באַטראַכט די נאָטע פאַר פּאָרמעל נישט אין אָרדענונג, ווייל זי איז געווען אונטערגעשריבן בלויז מיטן נאָמען פון קאַנצלער און האָט נישט אַנטהאַלטן די געהעריקע פּאָרמולע, וועלכע דאַרף זיך געפינען אויף אַזעלכע אַרט בריוו. גלייכצייטיק האָט ער אויך מיטגעטיילט קוניצן, אַז עס האָט אים באַזוכט דער פירשט סולקאָווסקי, וועמען ער האָט אויף אַ נישט צווייזדייטיקן אופן אויסגעדריקט זיין ערשטוינונג איבער דעם ווונדערליכן פאַרהאַלטן זיך לגבי די בקשות פון דער קייזערין. „איך האָב פאַר אים גאָרנישט קיין סוד געמאַכט פון מיין פאַרוווּנדערונג איבער דעם באַנעמען זיך פונם קאָנסעיל — לעזן מיר אין זיין רעלאַציע פאַר ווין — איך האָב אים געזאָגט, אַז איך גלויב נישט צו לייסטן דעם קאָנסעיל גוטן דינסט, אויב איך וועל זיין אומאָנגענעמען ענטפער דאַרפן איבערשיקן מיין אַלערהעכסטן הויף... איך וויל עס אָבער צו־נישט מאַכן אין דער האָפענונג, אַז דער קאָנסעיל וועט פון זיך זעלבסט אָננעמען אַ ריכטיקן און אָנשטענדיקן באַשלוס". סולקאָווסקי האָט געענטפערט, אַז ער זעלבסט האָט אויף דער ראַט־זיצונג אונטערגעשטיצט די אינטערעסן פון די קראָקעווער יידן און עסטרייך. די שוועריקייט ליגט אָבער אין פּאָליטישער הינזיכט, נעמלעך, וועמען אונטערליגן די קראָקעווער יידן? פוילן שטרעבט צו רעגולירן די גרענעץ און וואָלט געוואָלט צוריקבאַקומען קוזמיר און דאָס אָנערקענען די דאָרטיקע יידן פאַר אונטערטאַנען פון קייזער, וואָלט באַדייט דאָס אָפּזאָגן זיך פון קוזמיר אויף שטענדיק. זאָלן זיך די יידן שטעלן פאַרן אַסעסאָריאַל־געריכט אַלס פוילישע אונטערטאַנען און דאַן וועט מען וואַרטן ביזן סוף פון פּראָצעס. דערין איז באַשטאַנען די שוועריקייט אינם סטיליזירן די נאָטע און דערפאַר איז זי אַרויסגעקומען אַזוי נישט קלאָר און פאַרוויקלט. רעוויצקי האָט ערקלערט, אַז דאָס אָפּהאַלטן פון דעם אַרויסוואַרפן די יידן פון זייערע געשעפטן אַנטשיידט נישט די פראַגע וועגן זייער בירגערלעכער אָנגעהעריקייט, הגם שוין זייט דעם יאָר 1772 געהער קוזמיר פאַקטיש צו עסטרייך. סולקאָווסקי האָט צוגעזאָגט נאָכאַמאָל פאָרצושטעלן די גאַנצע זאַך פאַרן אומאויפהערלעכן ראַט, ער האָט אָבער נישט געוואָלט גאַראַנטירן פאַרן רעזולטאַט.

דער דאָזיקער צוזאָג האָט רעוויצקין נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געקאָנט קוניצן און האָט געוווּסט, אַז מיט הבטחות וועט ער אים נישט באַפרידיקן, און דעריבער האָט ער זיך געווענדט גלייך צום פוילישן קעניג. „איך האָב זיך געפרעגט וועגן דעם ביים קעניג — שרייבט ער אין דער רעלאַציע קיין ווין דעם 15-טן נאָוועמבער 1775, און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין די לעצטע זיצונגען פונם אומאויפהערלעכן ראַט, ער וועט זיך אָבער באַמיען אַלס גוט צו ערלעדיקן. צומאָרגנס האָט זיך ביי מיר באַוויזן טולקאָווסקי און מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ'וואָלט אַלץ געטון, ווען די יידן זאָלן זיך דעצידירן צו שטעלן פאַר דעם „אַסעסאָריאַל-געריכט". אַזאַ ענלעכן ענטפער האָט אויך געגעבן רעוויצקין דער פירשט מלאָדזשעיאָווסקי — רעלאַציע פונם 9 דעצעמבער 1775 — מיטן צוגאָב, אַז אין פאַל, ווען די יידן וועלן פאַרשפּילן דעם פּראָצעס, וועט דאָס אויספירן דעם אורטייל אָפּגעלייגט ווערן, אויב, ווידער, זיי וועלן אים געווינען, וועלן זיי דאָך אַוודאי מעגן פריי האַנדלען".

רעוויצקיס רעלאַציעס האָבן קוניצן און זיינע ראַטגעבער איבער-געצייגט, אַז פאַר די יידן איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, ווי זיך צו שטעלן פאַר דעם „אַסעסאָריאַל-געריכט". עס איז יעצט נאָר געגאַנגען וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס צוצופּאַסן צום באַגריף וועגן אונטערטאַנען פונם קייזער. אויף דער זיצונג פונם מלוכה-ראַט זענען פאָרמולירט געוואָרן פאָלגנדע צוויי פראַגן: 1. צי איז די קוזמירער יידן ערלויבט צו פאָרן קיין וואַרשע און זיך דאָרט לעגיטימירן מיט די פּריווילעגיעס פון די אַלטע פוילישע מלכים? 2. צי מעגן זיי באַצאָלן אין וואַרשע שוץ-געלט? דער מלוכה-ראַט האָט איבערגעגעבן די אַנטשיידונג פון די דאָזיקע פראַגן דער געהיימער מלוכה-קאַנצעלאַריע, זי ווידער, האָט זיי איבערגעשיקט דער גאַליצישער קאַנצעלאַריע און אומעטום האָט מען זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז אויף וויפל די יידן וועלן באַצאָלן שוץ-געלט, וועלן זיי דאָס טון בלויז אַלס פרעמדע (עסטרייכישע) סוחרים, וועלכע ווילן פירן מסחרים אויסער די גרענעצן פון זייער מלוכה. דער מלוכה-קאַנצלער קוניץ איז אויך געווען ביי דער זעלבער מיינונג און אין דעם גייסט האָט ער רעדאַגירט זיין רעפעראַט, איבערלאָזנדיק די לעצטע דעציזיע „דעם ערלאַוכטען ערמעססען (דעם קייזער) צי ס'וואָלט

נישט געווען כדאי תיכף-ומיד צו שרייבן צו דעם קרייזהויפטמאַן פאָן באַום, ער זאָל שטילערהייט דערלויבן די קוזמירער יודען צו פאָרן קיין וואַרשע.

קייזער יוזעף דער צווייטער האָט איינגעשטימט אויף די אויספירונגען פון זיין קאַנצלער און האָט אויף דער זייט פון מעמאָריאַל אָנגעשריבן „זיין העכסטן ווילן״: „מ׳זאָל די בעטנדע יידן געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי מעגן זיך מאָנען זייערע רעכט אין וואַרשע אויף אַן ערלויבטן וועג, קעגן וועלכן די היגע מאַכט קאָן גאָרנישט האָבן״. דער קייזערלעכער רעסקריפּט טראָגט די דאַטע פון 2-טן יאַנואַר 1776, און שוין דעם זעלבן חודש נעמען די קוזמירער יידן צוזאַמען זייערע אַלטע פּריווילעגיעס און אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן און, פאַרזען מיט עסטרייכישע פּעסער, פאָרן זיי אַוועק נאָך וואַרשע. דאָ אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איינפלוס פון מלאָדזשעיאָווסקין און סולקאָווסקין, זאָגאַר פונם קעניג אַליין, איז געווען צו-שוואַך, ווייל דאָס „אַסעסאָריאַל געריכט״ האָט גענומען אַלס גרונט-מאָטיוו דאָס „פּ ר י י ו ו י ל י ק ע״ (!) אָפּזאָגן זיך פון די יידן פונם רעכט צו האַנדלען פונם יאָר 1485, און האָט געפּסקנט, אַז די יידן מוזן איינמאָל פאַר אַלע פאַרמאַכן זייערע געוועלבן און קראָמען אין קראָקע (1776).

יעצט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרצווייפלטע באַמיונגען כּדי צו פּועלן מ׳זאָל אָפּלייגן דאָס אויספירן דעם אורטייל. באַראָן רעוויצקי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מלאָדזשעיאָווסקין און געפּאָדערט פון אים צו ערפילן זיין צוזאָג. מלאָדזשעיאָווסקי האָט צוגעזאָגט צו טון, וואָס ער וועט נור זיין בכּוח, אָבער גלייכצייטיק זענען צו אים כּסדר געקומען די קראָקעווער סוחרים — די שליחים פון דער קריסטלעכער פאַראייניקונג — און געפּאָדערט, ווי אַמשנעלסטן אויסצופירן דעם אורטייל. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נישטאָ קיין אויסוועג פון לאַבירינט פון די דאָזיקע קעגנזעצלעכע און ווידערשפּרעכנדע באַמיִונגען, אָבער ווידער האָט דאָס בלינדע גורל פון דער געשיכטע זיך אַריינגעמישט, דאָס מאָל אָבער נישט לטובת דעם קראָקעווער מאַגיסטראַט.

נאָך פיל באַמיונגען און נאָך אַ פיר-יעריקן ווידערשטאַנד האָט דער קייזער יוזעף דער צווייטער ענדלעך מסכּים געווען אָפּצוגעבן קוזמיר צוריק צו פוילן אַלס אויסטויש פאַר עטלעכע קליינע אינזלען

אויף דער ווייכסל אין דער געגנט פון סאַנדאָמיר. אין אַ געוויסן פרי־מאָרגן איז פאַרשוווּנדן געוואָרן די צאָלקאַמער אויף דער בריק, וועלכע פאַרבינדט די קראָקעווער גאַס אויפן קוזמיר מיטן סטראַדאָם, עס איז אַוועק די גרענעץ־וואַך פונם הייזל ביים ברעג פון טייך. דער פּאָרוטשניק מאַנזאַך האָט ליקווידירט זיין קוואַרטיר און זיך אומגעקערט אין לאַגער פון גענעראַל פאָן דאָללען אין וויעליטשקאַ, און אַ נייע צאָל־קאַמער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער צווייטער זייט פונם רעכטן ווייכסל־אויסגוס. אויף דער דאָרטיקער פּוסטער געגנט האָט מען אָנגעהויבן צו בויען מיליטערישע קאַשאַרן, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען די „יוזעפשטאַט"— אויף פּויליש „פּאָדגוזשע". די קוזמירער יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין „אונטערטאַנען פון איר „קייזערלעכער מאַיעסטעט", וועלכע האָבן נור מיט גרענעץ־שיינען געמעגט אַריבערגיין אויף דער פּוילישער טעריטאָריע, נור זענען געוואָרן, ווי אַמאָל, פּוילישע יידן, איינוווינער פון דער רעפּובליק, און האָבן געקאָנט דרייסט אַפּעלירן צום חסד־געפיל אָדער צו דער גערעכטיקייט פון די פּוילישע מאַכטס־אָרגאַנען... 1)

1) אַרכיוו פונם אינערן־מיניסטעריום אין ווין, 4 אָפּטיילונג IV באַנד נ"ר 2402. הויז־הויף־ און מלוכה־אַרכיוו אין ווין. שטאָט־ראַט־אַקטן פון יאָר 1775, נ"ר 3209. אַרכיוו פון דער יידישער קהלה אין קראָקע, דאָסגלייכן אַרכיוון פון די אַלטע אַקטן אין קראָקע באַנד: פאַרשידנס (יידן). הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע: Rada Nieustająca באַנד 72 — 74, 90, 124.

די יידן אין לובלין בשעת דער גרויסער מלחמה אין די יאָרן ת"ח—ת"ך (1648—1660)

1. די צייט פון כמיעלניצקי

אין שבועות פון יאָר ת"ח (1648) האָט דער יידישער קוואַרטאַל אין לובלין באַקומען זייער באַאומרויקנדע ידיעות. קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, און צי זיי זענען אמת. דאָך זענען די דאָזיקע ידיעות איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, און באַלד האָט מען אין דער גאַנצער שטאָט, אין די שולן און אין פּריוואַטע הייזער גערעדט וועגן אַ שרעקלעכן אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן אין דרום-מזרח פון לאַנד.

ביידע טעג שבועות זענען אַריבער שטיל און רויק, אָבער באַלד נאָכדעם זענען אָנגעקומען די קאַראַוואַנען פון מזרח, און די סוחרים האָבן דערציילט, אַז די קאָזאַקן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די טאַטאַרן, אַז דאָס פּוילישע מיליטער איז צעקלאַפּט געוואָרן און צוויי גענעראַלן זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די דאָזיקע ידיעות האָבן זיך פאַרמערט, און באַלד האָט מען זיך אין שטאָט דערוווּסט, אַז די קאָזאַקן באַפאַלן הויפּטזאַכלעך די שליאַכטע און די יידן, אַז איבעראַל אויף יענער זייט דניעפּער זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן גאַנצע יידישע קהלות, ווי אין פּרעיאַסלאַוו, באָריסאָווקאַ, לובין און אַנדערע.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען שוין אָנגעקומען די ערשטע אַנטלאָפענע קיין לובלין. עס זענען געווען מיינסטנס רייכע יידן פון פאָדאָליען און וואָלין, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין מזרח און זענען דעריבער מיט ווייב און קינדער אַוועק קיין לובלין. די אַנטלאָפענע האָבן מיטגעברענגט מיט זיך די ידיעה וועגן דער שחיטה אויף די יידישע קהלות אין טשעכרין, נעמיראָוו,

טולטשין, פּאָלאָננע, קאָנסטאַנטינאָוו, אָסטראָה, א. אַז. וו. און האָבן איבערגעגעבן פּרטים וועגן די דאָזיקע שרעקלעכע געשעענישן און אכזריותדיקע מעשים, וועלכע זענען אָפּגעטון געוואָרן מיט יידן: ווי אַזוי מען האָט לעבעדיקערהייט געשונדן ביי יידן די הויט פון לייב און דערנאָך געוואָרפן די טויטע קערפּערס פאַר די הינט, ווי אַזוי מען האָט ביי אַנדערע יידן אָפּגעשניטן איינצלנע גלידער, אַנדערע ווידער לעבעדיקערהייט באַגראָבן א.אַז.וו. פון אַנדערע ערטער האָט מען מיטגעטיילט, אַז יידישע קינדער זענען צעשניטן געוואָרן ווי פיש אויף שטיקלעך, שוואַנגערנדע פרויען האָט מען אויפגעשניטן די בייכער, אַרויסגעריסן פון זיי די נאָכנישט געבוירענע קינדער און אַריינגענייט קעץ. די אויפגערעגטע פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט שוין געזען די קאָזאַקן אין לובלין, און די מוטערס האָבן טאָג-און-נאַכט געוויינט און געקלאָגט און געהאַלטן אין איין קוקן דורכן פענצטער אין טויט-שרעק, אַז אָט קומען אָן די מערדער.

און ווירקלעך איז פאָרגעקומען אַ גרויסער אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן, וועלכער האָט געדראָט צו פאַרניכטן די גאַנצע פוילישע מלוכה. דער אָנפירער פון די קאָזאַקן כמיעלניצקי האָט איינגענומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, און באַלד איז ער צוגעטרעטן צו באַלאַגערן די שטאָט לעמבערג. באַקומענדיק דאָ אַ ריזיקע סומע אויסקויף-געלט, איז ער אַוועק ווייטער און האָט אָנגעהויבן אַרומרינגלען זאַמאָשטש. זאַמאָשטש איז אין יענער צייט געווען אַ זייער שטאַרקע פעסטונג, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ שטאַרקער גאַרניזאָן.

די שטעטלעך פון אַרום: שעברעשין, טאָמאַשאָוו, בילגאָריי, הרוביעשאָוו, טאַרנאָגראָד, טוראָבין און קראָשניק זענען צעשטערט געוואָרן דורך די טאַטאַרן, און זאַמאָשטש איז אַרומגערינגלט געוואָרן. די בירגער פון דער דאָזיקער שטאָט און די דאָרטיקע יידן האָבן זיך אויסגעקויפט מיט אַ סומע פון 20.000 גילדן, און כמיעלניצקי האָט זיך געלאָזט מיט זיינע קאָזאַקן קיין לובלין. 4 מייל אויף דרום-זייט פון דער שטאָט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיין מחנה [1].

1) יון מצולה פון ר' נתן נטע האַנאָווער, ווענעציע ת"ג.

די בירגער פון לובלין האָבן זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן די שטאָט. די צעכן האָבן באַזעצט די פאַר זיי אָנגעוויזענע טורעמס און באַסטיאָנען, די שטאָט־מויערן זענען אויסגעבעסערט געוואָרן, אָנגעשיט שאַנצן, אויסגעריייניקט די שטאָט־גראָבנס פון מיסט און די האַרמאַטן געברענגט אין אַ גוטן צושטאַנד. פון דער יידישער קהלה זענען פאַרבליבן נאָר די אָרימסטע פון די אָרימע. צו זיי זענען צוגעקומען די אַנטלאָפענע מיט זייערע פאַמיליעס. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אין דעם שמוץ און עלנט, וועלכער האָט דאָ געהערשט, איז אויסגעבראָכן אַ מגפה, פון וועלכער עס זענען געפאַלן צענדליקער טויזנטער קרבנות. די מגפה האָט זיך אויך פאַרשפרייט צווישן די, וועלכע זענען אַנטלאָפן אויף יענער זייט ווייסל און אויך דאָרט צוגענומען אַסך קרבנות. די יידן האָבן אונטערגעוואָרפן זייערע מתים אויף די בית־עלמינס ביינאַכט, כּדי די אָרטיקע באַפעלקערונג זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן, אַסך קראַנקע זענען איבערגעפירט געוואָרן אין קריסטלעכע הייזער, די מייסטע זענען אָבער געבליבן ליגן אויף די פעלדער און גאַסן און געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. „איין ברודער האָט זיך נישט דערבאַרמט איבערן צווייטן, דער פאָטער נישט אויף זיין זון. צען טויזנט מענטשן זענען געשטאָרבן אונטערוועגנס, גאָט זאָל זיך איבער זיי מרחם זיין".

אויף דעם בית־עולם אין קוראָוו האָט מען נאָך הונדערטער יאָרן געקאָנט לייענען די אויפשריפטן אויף די מצבות פון די דאָזיקע אַנטלאָפענע.

דאָס מאָל האָט לובלין געהאַט גליק. כמיעלניצקי איז שוין געווען גרייט אָנצוהויבן די באַלאַגערונג, זיינע באַנדעס זענען שוין געשטאַנען אין די פאָרשטעט און האָבן מיט פייער און שווערד געצייכנט זייער וועג פאָרויס, ווען אין קאָזאַקישן הויפּט־קוואַרטיר איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער פּוילישער קעניג. די קרוין האָט באַקומען דער ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם קעניג, יאַן קאַזשימיעזש, און באַלד האָט ער אַוועקגעשיקט צו כמיעלניצקין בריוו, אין וועלכע ער האָט אים אויפגעפאָדערט, זיך אומצוקערן אַהיים, פאַרזיכערנדיק אים גלייכצייטיק, אַז ער וויל אָנהייבן מיט אים אונטערהאַנדלונגען. כמיעלניצקי האָט געגעבן זיין מיליטער אַ באַפעל זיך

אומצוקערן אַהיים, און די שטאָט לובלין האָט אָפּגעאָטעמט. אַ קריסטלעכע לעגענדע דערציילט, אַז אַ צלם, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער דאָמיניקאַנער-קירכע אין לובלין, האָט געווירקט, אַז דער שונא זאָל אין דער לעצטער מינוט אַוועק פון דער שטאָט. מענטשן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען אויפן הימל איבער דעם דאָמיניקאַנער קלויסטער אַ וווּנדערבאַרע דערשיינונג: אין מיטן דער נאַכט איז דער הימל פּלוצלינג געוואָרן ליכטיק, און עס האָט זיך אויף אים באַוויזן אַ פייערדיקע שווערד, וואָס איר שפּיץ האָט אָנגעוויזן אַמאָל אויף לובלין, און אַמאָל אויף זאַמאָשטש. פון שווערד איז דערנאָך געוואָרן אַ בייטש, און דאַן איז אַלץ איינגעהילט געוואָרן אין אַ פייער-מאַנטל, וועלכער איז פאַרשווונדן אין די וואָלקנס...

די יידן פון לובלין האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די מאָנאַשקעס און מאָנאַכן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אין דער לעצטער מינוט. די שטאָט-אינסטיטוציעס און דער קרוין-טריבונאַל האָבן צוריק אָנגעהויבן זייער אַמט-טעטיקייט, און אין יאָר 1651 קומט שוין פאָר אין לובלין אַ זיצונג פון דעם ועד ד׳ ארצות, אויף וועלכן עס זענען באַטראַכט געוואָרן די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי צו העלפן די פיל טויזנטער נשרפים פון אוקראַינע און פּאָדאָליען. די איינצלנע קהלות זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן אויפצונעמען אַן אַנטשפּרעכנדע צאָל אַנטלאָפענע און זיי צו געבן שטיצע. די פאַרזאַמלטע רבנים האָבן באַשלאָסן צו באַשטימען אַ תענית אויפן 20-טן סיון, דעם טאָג פון דער שחיטה אין נעמיראָוו און צו ערלויבן די פרויען, וואָס זייערע מענער זענען אומגעקומען בשעת דער מלחמה (עגונות), ווידער חתונה צו האָבן. עס האָט אויסגעזען, אַז כאָטש די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט, איז דער מערב-טייל פון דער פּוילישער מלוכה שוין געזיכערט פון די מלחמה-צרות און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי איינצואָרדנען.

2. די קאָזאַקן אין לובלין (שנת תט״ו)

אַן אַנדער גורל איז אָבער געווען באַשטימט פאַר דער פּוילישער מלוכה און אויך פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַרשידענע

סימנים און וווּנדער האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז דעם לאַנד שטייט פאָר אַ נײַי אומגליק. אין יולי 1654 איז פאָרגעקומען אַ זון-פינצטערניש, און די אויפגערעגטע פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט אין דעם געזען אַ שלעכטן סימן. ר׳ יעקב בן יחזקאל הלוי פון פלאַטאָוו (פויזן) דערציילט אין דער הקדמה צו זיין ספר „שם יעקב״, אַז ער און אַנדערע האָבן געהערט, ווי מתים האָבן געוויינט און געיאָמערט, און ווי טויטע יידישע קינדער זענען געזעסן אונטערן ארון-קודש אין שול און האָבן זיך געבראָכן די הענט איבערן קאָפּ. אַ טייל האָבן זאָגאַר פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן געזען דעם פרט פון די אומגליקלעכע יאָרן אויף דעם שטערן פון מענטשן 1).

אין האַרבסט 1654 איז אין גרויס-פוילן אויסגעבראָכן אַ מגפה, און די מענטשן זענען אַנטלאָפן פון די שטעט און דערפער אין די וועלדער אַריין, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט.

באַלד האָבן זיך באַוויזן די שונאים אין לאַנד, פון דרום-מזרח ווידער כמיעלניצקי מיט די קאָזאַקן און טאַטאַרן, פון מזרח — די רוסן, און פון צפון — דער שוועדישער קעניג קאַרל-גוסטאַוו. צו אים איז צו-געשטאַנען דער גאַנצער אַדל פון גרויס-פוילן און ליטע און אים אָנערקענט אַלס קעניג פון פוילן; יאַן קאַזשימיעזש איז אַנטלאָפן קיין שלעזיען, קאַרל-גוסטאַוו האָט געקאָנט אַדורכגיין אָן אַ שווערד-קאַמף איבער פויזן קיין וואַרשע, און פון דאַנען איבער סאַנדאָמיר קיין קראָקע. איבעראַל זענען די יידן געפאַלן אַלס קרבן פון די שוועדישע קאַמפן, און ווען די יידישע לעגיאָניסטן האָבן נאָך דערצו ביי סאַנדאָמיר געפּרוּווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד און אָפּגעשטעלט דעם שונא אויף אַ קורצער צייט, האָט דער צאָרן פון די שוועדן שוין נישט געהאַט קיין מאָס.

כמעט אַלע קהלות ביי דער ווייסל און צוזאַמען מיט זיי די קראָקעווער זענען געפאַלן אַלס קרבן פון דעם צאָרן פון די שוועדן. דאָסמאָל איז די שטאָט לובלין, ווי פיל אַנדערע שטעט צו מזרח פון דער ווייסל, געבליבן פאַרשוינט פון די שוועדן, זי איז אָבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קאָזאַקן און די רוסן, וועלכע האָבן אָנגעטון פיל צרות דער דאָרטיקער באַפעלקערונג.

1) זע דאָס קאַפּיטל: קראָקע זייטן 116—120.

אַן אַנאָנימע קוועלע פון יענער צייט, וועלכע שטאַמט פון דער פּעדער פון אַ פּראָטעסטאַנטישן לובלינער בירגער, דערציילט אין קורצע, אָבער שאַרפע ווערטער די ליידן פון דער שטאָט און באַזונדערס פון די לובלינער יידן. דער טיטל פון דעם דאָזיקן קליינעם, אָבער זעלטענעם ביכל איז פאָלגנדער:

באַריכט אָדער אויספירלעכע באַשרייבונג

פון דער יאָמערלעכער און טרויעריקער צעשטערונג און פאַרברענונג, וועלכע זענען בשעת דער דעראָבערונג פון דער שיינער שטאָט לובלין דורך די מאָסקאָוויטער און קאָזאַקן אויף אַ באַרבאַרישן אופן אויסגעפירט געוואָרן אין יאָר MDCLIV [1].

מיר נעמען פון דאָרט אַרויס פאָלגנדע שטעלן:

ווען דעם 11 אָקטאָבער (1656) זענען ביי אונז אָנגעקומען די שרעקלעכע בשורות, האָט נאָך קיינער נישט געהאַלטן פאַר נויטיק פון דאַנען אַוועקצוגיין. דערצו נאָך איז געווען פאַרבאָטן פון שלאָס און פון ראָטהויז אַוועקצופירן פון דאַנען אַפילו דאָס מינדסטע. דעם 12 אָקטאָבער זענען אָנגעקומען 2 סוחרים פון זאַמאָשטש, וועלכע האָבן געבראַכט די איבעראַשנדע ידיעה, אַז די קאָזאַקן באַווייזן זיך 2–3 מיילן פון זאַמאָשטש צו 300–400 מאַן, און אַז זיי האָבן מיט זיך מיטגעשלעפט אַסך געפאַנגענע און בהמות.

דעם 13-טן, אַזייגער 9, איז אָנגעקומען די ידיעה פון זאַמאָשטש, אַז די שטאָט איז געשלאָסן, אַז הינטער איר האָט מען געזען גרויסע פייערן. אין די בריוו אָבער איז וועגן דעם גאָרנישט געווען געשריבן, און דאָס האָט אונז שטאַרק איבעראַשט. עס זענען דאַן אַרויסגעשיקט געוואָרן דריי באַזונדערע פאָסט-רייטער. אויף דעם 14-טן זענען אַרויס-געשיקט געוואָרן פאַרשידענע רייטער-גרופּעס צו 9–12 פערד, פון וועלכע עטלעכע זענען צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז די איבעריקע זענען

[1] Relation, oder ausführliche Beschreibung von der jämmerlichen und erbärmlichen Verstörung und Einäscherung, so bei Erroberung der schönen Stadt Lublin von den Moskowitern und Cosacken barbarischer Weise verübt worden. Anno MDCVI.
Biblioteka Łopacinskiego w Lublinie Nr. 12, 540.

אַ טייל דערהרגעט געוואָרן דורך דעם שונא, און אַ טייל געפאַנגען דורך די קאָזאַקן.

דעם 15-טן באַלד אינדערפרי האָט מען געזען אַ גרויסע מיליטער-מחנה אין פעלד, וועלכע מען האָט געשאַצט אויף 1000 מאַן. באַלד האָבן זיך די קאָזאַקן באַוויזן אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט און אין יידישן פערטל, ווו זיי האָבן זיך געלאָזט רויבן דאָס יידישע פאַרמעגן. די בירגער האָבן באַלד באַזעצט די מויער־ן און טויערן פון דער שטאָט, נאָר אַזוי ווי די דאָזיקע מויערן זענען געווען צו-שוואַך, אום צו קאָנען אויסהאַלטן דעם שטורעם פון שונא, איז באַלד אַרויס-געהאָנגען געוואָרן אַ ווייסע פאַן. דאַן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן שליחים: די פריצים פראַנץ באַרטשינסקי, פאָניאַטאָווסקי, איין יעזויט און צוויי בירגער, צו בעטן רחמים ביים שונא.

דעם יעזויט האָבן די קאָזאַקן באַלד אויסגעטון ביז צום העמד... קעגן אָוונט זענען אונזערע שליחים צוריקגעקומען און געזאָגט: דער שונא וויל בלויז די אוצרות פון אַלע גלחים און פונם אַדל, און אַז מען זאָל שווערן טרייהייט דעם גרויספירשט. דערווייל זענען פון ביידע צדדים גענומען געוואָרן ערובניקעס ביז אויפן אַנדערן טאָג, און דאַן איז מען געוואָר געוואָרן, אַז צוויי אַרמייען שטייען הינטער דער שטאָט, איין מאָסקאָוויטישע און איין קאָזאַקישע, וועלכע באַשטייען פון 6, און ווי אַנדערע האָבן געזאָגט, פון 12 ביז 15 טויזנט מאַן...

דעם 16-טן זענען די אַדל-לייט און אויך פאַרשידענע גלחים און עטלעכע בירגער אַרויסגעגאַנגען אָפּגעבן די שבועה. דער רוסישער פעלדמאַרשאַל האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז די שבועה זאָל אָפּגעגעבן ווערן נישט בלויז אין זיין לאַגער. נאָר אויך אויף דער בריק פאַר דעם שטאָט-טויער, וועלכן מען האָט פריער געמוזט עפענען, דאַן האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל אים דורכאויס אַרויסגעבן אַלע יידישע, אַדעליקע און גייסטלעכע גיטער, ווי אויך דעם הייליקן קרייץ, וועלכער איז געווען אַ רעליקוויע ביי די דאָמיניקאַנער. דער קאָמאַנדירנדער גענעראַל פון דער רוסישער אַרמייע, פעטער איוואַנאָוויטש, איז דאַן אַוועק צום טויער, ווו ער האָט געפונען אַ טייל פון די אוצרות, וועלכע ער האָט באַלד געהייסן אַרויספירן. דעם זעלבן טאָג זענען אויך אַרויסגעפירט געוואָרן עטלעכע וואָגנס פול געפאַקט מיט יידישע טייערע סחורות. פון

דער שטאָט האָט ער דערנאָך פאַרלאַנגט: 1) 30000 גילדן; 2) עטלעכע וואָגנס פול מיט סאַמעט, אַטלאַס און זיידנצייג; 3) אַלערליי ענגלישע און האָלענדישע שטאָפן — 1000 שטיק; 4) עטלעכע וואָגנס מיט געווירצן; 5) דאָס גאַנצע געווער פון דער שטאָט; 6) אַלע יידן, וועלכע זיי האָבן געוואָלט אויסשעכטן.

און עס איז געווען אַ גרויסער ספּעקטאַקל, בשעת מען האָט די יידן ווי די שאָף, יונג און אַלט, אַרויסגעטריבן פון די הייזער, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַהאַלטן ביי אונז (קריסטן), און זיי געטריבן ווי צו דער שלאַכט-באַנק מיט אַ שרעקלעכן געשריי און געיאָמער. מען האָט אָבער שפּעטער אויסגעבעטן פאַר זיי דאָס לעבן.

נאָך דער אָפּגעגעבענער שבועה האָט ער אונז געגעבן... 60 מאָס-קאָוויטישע מושקעטירן אַלס גאַרניזאָן... דערנאָך האָט ער זיי אָבער צוריק אַוועקגענומען און איז דאַן אַוועק אין זיין לאַגער, איבערלאָזנדיק אַ קורלענדישן פּולקאָווניק.

3. די שרעקלעכע שׂרפה (ערב סוכות תט״ז).

די קאָזאַקן האָבן זיך אָבער כסדר געריסן אויף די מויערן און טויערן, און עס איז געווען פאַרבאָטן אויף זיי צו שיסן. אָדער זיי אָפּצוהאַלטן דורך וואַרפן אויף זיי שטיינער; עס איז אָבער געווען אוממעגלעך צו שאַפן אַזוי פיל געלט, און עס איז נישט געווען קיין אַנדער מיטל, וועלכס זאָל אונז קאָנען פאַרהיטן פון דער סכנה. דעם 16-טן, ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן זיי געעפנט אַ שרעקלעך פייער אויף דער יידישער שול, אין וועלכער עס זענען געווען אומצייליקע יידן. אויפן אַנדערן טאָג, דעם 17-טן, האָבן זיי ווידער אונטער-געצונדן דעם שלאָס, און אַזוי ווי דער שלאָס איז געלעגן נאָענט פון דער שטאָט, און ביז צו דער שטאָט האָבן זיך געצויגן הילצערנע הייזער, וועלכע האָבן כסדר געברענט, האָט זיך די שטאָט לייכט געקאָנט אָנצינדן, ווען מען וואָלט נישט געווען אונטערגעקויפט דעם מאָסקאָווי-טישן גאַרניזאָן, וועלכע האָבן ראַבירט און צעשטערט יידישע הייזער. מען האָט נישט געקאָנט אָן אַ געפיל פון רחמנות אַראָפּקוקן אויף דער יידן-שטאָט, די שרעקלעכע אכזריות, מיט וועלכער די קאָזאַקן האָבן

דאָרט געווילדעוועט, און די יאָמערלעכע געשרייען און דאָס כסדרדיקע פייער, וועלכס האָט געדויערט איבער 6 טעג, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מען האָט זיך שוין אונטערגעגעבן. ווען מען זיי האָבן נאָר באַגעגנט אַ לעבעדיקן אין דער פאָרשטאָט האָבן זיי אים באַלד אויפן אָרט דערהרגעט, אָדער אויפן בעסטן פאַל — אַראָפּגעצויגן פון אים די קליידער און פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש פאַר אַ פּאָר שטיוול, פאַר אַ ביסל טאַבאַק א. ד. גל.

נאָך אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם אויסמאָרדן פון די בריגיטאַ-מנישקעס און בערנאַדינער-מנישקעס, דערציילט דער דערמאָנטער כראָניקאַר ווייטער:

„...דעם 18-טן אָקטאָבער איז אין דער שטאָט אַנטשטאַנען אַ מאַנגל אין עסנוואַרג און אין וואַסער, אַזוי, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו פאַרבלייבן אין שטאָט און אויסצוהאַלטן דעם שונא אונטער דער שטאָט, כאָטש די קאָזאַקן פלעגן אונז פאַרקויפן פאַרשידענע זאַכן איבער דער מויער אַריבער פאַר אַ שפּאָט-ביליקן פּרייז, צ. ב., אַן אָקס פאַר 5 גילדן, אַ פערטל פוטער פאַר 50 גראָשן. יעדעס מאָל, ווען אונזערע שליחים פלעגן אַרויסגיין אין זייער לאַגער, פלעגן זיי זיך אומקערן מיט פעלצן אָנשטאָט זייערע געווינלעכע קליידער.

דעם 20-טן האָט מען זיי אַרויסגעבראַכט די קאָנטענטאַציע...

דער קאָמענדאַנט איז אָפּגעטרעטן און דערביי אונטערגעצונדן די קראָקעווער פאָרשטאָט... דעם 22-טן אין אָוונט איז דער קאָמענדאַנט צוריקגעקומען און פאַרלאַנגט דאָס האָלץ פון הייליקן קרייץ... און אַוועק-גענומען די גרעסטע העלפט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַ-אומרויקונג ביים גאַנצן עולם. וואָס אַנבאַלאַנגט די קאָנטענטאַציע, האָבן זיי באַקומען גרויסע אומשעצבאַרע אוצרות. זיידן-סחורות האָבן זיי אַרויסגעפירט פאַר 58000 גילדן, טוך פאַר 60000 גילדן, אַלערליי זילבער און גאָלדוואַרג פאַר 30000 גילדן, נישט רעכנדיק די קירכן-אוצרות, ווי אויך וויין און געווירצן... אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַקעגן די אוצרות, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעפירט פון די פאָרשטעט. באַזונדערס פון דער יידן-שטאָט: 600 געקליבענע פערד, 50 קאַרעטקעס, 30 רייט-וועגן. ביי דעם יידישן דאָקטאָר דניאל אַליין האָבן זיי צוגענומען בלויז גאָלד און זילבער פאַר 100000 גילדן. דער שאָדן, וועלכן זיי האָבן

אָנגעמאַכט, האָט אָבער באַטראָפן נישט ווייניקער, ווי די סומע פון די אוצרות, וועלכע זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען... ווי גרויזאַם מען זאָל זיך נישט פאָרשטעלן די דאָזיקע געשעענישן בין איך זיכער, אַז קיינער וועט זיך עס נישט פאָרשטעלן אַזוי גרויזאַם, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. מען האָט געזען אין דער שטאָט ווייבער און קינדער יאָמערן און שרייען, די הייזער אין די פאָרשטעט איינגעהילט אין פלאַמען, פיל מענטשן געפּייניקט אויפן שרעקלעכסטן אופן... דער טויט איז שוין געווען די קלענסטע פּיין״...

אַזוי דערציילט אונז דער דייטשער כראָניקער. אויך יידישע קוועלן דערציילן וועגן די דאָזיקע שרעקלעכע געשעענישן. דער גאון ר׳ שמואל, דער זון פון דעם קדוש ר׳ דוד אויערבאַך, וועלכער איז אַליין קוים אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון טויט, דערציילט אין זיין ספר „חסד שמואל״, אַז די קאָזאַקן האָבן דעם גאון ר׳ אברהם בן יהודה לעבעדיקערהייט אַרויפגעשטעקט אויף אַ שפּיז און אים אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז ער האָט אויסגעהויכט די נשמה *).

אַ לאָקאַלע געשיכטע דערציילט, אַז פיל יידן האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן, אַבי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די טיראַנען. זייערע נעמען זענען דערנאָך אויסגעקריצט געוואָרן אויף דער מויער פון בית־עולם און מען האָט זיי דאָרט נאָך אַ לאַנגע צייט געקאָנט לייענען. היינט איז פון דעם אַלעם איבערגעבליבן נאָר דער נאָמען „ב ע נ ד ע ט״. די יידן־שטאָט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ שרעקלעך בילד פון פאַרוויסטונג און פאַרניכטונג: אַלע שולן, בתי־מדרשים, דאָס הויז פון דער געמיינדע און די ישיבה, די מקוה און אַלע וווינהייזער זענען געלעגן אין אַש און שטויב, און אונטער זיי האָט מען געפונען 2700 מתים. אויפן אָרט פון דער יידן־שטאָט איז

---

*) חסד שמואל דף ב׳ ע״ב. „חסדי ד׳ עולם אשירה! חסד אחד, שהציל הקב״ה אותי מהגזרה שהיתה בשנת ת״ז בערב סוכות בק״ק לובלין, שנפלו בעו״ה כמה וכמה אלפים נפשות על קדוש השם איזה לחרב ואיזה לשבי לשבי, עמם אנכי בצרה ועשה הקב״ה חסד עמי להוציא אותי מאפלה לאורה״... אם ענדע פון דעם ספר באַשרייבט דער מחבר די שרעקלעכע פּיין פון די לובלינער יידן... כמו שעשה להקדוש ר׳ א ב ר ה ם בר״ש יהודה מלובלין, שהיו תוחבין שפוד בגופו חי, והיה חי כמעט כל היום ויצאה נשמתו בקדושה. (נ י ס ע נ ב ו י ם: לקורות היהודים בלובלין ע. 7).



22. די מהרש״ל־שול אין לובלין (געבויט אין דעם יאָר 1567).

23. די מהר״ם־שול אין לובלין, געבויט אונטער איין דאך מיט דער מהרש״ל־שול קעגן אנהייב פון דעם 17 יאָרהונדערט.

24. די עלטסטע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית־עולם, אין דער לינ־
קער זייט די מצבה פון דעם חזן אברהם בן אושאי(?) פון דעם יאָר 1543.

25. היסטאָרישע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית־עולם, פון לינקס צו רעכטס: ר׳ שלום שכנא, לובלינער רב, נפטר 1559, און זיין זון ר׳ שאול פישל אפרים (1825).

געלעגן אַ באַרג פון חורבות, איבער וועלכע די חורבות פון דעם פאַר־ברענטן שלאָס האָבן אַרויסגעשטעקט ווי שדים און רוחות. טויט און פאַר־ניכטונג האָבן געהערשט דאָרט, וווּ אַמאָל האָט דאָס לעבן געשלאָגן ווי אַ קוואַל. די לובלינער יידן-שטאָט איז געווען איין פאַר אַלע מאָל פאַרניכטעט.

קוים האָט זיך די שטאָט געהאַט אַביסל אָפּגערוט פון דער שרעקלעכער רוסן-הערשאַפט, איז זי איינגענומען געוואָרן דורך דעם שוועדישן קעניג קאַרל-גוסטאַוו, וועלכער האָט זיך געהייסן אויסצאָלן אַ קאָנטריבוציע פון 30000 גילדן. דאַן איז ער אָפּגעטרעטן, איבער־לאָזנדיק אין דער שטאָט זיין גענעראַל דעם גראַף וואָלמאַר מיט אַ קליינעם גאַרניזאָן. באַלד דערנאָך האָבן די ליטווישע פּאָלקן אונטער דער אָנפירונג פון סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי נאָך אַ קורצער באַלאַגערונג איינגענומען די אומגליקלעכע שטאָט און גענומען געפאַנגען דעם שוועדישן גאַרניזאָן.

אַזוי האָט זיך געדרייט דאָס ראָד פון דער געשיכטע ביז צום יאָר 1660, לובלין איז איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין דער אַנדערער. סוחרים און בעלי-מלאכות זענען געוואָרן בעטלער, און נאָך דער שרפה, אין יאָר 1656, איבערהויפּט נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרלירן. אַ קעניגלעכע אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט אין יאָר 1660 איבערגעגעבן אַזאַ טרויעריק בילד פון דער יידן-שטאָט.

„יידישע הייזער, אַחוץ דער שול, יאַטקעס א. אַז. וו. 56, די צאָל אָפּגעבערענטע פּלעצער האָבן די יידן אָנגעגעבן אויף לערך 250, אויפן אָרט פון יידישן שפּיטאָל אַ ליידיקער פּלאַץ. אין פּאָדזאַמטשע האָבן פריער געוואוינט פיל יידן, פאַר וועלכע די רייכע יידישע הויז־אייגנטימער האָבן געצאָלט דעם שלאָס 70 גילדן גרונט-צינז. היינט צאָלן זיי נישט קיין גראָשן, ווייל עס וואוינט דאָרט נישט קיין מענטש. די רוסן האָבן געהרגעט 2700 יידן, אויך דער שיינער שלאָס איז דורך זיי פּול־שטענדיק פאַרברענט געוואָרן, אַלע אַרומיקע דערפער זענען פאַרברענט געוואָרן, די ערד ווערט נישט באַאַרבעט, די אכסניה בודזין אויפן וועג, וועלכע האָט געצאָלט 40 גילדן פאַרן שלאָס, עקזיסטירט נישט מער, עטלעכע שטיינער באַצייכענען דאָס אָרט, ווו עס יענען אַמאָל געשטאַנען די מויערן".

און ווידער האָבן זיך פאַרזאַמלט די רבנים אין לובלין און

באַשטימט אַ נייעם תּענית אויף ערב סוכות (י״ד תשרי ביז מיטאָג). דער דאָזיקער תּענית האָט געזאָלט זיין אַן אָנדענק פאַר די קינפטיקע דורות פון יענעם ערב סוכות פון יאָר 1656, ווען די גאַנצע יידן-שטאָט איז אַוועק אין פלאַמען. יעדעס יאָר פלעגט זיך אין דעם דאָזיקן טרויעריקן געדענק-טאָג פאַרזאַמלען די גאַנצע געמיינדע, און דער חזן פלעגט פאָרלייענען, אַחוץ אַנדערע קינות, אויך די לאַנגע קינה, וועלכע איז ספּעציעל אָנגעשריבן געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן תּענית, און די יידן פלעגן זיך צוהערן צו דער שרעקלעכער דערציילונג, ווי אַזוי „די מחנות קאָזאַקן האָבן אין יענעם ערב סוכות זיך אַריינגעריסן אין שטאָט, ווי אַזוי זיי האָבן געשאָכטן אָן אַ צאָל מאַנסלייט, פרויען און קינדער, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרפאָלגט די, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין קוראָוו און זיי דערהרגעט אויף די גאַסן, אויף די פעלדער, אין די דערפער און וועלדער, און זייערע קערפערס געוואָרפן פאַר די הינט און רויב-פייגל. די, וואָס זענען געבליבן לעבן, האָט מען געהייסן אויסקלויבן צווישן טויט און שמד. אַלע האָבן אויסגעקליבן דעם טויט און האָבן מיט זייער בלוט מקדש השם געווען״...

...„דערבאַרמדיקער גאָט, דו וועסט נעמען נקמה אויף די אַלע מערדער, דו וועסט נישט לאָזן אומבאַצאָלט דאָס אומשולדיק-פאַרגאָסענע בלוט און וועסט דיין פאָלק געבן אַ גליקלעכע צוקונפט, אַזוי זאָל זיין דיין ווילן! כּן יהי רצון!

און דער גאַנצער עולם האָט הויך אָפּגעענטפערט: „אָמן״ *).

4. נאָך דער גרויסער מלחמה

די שטאָט איז געווען חרוב. אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט איז נאָר איין איינציק הויז געבליבן גאַנץ, די אַנדערע זענען אַלע געלעגן אין חורבות און אַש, און נאָר קליינע כאַטעס האָבן זיך געצויגן פון וויעניאַווא ביז צום קראָקעווער טויער, אין דער אייגנטלעכער שטאָט

*) אמ״ר אין דער אַלטער שול אין קראָקע: וועטשטיין: דברי חפץ — (מאסף פּעטערבורג 1902) אויך אין אַנדערע שולן אין פּוילן, לאַנדסהוט: עמודי העבודה דף XII נ״ר 3.

זענען ס׳רוב הייזער געוועזן שוואַרץ פֿין רויך, אין דער גראָדסקאַ גאַס און אויפֿן מאַרק (רינעק) זענען די הייזער געוועזן אינגאַנצן אומבאַוווינט. די פּאַלאַצן פֿון די גרויסע פּריצים, ווי אויך די גרויסע קלויסטערס זענען געוועזן פֿאַרלאָזט, די שטאָט-טויערן פֿאַרניכטעט און שטענדיק אָפֿן, ווייל די טויערן זענען געוועזן אויסגעריסן.

די יידן-שטאָט איז געוועזן געגליכן צו אַ גרויסן באַרג חורבות, און נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מויער. די גרויסע לובלינער ירידים זענען איבערגעטראָגן געוואָרן קיין לענטשנע, דער קרוין-טריבונאַל איז פֿאָרלויפֿיק אינגאַנצן פֿאַרמאַכט געוואָרן.

אויך די יידישע ועדים זענען מער נישט צונויפֿגערופֿן געוואָרן. דאָס פּרעזידיום פֿון לעצטן ועד פֿון יאָר 1651 האָט געשיקט בקשות צום קעניג און די הויכע מלוכה-לייט וועגן שוץ און הילף *). קעניג יאַן קאַזשימיעזש האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע דעקרעטן, אין וועלכע ער שילדערט די טרויעריקע לאַגע פֿון די פּוילישע יידן: „אַ טייל זענען באַרויבט און פֿאַרניכטעט געוואָרן דורך אייגן מיליטער, אַ טייל דורך פֿרעמד מיליטער, אַסך זענען פֿאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט. זיי קאָנען ביזן היינטיקן טאָג נישט געפֿינען קיין רו נישט אין די שטעט און נישט אין די מערק, זיי זענען נישט זיכער מיט זייער לעבן, און דעריבער האָבן די אַנטלאָפֿענע מורא זיך אומצוקערן קיין פּוילן. אויך ווייס איך — אַזוי שרייבט דער קעניג אין זיין באַפֿעל פֿון 18-טן מערץ 1658 — אַז אַסך זאַכן, וועלכע האָבן פֿריער געהערט צו יידן, זענען צו-גענומען און באַהאַלטן געוואָרן דורך גאַנץ בכּבודע בירגער, אַזוי אַז די אייגנטימער קאָנען זיי נישט צוריק באַקומען״ **).

ערשט אין יאָר 1661 ווערט אין לובלין ווידער געעפֿנט דער קרוין-טריבונאַל, און די גרויסע ירידים ווערן צוריק אַריבערגעטראָגן פֿון לענטשנע. מיט זיי קומט אויך צוריק קיין לובלין דער ועד ד׳ ארצות. עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין 10 יאָר און אַ נייער שונא האָט

---

*) מלוכה-אַרכיוו אין פּויזן, קצינער שלאָס-אַקטן באַנד 165 דף 874, דעקרעטן פֿון קעניג יאַן קאַזשימיעזש פֿון דעם 27 מערץ 1658 (וואַרשע) און 17 יאַנואַר 1659 אין טאָרן

**) דאָרט דף 35-a

ווידער צעראַבירט די שטאָט. דאָס מאָל זענען דאָס געווען די טאָטאַרן, וועלכע האָבן אין יאָר 1672 אינגאַנצן צעראַבירט לובלין און אַלע פאָרשטעט. אויך די יידן-שטאָט, איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן.

ווידער זענען די יידן געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין דער אייגנטלעכער שטאָט, ווו זיי האָבן פאַר געלט און גוטע ווערטער געפונען דירות אין די בירגער-הייזער און אין די פּאַלאַצן פון די אַדל-לייט. אַ גאַנצער יאָרהונדערט איז אַריבער ביז די יידן-גאַס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן. צוזאַמען מיט דעם צוריקקערן פון די ירידים און דער דערעפענונג פון קרוין-טריבונאַל, האָט צוריק אויפגעבליט דאָס לעבן אין שטאָט. אויך ביי די יידן האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, אמת, נישט אַזוי שיין ווי פריער פאַר דער מלחמה, אָבער דאָך גענוג שיין, כדי אַרויסצורופן קנאה ביי די קריסטלעכע סוחרים. לובלין האָט אַלע מאָל געהאַט דאָס רעכט „דע נאָן טאָלעראַנדיס יודעאיס" (נישט צו דולדן קיין יידן), און עס איז אויך שטענדיק געווען יידן-ריין, און אויך אויף ווייטער האָט עס געוואָלט בלייבן יידן-ריין. דאָס איז געווען דער לאָזונג פון דער קריסט-לעכער בירגערשאַפט, און עס זענען דעריבער געמאַכט געוואָרן אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען, כדי צוריק אַרויסצושטופן פון שטאָט די יידן, וועלכע האָבן זיך אַהין אַריינגעכאַפט. באַזונדערס אומצופרידן מיט די יידן איז געווען דער „פּשוטער מענטש", דער קליין-קרעמער און בעל-מלאכה, און ער האָט איבעראַל געזוכט פאַרבינדעטע, כדי מיט בשותפותדיקע כּוחות אַרויסצושטופן דעם „אומגלויביקן קאָנקורענט". באַלד האָט ער געפונען אַ שטאַרקן שותף אין דער גייסטלעכקייט.

די אַלטע פּוילישע טאָלעראַנץ פון דער צייט פון די פּיאַסטן און יאַגעלאָנער, פון דעם פּעריאָד, ווען די פּוילישע מלוכה איז געווען שטאַרק, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. די גרויסע מלחמה האָט געבראָכן די קראַפט און אויסגעשעפּט דאָס רייכטום פון פּוילן אויף הונדערטער יאָרן, אַריינברענגענדיק אַ צעריסנקייט אין לאַנד. די גרויסע פּריצים האָבן זיך אַרומגעריסן איינער מיטן צווייטן, און אין די שטעט האָבן די רייכע לייט אַריינגעכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט און האָבן אונטערדריקט דעם געמיינעם מאַן. די מאַכט פון קעניג איז געווען נאָר אַ פּוסט

וואָרט, און די גייסטלעכקייט, באַזונדערס די יעזויטן, האָבן באַהערשט די הערצער און די געדאַנקען פון די רעגירנדע קלאַסן. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס די אַנדערש-גלויביקע זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס סיבה פון אַלע אומגליקן, און מען האָט אויף זיי געהעצט דעם המון. אין פוילן, ווו אין 16-טן יאָרהונדערט זענען אַלע נישט-קאַטוילישע רעליגיעס געווען פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט מיט דער קאַטוילישער, האָט מען יעצט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די פּראָטעסטאַנטן, און די אַריאַנער זענען אינגאַנצן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

אין יאָר 1664 איז דער המון אין לעמבערג און אין קראָקע אָנגעפאַלן אויף די יידן און געמאַכט אַן גרויזאַמע שחיטה. פיל יידן זענען דערביי דערהרגעט געוואָרן אַסך פאַרוווּנדעט און באַרויבט [1].

אין גאַנץ פוילן זענען די יידן געשטאַנען אונטער דער אָנקלאַגע פון עלילת-דם און גנבה פון דער האָסטיע (1669). די יידן האָבן מיט דער גרעסטער שרעק אָפּגעוואַרט דעם פּסק-דין פון דעם קרוין-טריבונאַל. דעם 18-טן אויגוסט 1677 האָט דער טריבונאַל אין לובלין אַרויסגעגעבן דעם פּסק-דין איבער אַלע יידן אין פוילן, און אין דעם זעלבן טאָג איז דער פּסק-דין פאָרגעלעזן געוואָרן דורך דעם געריכטס-באַאַמטן טאָמאַש פאָקלעקאָווסקי פאַר דעם טויער פון ראָטהויז אין לובלין פאַר אַ גרויסן המון מענטשן [2]. דער פּסק-דין האָט געהאַט בלויז אַ טעאָרעטישע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער מלוכה, אָבער אויף דעם אָרט, ווו ער איז איבערגעלייענט געוואָרן, האָט ער געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק. די לובלינער יידן זענען אויך אָן דעם געווען אין אַ זייער שווערער לאַגע, זיי האָבן געמוזט ברענגען גרויסע קרבנות אין געלט און אין פאַרמעגן, כדי צו קאָנען דערוויילן בלייבן אין שטאָט און זיך באַשעפטיקן מיט האַנדל. יעצט אָבער איז זייער לאַגע נאָך מער פאַרערגערט געוואָרן, און זיי האָבן געמוזט טיף אַריינשטעקן די האַנט אין געלט-בייטל אַריין, כדי צו קאָנען שליסן מיט דעם שטאָט-ראַט נייע האַנדלס-קאָנטראַקטן. דער דאָזיקער קאָנטראַקט איז געשלאָסן געוואָרן דעם 15-טן יאַנואַר 1677 און נישט קוקנדיק אויף די באַמיונגען פון „דעם געמיינעם מאַן אין לובלין",

1) זע אויבן דעם מאמר: ...צווייי קהלות אין איין שטאָט.

2) ראַדלינסקי Prawda chrześciasnska. לובלין 1733 דף 24.

איז דער קאָנטראַקט באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג סאָביעסקי [1]. דעם 3־טן אַפּריל פון דעם זעלבן יאָר. דער „געמיינער מאַן פון לובלין" האָט אָבער נישט אַזוי גיך געוואָלט נאָכגעבן. און ער האָט געשיקט איין ביטע נאָך דער צווייטער צום קעניג, זיך באַקלאָגט אויף די „געמיינהייט און אונטערקויפּבאַרקייט פון די ראַטמענער און לאַווניקעס פון לובלין" און די שעדלעכקייט פון דעם יידישן האַנדל. דעם 11־טן פעברואַר 1679 האָט דער קעניג יאַן III בשעת דעם סיים אין גראָדנע אַרויסגעגעבן אַ שוץ־בריוו פאַר דער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט אין לובלין, אין וועלכן ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די יידישע סוחרים טרייבן אַן אומדערלויבטן האַנדל אין לובלין און שעדיקן דורכדעם דעם וווילשטאַנד פון דער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט. דער קעניג פאַרווערט דעם האַנדל און וואַנדל אום זונטיק און חגאות און פאַרביט די יידן איבערהויפּט זיך צו ווייזן אין שטאָט אין די דאָזיקע טעג. די יידן איז אויך פאַרבאָטן געוואָרן צו האַלטן קריסטלעכע דינסטן. די יידישע מעקלערס (באַרישניצי) טאָרן זיך נישט ווייזן אין שטאָט, זיי טאָרן דאָרט נישט עפענען קיין געוועלבער אָדער קעלערס און נישט פאַרקויפן קיין שום סחורות, נישט קיין אייגענע און נישט קיין פרעמדע. אין אַלגעמיין מעגן די יידן פאַרקויפן סחורות נאָר צו זייערע אייגענע „גלויבנס־ברידער" [2].

דער דאָזיקער דעקרעט האָט צו־נישט געמאַכט אַלע האַנדלס־קאָנטראַקטן פון די יידן מיט די ראַטמענער און לאַווניקעס. כדי דורכצופירן ענערגיש אַלע פונקטן פון דעם דעקרעט, האָבן די קריסט־לעכע סוחרים געגרינדעט אַ „נייע קויפמענישע קאָנגרעגאַציע", און דער סטאַטוט פון דער דאָזיקער קאָנגרעגאַציע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג אין יאָר 1685. די איינצלנע פּאַראַגראַפן פון דעם דאָזיקן סטאַטוט זענען נוגע דער געשעפטס־פירונג, דער באַפרייונג פון געזעלן א. אַז. וו. די וויכטיקסטע זענען אָבער די פּאַראַגראַפן 23—27, וועלכע באַציען זיך אויפן יידישן האַנדל [3].

1) פון דעם סומאַר אין דער לאָפּאַטשינסקי־ביבליאָטעק כתב־יד נ"ר 116.

2) דאָרט כתב־יד 1387 טייל III

3) בערזאָן: Dyplomatarjusz נ"ר 212.

§ 23. די „פערפידיאַ גענס יודאַאיקאַ״ באַנוצט זיך שטענדיק מיט פאַרשידענע פּראַקטיקציעס און פאַרקויפט אין אונזער שטאָט „אינטראַ מוראָס״ (אין די מויערן) אַלערליי סחורות, באַזונדערס בשעת די זיצונגען פון דעם קרוין-טריבונאַל. דורכדעם רוינירן זיי אונזערע לובלינער סוחרים. זיי האָבן אויך די דרייסטקייט צו טרייבן האַנדל אין זונטיק און אין חגאות, וואָס איז שוין נישט איינמאָל פאַרבאָטן געוואָרן. כדי דאָס צו באַזייטיקן — זאָגט דער קעניג אין דעם דאָזיקן דעקרעט — גיבן מיר דער לובלינער קויפמאַנשאַפט די פאָלגנדע פּריווילעגיעס אין פאַרבינדונג מיט די דעקרעטן, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם סיים אין גראָדנע דעם 11-טן פעברואַר 1679.

§ 24. אַ ייד טאָר נישט דינגען אָדער עפענען קיין געוועלב נישט אויפן מאַרק-פּלאַץ און נישט אין די גאַסן פון דער שטאָט לובלין, אויף דער פּלאַכער ערד אָדער אויף העכערע שטאָקן — הגם די יידן האָבן דאָך זייער אייגענע שטאָט אין פּאָדזאַמטשע, — און זיי טאָרן נישט פאַרקויפן דאָרט קיין סחורות אויף מאָס, וואָג אָדער קוואָרט, סוב פּענאַ קאָנפיסקאַציאָניס (ד. ה. אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקירן די סחורות). די קאָנפיסקירטע סחורות ווערן אין גלייכע טיילן אָוועקגעגעבן דעם מאַגיסטראַט, מיטן צוועק אויסצובעסערן די שטאָטישע באַפעסטיקונגען, און דער קויפמענישער קאָנגרעגאַציע. די בירגער פון לובלין ווערט פאַרבאָטן אונטער שווערע שטראָפן צו פאַרקויפן אָדער צו פאַרדינגען זייערע הייזער אָדער געוועלבער צו יידן.

§ 25. קיין ייד טאָר נישט פאַרקויפן קיין שום סחורה אין אַ קויש אָדער אויף אַן אַנדער אָרט אויף דער גאַס, אין הייזער אָדער שטאָט-טויערן, אָדער אָפּוואַרטן מיט זיי די פּריצים אָדער בירגער פאַר די שטאָט-טויערן. פאַר עובר זיין אויף די דאָזיקע פאַרבאָטן וועט מען ביי די יידן קאָנפיסקירן זייערע סחורות. גלייכצייטיק ווערט דער מאַגיסטראַט פון לובלין פון אונז אויפגעפאָדערט צו באַנייען זיינע באַשלוסן וועגן אַרויסשיקן די יידן פון דער שטאָט.

§ 26. די באַרישניקעס (מעקלערס), וועלכע דרייען זיך אַרום אין דער שטאָט, קוקן אַריין אין אַלע געשעפטן, שלעפּן אַריין אין די יידישע געוועלבער פרעמדע לייט, באַזונדערס פּריצים, טאָרן זיך

איבערהויפט נישט באַווייזן אין שטאָט בקנס פון אַרעסט אָדער געלט־שטראָף (אַ פערטל יאָר און 30 מאַרק).

§ 27. די יידן טאָרן נישט פאַרברייטערן זייער האַנדל (אַ חוץ אין דער מאָס, וואָס איז פעסטגעזעצט אין די קאָנטראַקטן מיט דער שטאָט) און טאָרן נישט אויסקויפן פאַר די קריסטלעכע סוחרים קיין סחורה. ביי יעדער קניה האָט דער קריסטלעכער סוחר דאָס פאָר־רעכט, ער קאָן רויק אַנידערלייגן דאָס געלט, און די סחורה איז זיין".

* *

*

די יידן האָבן אָבער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך אונטערגעבן, און אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ לאַנגער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך געצויגן איבער הונדערט יאָר און זיך נישט געענדיקט אַפילו נאָכן פאַלן פון דער פוילישער מלוכה. אין ערשטן פעריאָד פון דעם דאָזיקן פּראָצעס זענען די לובלינער יידן דורך דעם קעניגלעכן אַסעסאָרן־געריכט (1693) אין קאָנטומאַציאָס [1] פאַראורטיילט געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון האַנדל, אָבער שוין אין דריי יאָר אַרום (1696) ערקלערט קעניג סאָביעסקי די פּריווילעגיעס פון דער קאָנגרעגאַציע פאַר אומגילטיק און פאַרווערט צו שטערן די יידן אין האַנדל און ערלויבט זיי פריי צו האַנדלען ווי פריער. דער דאָזיקער דעקרעט ווערט אין צוויי יאָר אַרום (1698) דורך דעם קעניג אויגוסט II באַשטעטיקט און אַריינגעטראָגן אין דער זאַמלונג פון פּריווילעגיעס פון דער לובלינער יידישער קהלה (31־טן אויגוסט 1898). די דאָזיקע זאַמלונג אַנטהאַלט די דעקרעטן פון אַלע פוילישע מלכים, אָנהויבנדיק פון מלך זיגמונט אויגוסט בנוגע צו הייזער־באַזיץ, האַנדל, מלאכה, שטייערן און געריכט, און איז כולל אין זיך די רעכט פון דער לובלינער קהלה אין 17־טן יאָרהונדערט.

1) אונטער די אויגן.

דער קאַמף וועגן יידישן האַנדל אין לובלין אין XVIII יאָרהונדערט

דער סוף פון 17-טן יאָרהונדערט איז געווען פאַר פוילן נישט ווייניקער טרויעריק, ווי די מיט פון דעם זעלבן יאָרהונדערט. די צפונדיקע מלחמה האָט געבראַכט אַ ניי אומגליק אויפן לאַנד. ווידער האָט זיך איבער אַלע פּראָווינצן פון לאַנד אויפגעהויבן די שווערד פון קעניג קאַרל פון שוועדן.

אויסער דעם דאָזיקן אומגליק, וועלכעס האָט געטראָפן דאָס גאַנצע לאַנד, האָט די שטאָט לובלין געליטן פון אייגענע קאַטאַסטראָפעס. אַזוי האָט דאָ אין יאָר 1695 געבושעוועט די מגפה, וועלכע האָט צו-גענומען טויזנטער קרבנות. אין יאָר 1702 איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין שטאָט, פון וועלכער עס זענען פאַרברענט געוואָרן דאָס רוב הייזער, זאָגאַר גאַנצע גאַסן און פאָרשטעט. בשעת קאַרל XII איז אין יאָר 1704 געגאַנגען אויף לובלין, האָט ער געקאָנט איינעמען די שטאָט אָן אַ קאַמף, ווייל די טויערן זענען געשטאַנען אָפן, און די באַשטעס און די טורעמס זענען נישט געווען פאַרטיידיקט. די שוועדישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער אַלע גאַסן און האָבן צעראַבירט די געשעפטן און וווינונגען. קאַרל דער XII האָט געוווינט אין הויז פון סאָביעסקי אויפן מאַרק. באַלד אָבער האָט ער צוריק פאַרלאָזט די שטאָט און זי איבערגעלאָזט פאַרן רוסישן מיליטער (1706). אין דעם זעלבן הויז האָט פעטער דער גרויסער באַלד איינגעאָרדנט זיין הויפּט-קוואַרטיר (1707).

פעטער דער גרויסער האָט נאָך געוווינט אין לובלין, ווען די ראַטמענער, שעפן און צעך-מייסטערס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין ראָטהויז און אָנגענומען אַ באַשלוס פון „אַלע שטאַנדן און נאַציעס" קעגן דעם

יידישן האַנדל. באַלד איז אַװעק אַ דעפּוטאַציע פון די קריסטלעכע סוחרים קיין װאַרשע, און נאָך פיר יאָר באַמיונגען, אויסנוצנדיק אַלע פּראָטעקציעס, האָט זי אויסגעפועלט אַ קעניגלעכן דעקרעט דעם 26-טן נאָוועמבער 1720 קעגן די יידן פון לובלין 1).

אין דער איינלייטונג צו דעם דאָזיקן דעקרעט באַמערקט דער קעניג, אַז מיט יאָרן צוריק האָבן אין לובלין איבערהויפּט געוווינט גאָר ווייניק יידן, וועלכע האָבן געצאָלט דעם מאַגיסטראַט 300 גילדן אַ יאָר פאַרן רעכט צו האַנדלען. יעצט אָבער זענען אַריינגעדרונגען זייער פיל יידן אין שטאָט, זיי האָבן באַזעצט אַלע פּאַלאַצן און הייזער פון דעם הויכן אַדל און פון די בירגער, טרייבן האַנדל מיט אַלע מעגלעכע סחורות און קוקן נישט אַפילו אויף זונטיק און אויף די קריסטלעכע חגאות, זיי פּאַכטן אומגעזעצלעך די שטאָטישע שטייערן, זיי לאָזן נישט אַריין קיין פרעמדע סוחרים מיט זייערע סחורות אין שטאָט אַריין, קויפן-אויף די סחורות פאַר דער שטאָט, האַנדלען קעגן פאַרבאָט מיט שנאַפּס און ביר, האַלטן קריסטלעכע געזעלן און דינסטן, צאָלן נישט קיין שטאָטישע פּאָדאַטקעס און ברענגען די קריסטלעכע סוחרים צום פולשטענדיקן רוין.

דעריבער באַפעלט דער קעניג:

1) אַז די האַנדלס-קאָנטראַקטן מיט די יידן זאָל מער נישט באַנייט ווערן;

2) אַז די יידן זאָלן באַלד פאַרלאָזן זייערע וווינונגען אין שטאָט, ד. ה., אַז אַלע קאָנטראַקטן וועגן געדונגענע דירות ווערן בטל;

3) עס ווערט פאַרבאָטן די קריסטן אונטער אַ שטראָף פון 1000 מאַרק צו פאַרדינגען אַ ייד אַ לאָקאַל פאַר אַ געשעפט אָדער אַ וווינונג;

4) דער קעניג באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל דאָס אַלץ אַדורכפירן און זאָל אויך אויספאָרשן, וועלכע יידן האָבן אַממייסטן געשאַדט דעם קריסטלעכן האַנדל.

די קאָמיסיע האָט, זעט-אויס, נישט צו-פלייסיק געאַרבעט, דען די זאַך האָט ערשט אין 16 יאָר אַרום געפונען איר פאַרזעצונג. דעם

1) די ביבליאָטעק פון די פירשטן טשאַרטאָריסקי אין קראָקע. כּתב-יד נ"ר 2196 דף 214.

5-טן יוני 1736 ווערט דער דאָזיקער ענין ווידער באַהאַנדלט אין קעניגלעכן אַסעסאָרן-געריכט אונטערן פאָרזיץ פון דעם ביסקופּ זאַלוסקי; די קריסט-לעכע סוחרים האָבן זיך ווידער באַקלאָגט דעריבער, וואָס בירגערלעכע און אַדעליקע הויז-אייגנטימער ערלויבן די ייִדן צו וווינען אין זייערע הייזער, אַז דער מאַגיסטראַט האָט פּאַרדונגען אַ ייִד דעם ברוק-צאָל, און האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל ענדלעך דורכגעפירט ווערן דער קעניגלעכער דעקרעט פון יאָר 1720. פון די ייִדן איז קיינער נישט ערשינען צו דער געריכטס-פאַרהאַנדלונג און דער פּסק איז אויסגעפאַלן דעריבער קעגן זיי. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ נייע קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט מבטל מאַכן אַלע קאָנטראַקטן וועגן דירות און אַרויסטרייבן די ייִדן פון לובלין. ביי די ייִדן, וועלכע וועלן נישט פאָלגן דעם דעקרעט, ווערן קאָנפיסקירט זייערע סחורות, דאַקעגן די אומגעהאָרכזאַמע בירגער דאַרפן באַשטראָפט ווערן מיט 1000 מאַרק און מיט פאַרלירן זייערע ערן-אַמטן.

דאָס מאָל איז די קאָמיסיע ערשינען פּינקטלעך אין דעם חגא-טאָג פון די „דריי מלאכים" אין יאָר 1737 און האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. אָבער אויך די ייִדן זענען נישט געבליבן זיצן מיט פאַר-לייגטע הענט און האָבן אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, אַז דער פּסק-דין פון דעם אַסעסאָרן-געריכט זאָל אָפּגערופן ווערן. זיי האָבן געזוכט פּראָטעקציע ביי די הויכע פּריצים, האָבן געבראַכט בריוו פון הויכע באַאַמטע צו די מיטגלידער פון געריכט אין וואַרשע און סוף-כּל-סוף געפּועלט, אַז דער קעניג האָט אין 2 דעקרעטן (12-טן אויגוסט 1738 און 12-טן סעפּטעמבער 1738) מבטל-געמאַכט דעם פּסק-דין פון יאָר 1736.

די בירגער האָבן אָבער נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף דער דאָזיקער „רעוואָקאַציע" (אָפּרופונג), ווי אויך אויף דעם „סאַלוווס קאָנדוקטוס", און האָבן כּסדר אַרויסגעוואָרפן די ייִדן פון זייערע הייזער. זיי זענען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן איינגעקלאָגט אין שעפּן-געריכט די יעניקע הויז-אייגנטימער, וועלכע האָבן נישט אַרויס-געוואָרפן די ייִדן פון זייערע הייזער. אַזוי ווערן אָנגעקלאָגט אין געריכט דעם 25-טן אָקטאָבער און דעם 3-טן נאָוועמבער 1741: סעבאַסטיאַן זוויקיעוויטש, דאָס פאָרפאָלק לוקאָווסקי, דער שניידער מאַטיאַס, די

אַלמנה קראַיעװסקאַ, דער שװערד-מאַכער קאָסיאַרסקי, דער גאָרקין-אײגנטימער זיעלעסקי. דער שוסטער נאָראַיסקי און פּיל אַנדערע, װעלכע װערן פאַראורטײלט תּיכּף צו געבן עקסמיסיע זײערע ייִדישע אײנװױנער. די פאַראורטײלטע האָבן זיך אָבער גאַנץ װײניק געקומערט װעגן דעם, כאָטש זײ זענען נאָכאַמאָל (דעם 14-טן פעברואַר 1742) און נאָכאַמאָל (דעם 9-טן מאַי 1742) אָנגעקלאָגט געװאָרן צו דעם זעלבן געריכט.

די קריסטלעכע סוחרים האָבן װידער דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אין אַסעסאָרן-געריכט אין װאַרשע, און דאָס געריכט האָט דעלעגירט (דעם 17-טן דעצעמבער 1743) אַ נײַע קאָמיסיע קײן לובלין אויסצופאָרשן די סיבות, פאַרװאָס די ייִדן װױנען נאָך אַלץ אין דער שטאָט. די קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט איר אויספאָרשונג דעם 14-טן מערץ 1744 און אויפגעפאָדערט די ייִדן אין פאַרלויף פון 8 טעג צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיך אַריבערציִען אין ייִדישן קװאַרטאַל. אויסער דעם האָבן זײ געדאַרפט באַצאָלן 3000 גילדן דעם מאַגיסטראַט פאַר נישט פאָלגן די ביזאַהעריקע באַפעלן. די בירגער האָט מען צוגעזאָגט מיליטערישע הילף, כּדי זײ זאָלן געפינען די דאָזיקע ייִדן און זײ איבערגעבן אין געפענגניש [1].

די קאָמיסיע האָט דאָס איריקע געטון, אָבער די אויספירונג איז אויך דאָס מאָל נישט צושטאַנדגעקומען. די ייִדן האָבן געצאָלט צװיכע װױנונגס-שטײערן, אַז מען זאָל זײ קאָנען מיט אַ לײכט האַרץ אַרויסװאַרפן פון די דירות. די הויז-אײגנטימער האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זײ פאַרגיטיקן דעם שאָדן, װעלכן זײ װעלן מוזן לײדן אין פאַל, װען זײ זאָלן באַזײטיקן פון זײערע הײזער די ייִדישע שכנים, און די ראַטמענער, װעלכע האָבן געהאַט די שענסטע הײזער אין שטאָט, האָבן זיך גאָרנישט געאײלט מיט דער דורכפירונג פון דעם דאָזיקן באַפעל פון דער קאָמיסיע. אויך האָבן זיך דאָ אַרײנגעמישט גרויסע פּריצים, װעלכע האָבן זאָגאַר אַרויסגעשיקט קײן לובלין זײער שלאָס-מיליץ כּדי צו פאַרטײדיקן „זײערע ייִדן".

1) ביבליאָטעק לאָפּאַצינסקי אין לובלין כּתבֿ-יד נ"ר 116 און 344 קלאַגע פון 17 דעצעמבער 1743.

* *
*

אַזוי זענען אַוועק פיל יאָרן, ביז די זאַך איז ווידער אַמאָל דערוועקט געוואָרן. דאָס מאָל האָט עס זיך געדאַרפט ענדיקן זייער ערנסט פאַר די יידן. אין מיטן פון 18-טן יאָרהונדערט איז די לאַגע פון די יידן אין פוילן געוואָרן זייער ערנסט, דער שטרייט וועגן די האַנדלס-רעכט האָט זיך אין אַלע גרעסערע שטעט זייער פאַרשאַרפט. איבעראַל האָבן די בירגער איינגעזען, אַז די צאָל פון די יידישע סוחרים וואַקסט פון טאָג צו טאָג. די קריסטלעכע האַנטווערקער האָבן געזען, אַז די יידישע האַנטווערקער פאַרשטאַרקן זיך און אָרגאַניזירן אייגענע צעכן, וועלכע דראָען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע צעכן. עס איז שוין נישט געבליבן מער קיין צייט צו פאַרלירן, די לאַגע איז געווען צו-ערנסט, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן לעבן און טויט.

צו דעם דאָזיקן עקאָנאָמישן מאָמענט איז צוגעקומען נאָך אַ צווייטער. נישט ווייניקער געפערלעכער פאַר די יידן. עס איז געווען אַ צייט פון אַ גייסטיקער ירידה און אַבערגלויבן אין פוילן. אַלע האָבן געגלויבט אין כישוף און אין מכשפים, און דאָס פעבעל, ווי אויך די העכערע, די אַזוי-גערופענע געבילדעטע קלאַסן, האָבן געקוקט אויף יידן ווי אויף דעם טייוולס מחותנים. קיינמאָל איז אַזוי נישט געווען פאַר-שפרייט דער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דעם עלילת-דם און שענדונג פון דער האָסטיע, ווי דאָס איז געווען אין מיטן פון 18-טן יאָרהונדערט. יעדעס יאָר פלעגן זיך איבערחזרן אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד ריטואַל-פּראָצעסן, וועלכע האָבן כמעט אַלע מאָל געהאַט אַ בלוטיקן אויסגאַנג. די פּראָצעסן אין זשיטאָמיר און יאַמפּאָל האָבן געבראַכט די יידן צו פאַרצווייפלונג, און אין דער דאָזיקער פאַרצווייפלונג האָבן זיי אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע צום פּויפּסט קיין רוים. אָבער נאָך איידער די דעפּוטאַציע איז צוריקגעקומען, האָט אויסגעבראָכן די פראַנקיסטישע באַוועגונג מיט איר אַנטיסעמיטישער טענדענץ, וועלכע האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע פון די יידן. פראַנק האָט עפנטלעך באַהויפּט בשעת דעם דיספּוט אין לעמבערג (1759), אַז יידן געברויכן קריסטלעך בלוט, און די ריטואַל-פּראָצעסן אין פּשעמישל און אין וואַיסלאַוויצע זענען געווען די בלוטיקע פאָלגן פון דער דאָזיקער

באַהויפּטונג. די שליאַכטע, וועלכע האָט ביז דאַן מיטגעהאַלטן מיט די יידן און זיי געשטיצט אין זייער קאַמף פאַר די האַנדלס־רעכט, האָט זיך איצט דערשראָקן און זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן ווייטער די יידן, וועלכע זענען אַזוי אַרום געבליבן אָנגעוויזן נאָר אויף זייערע אייגענע כּוחות און האָבן געמוזט זיך אָפּטראָגן פון פיל שטעט.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אין לובלין.

אין יאָר 1759 פאַרזאַמלען זיך אין הויז פון דעם ווילגעבוירענעם און ערנפעסטן מאַטיאַס סטעפּאַנאָווסקי, דעם בירגערמייסטער פון לובלין, די ראַטמענער, שעפן און צעכאָווע מייסטערס און נעמען־אָן איינשטימיק דעם פאָלגנדן באַשלוס (לאַודום):

„מיר זענען „אולטימאַס קלאַדעם" 1) פון דער דאָזיקער שטאָט, אַרויס־גערופן דורך די פיל יידן, וועלכע וווינען אין די פּאַלאַצן, הויפן, הייזער, בודעס, מיט איין וואָרט — איבעראַל, און האַלטן דאָרט חוצפּהדיק קלייטן, קעלערס און בודעס, און פירן דאָ, ווי אויך אין די פאָרשטעט, אין די אַדעל־פּאַלאַצן, אין די קלויסטער־הייזער, ווי אויך אין די „פונדאָ רעגיע ציוויטאַטיס" אַן אומדערלויבטן האַנדל, פאַרקויפן ווײַן און שנאַפּס, מאַכן ביר, באַקן ברויט, ברענגען שאָדן די צעכן דורך זייער קונסט און מלאכה, מיט איין וואָרט, זיי נעמען צו ביי די קריסטן די מעגלעכקייט צו לעבן, און ווייל זיי צאָלן הויכע פּרייזן פאַר דירות, מאַכן זיי אומ־מעגלעך פאַר קריסטן צו דינגען אַ געוועלב אין שטאָט. אַמאָל איז אונזער שטאָט געווען אַ „ציוויטאַס פּאָפּולאָזאָ" 2) איצט איז קוים געבליבן אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג אין דער שטאָט, און אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט וווינען בלויז יידן און פירן דאָרט אין קריסטלעכע הייזער כּמעט ביי דער סאַמע קירכע זייערע שענקען, זינגען הויך זייערע שבת־דיקע זמירות, שפּאָטן־אָפּ פון די הייליקע פּראָצעסיעס, וועלכע גייען פאַר זיי פאַרביי. די יידן האַלטן היי אויף די בוידעמער, דורך וואָס זיי קאָנען ברענגען אַן אומגליק אויף דער גאַנצער שטאָט. זיי פאַכטן אַלע יאָר דאָס רעכט צו פאַרקויפן ביר, מעד און בראָנפן... דורך די יידן זענען געפאַלן די באַרימטע צעכן פון די גאָלד־אַרבעטער, פעלדשערס, שניידערס, קירזשנערס, ביר־ברויערס, בעקערס, קעסל־שמידערס א. אַז. וו.

1) דעם גענצלעכן צוזאמענברוך.

2) אַ באַפעלקערטע שטאָט.

אין דער שטאָט אַרבעטן מער ווי 90 יידישע שניידערס... די יידן העלפן נישט צו צו די „אָנעראַ פובליקאַ" [1] און קוקן נישט אויף די קעניגלעכע באַפעלן. די אין יאָר 1744 צוגעפסקנטע 3000 מאַרק האָבן זיי ביזן היינטיקן טאָג נישט באַצאָלט, און כאָטש זיי האָבן שוין זייט יאָרן לאַנג נישט געשלאָסן קיין האַנדלס-קאָנטראַקטן מיט דער שטאָט, פירן זיי דאָך אַ לעבעדיקן האַנדל מיט אַלערליי סחורות... צוליב די אַלע סיבות ווילן מיר מער נישט ליידן די יידן אין דער שטאָט און מיר באַשליסן זיי צו פאַריאָגן, צו פאַרטרייבן און צו עוואַקוירן פון די הייזער פונם אַדעל, פון די בירגער און גלחים, אויס דער שטאָט און די פאַרשטעט, מבטל צו מאַכן די האַנדלס-קאָנטראַקטן און זיי צו באַטראַכטן אַלס נישט-עקזיסטירנדע. אַזוי אָבער ווי אונזער שטאָט געדענקט נאָך זייער גוט, ווי בשעת מען האָט מיט יאָרן צוריק געוואָלט אַרויסטרייבן די יידן, האָבן הויכע באַאַמטע און פריצים אַרויסגעשיקט פון זייערע גיטער באַוואָפנטע לייט, וועלכע האָבן געשטערט דאָס אַרויסטרייבן די יידן, דעריבער בעטן מיר דעם גנעדיקן שלאָס-הויפטמאַן פון לובלין וועגן הילף, כדי מיר זאָלן איינמאָל פאַר אַלע מאָל קאָנען פטור ווערן פון די יידן.

גלייכצייטיק באַשליסן מיר, אַז אויב איינער פון די ראַטמענער אָדער שעפן וועט זיך וואַגן ווידער אַריינצוברענגען די יידן אין שטאָט אַריין, וועט ער באַשטראָפט ווערן מיט טויזנט מאַרק און מיט פאַרלירן זיין אַמט, דער איינפאַכער מאַן אָבער וועט באַשטראָפט ווערן מיט פינף טויזנט מאַרק און אַ פערטל יאָר געפענגניש [2].

דער דאָזיקער נויט-געשריי פון די קריסטלעכע בירגער פון לובלין האָט זיך דערטראָגן ווייט איבער די מויערן פון שטאָט אַרויס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מאָל זענען אַלע קלאַסן איינִיק אין דעם פאַרלאַנג צו פאַרטרייבן די יידן. דערווייל אָבער איז ווידער געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן די ראַטמענער און די שעפן.

די ערשטע — רייכע הויז-באַזיצער און גרויסע סוחרים — זענען געשטאַנען מיט די יידן אין האַנדלס-באַציונגען, און האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון די הויכע צינזן, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון

1) עפנטלעכע שטייערן

2) לאָפּאַטשינסקי-ביבליאָטעק אין לובלין כתב-יד 208.

ייערע יידישע שכנים. דאַקעגן די שעפן האָבן געהאַלטן מיט די צעכן און מיט דעם פּשוטן עולם פון לובלין און האָבן געוואָלט פאַר יעדן פּרייז אַרויסטרייבן די יידן פון דער שטאָט. דעריבער האָבן זיי נאָכ- אַמאָל דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע צום אַסעסאָריאַל-געריכט אין וואַרשע, וועלכעס האָט דעם 28-טן סעפּטעמבער 1761 ווידער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דעם סטאַראָסטע פון לובלין, צו געבן דאָס „בראַכיום מיליטאַרע" צו פאַרטרייבן די יידן פון דער שטאָט [1]. דאָס מאָל איז דער באַפעל נישט געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר, און די יידן זענען טאַקע אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע געשעפטן און וווינונגען, פון זייערע גאַסן און פּלעצער, ווו זיי האָבן געוווינט לערך 100 יאָר, און זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן אין דער ענגער, שמוציקער און זומפּיקער יידן- שטאָט. נאָר אַ גאַנץ קליינער צאָל האָט זיך איינגעגעבן ווייטער צו פאַרבלייבן אין שטאָט, אָבער אויך זיי האָבן געלעבט ווי אויף אַ וווּלקאַן, וועלכער האָט געקאָנט יעדן אויגנבליק אויסברעכן.

אַ טייל רייכערע יידן האָבן זיך פאַר שווערע געלטער געדונגען אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט דירות אין פּריצישע הייזער און פּאַלאַצן, אַזוי, למשל, ביים פּירשט יאַבלאָנאָווסקי, אין הויז פון דעם וואָיעוואָדע פון בעלז, ביי די הערן רזשעוווסקי, פּאָטאָצקי, גאָלוכאָווסקי, לאַנצקאָראָנסקי, זאַמאָיסקי א. אַז. וו., ווי אויך אין די קלויסטער-הייזער פון די פּיאַריסטן און בערנאַרדינער. לויט אַ קאָנטראַקט מיט דער שטאָט פון יאָר 1770 האָבן זיי אַלע צוזאַמען געצאָלט 38 גילדן אַ חודש פאַרן רעכט צו האַנדלען [2].

די יידן, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין יידישן קוואַרטאַל, האָבן זיך נישט געקאָנט דאָ אַזוי לייכט צוגעוויינען צו די נייע, שלעכטע פאַרהעלטענישן און האָבן דעריבער אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, אום צו קאָנען זיך אומקערן אין שטאָט אַריין. נאָר אַזוי ווי די קריסט- לעכע סוחרים און צעכאָווע מייסטערס האָבן דערויף שטאַרק אַכטונג געגעבן, איז דאָס צוריקקערן פון די יידן אין שטאָט פאַרלויפיק געווען אוממעגלעך. האָבן זיך די יידן געמוזט באַגנוגענען דערמיט, וואָס זיי

1) דאָרט כתב-יד 344, 2. בראַכיום מיליטאַרע — מיליטערישע הילף.

2) דאָרט כתב-יד 107 קאָנטראַקט פון 1-טן אַפּריל 1770 וועגן 31 הייזער.

טאַוול 19.



26—27. א לעפל פון דער חברה קדישא אין לובלין, וואָס ווערט
פון דעם פּרנס הקהילה ר׳ חיים, אין דעם יאָר 1707. אויף דעם

באנוצט ביי דער טהרה (פאטאגראפירט פון ביידע זייטן), א נדבה לעפל א פאסיקע אויפשריפט: וזרקתי עליכם מים טהורים וכו׳.

28. דער לובלינער חזן „ר׳ יחיאל מיכל בן ר׳ נתן ממדינת רוסיא״. שפּעטער (1700) חזן אין אַמסטערדאַם (יידיש מוזעאום אין ווין).

29. ר׳ שלמה-לייב ראַפּאָפּאָרט (שי״ר), רב אין טאַרנאָפּאָל און שפּעטער אין פּראָג (יידיש מוזעאום אין ווין).

האָבן זיך אויסגעלייגט מיט זייערע סחורות לעבן און אַרום דעם שטאָט־טויער און פון דאָרט פון צייט צו צייט געקאָנט זיך אַריינכאַפּן אין שטאָט־אַריין, כּדי צו פאַרקויפן זייערע סחורות אין הויז פון אַ באַפריינדעטן ראַטמאַן, אָדער אין פּאַלאַץ פון אַ באַקאַנטן פּריץ.

* *
*

דערווייל האָבן זיך איבער דעם האָריזאָנט פון דער פּוילישער מלוכה ווידער פאַרצויגן שווערע וואָלקנס. שוין אין יאָר 1772 איז פאָרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון דער דאָזיקער אַמאָל אַזוי מעכטיקער מלוכה, אין דער דרום־זייט פון דער לובלינער וואָיעוודשאַפט איז אויפגעשטעלט געוואָרן די עסטרייכישע גרענעץ.

די דאָזיקע שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע — נאָך וועלכער עס האָבן געזאָלט קומען נאָך ערגערע — האָט געברענגט אַ טייל פון די הערשנדע קלאַסן צו אַ ישוב־הדעת, און יעצט האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צוריק אויפצושטעלן אין דער מלוכה די אָרדנונג און צו פאַר־היילן די ווונדן פון דער לאַנג־יעריקער אַנאַרכיע. צווישן אַנדערע זאַכן האָט מען אויך געטראַכט וועגן דעם אויפהויבן דעם צושטאַנד פון די שטעט, און מען האָט געשאַפן אין וואַרשע „די קאָמיסיע פון גוטער אָרדנונג" (באָני אָרדיניס), וועלכע האָט זיך געזאָלט באַשעפטיקן מיטן ווידער געזונט־מאַכן די פאַרהעלטענישן אין שטאָטישן לעבן. פאַר דער דאָזיקער קאָמיסיע איז אויך געקומען דער אַלטער לובלינער סיכסוך וועגן האַנדל, און עס זענען ווידער אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע די דעלעגאַטן פון די לובלינער בירגער און פון דער לובלינער יידישער קהילה און זיך באַמיט דורך די אַלטע אויספּרובירטע מיטלען, ד. ה., געלט און גוטע ווערטער, פּראָטעקציע און השתּדלות פון גרויסע לייט דורכצופירן זייער רעכט. דערווייל אָבער האָט זיך דער יידישער האַנדל געהויבן און איז געפאַלן אָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער קאָניונקטור און אויך פון דער שטימונג פון דער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט. אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט האָט מען אויך אין לובלין אַמאָל געלאָזט דעם יידישן סוחר זיך רויק באַשעפטיקן מיט זיין האַנדל, און אַמאָל ווידער האָט מען זיך געכאַפּט און אים ווידער פאַרבאָטן אינגאַנצן יעדע

האַנדלס-טעטיקייט און אים אַליין אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט.

זייער שטאַרק האָט אויפגעפלאַקערט דער יידן-האַס אין יאָר 1780. דער „פשוטער מענטש" איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלע קעניגלעכע דעקרעטן בלייבן נאָר אויפן פּאַפּיר און האָט באַשלאָסן זיך דאָס מאָל שוין אַליין צו העלפן.

דריי פּערזאָן — אַ טריומוויראַט — זענען אויסגעוויילט געוואָרן, און זיי איז איבערגעגעבן געוואָרן די זאַך אויסצופירן. דער געוועזענער שטאָט-פּרעזידענט סטעפּאַנאָווסקי און די ברידער מאַקאַרעוויטש האָבן באַקומען דעם הויכן אַמט, און זיי האָט צוגעהאָלפן מיט אַלע כוחות דער ראש פון דער קויפמענישער פאַראייניקונג, דער פריץ הייסלער. די יידן, וואָס אין דער שפּיץ פון זיי זענען געשטאַנען די ראשי-הקהל ר׳ מענדל און ר׳ לייב, די זין פון ר׳ דוד, ר׳ שלמה בן ר׳ ברוך און ר׳ אברהם בן ר׳ מאיר האָבן זיך געפונען אין אַ זייער שווערער לאַגע, דען די קעגנער האָבן דאָס מאָל נישט געוואַרט אויף דעם פּסק דין פון דער קאָמיסיע אין וואַרשע, נאָר האָבן פאַרמאַכט מיט הילף פון מיליטער די יידישע געשעפטן און קאָנפיסקירט די סחורות, פאַרטריבן די יידישע סוחרים פון דער שטאָט און האָבן זאָגאַר אַריינגעדרונגען אין יידישן קוואַרטאַל, כדי דאָרט צו פאַרטיליקן דעם יידישן האַנדל. אַזוי, צ. ב., איז צווישן אַנדערע קאָנפיסקירט און אַוועקגעפירט געוואָרן די סחורה ביי דעם פון אַפּט אָנגעקומענעם סוחר ר׳ פּנחס בן ר׳ מענדעל אין לייזער ר׳ אַבישס שענק [1].

די דאָזיקע מעשים פון טריומוויראַט האָט אויפגעבראַכט קעגן אים דעם סטאַראָסטע פון לובלין (און קאַשטעלאַן פון קראָקע), דעם פירשט לובאָמירסקי, ווי אויך דעם געהילף-סטאַראָסטע סוכאָדאָלסקי. דער פירשט לובאָמירסקי האָט זיך געווענדט אין אַ שאַרפן בריוו (אָפּאָלע, דעם 1-טן אַפּריל 1781) צום גענעראַל-פּראָקוראָר פון דעם פּיאַריסטן-אָרדן אין פּוילן פּאַטער אַרצישעווסקי מיט אַ ביטע אָפּצושטעלן די דאָזיקע מעשים און צו מאַכן אַ סוף צו די רויבערייען. נאָך דעם דאָזיקן בריוו האָט דער אונטער-סטאַראָסטע סוכאָדאָלסקי — וועלכער האָט ביז אַהער געפּלעגט צו געבן דעם מאַגיסטראַט מיליטערישע הילף — פון יעצט אָן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון [2]. אויך דער פּרעזידענט פון דער

1) דאָרט כתב-יד 116.

2) דאָרט כתב-יד 5, 117.

שטאָט לובלין, קוראָווסקי, האָט איינגעזען, אַז די יידישע רויבערייען האָבן זיך צו־פיל פאַרשטאַרקט און האָט פאַרלאַנגט פון דעם קאָמענדאַנט פונם שלאָס־גאַרניזאָן מיליטערישע הילף איינצושטילן די אומרוען. ער האָט געלאָזט אויסרופן אין שטאָט, אַז ביז צום אָפּשליסן די נייע האַנדלס־קאָנטראַקטן איז די יידן ערלויבט דער פרייער האַנדל אין פאַרלויף פון זעקס וואָכן. די דאָזיקע פאַראָרדנונג האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פון אויפרעגונג קעגן קוראָווסקין און זיינע מיטהעלפער (פיענאָנזשעק און יעלענסקי). „קוראָווסקי איז אונטערגעקויפט דורך די יידן", האָט מען געשריגן אין אַלע גאַסן, „ער איז דורך די יידן פאַרשקלאַפט", און באַלד ווערט צונויפגערופן אַ קאָנסולטאַ (באַראַטונג) פון די אָנגעזעענסטע בירגער, ראַטמענער, שעפן און צעכאָווע מייסטערס, וועלכע טראָגן־אַרויס אַ פּראָטעסט קעגן דעם שטאָט־פּרעזידענט און פאַראורטיילן אים צו באַצאָלן 5 דוקאַטן שטראָף [1].

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז אין וואַרשע געזעסן דער פאָר־שטייער פון דער קויפמאַנשאַפט אין לובלין, ביאַלאָבזשעסקי, און דאָרט זיך באַראָטן מיט די בעסטע אַדוואָקאַטן און געזוכט פּראָטעקציע. ער האָט געהאַט מיט זיך אַלע פּריווילעגיעס פון דער קויפמאַנשאַפט, און אויסער דעם האָט ער זיך אָנגעפרעגט ביים מאַגיסטראַט אין פּויזן, ווי עס זעט דאָרט אויס מיט די דאָרטיקע יידן. די לובלינער יידן זענען געווען פאַרטרעטן דורך ביאַלאָבזשעסקי דעם יינגערן, און אים איז געלונגען צו געווינען פאַר זיך איינעם פון די געריכטס־אַסעסאָרן (דזשעוויעצקי), ווי אויך דעם לובלינער סטאַראָסטע. דער ענין איז פון איין זיצונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ צווייטע. דערווייל האָבןביידע צדדים אויסגעגעבן גרויסע סומעס אויף אַדוואָקאַטן, קאָנפערענצן, רייזעס, דיעטן א. אַז. וו., און האָבן אַזוי־אַרום רויִנירט די פינאַנסן פון דער שטאָט און פון דער יידישער קהלה [2].

די קאָמיסיע „באָני אָרדיניס" האָט נישט געקאָנט דעם סיכסוך פאַרענדיקן, און ערשט ווען עסטרייך האָט נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פוילן פאַרנומען דעם דאָזיקן לאַנד־שטח, זענען די יידן, — אַזוי ווי

1) דאָרט כתב־יד 116.

2) דאָרט כתב־יד 117 נ"ר 1. דאָס איז אַ טאָגבוך פון דער דעלעגאַציע קיין וואַרשע פון די קריסטלעכע לובלינער סוחרים.

אין לעמבערג און קראָקע, – אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט און צוזאַמענגעקוועטשט געוואָרן אין דעם יידישן קוואַרטאַל און אין די פאָרשטעט [1]. נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן קנאַפּע 150 יאָר, האָבן די יידן געמוזט אָפּטרעטן און זיך צוריקציען אין דעם זומפּיקן און ענגן געטאָ, ווו זיי האָבן געלעבט אין פינצטערניש און אין שמוץ 70 יאָר. ערשט די רעפאָרמען פון גראַף וויעלאָפּאָלסקי (1862) האָבן צוריק געעפנט פאַר די יידן די פאַרריגלטע טויערן פון שטאָט און האָבן אַריינגעלאָזט אַביסל לופט און ליכט אין געטאָ אַריין. די יידן זענען ווידער אַריין קיין לובלין, זיך געדונגען געוועלבער און וווינונגען אין דער גראָדסקאַ גאַס און פון דאַנען זיך ביסלעכווייז אַריבערגעטראָגן אויפן רינג-פּלאַץ (רינעק). פון דאַנען האָבן זיי זיך שנעל פאַרשפּרייט אין מערב און אין דרום-מערב פון דער אַלטשטאָט. נאָר די עטלעכע מזרח-דיקע געסלעך (דער מזרח-טייל פון דער יעזויטן-גאַס. די דאָמיניקאַנער און קלויסטער-גאַס) אַרום די גוואַלדיקע קלויסטער-בנינים פון די יעזויטן (היינטיקע קאַטעדראַל-קירכע) און דאָמיניקאַנער זענען געבליבן ביי די קריסטן. דער איבעריקער פיל גרעסערער טייל פון דער אַלטשטאָט איז אויסשליסלעך באַוווינט פון יידן. די עטלעכע קריסטלעכע סוחרים האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דער אַלטשטאָט און זיך באַזעצט אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט, ווו עס האָט זיך אַנטוויקלט דער צענטער פון דעם נייעם לובלין און ווו עס געפונען זיך אַלע מלוכה-געביידעס און האָטעלן. דער ייד איז געבליבן אין דער שמוציקער און אומגעזונטער יידן-שטאָט און אין דער טונקעלער אַלטשטאָט, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט אַזוי מוטיק אין פאַרלויף פון צוויי הונדערט יאָר.

---

1) באַלאַבאַן: Dzieje Żydów w Galicji, זייטל 23

.III

צו דער געשיכטע פון יידישע דרוקערייען אין פוילן.

1. די עלטסטע יידישע דרוקעריי אין קראָקע

די בעסטע ידיעות וועגן יידישע דרוקערייען בכלל און אין פּוילן בפרט געפינען מיר אין די אַלטע ביבליאָטעק־קאַטאַלאָגן פון ר׳ דוד אָפּענהיימער, קריסטיאַן וואָלף, שבתי באַס, דע ראָססי, און באַזונדערס ביי רמש״ש (ר׳ משה שטיינשניידער) בן־יעקב (אוצר־הספרים) און לעצטנס ביי פרידבערג (בית עקד־ספרים אות א, אַנטווערפּן תרפ״ח). פרידבערגס געשיכטע פון די קראָקעווער דרוקערייען (הדפוס העברי בקראקא – קראָקע 1900) שטיצט זיך אויף די קאַטאַלאָגן, ברענגט אָבער נישט קיין סך נייעס. דאָס אינטערעסאַנטע איז, אַז די ערשטע יידישע דרוקערס אין קראָקע האָבן זיך געשמדט און האָבן געמאַכט אין יידישן לעבן אַן אומגעהויערן רושם. וועגן דער שמד האָבן געהערט פאַרשידענע חוקרי קדמוניות, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען. אויך איז זיי געווען אומבאַוווּסט, וואָס איז מיט די משומדים און מיט זייערע ספרים געשען. אויף דעם גרונט פון אַרכיווישע פאָרשונגען [1] איז מיר געלונגען די זאַך

---

1) דאָס ערשטע מאָל האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן די ברידער העליץ און זייער שמד אין Nowy Dziennik, קראָקע 1919, נ״ר 129 און שפּעטער איבערגעדרוקט אין מיין בוך Z historji Żydów w Polsce. Szkice i studja וואַרשע 1920, זייטן 66–71 און אויך יידיש אין אַלמאַנאַך צום 10־יעריקן יובילעום פון „מאָמענט״ זייטן 189–194. עטלעכע אַרכיוואַלישע נאָטיצן האָט געגעבן פּראָפעסאָר פּטאַסניק אין זיין בוך Monumenta Poloniae Typographica saeculi XV et XVI לעמבערג 1922 און עטלעכע אינטערעסאַנטע דאָקומענטן צו דער זאַך האָט ער אָפּגעדרוקט אין Kwartalnik Historyczny, 1924, זייטן 85–91. אַלע די דאָקומענטן און אַסך אַנדערע האָב איך אָפּגעדרוקט אין מיין דייטשער אַרבעט יועגן יידישע דרוקערייען אין פּוילן אין דעם III באַנד פון די „Sonzino-Blätter” 1929 זייטן 1–50. דאָרט זענען אויך אָנגעגעבן בפירוש אַלע מקורות, וואָס איך האָב מיך מיט זיי באַנוצט.

אויסצופאָרשן, און אָט וויל איך דאָ דערציילן באריכות ווי די מעשה איז געשען. מעשה שהיה כך היה.

* *

*

דאָס ערשטע יידישע ספר, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פוילן, איז דאָס ספר: שערי דורא און געדרוקט האָבן עס אין קראָקע אין דעם יאָר רצ״ד (1534) דריי ברידער: שמואל, אשר און אליקום בני ר׳ חיים העליץ [1]. וועגן ר׳ חיים העליץ ווייסן מיר גאָרנישט, אַחוץ דעם, אַז ער שטאַמט פון דער שטאָט האַליטש (העליץ) (דרום־מזרח פון לעמבערג). ווייל זיינע זין רופן זיך לויט דעם נאָמען פון דער דאָזיקער שטאָט: האַליטש, האַליץ, העליץ, העליטש און אין די מלוכה־אַקטן הייסן זיי: Fratres Halicienses, Natione de Halic, Judacei Halicienses. דאָס דערמאָנטע ספר: שערים או שערי דורא, הלכות איסר והיתר (שטיינשניידער ק״ב [2]) נ״ר 5341, וואָלף I נ״ר 1184) האָבן זיי פאַרענדיקט כ״ח אייר רצ״ד (13 מאַי 1534).

דאָס צווייטע ספר, וואָס די דריי ברידער האָבן געדרוקט – נאָר אָן אַ פרט – איז דאָס באַוווסטע: ספר ר׳ אַנשל או מרכבת המשנה. וואָס אַנטהאַלט טייטשווערטער צו דער תורה און האָט געדינט פאַר אַ לערן־בוך פאַר אַלע חומש־מלמדים אין פוילן [3]. ווייל די דריי ברידער האָבן געפירט בשותפות די דרוק נאָר ביז צו דעם יאָר 1536, דערפאַר מוזן מיר אָננעמען, אַז דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרן אין די יאָרן 1534–1536. שוין דעם יאָר 1536 וווינט איין ברודער – שמואל – אין עלס (שלעזיען) און דאָרט דרוקט ער צוזאַמען מיט זיין שוואָגער

---

1) שערים או או שערי דורא, הלכות איסר והיתר, זע: שטיינשניידער קאַטאַלאָגוס באָדלעיאַנאַ נ״ר 5341.

2) קאַטאַלאָגוס באָדלעיאַנאַ.

3) וועגן דעם „ספר ר׳ אַנשל או מרכבת המשנה״ זע עריק: די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, זייט 209 און פאָלגנדע. זע אויך: Staerk-Leitzman Die jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen. Frankfurt a/M 1923, seite 61–65.

אליעזר בן שלמה דעם באַוווסטן סידור: תפילות מכל השנה (אוצר הספרים ע׳ 661 מספר 753). שמואל העליץ איז נישט געווען דער גרינדער פון דער דרוקעריי, וואָרום מיר ווערן געוווּיר פון וויכטיקע קוועלן, אַז אַ יאָר פריער האָט די גאַנצע שטאָט עלס שטאַרק געליטן פון אַ שרעקלעכן שטורמווינט און דעמאָלט איז די יידישע דרוקעריי אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. די שריפט איז צעוואָרפן געוואָרן און די ווייסע בויגן פאַפיר האָבן פאַרדעקט די גאַסן אין דער גאַנצער שטאָט. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט שמואל האַליץ נאָך דעם חורבן מיט זיין געלט געהאָלפן דעם שוואָגער די דרוק אויפצושטעלן און דעם סידור צו פאַרענדיקן. אין דעם זעלבן יאָר הערט אָבער אויף די דרוקעריי צו אַרבעטן און ערשט אין 17 יאָר אַרום (1553) טרעפן מיר שמואלן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווו ער דרוקט דעם שערי דורא [1].

די צוויי אַנדערע ברידער אשר און אליקום זענען געבליבן אין קראָקע און האָבן דאָרט ווייטער געדרוקט פאַרשידענע ספרים, פון וועלכע נאָר דריי זענען ביז היינט געבליבן: די ערשטע צוויי טיילן פון די טורים [2], די פסוקים פון ר׳ שלום-שכנא [3] און אַ מחזור [4]. אינ-

1) די צווייטע אויסגאַבע פון דעם ספר שערי דורא איז דפוס ווענעציע 1547 (קאַטאַלאָג פון דעם בריטיש-מוזעום ז. 371). די דריטע אויסגאַבע איז קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1553 (קאַטאַלאָג באָדל. זייט 1105, וואָלף איז נישט מסכים צו דער דאַטע באַנד III זייט 560 נ״ר 1184).

2) די ביבליאָגראַפן זענען נישט אייניק וועגן דעם, וועלכער טור ס׳איז דעמאָלט געדרוקט געוואָרן. וואָלף (I 582) באַהויפּטעט, אַז אין יאָר 1539 איז געדרוקט געוואָרן אין קראָקע דער טור חושן משפט, דע ראָססי גייט נאָך וואָלפן, אָבער ר׳ שבתי באַס (שפתי ישנים מהדורה I ע׳ 26) און קאַטאַלאָג אָפּפּנהיימער (יאָר 1782 ז. 15) זאָגן, אַז טור יורה דעה איז געדרוקט געוואָרן בשנת ר״ל (1530) און חושן משפט בשנת רצ״ח (1538). רמש״ש קאָריגירט אַלע און בן-יעקב גייט נאָך רמש״ש (אוצר הספרים זייט 207 נ״ר 57–58).

3) קאַטאַלאָג פון בריטישן מוזעום, זייטל 695, דאָרט דאָס איינציקע עקזעמפּליאַר.

4) דער מחזור איז היינט אַ יקר המציאות, איין-איינציק עקזעמפּליאַר באַזיצט הער שאָקען ז״ל אין צוויקוי, מחזור (יוצרות) חלק שני, מיוצרות לשבת ראשונה של חנכה עד יוצרות ליום שני של שבועות עם פירוש קצר. ווי אַלע אַלטע ספרים האָט דער מחזור נישט קיין שער, אויף דעם לעצטן דף ע״ב זענען הינטן אָפּגעדרוקט די דאָזיקע צוויי שורות, מיט אַ גרייז: סליק תפלת היהודים אשר יקראו מגזור נדפס על יד יהנים העליץ בקראַקוי הבירה.

מיטן איז אָבער עפּעס געשען, וואָס האָט איבערגעריסן די רויקע אַרבעט פון דער דרוקעריי און געוואָרפן אַן אימה אויף אַלע יידן אין קראָקע:

חודש מערץ 1537 האָבן זיך די דריי ברידער האַליץ מיט זייערס אַ קוזין אָפּגעשמדט און במקום די דריי יידן אשר, אליקום און שמואל, זעען מיר די „ניי-קריסטן": אַנדזשיי, יאַן און פּאַוועל, מיט דעם געשמדטן קרוב אויך אַן אַנדזשיי, וואָס פירן ווייטער זייער העברעישע דרוקעריי און האַנדלען מיט ספרים, וואָס ס'ווערן געבראַכט פון פרעמדע לענדער [1].

וואָס איז געווען די סיבה פון דער שמד, לאָזט זיך אויפן סמך פון אונזערע מקורות נישט פעסטשטעלן. מיר זענען זיך משער, אַז די פאַרהעלטענישן פון יענער צייט האָבן זיי דערצו געטריבן, הגם זיי זענען נישט די איינציקע משומדים אין די יאָרן אין פוילן און אַפילו אין קראָקע.

ווי באַקאַנט איז געווען דעמאָלט די תקופה פון דער רעפאָר-מאַציע. אַ סך פּראָטעסטאַנטן און סתם „פרעמדגלויביקע" האָבן זיך אַרומגעדרייט אין קראָקע, דאָ האָט געלעבט און „געלערנט מיט דעם עולם" יאַן טשעציעסקי, אַ תלמיד פון דעם רעפאָרמאַטאָר עראַזמוס פון ראָטערדאַם און מיט אים דער באַוווסטער פּאָלי-טיקער אַנדזשעי פריטש מאָדזשעווסקי, דער יוריסט פּשילוסקי, דער דרוקער וואָיעוווּדקאָ און אַנדערע. אַקעגן די „בעלי-חידושים" איז אַרויס-געטרעטן מיט דעם גאַנצן ברען פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם דער קראָקעווער ביסקופּ פּיאָטר גאַמראַט און מיט פייער און שווערד האָט ער זיך באַמיט אַרויסצוטרייבן דעם נייעם שטן פון דער שטאָט און פון די מענטשלעכע הערצער. זיין גרים האָט נישט געהאַט קיין גרעניצן און אַזוי האָט ער געלאָזט אַן אַכציק-יעריקע אַלמנה קאַטאַרינאַ ווייגעל (די פרוי פון אַ באַוווסטן ראַטמאַן און עושר מעלכיאָר ווייגעל) פאַרמאַכן אין אַ קעלער, כדי זי צווינגען אָפּצושטיין פון איר „אַפּיקורסות". די אַלמנה האָט אָבער נישט געוואָלט תשובה טון און דער ביסקופּ האָט זיך נישט קיין סך מישב געווען און האָט

1) זע דעם דעקרעט פון זיגמונט I פון דעם 28 מערץ 1537 אָפּגעדרוקט אין מיין אַרטיקל אין די סאַנציגאָ-בלעטער III, זייט 36, נ"ר 1.

זי געלאָזט עפנטלעך אויף דעם קראָקעווער מאַרק פאַרברענען [1]. אויך קעגן יידן האָט זיך דער פייערדיקער בישאָף געווענדט, און געהאָלפן האָבן אים אין זיין פונצטערער אַרבעט אַ סך גרויסע פריצים און בראשם די שיינע אָבער געלט-גיריקע קעניגין באָנאַ (בונה המלכה). אין יענער צייט איז געווען אַ סיכסוך צווישן פוילן און דער טערקיי און מ׳האָט געוואָרפן אַ חשד אויף יידן, אַז זיי זענען מגייר פאַרשידענע קריסטן און שיקן זיי אַוועק אין דער טערקיי. באַלד האָט מען איינגעקערקערט די פרנסים פון קראָקע און זיי געפייניקט מיט ענויים קשים. אויך די פויזנער פרנסי הקהלה האָט מען פאַרמאַכט אין אַ קעלער און ביי זיי אויס-געפרעסט אַ סך געלט פאַר דעם באַפרייען [2].

אפשר זענען אויך די ברידער האַליץ געווען פאַרמישט אין דעם דאָזיקן פראָצעס און דאָס האָט זיי געצווונגען זיך צו שמדן, כדי אויס-צומיידן די טויט-שטראָף, און אפשר האָבן אַנדערע סיבות זיי געפירט צו דער שמד, יעדנפאַלס זעען מיר שוין פסח-צייט רצ״ז די משומדים, ווי זיי ראַנגלען זיך מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין קראָקע, וואָס וויל ביי זיי קיין ספרים נישט קויפן און וויל זיי די אַלטע חובות נישט צאָלן. די משומדים ווענדן זיך צום קעניג און זיגמונט I נעמט זיי אין שוץ (דעקרעט פון דעם 28-טן מערץ 1537) אַקעגן זייערע „פריערע גלויבנס-גענאָסן״. ער פאַרבּיט די יידן ערגיץ אַנדערש צו קויפן ספרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן ביי די ברידער האַליץ, גיט די ברידער אַ מאָנאָפּאָל אויף צו דרוקן און צו באַציען מחוץ לארץ העברעישע ספרים און פאַרבּיט אַלע אַנדערע יידן ביי אַ שטראָף פון 200 מאַרק לשון-קודשדיקע ספרים צו דרוקן אָדער צו באַציען [3].

דער קעניגלעכער באַפעל האָט נישט קיין סך געהאָלפן, יידן האָבן אויך ווייטער די ספרים ביי די משומדים נישט געקויפט און האָבן זייערע אַלטע חובות (וועקסל) נישט געצאָלט. די משומדים האָבן געהאַט אַ ביטער לעבן, די ספרים זענען געלעגן אין די מאַגאַזינען און קלאָגן

1) באַלאַבאַן: געשיכטע פון די יידן אין קראָקע, באַנד I, ז. 77.

2) הויפט-אַרכיוו אין וואַרשע, קעניגלעכע מאַטריקול אַקטן, באַנד 54, זייט 205. זע אויך ציוויער: יידישע בעקערונגס-פּערזוכע אום 16 יאָרהונדערט. פעסטשריפט צום 70 געבורטסטאָג פיליפזאָנס, זייט 96—113.

3) זע אויבן זייטל 186, אַנמערקונג 1.

האָבן די משומדים זייערע בעלי־חובות אויך נישט געקאָנט, הגם קיין שום ייד האָט נישט געוואָלט זיי עדות זאָגן און אָן יידישע עדות האָט קיין „גוי" נישט געקאָנט אין געריכט באַווייזן זיין רעכט. כּדי צו זייער געלט צו קומען האָבן די משומדים זיך צום צווייטן מאָל געווענדט צום קעניג און זיגמונט I האָט זיי ערלויבט (דעקרעט פון דעם 16־טן יוני 1537) בדרך יוצא מן הכּלל צו באַווייזן אין געריכט זייער רעכט נאָר מיט קריסטלעכע עדות [1]. אָבער אויך דער דאָזיקער קעניגלעכער באַפעל האָט נישט קיין סך געהאָלפן און באַלד איז די שותּפות צעפאַלן געוואָרן און נאָר איינער פון די ברידער: יאָהאַנעס (יאַן־אשר) האָט פּרובירט צו פאַרענדיקן די ספרים, וואָס זענען געווען אין מיטן אַרבעט. אַזוי איז דערשינען אין דעם יאָר 1538 דער טור אורח־חיים און אַ יאָר שפּעטער דער חלק יורה־דעה. אין די זעלבע יאָרן (נאָר אָן אַ פּרט) איז געדרוקט געוואָרן דער צווייטער טייל פון דעם מחזור, וואָס הייבט זיך אָן שבת־חנוכּה און ענדיקט מיט שבועות.

אָבער אויך דאָס האָט די משומדים נישט געהאָלפן און זיי האָבן געמוזט אַ טייל פון דער „כּשרער" סחורה פאַרזעצן ביי דעם גוישן מוכר־ספרים מאַרטין זיבענאייך. באַלד איז אָבער זיבענאייך געוווירע געוואָרן, אַז דאָס משכּון האָט גאָר קיין ווערט נישט און דאָס איז געשען ביי פאָלגנדער געלעגנהייט: אָט אַמאָל האָט זיבענאייך געשמועסט מיט אַ ייד פון באָכניאַ (שמעון) וועגן דעם ווערט און דעם קורס פון יאָאַכימסטאַלער און האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ער וואָלט גערן אַוועקגעגעבן די ספרים, וואָס ליגן ביי אים פאַר אַ משכּון, פאַר שלעכטע יאָאַכימסטאַלער, דאָ האָט שמעון אַ שמייכל געטון, און געזאָגט: „אַוודאי און אַוודאי האָט איר רעכט, הגם די אַלע ספרים האָבן גאָר קיין ווערט נישט, זיי טאָרן דאָך נישט קומען אין אַ יידיש הויז אַריין!" [2].

אַזוי זענען געשטאַנען די ברידער פאַר אַ באַנקראָט, און אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן זיי געגעבן דעם קעניג אַ פּלאַן, אַז ער זאָל צווינגען די יידישע קהלות אין קראָקע און פּויזן (פּאָזנאַן) זיי זאָלן

1) באַלאַבאַן: אין סאָנצינאָ־בלעטער III (בערלין 1929) זייט 41, נ"ר lll.

2) פּטאַסניק: Cracovia impressorum נ"ר 443.

ביי זיי אָפּקויפן האָרט דעם גאַנצן ספרים-לאַגער. ביסקופּ גאַמראַט האָט צו דעם געגעבן זיין הסכמה און דער קעניג האָט דעם 31 דעצעמבער 1539 באַפוילן די צוויי דערמאָנטע קהלות סומאַריש אָפּצוקויפן אַלע ספרים און גלייכצייטיק באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויפנעמען אַן אינווענטור פון דעם ספרים-סקלאַד און אויך אָפּשאַצן וויפל די ספרים זענען ווערט. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין, אַחוץ גאַמראַטן דער ביסקופּ פון כעלם בראַניצקי, דער קעניגלעכער מאַרשאַל ביסקופּ מאַטשעיאָווסקי, דער קאַסטעלאַן פון בייטש (Biecz) סעווערין באָנער און דער באַוווּסטער וואָיעוואָדע פון קראָקע פּיאָטר קמיטאַ. די קאָמיסיע האָט געלאָזט דורך פאַכמענער אויפנעמען דעם אינווענטור און זי האָט געפונען אין סקלאַד פאָלגנדע ספרים: 800 מחזורים, 850 סליחות, 500 טורים, 400 יוצרות, 300 מנהגים, 200 זמירות גרויס פאָרמאַט און 300 זמירות קליין פאָרמאַט.

אָט האָבן מיר דאָ די עלטסטע רשימה פון אַ יידישער בוכ-האַנדלונג און דרוקעריי אין פוילן און אפשר אין גאַנץ אייראָפּע.

ס׳איז שווער פעסטצושטעלן, צי די אַלע ספרים זענען געדרוקט אין דער אייגענער דרוקעריי, צי האָט מען זיי באַצויגן מחוץ לארץ, פון פּראָג און איטאַליען. נאָר פון דריי דרוקן קענען מיר מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז זענען געדרוקט געוואָרן פון די ברידער העליץ, איך מיין דאָ דעם טורים, דאָס מחזור און דעם עלסער סידור. די איבריקע שטאַמען פון פּראָג: סליחות שנת רפ״ט (1529) און רצ״ה (1535), יוצרות רפ״ד אָדער רפ״ו. דעם מקום הדפוס פון די מנהגים און זמירות איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן [1].

אַלע 3350 ספרים האָט די קאָמיסיע אָפּגעשאַצט אויף 1600 פּוילישע גילדן און פּאַר דעם געלט האָבן די קהלות אין קראָקע און פּויזן זיי געלאָזט אָפּקויפן. די פּרנסים פון די קהלות האָבן אָבער נישט געוואָלט באַצאָלן אַזוי פיל געלט — הגם זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיינער וועט סיי-ווי-סיי נישט וועלן זיי נוצן, ווי זיי האָבן אָבער געזען, אַז ס׳איז נישט דאָ קיין קאַטאָוועס, האָבן זיי געבעטן די פּריצים פון דער

1) ליבען: דער העברעישער בוכדרוק אין פּראָג אין 16 יאָרהונדערט, פּראָג 1927 (די יידן אין פּראָג זייט 88—106)

קאָמיסיע, מ׳זאָל אויך די לעמבערגער יידישע קהלה אַריינגעמען אין כלל אַריין. די קאָמיסאַרן האָבן מסכים געווען צו דעם פּלאַן און אַלע דריי קהלות האָבן אין משך פון דריי יאָר אָפּגעצאָלט די 1600 זלאָטעס אויף דעם אופן, אַז אין די ערשטע צוויי יאָר האָבן זיי געצאָלט צו 400 זלאָטעס און אין דעם דריטן יאָר צו 133 גילדן און 10 גראָשן. ביי דער געלעגנהייט האָבן די קאָמיסאַרן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיין שום ייד זאָל זיך נישט דערוועגן צו דרוקן העברעישע ספרים, אָדער זיי צו באַציען מחוץ לארץ אָן דער דערלויבניש פון דעם בישאָף פון זיין שטאָט [1].

* *

*

מיט דעם דעקרעט ווערט אין די אַקטן פאַרענדיקט דער סיכסוך צווישן די משומדים און דער קראָקעווער קהלה. וועגן דעם ווייטערן גורל פון די ברידער ווערן מיר געוווּיר פון אַנדערע מקורות און בפרט פון די ספרים, וואָס זיי האָבן שפּעטער געדרוקט.

און אַזוי האָבן מיר שוין געהערט, אַז שמואל, פון וועלכן מיר ווייסן נישט בדיוק צי ער האָט זיך אויך געשמדט, איז אַוועק אין די מרחקים און אין דעם יאָר 1553 האָט ער זיך באַוויזן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ער האָט איבערגעדרוקט דעם שערי דורא. דער פרט, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אויף דעם ספר, – שוב״ה (313 – 1553) – איז אפשר אַ רמז צו דעם, וואָס דער מדפיס האָט זיך אומגעקערט צו זיין פריערן דת.

איינער פון די צוויי אַנדזשייס (אַנדרעאַס) האָט זיך אַלס איינבינדער באַזעצט אין ברעסלוי, ווו ער האָט דעם 29 יאַנואַר 1538 באַקומען דאָס בירגער-רעכט (פּראַוואָזשיטעלסטוואָ). אין דעם יאָר 1551 איז ער אָבער אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ער איז דאָ צוריק געוואָרן אַ ייד [2]. דער צווייטער אַנדרעאַס האָט באַקומען דאָס

1) הויפּט-אַרכיוו אין וואַרשע, קרוין-מעטריקע באַנד 59, דף 123–324.

2) דערנשוואַם האַנס 1495–1565: טאָגע-בוך איינער רייזע נאָך

בירגער־רעכט אין קראָקע און ער איז דאָ געוואָרן אַ גרויסער סוחר. ווי ס׳זעט אויס זענען די קריסטלעכע סוחרים נישט געווען איבעריק צופרידן מיט דעם נייעם קאָנקורענט און האָבן אים געשטערט אין זיין מסחר. דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט אָבער אין שוץ גענומען דעם „נייעם קריסט“ און האָט אים און זיין פרוי אַננאַ דערלויבט אין גאַנץ פוילן מיט כּלערליי סחורות צו האַנדלען „לויט וואָג און מאָס“ אָן שום שטערונג מצד די קריסטלעכע סוחרים (יאָר 1557 [1]). און אַנדרעאַס האָט אויף אַ גרויסן שטייגער געהאַנדלט און זיינע געשעפטן זענען געגאַנגען ביז קיין לעמבערג, ווו ער האָט געהאַט אַ סיכסוך מיט דעם רייכן ייד לעאָ (ליב) פון בעמען. בשעת דער פּראָצעס איז אָבער אונזער משומד געשטאָרבן און זיין ווייב אַננאַ האָט באַקומען אין דעם יאָר 1565 דעם קעניגלעכן פּריווילעג מיט וועלכן דער מלך האָט איר צוגעפּסקנט 105 גילדן. דאָס יידישע געריכט האָט אָבער נישט געוואָלט דורכפירן די עקזעקוציע און אַננאַ האָט זיך געמוזט ווענדן צום קעניג מיט אַ קלאַגע אויף די יידישע ריכטער און דעם קריסטלעכן פּאָרזיצער יאַן זיידליץ [2].

*

*

דער צווייטער ברודער, יאַן (יאָהאַנעס), וואָס האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין שמד פאַרענדיקט די שני טורים און דעם מחזור, האָט באַלד אַוועקגעוואָרפן די יידישע אַרבעט און זיך גענומען צו קריסטלעכע דרוקן. די רשימה פון זיינע קריסטלעך־לאַטיינישע דרוקן איז גענוג גרויס, ווי ס׳ווייזן אָבער די יאָרן אויף די געדרוקטע ביכער, האָט ער פאַרמאַכט זיין דרוקעריי שוין אין דעם יאָר 1540. אונזערע ביבליאָגראַפן באַהויפּטן צוואַר, אַז יאַן האָט אויך שפּעטער געדרוקט העברעישע ספרים, זייער סברא איז אָבער נישט ריכטיק.

קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קליינאַזיען, דערציילט, אַז אין דעם יאָר 1552 איז אַראָפּגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון ברעסלוי אַ געשמדטער ייד אַן איינבינדער מיט צוויי זיין און האָט זיך דאָ מגייר געווען. איז דאָס אפשר אַנדרעאַס העליץ?

1) סאָנצינאָ־בלעטער III זייט 44.

2) מלוכה־ארכיוו אין לעמבערג: לעמבערגער שלאָס־אַקטן באַנד 333 זייט 389.

ווייל די דאָזיקע ספרים, וואָס זיי רעכנען אויס [למשל: מלחמת החכמה עם העושר [1], קראקע ש"ו, פסקים פון ר' שלום שכנא, קראָקע ש' 1540 [2]), משניות, קראָקע ש"ב [3], ספר המבקש [4], ספר נפתלי אלהים [5] וכ"ו] האָבן אָבער גאָרנישט עקזיסטירט, אָדער זענען געדרוקט אין אַנדערע ערטער און אין אַנדערע יאָרן [6].

דער דריטער ברודער פּוליוס האַליץ (פּאַוועל) ווערט נאָך זיין שמד אַ מיסיאָנער. ער פאָרט אַרום אין פּויזנער קאַנט און ברענגט יידישע קינדער צו דער שמד. אַזוי האָט ער אין דעם יאָר 1537 אין פּויזן צוגעפירט צו דער שמד 14 יינגלעך און מיידלעך. דער ביסקופּ פון פּויזן האָט זיי אַליין אָפּגעשמדט און דער וואָיעוואָדע גורקאַ האָט אַיעדן פון זיי געשענקט צו צען גילדן. כּדי זיין מיסיאָנער־אַרבעט לייכטער אויסצופירן, האָט פּוליוס באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם

1) מלחמת החכמה עם העושר מהרב יהודה ב"ר יצחק ב"ר שבתי הלוי, וכוח בין החכמה והעושר במשלים ותרוזות ונקרא גם בן מלך רב. די אויסגאַבע קען נאָר בן־יעקב [אוצר הספרים זייט 333 נ"ר 1324]. באמת איז עס נאָר אַ טעות, וואָס עס איז אַנטשטאַנען, ווייל מ'האָט צוגעשלעפּט אַ דאַטום פון אַ פרעמד ספר [זע: סאָנצינאָ III זייט 32 נ"ר 34].

2) דער איינציקער באַקאַנטער עקזעמפּלאַר איז פאַראַנען אין בריטיש מוזעאום (קאַטאַלאָג זייט 695): פּסקים שחבר... ר' שכנא בענין קדושין מוצא לאור ע"י ר' משה בן הרופא שמואל לועזי. וועגן דעם דאָזיקן איטאַליענישן דאָקטאָר שמואל בר משולם אין קראָקע זע: באַלאַבאַן: געשיכטע פון די יידן אין קראָקע באַנד I צווייטע אויפלאַגע (קראָקע 1929) זייט 141.

3) נאָר בן־יעקב ברענגט די אויסגאַבע משניות, רמש"ש, און אַנדערע ווייסן פון איר נישט.

4) פרידבערג [הדפוס העברי בקראקע זייט 6] ציטירט דעם ספר המבקש און פאַררופט זיך אויף גרעץ־שפּ"ר [באַנד VII זייט 337], שפּ"ר פאַררופט זיך אויף צשאַצקי און דער ווידער אויף באַרטאָלאָצצי און קיינער פון זיי האָט דאָס ספר נישט געזען.

5) נפתלי אלהים, באור עניני קבלה בס' רבנו בחיי עה"ת, קראקע ש"ו [אוצר הספרים זייט 401 נ"ר 256]. די אויסגאַבע איז אויך נישט פאַראַנען, הגם די קראָקעווער אויסגאַבע שטאַמט פו ד'עם יאָר 1591 (שנ"א). דעם פעלער האָט שוין מתקן געווען רמש"ש (ק"ב נ"ר 6620).

6) אין די יאָרן 1539—1540 האָט יאָהאַנעס העליץ געדרוקט אַסך קריסטלעך־לאַטיינישע ביכער, וואָס איך האָב אויסגערעכנט אין סאָנצינאָ־בלעטער III זייט 6. אויסער־דעם דרוקט ער אין יאָר 1558 אַ העבר. גראַמאַטיק פון סטאַנקאַר.


מסכת תמורה

יוסף בן א"מ החסיד מהר"ר יעקב זצ"ל

אשר ידיו פרושות לחלות ולחנן פני יושבי השערה: להחזיק ידו לקיים את ספר התורה:

(כה דברי הקטן יוסף)

30. דאָס שערבלאַט פון דער גמרא מסכת תמורה. געדרוקט אין לובלין אין דעם יאָר 1639.

לפריקים׃ איש ברעהו יעושו ולא נזק ׃ והחיות רצוא ושוב

כמראה הבזק ׃ צנים במשמרת׃ צוהר ואשמורת׃ צלצולם

זמירות׃ צהל קול יריעו הולך וחזק׃ והחיות חשמלי

מרבבה׃ חששם לא כבה׃ חשים בלי עיבובה׃ חרדים

ומזיעים בצוק מים יזק׃ והחיות קפציאה שר׃ קולות

יבשר׃ קשת לא יחסר׃ קרב להסתכל ירא פן יתנזק׃

והחיות המוני לגיון׃ קובעים הגיון׃ טובלים ברגיון׃

נוגנים כהקדש גן נעול ומעזק׃ והחיות והחיות ישוררו זולת

יפה

וכרה כרדה לגיא פתרוסים׃ יהיר חסר לב

הכביר עול בשינוסים׃ צווחה וקבלה

למעתיק פלוסים׃ פקד לה סרסור להוציאה בנסים ׃

הקשה עקלתון לשלח עמוסה׃ הטיה דברים במוטל

בעריסה׃ ופץ מים לה ציל ארוסה׃ ובספר דתותיי אין

שמו בטבוסה ׃ והשיבו שליש בשם דר מעונים׃

התיצב והכין לך מול גנת אבנים׃ דסו צפרדעים וערוב

עדים נבונים׃ וחילים קטנים׃ המלבנים בגים ׃ : דבר

והשלים מכות עשרה׃ והוציאה בתפים מאפילה לאורה

׃ והפה עויינה מכה בעורה׃ והנחילה קדומה אלפים

סתורה ׃ הושיבה בסבה בארץ מדברים׃ והכניסה

לחפה בחדרי חדרים׃ וענת עץ עבות ופרי עץ הדרים׃

וערבי נחלים ובפות תמרים ׃

סליק תפלת היהודים אשר יקראו מגזור נדפס על יד יהנים העליץ בקראקו הבירה

31. די לעצטע זייט פון דעם מחזור לכל השנה הלק ב. געדריקט פין דעם משומד יאָהאנוס העליץ אין קראָקע אַרום די יאָרן 1638, 1639, איין־איינציק עקזעמפּלאַר אין דער פּריוואַט־ביבליאָטעק פון ה. שאַקען אין צוויקוי (זאַקסן).

ב ר י ת ח ד ש ה אויף יידיש און האָט צו דעם צוועק באַקומען געלט פון דעם ביסקופ גאַמראַט און פון אַנדערע פריצים. דער אונטערנעמונגס-לוסטיקער משומד האָט זיך מיט קיין ליטעראַרישער אַרבעט זיין קאָפּ נישט צעבראָכן און האָט פשוט געלאָזט אויסזעצן ל ו ט ע ר ס ד י י ט ש ע ביבל מיט יידישע אותיות און נאָר גאָר זעלטן האָט ער די שווערע דייטשע ווערטער פאַרטרעטן מיט לשון-קודשע, כּדי דער פּראָסטער עולם זאָל זיך נישט דערקענען, אַז דאָס איז נישט קיין יידיש ספר.

אין דעם יאָר 1541 איז דאָס ספר געווען פאַרטיק און זי איז דערשינען מיט דעם טיטל:

דאָס נויי טעסטימענט, דאַס דאָ ווערט גינענט

עוואַנגעליום

דאָס אישט אויף דויטש וראָליכי באָטשפט, גלייך ווי אים עבּרייעשן

בשורה טובה

Gedrukt zu Krokou durch Paul Helic im Jar M.D.XXXX

אויפן לינקן טיטל-בלאַט געפינט זיך די מאָטאָ:

„אם ה׳ לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו״ (תהילים 127, I)

Si Dominus non aedificaverit domum, frusira laboraverunt aedificantes eam.

דערנאָך גייט די זעלבע ציטאַטע אויף גריכיש, דערנאָך דער הערב פון ביסקופ גאַמראַט, און אונטערן הערב נאָך אַ פּסוק פון תּהילים.

אַלס מוסטער פון דער שפראַך ברענגען מיר עטלעכע פסוקים פון אָנהויב:

ב שׂ ו ר ת מ ת י

דאַס אישט דאָש בוך בון (von) דער גיבוירט יעזוז קריסטי, דער דאַ איז איין זון דוד דעם זונס אַברהם. אברהם האָט גיבאָרן יצחק..... די געבורט קריסטי וואַר אבר אַלזוֹ גיטון: אַלס מרים, זייני מוטר דעם יוסף ורטרווען (vertraut) וואַר, אי זי מיט אייגאַנדער צו הויס זאַסן, ערפאָנד זיכס. דש זי שוואַנגער וואַר פון דעם הייליגין גייַסט״ 1).

1) די יידישע איבערזעצונג פון דעם ב ר י ת ח ד ש ה איז אייגנטלעך נאָר איבערגעשריבן ל ו ט ע ר ס דייטשער טעקסט מיט העברעישע אותיות (כּתב: ו ו י י ב ע ר-

דער יידישער „ברית חדשה" פון פּאַוועל האַליץ האָט אָבער לגמרי פאַרפעלט זיין צוועק. די יידן האָבן זיך כלל נישט געאײַלט קויפן דאָס דאָזיקע ווערק. דער אַרויסגעבער האָט אַלזאָ באַשלאָסן צו פאַרקויפן עס קאַטאָליקן, אָבער וועלכער קאַטאָליק וועט קויפן אַ בוך, וואָס איז געדרוקט אויף העבּרעיש? דאָס שרעקט נישט אָפּ דעם דורכ־געטריבענעם משומד. ער נעמט זיך אונטער אויסצולערנען קריסטן די העבּרעישע אותיות און מאַנכע ווערטער, און ער גלויבט, אַז דאָס וועט שוין זיין גענוג, אויף דורכצולעזן אַזאַ וויכטיק ווערק. פּאַוועל איז מבטיח די קריסטן נאָך אַנדערע נוצן פון קענען דעם העבּרעישן אַלף־בית, דען זיי וועלן קאָנען קאָנטראָלירן די יידישע בריוו און האַנדלס־ביכער און דאַדורך זיך באַקענען מיט אַלע יידישע געשעפטן. צו דעם צוועק פאַרפאַסט פּאַוועל און גיט אַרויס אַן „עלעמענטאַר־אָדער לעזע־ביכלען", פון וועלכן יעדער קאָן, אָן הילף פון אַ לערער, אין אַ קורצער צייט זיך אויסלערנען „וויע דייטש ביכלען, מיססיווען (ביטעס), זענדבריעפע, שולדבריעפע מיט העבּרעאישען אָדער יודישען בוכ־שטאַבען געשריבען ווערדען"... דאָס דאָזיקע ביכל, פון וועלכן אַן אײנציקער עקזעמפּלאַר געפינט זיך אין ברעסלויער שטאָט־ביבליאָטעק, איז ערשינען דעם 21־טן יוני 1543 אין הונדעפעלד (פּויליש: „פּשיע פּאָליע"), אין שלעזיען 1); דאָרט אַלזאָ וווינט שוין פּאַוועל האַליץ, „צאַמאָליקער קראָקעווער דרוקער ניי־קריסט", און דאָ ווערן פאַרלוירן זיינע שפּורן. אפשר האָט ער צוריקגעקערט צום יידנטום? דען, אין יאָר 1548 לעזן מיר, אַז עמעצער קויפט אין ברעסלוי אַ הויז „אויף

טייטש) העליץ האָט אפילו נישט געענדערט די אָרדנונג פון די ווערטער, נישט זייער קלאַנג, נאָר האָט אײנס נאָך דעם צווייטן איבערגעשריבן יידיש. זיין אָרטאָגראַפיע איז נישט אײנהייטלעך און פעלערהאַפט. ווי ס'דוכט זיך מיר, איז דאָס ערשטע געדרוקטע בוך אויף יידיש אין פּוילן, הגם די ערשטע אויפלאַגע פון דעם ספר „אנשל" איז כמעט אָדער אינגאַנצן נישט פאַראַן

1) וועגן דעם ביכל זע נחום שטיפס אַרטיקל אין „פילאָלאָגישע שריפטן" פון דעם יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, באַנד III, ווילנע 1929 זייט 515—525. אין דעם יאָר 1929 האָט הער מאַקס זילבערבערג אין ברעסלוי אַרויסגעגעבן אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון דעם ביכל אין 100 עקזעמפּלאַרן.

דער שמיעדע בריקקע״, וועלכע האָט אַמאָל געהערט צו פּאַוועל האַליץ „דעם פערלויפענען יוד״ – דעם אַנטלאָפענעם ייד.

אין די יאָרן 1578—1593 לעבט און פירט אַ דרוקעריי אין פויזנאַ לוקאַש האַליטש, וואָרשיינלעך – פּאַוועלס זון און טויף-זון פון פויזנער וואָיעוואָדע לוקאַש גורקאָ [1].

2. ר׳ יצחק בן אהרן פּראָסטיץ פון איטאַליען

נאָך דער שמד פון די ברידער העליץ איז אַן ערך פון 30 יאָר נישט געווען קיין יידישע דרוק אין קראָקע. ערשט בשנת שכ״ט (1569) האָט אָפּגעדרוקט ר׳ יצחק בן אהרן פון פּראָסטיץ דעם פירוש למדרש רבה צו דער תורה און צו די חמש מגילות [2]. דער בעל-מגיה ביי די ספרים איז געווען ר׳ שמואל בן הקדוש ר׳ יצחק פיהם ז״ל, וואָס האָט פריער געאַרבעט אין די ווענעציאַנער דרוקן [3].

ווער איז געווען ר׳ יצחק דער דרוקער און פון וואַנען האָט ער געשטאַמט? אַלע היסטאָריקער און ביבליאָגראַפן זענען געווען אייניק, אַז ער וואַקסט פון פּראָסטיץ אין מעהרן, הגם ער האָט זיך אַזוי באַצייכנט אויף די שערים פון זיינע ספרים. די אַקטן פון די פוילישע אַרכיוון ווייזן אָבער, אַז ער איז געווען אַן איטאַליע-נישער ייד, וואָס האָט שוין לאַנג געוווינט אין קראָקע. אַזוי לייענען מיר אין אַרכיוו, אַז דעם 15-טן אָקטאָבער 1568 ערלויבט דער קעניג זיגמונט אויגוסט דעם איטאַליענישן ייד ר׳ יצחק בן אהרן אין קאַזימיר לעבן קראָקע און זיינע קינדער צו דרוקן ש״ס (תלמוד) און אַנדערע ספרים און אין דער צייט פון 50 יאָר פאַרקויפן אָן אַ שטערונג מצד פון אַנדערע יידן [4]. ר׳ יצחק האָט זיך באַלד גענומען צו דער

1) לויט נייע פאָרשונגען (Wojciechowska: Z dziejów książki w Poznaniu 1927) איז אַ דרוקער מיט דעם נאָמען נישט געווען אין פּאָזנאַן.

2) וואַכשטיין: מנחת שלמה, באַנד I נ״ר 684 און 684-a פירוש למדרש חמש מגלות רבה, פירוש למדרש הרבות מן התורה חברו הגאון מהר״ר נפתלי דמתקרי הירץ יצ״ו ריש מתיבתא בק״ק לעמבורג במדינת רוסיה.

3) שטיינשניידער – קאַססעל (ענציקלאָפּעדיע ערש און גרובער) יידישע טיפּאָגראַפיע זייט 54.

4) סאָנצינאָ-בלעטער III זייט 47 נ״ר IX.

אַרבעט און שוין אַסך בויגן אויסגעזעצט און אָפּגעדרוקט. ווען ס'האָבן זיך דערמאָנט די גלחים, „אַז דער תּלמוד האָט אין זיך אַסך באַליידי-קונגען קעגן דער קריסטלעכער אמונה" און האָבן געבעטן דעם קעניג, ער זאָל הייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. כּדי די זאַך צו פֿאַרשטיין מוזן מיר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אַקוראַט אין יענער צייט האָבן פֿון דעם קעניג פֿאַרלאַנגט עטלעכע משומדים, ער זאָל נישט דערלויבן העברעישע ספרים און בפֿרט דעם תּלמוד צו דרוקן. דער קעניג האָט אָבער נישט קיין סך געמאַכט פֿון דער מסירה און האָט דערלויבט עטלעכע יידן די גמרא (ש"ס) צו דרוקן און צו פֿאַרשפּרייטן 1). איצט אָבער, ווען די גלחים זענען אויפגעשטאַנען אַקעגן דעם דרוק פֿון דעם ש"ס, האָט זיך דער מלך באמת דערשראָקן און האָט דעם 2-טן נאָוועמבער 1569 באַפֿוילן דעם שלאָס-הויפּטמאַן פֿון קראָקע — מישקאָווסקי — אַלע אָפּגע-דרוקטע בויגן ביי ר' יצחק פּראָסטיץ צו קאָנפֿיסקירן און גענוי קאָנטראָ-לירן, אַז ס'זאָלן הינטן-אַרום קיין גאַנצע ספרים אָדער איינצלנע טיילן נישט פֿאַרקויפֿט ווערן 2). דער שלאָס-הויפּטמאַן האָט דעם באַפֿעל פֿון דעם קעניג פּינקטלעך אויסגעפֿירט און האָט קאָנפֿיסקירט און פֿאַרזיגלט נישט נאָר די ספרים און בויגן נאָר אויך אַלע אותיות און פּרעסן. ר' יצחק האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן און האָט אָנגע-הויבן צו זוכן פּראָטעקציע ביי די גרעסטע פּריצים, כּדי צוריקצובאַקומען זיין אייגנטום. נאָך אַ יאָר אַרומלויפֿן האָט ר' יצחק דעם 15-טן נאָוועמבער 1570 באַקומען פֿון דעם קעניג אַ דעקרעט אין וועלכן דער מלך באַפֿעלט דעם שלאָס-הויפּטמאַן „די ספרים, פּאַפּיר, אותיות און פּרעסן דעם איטאַליענישן ייד יצחק (Izak Włoch) אָפּצוגעבן, וואָרים דער קעניג האָט זיך איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער האָט אַפֿילו קיין קלער נישט דעם תּלמוד אָדער אַנדערע ביכער צו דרוקן, וואָס זענען שעדלעך פֿאַר דעם קריסטלעכן דת, און אַלע אַנדערע ספרים איז אים דערלויבט צו דרוקן!!" 3).

אַזוי האָט ר' יצחק צוריק אָנגעהויבן צו דרוקן פֿאַרשידענע

1) דאָרט נ"ר VIII

2) דאָרט נ"ר IX

3) דאָרט נ"ר V

ספרים, אַחוץ ש״ס, וואָס מ׳האָט אים געדרוקט אין קראָקע ערשט אין די יאָרן שס״ב–שס״ה [1]. געדרוקט האָבן דעם ש״ס ר׳ יצחקס דריי זין (אהרן, משה-יהושע און ישכר-בער, וואָס האָבן ביי זייער פאָטער געלערנט מלאכת הדפוס און האָבן נאָך זיין טויט (שנת שע״ג) ווייטער געפירט און שטאַרק אויסגעבויט דאָס געשעפט. אַלע דריי ברידער זענען אַליין געשטאַנען ביי דעם זאַץ-קאַסטן און אויסער דעם געהאַט צוויי פרעמדע זעצער: ר׳ יעקב בן מאיר פון העלישוי און ר׳ אהרן בן משה פון קרומענוי [2].

אין די צוואָנציקער יאָרן פון 17-טן יאָרהונדערט גייט דער דאָזיקער דרוקעריי שלעכט: אהרן מדפיס, דער שעף פון דער פירמע, פאַרזעצט אין יאָר 1622 ביי וואַלענטי לאָנצקי, קראָקעווער בירגער און רעסטאָראַטאָר, „צוויי תכשיטים, איינער פון דימענטן, דער צווייטער פון רובינען״, פאַר 1200 פוילישע גילדן און קאָן זיי נישט אויסקויפן. דער דלות איז אַזוי גרויס, אַז אהרן קאָן נישט באַצאָלן דעם פראָצענט, און לאָנצקי דראָט אים, אַז ער וועט פאַרקויפן די דאָזיקע איינציקע תכשיטים זיינע [3]. אין 1632 קלאָגט אָן אהרנען דער איינבינדער פושעק, אַן איידעם פונם פאַרשטאָרבענעם מאַרצין גיסער, דערפאַר וואָס „ער וויל נישט אָפּנעמען די מכשירים, וועלכע געהערן צום יידישן שריפט״, וואָס ער האָט ביי אים באַשטעלט פאַר 16 גילדן, און וויל אויך נישט אויסקויפן דעם משכון, מיט וועלכן ער האָט געזיכערט צו אָפּנעמען די אַרבעט [4]. אין דעם זעלבן יאָר מאָנט ביי אים דורכן געריכט דער קראָקעווער בירגער, סטאַניסלאַוו סאַטאַלאַ 40 פל., אַלס רעשט פון 90 פל., וועלכע ער האָט געבאָרגט אויף אַ „מעמבראַן״ (כתב התחייבות) [5]. די חובות האָבן דערדריקט אהרנען און זיינע ברידער, אַזוי אַז זיי האָבן געמוזט אין יאָר 1626 פאַרשליסן די דרוקעריי.

---

1) אוצר הספרים אויף זייט 592 נ״ר 653 בבלי און אויף זייט 611 נ״ר 655 ירושלמי.

2) שטיינשניידער—קאַססעל זייט 54.

3) לאַנדעס-ארכיוו אין קראָקע, וואָיעוואָדישע ביכער, באַנד I, זייטן 386, 1435 1746 און 2531.

4) דאָרט, זייט 873.

5) דאָרט. זייט 2137. (לשון קודש: ממרן)

ר׳ נחום מייזעלס

אין יאָר 1631 האָט געעפנט אין קראָקע אַ דרוקעריי ר׳ מנחם בן ר׳ משה שמשון, המכונה נחום מייזעלס. דאָס איז געווען אַ רייכער מענטש, וועלכער האָט די דרוקעריי איינגעאָרדנט אין זיין אייגענעם הויז אויף דעם קוזמיר און האָט אַנטוויקלט זייער אַ רירעווידיקע דרוקערישע טעטיקייט. אַ מענגע ספרים זענען יאָר־יערלעך אַרויס פון דער דאָזיקער דרוקעריי, און אין די קהלשע פנקסאות באַגעגענען מיר פיל קאָנטראַקטן מיט מחברים און אַרויסגעבער. אַזוי, למשל, מאַכט מיט אים אָפּ אין יאָר 1646 ר׳ צבי־הירש, דער זון פונם באַוווסטן רב ר׳ יוסף כ״ץ (דער „שארית יוסף״), צו דרוקן זיינע ווערק מיטן נאָמען „נחלת צבי״ און „עטרת צבי״, וועלכע באַדאַרפן זיין פונם זעלבן פאָרמאַט, אויפן זעלבן פּאַפּיר און מיט די זעלבע אותיות געדרוקט, ווי דער „בית חדש״ פון ר׳ יואל סירקעס. דער קאָנטראַקט איז אונטער־געשריבן אין חודש טבת, און דער ספר האָט באַדאַרפט זיין פאַרטיק אין חודש ניסן, ד. ה., אין משך פון 3—4 חדשים. דער מחבר צאָלט 10 פוילישע גילדן פאַרן דרוק און פּאַפּיר אין 1000 עקזעמפּלאַרן, און דעם דרוקער איז נישט ערלויבט צו דרוקן מער ווי 100 בויגן איבער 1000. דער דרוקער באַדאַרף צונעמען צוויי זעצער: איינעם זייער אַ גוטן און איינעם אַן ערגערן, און צוויי „פרעסנציער״. די באַצאָלונג איז איינגעטיילט געוואָרן אין עטלעכע ראַטעס, דערביי איז אויסגענומען געוואָרן, אַז אויפן רעכענונג באַדאַרף דער מחבר יעדע וואָך איינצאָלן אַזוי פיל, וויפיל עס נעמען די זעצער. ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז דער דרוקער האָט עמיצן פאַרקויפט אַן עקזעמפּלאַר פון די איבריקע 100 בויגן, איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם ספר און צוויי יאָר שפּעטער, מוז ער באַצאָלן 100 פוילישע גילדן שטראָף [1].

אין דעם זעלבן יאָר (23 אדר) פאַרפליכט זיך נחום מייזעלס אָפּצודרוקן פאַרן בוכהענדלער ר׳ נטע 6000 קליינע סידורים און נעמט פאַראויס דאָס געלט. ר׳ נטע פאַרפליכט זיך אַליין צו געבן פּאַפּיר גאַנצע 7 באַלן. אין דער זעלבער צייט פאַרפליכט זיך נחום אָפּצו־דרוקן 650 סליחות פאַר אַן אַנדער דרוקער. נחום מייזעלס האָט מורא

1) וועטשטיין: קדמוניות מפנקסאות ישנים № 11.

געהאַט פאַר קאָנקורענץ, און דערום יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנ־געגומען אַ זעצער, אָדער אַ לייגער, אָדער אַ מאַשיניסט (פּרעסנציער), האָט ער מיט אים אויסגענומען, אַז ווען ער וועט פון אים אַוועקגיין, טאָר ער ביי קיינעם נישט אין קראָקע, און אַפילו אויף אייגענער האַנט, נישט באַשעפטיקן זיך מיט דרוק־מלאכה. אַזאַ אָפּמאַך האָבן מיר מיט שלום גלאזער, וועלכער נעמט אָן אין יאָר 1647 ביי מייזעלסן אַרבעט אויף דריי יאָר. ער באַקומט אין ערשטן יאָר 30 פּוילישע גילדן, אין צווייטן — 40, און אין דריטן — 60 גילדן יערלעך, און אויסער דעם 5 גילדן אַ חודש אויף עסן. אין משך פון די דריי יאָר באַדאַרף ער אויסלערנען די מלאכה אַ יינגל, וועלכן דער פּרינציפּאַל וועט אים אָנווייזן. פאַרן לימוד וועט ער באַזונדערס באַקומען 10 גילדן 1).

אַלע די באַוואָרעניש[ן] האָבן מייזעלס און אויך אַנדערע פּוילישע דרוקערס נישט געהאָלפן, ווייל גרויס איז געווען די קאָנקורענץ פון אויסלענדישע דרוקערייען און סוחרים. פון איטאַליען און פון פּראָג האָבן פּוילישע מוכר־ספרימניקעס באַצויגן פאַרשידענע ספרים צו ביליקע פּרייזן און קעגן לאַנג־טערמיניקע קרעדיטן. שפּעטער איז צוגעקומען דפוס אַמסטערדאַם.

אַזוי לעזן מיר אין די אַקטן, אַז דער קעניג גיט דעם ייד ר׳ ברוך הלוי (בענעדיקטוס לעוויטאַ) דעם 10־טן אַפּריל 1566 אַ פּריווילעגיע צו ברענגען קיין פּוילן ספרים און דאָ זיי צו פאַרקויפן. אַז יעדערער, וואָס וועט ר׳ ברוכן שטערן אין זיין מסחר, אָדער אים טון דערווידער, וועט באַשטראָפט ווערן און זיינע ספרים וועלן אים ווערן קאָנפיסקירט 2).

אַן ענלעכע פּריווילעגיע האָט דער זעלבער מלך [זיגמונט אויגוסט] דעם 12־טן יולי 1566 געגעבן צוויי יידן אין קראָקע [דניאל און אהרן 3)] און צוויי אַפּטער יידן: לאַזאַר (אליעזר) און קלמן 4). די פיר יידן האָבן באַקומען דאָס רעכט אַריינצופירן ספרים קיין פּוילן און זיי דאָ צו פאַרקויפן. כדי די פּריווילעגיע זאָל נישט סותר זיין די פּריווילעגיע,

1) מרידבערג: בדפוס העברי בקראקא זייט 32—33.
2) סאָנצינאָ־בלעטער באַנד III נ״ר V.
3) דער ר׳ אהרן איז אודאי געווען דער פאָטער פון ר׳ יצחק פון פּראָסטיץ.
4) דער ר׳ קלמן איז אפשר אידענטיש מיט ר׳ קלונימוס יאָפפע דעם דרוקער אין לובלין.

וואָס ס׳איז געוואָרן געגעבן ר׳ ברוכן הלוי, האָט דער מלך אויסדריקלעך באַמערקט, אַז צווישן דיביידע פּריווילעגיעס איז נישטאָ קיין סתירה [1]. טראָץ דער אויסדריקלעכער באַמערקונג האָבן די קראָקעווער באַאַמטע געשטערט ר׳ ברוכן אין זיין האַנדל און ער האָט זיך געמוזט ווענדן צום קעניג ער זאָל נאָך איינמאָל אויסטייטשן זיין פּריווילעגיע. דער מלך האָט זיך מרחם געווען אויף ר׳ ברוכן און האָט נאָכאַמאָל (1569) באַשטעטיקט זיין פריערע פּריווילעגיע און דערלויבט אים צו ברענגען ספרים פון אויסלאַנד [2].

אַקעגן דער קאָנקורענץ פון די אויסלענדישע דרוקן האָבן זיך פּוילישע דרוקערס פאַרטיידיקט מיט אַלע כּוחות. זיי האָבן געזוכט מיטלען, כּדי דעם איינפיר פון פרעמדע דרוקן איינצושרענקען אָדער אינגאַנצן צו פאַרביטן. אַזאַ איינשרענקונג זעען מיר אין קראָקע אין דעם יאָר שנ״ד (1594) [3]. און אַ יאָר שפּעטער (שנת שנ״ה) פאַרביט דאָס קראָקעווער קהל צו ברענגען פון א י ט אַ ל י ע ספרים, וואָס זענען שוין געדרוקט געוואָרן אין קראָקע. די פּרנסים פון קראָקע ווילן אינגאַנצן פאַרביטן צו ברענגען ספרים פון איטאַליען און באַפעלן די קראָקעווער מדפּיסים, זיי זאָלן צו וויסן טון זייערע קאָלעגן אין איטאַליען וועגן איעדן ספר, וואָס מ׳האָט עס אָנגעהויבן צו דרוקן אין קראָקע [4]. אין דעם יאָר שס״ו (1606) פאַרביט דער ועד ארבע ארצות צו ברענגען קיין פּוילן ספרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין באַזעל (שווייץ) און אין מערישע דרוקערייען, „ווייל זיי זענען פול גרייזן״. באמת ווייסן מיר אָבער גוט, אַז די סיבה פון דעם איסור איז געלעגן גאַנץ ערגעץ אַנדערש [5]. אַלע די איסורים האָבן אָבער נישט געהאָלפן, ווייל די סוחרים האָבן נישט געפאָלגט און דער עולם האָט געזוכט שיינע און ביליקע סידורים, חומשים וכו׳. פון אַ קריסטלעכער קוועלע פון דעם יאָר 1636 ווערן מיר געוווירר, „אַז אין דעם הויז פון דעם

1) ס אָ נ צ י נ אָ . ב ל ע ט ע ר באַנד III נ״ר VII.

2) דאָרט נ״ר IX

3) ו ו ע ט ש ט י י ן: קדמוניות מפנקסאות ישנים זייט 17.

4) ב אַ ל אַ ב אַ ן: דער יידישער געמיינדע-סטאַטוט פון דעם יאָר 1595 (יאָר-בוך דער יידיש-ליטעראַרישן געזעלשאַפט אין פראַנקפורט א/מ 1913–1916 § 95.

5) קונטרס השמ״ע (קראָקע 1894) זייטל 4.

פריץ מיעטשיסלאַוו מאַראַנגאַני פאַרקויפט אַ ייד ספרים, וואָס ער באַציט זיי פון ווענעדיק 1). אין דעם יאָר 1645 האָבן געקויפט בשותפות עטלעכע קראָקעווער מוכר-ספרימניקעס ביי אַ יונגגמאַן פון וואָרמס [ברוך בנדט] 300 קליינע חומשים מיט הפטורות, 400 חומשים מיט הפטורות קוואַרטאַ, 123 קליינע חומשים מיט תרגום און הפטורות, 120 חומשים מיט תנ"ך. דער סוחר האָט אַ חלק סחורה געליפערט תיכף און דעם רעשט האָט ער זיך מתחייב געווען צו ליפערן אויף שבועות. די סחורה האָט געקאָסט 2250 פוילישע גילדן און אַ טייל פון דער סומע האָבן די קראָקעווער סוחרים געדעקט מיט ממרנות (וועקסל) פעליק „יריד יעראָסלב 1645" און דעם רעשט האָבן זיי זיך מתחייב געווען שפעטער צו דעקן. זיי האָבן זיך אָבער פאַרפליכט תיכף 400 פוילישע גילדן פאַר דער פראַכט צו באַצאָלן, ווייל די סחורה איז געגאַנגען פון דער ווייט: פון ווענעציע איבער די אַלפּן ביז קרעמס אויף דעם דאנוי און פון דאַנען איבער מערן, שלעזיען קיין קראָקע 2).

* *
*

שרעקלעך האָט געליטן די דרוקעריי ר' נחומס בשעת די שוועדן זענען אַריין אויף דעם קוזמיר און האָבן פון דאַנען געשטורעמט קראָקע. די פרעסן זענען צעבראָכן געוואָרן, די אותיות געגאָסן אויף בליי פאַר קוילן 3). אַסך יאָרן נאָך דעם אָפּמאַרש פון די שוועדן האָט ר' נחום נישט געקאָנט עפענען זיין דרוק און ערשט זיין איידעם: ר' יהודה ליב בן ר' שמחה בונם בן ר' אברהם מייזליש פון קראָקע 4) האָט נאָך דעם שווערס טויט (1659) זי געעפנט און געפירט אַן ערך ביז צום יאָר 1670. פון דער צייט איז אין קראָקע קיין דרוק נישט געווען און ערשט קעגן ענדע פון דעם XIX יאָרהונדערט האָט געעפנט יוסף פישער אַ נייע דרוק.

1) מאָיעצקי: Żydowskie okrucieństwa, mordy i zabobony קראָקע 1636 זייט 54.

2) ווערטשטיין: דברים עתיקים ב"ר 27.

3) זע דאָס קאַפּיטל וועגן דער שוועדישער אינוואַזיע, אויבן זייט 116 און ווייטער

4) אַן אייניקל פון דעם רמ"א, ווייל ר' שמחה בונם איז געווען דעם רמ"א'ס איידעם.

* *

*

נאָענט צו דער דרוקער־קונסט שטייט די אַרבעט פון דעם א י י נ־ ב י נ ד ע ר, וועלכע איז אין דעם XVII יאָרהונדערט געשטאַנען גאָר הויך. ס׳פֿאַרשטייט זיך אַליין, אַז יידן האָבן זייערע ספרים געגעבן צו בינדן יידישע איינבינדערס, אָבער אויך קריסטן, אַפילו גלחים האָבן זיך אויך באַנוצט מיט דעם יידישן בעל־מלאכה, און דאָס האָט געבראַכט אַ שנאה צווישן דעם קריסטלעכן און דעם יידישן איינבינדער. אין דעם שטאָטישן אַרכיוו אין קראָקע זענען פֿאַראַן 13 פּריווילעגיעס (בריוו) פון דעם קריסטלעכן צעך פון די איינבינדערס און אין די ערשטע 12 געפינט זיך נישט קיין וואָרט וועגן יידן. ערשט אין דרייצנטן בריוו פון דעם יאָר 1676 געפינען זיך 4 פּאַראַגראַפן, 2, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די יידישע קאָנקורענטן. אַזוי לייענען מיר אין § 2: „ס׳האָט זיך אַריינגעכאַפּט די שלעכטע מידה, אַז די בוכהענדלערס און בוכ־דרוקערס גיבן אַוועק יידן צו בינדן נישט נאָר וועלטלעכע ביכער נאָר אַפילו געבעט־ביכער, און קוקן נישט אויף דעם, וואָס זיי מאַכן דערמיט אַ שטאַרקן היזק די קריסטלעכע איינבינדערס און גיבן די יידן געלעגנהייט חוזק צו מאַכן פון אונזערע תּפילות און הייליקע בילדער. דערפֿאַר דערלויבן מיר נישט — ראַטמענער און לאַווניקעס פון דער שטאָט קראָקע — פון היינט אָן אַוועקצוגעבן יידן צו בינדן קריסטלעכע ביכער אונטער אַ שטראָף פון 50 מאַרק און באיבוד די ביכער. § 3: ברעטער און ברעטלעך צום בינדן די ביכער 1) טאָרן יידישע איינבינדערס ערשט דעמאָלט קויפן אויף דעם מאַרק, ווען די קריסטלעכע מייסטערס האָבן שוין איינגעקויפט זייער באַדאַרף״. די פֿאַראָרדענונג האָט דער מאַגיסטראַט געלאָזט דעם 30־טן יולי 1670 פּובליקירן אויף דעם מאַרק אין קראָקע און אין אַלע אַנדערע גאַסן 2).

---

1) ספרים האָט מען געבונדן אין ב ר ע ט ע ר און דערפֿאַר זאָגט מען, אַז מ׳האָט אויסגעליינט אַ ספר „מדאַסקע לדאַסקע״, ד. ה. פון איין ברעט צום צווייטן.

2) פּיעקאָשינסקי ־ קושיזשאַנאָווסקי: „Prawa, przywileje i statuta m. Krakowa באַנד II אָפּטיילונג III נ״ר 1322 און 1332.

4. יידישע דרוקערייען אין זשאָלקיעוו און לעמבערג

לעמבערג האָט נישט געהאַט קיין גליק צו אַ העברעישער דרוקעריי. בעת אין קראָקע ערשיינט שוין אין יאָר 1534 דער ערשטער לשון-קודשדיקער ספר, און נישט פיל שפּעטער — אויך אין לובלין, איז אין לעמבערג כּסדר שטיל. צי דאָרט געפינט זיך קיינער נישט צו עפענען אַ „דרוקעריי-פּרעס", אָדער די צוויי דרוקערייען פון קראָקע און לובלין זענען שוין גאַנץ גענוג, צו באַפרידיקן די באַדערפעניש פון די יידן אין פוילן — גענוג איז, אַז דאָ געפינט זיך נישט קיין דרוקעריי כּמעט ביז ענדע פון 18-טן יאָרהונדערט. דאָך עקזיסטירט אַ דרוקעריי נישט ווייט פון לעמבערג — אינם נאָענטן זשאָלקיעוו, און איר גרינדער איז ר' א ו ר י פ י י ב ו ש ה ל ו י פון אַמסטערדאַם, דער עלטער-זיידע פון דער פאַמיליע ל ע ט ע ר י ס און מדפּיס (מאַדפעס). און אויך דער פאָטער פון דער יידישער דרוקעריי אין לעמבערג.

וואונדערלעך איז דער גורל פון דעם דאָזיקן ערשטן זשאָלקיעווער דרוקער, אָדער אייגנטלעך: דער גורל פון זיין פאַמיליע. איר גורל און וואַנדערונגען איז אַ מיניאַטור-בילד פון דער וואַנדערונג פון יידן בכלל: עמדען — אַמסטערדאַם — זשאָלקיעוו — לעמבערג — ווין, דאָס זענען די סטאַציעס אויף דעם דאָזיקן יסורים-וועג, דאָס זענען די וועג-זיילן אויף דעם דאָזיקן שליאַך, וועלכער פירט פון מערב קיין מזרח און צוריק קיין מערב. ליידער איז דער וועג נאָך נישט פאַרענדיקט.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין יאָר 1589 האָט געווילדעוועט אַ שרעקלעכער שטורעם און דער אומגעגנט פון דער שטאָט ע מ ד ע ן, אין פ ר י ז ל אַ נ ד. צוויי שיפן זענען געשוואומען פון שפּאַניען און צוגעקומען צום ברעג. אויף די שיפן האָבן זיך געפונען 10 אַריסטאָקראַטישע מ אַ ר אַ נ ע ן („אנוסים") מיט זייערע ווייבער און פיל קינדער, און געפירט האָבן זיי מיט זיך פיל טייערע סחורות, געשטיקטע קליידער, גאָלד און זילבער. די שיפן האָבן זיי געדונגען, כּדי צו קומען אין דעם רייכן און שיינעם אַמסטערדאַם, אָבער דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן און געשליידערט די שיפן מיט די מענטשן, ווי אַ שאָל פון אַ נוס. דאַן האָבן זיי מתפּלל געווען צום רבונו של עולם, ער זאָל זען זייער פּיין און רחמנות האָבן

אויף זיי: זיי פאָרן דאָך קיין אַמסטערדאַם, כדי זיך אומצוקערן צו זייער פאָלק ישראל און נישט דינען מער קיין פרעמדע געטער. און גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף זיי, די כוואַליעס האָבן זיך באַרויקט, אָבער ווען די מאַטראָסן האָבן נאָכגעזען די שיפן אויבן און אונטן, האָבן זיי געזען, אַז עס געפינען זיך פיעל שפּאַלטן, דורך וועלכע עס באַקומט זיך אינעווייניק וואַסער. מען האָט אַלזאָ באַשלאָסן אַריינפאָרן אין פּאָרט פון עמדען, כדי דאָ צו רעפּאַרירן די שיפן.

קומענדיק אין שטאָט, האָבן די אַנוסים געדונגען אַ וווינונג אין אַ שיין הויז, כדי אָפּצורוען און אָוועקלייגן זייער באַגאַזש. ווען זיי האָבן זיך אַביסל אויסגערוט, האָבן זיי באַשלאָסן צו באַטראַכטן די שטאָט, און האָבן באַשטעלט אַ קליין יינגל, ער זאָל זיי אַרומפירן און ווייזן די מערקווירדיקייטן, וואָס זענען ווערט צו באַטראַכטן. אויפן וועג האָבן זיי דערזען אין אַ פענצטער אַ פעטע געשאָכטענע גאַנז, און לעבן איר אַ צעטעלע אויף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך. צוריקקומענדיק אין דער אַכסניא, האָבן זיי וועגן דעם דערציילט דעם ווירט און געבעטן אים, צו שאַפן זיי אַ גאַנז אויף מיטאָג. דער ווירט האָט תיכף געשיקט אַ יינגל, און ווען דאָס יינגל איז צוריקגעקומען מיט דער גאַנז, האָט ער אויסגערופן: „זעט, איך האָב געקויפט די גאַנז ביים יידן משה אורי הלוי, אָט איז נאָך דאָס העברעישע צעטל אָנגעהאָנגען אויפן האַלז!". די שפּאַנישע געסט האָבן פאַרווונדערט אויסגערופן: „צי האָבן מיר גוט געהערט, צי איז מעגלעך, אַז דאָ זאָלן וווינען יידן?" דער ווירט, וועלכער איז אַליין אויך געווען אַ ייד, האָט געענטפערט: „אַזוי איז עס, אין 1581, ווען 7 האָלענדישע פּראָווינצן האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער שפּאַנישער קרוין, האָבן די גענעראַל-שטאַטען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדערן, אָן אונטערשיד פון אָפּשטאַמונג און רעליגיע, איז ערלויבט צו באַזעצן זיך אויף דער דאָזיקער ערד און אויספירן די געבאָטן פון זיין רעליגיע, אויסער די קאַטאָליקן, וועלכע זענען נאָך גרייט צו מאַכן אַ פאַרשווערונג, כדי צוריקצוקערן צום שפּאַנישן סצעפּטער"... און די שפּאַנישע לייט האָבן דערויף געענטפערט: „מאָרגן גייען מיר צו דעם דאָזיקן מאַן, דען מיר ווילן רעדן מיט אים אונטער פיר אויגן".

אויף מאָרגן איז דער ווירט פונם הויז געגאַנגען מיט צוויי פון

די אָנגעזעענסטע אַנוסים צו ר׳ משה אורי, און ווען יענער האָט דערזען די חשובע געסט, איז ער אַרויס אַנטקעגן זיי און זיי אַריינגעפירט אין זיין הויז. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן מיט אים אויף שפּאַניש, האָט ער גערופן זיין זון, ער זאָל זיין דער איבערזעצער, ווייל ער אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען די דאָזיקע שפּראַך. די לייט האָבן געזאָגט אויף שפּאַניש: „מיר האָבן דיר אָנצופאַרטרויען אַ גרויס געהיימניש. פיר אונז אין דעם ווייטסטן צימער פון דיין הויז, כּדי מיר זאָלן קענען רעדן און קיינער זאָל אונז נישט אונטערהערן״. און ווען ער האָט זיי אַהין אַריינגעפירט, האָבן זיי אים געזאָגט: „איצט קאָנען מיר זיך דיר אָנפאַרטרויען: מיר זענען נישט קיין קאַטאָליקן, און נישט קיין שפּאַניער, נאָר מיר זענען יידן און צוויי מאָל אין טאָג זאָגן מיר, פונקט ווי דו, די תּפלה און דעם אַני־מאמין וועגן גאָטס אייניקייט. מיר זענען אַנטלאָפן פון קאַסטיליען, כּדי צו קאָנען אין אַמסטערדאַם עפנטלעך דינען דעם איינציקן גאָט; דען מיר האָבן געהערט, אַז דאָרט איז דאָס דערלויבט צו טון עפנטלעך. נאָר דער שטורעם האָט אונז פאַרטריבן אַהער, אַלזאָ ווילן מיר דאָ אַריינטרעטן בברית אברהם און זיך לאָזן מל זיין: אויסער דעם ווילן מיר האָבן אַ לערער און אַ רב פאַר אונז און פאַר אונזערע זין, כּדי ער זאָל אונז לערנען די עיקרים פון גאָטס תּורה און זאָל טעגלעך דאַוונען מיט אונז און אונזערע קינדער. ווער עס וועט קומען צו אונז, וועט קיין חרטה נישט האָבן, אים וועט קיין זאַך נישט פעלן, דען גאָט ברוך הוא האָט אונז געבענטשט מיט רייכטום מיט דער פולער האַנט!״

און משה אורי הלוי האָט געענטפערט: „געלויבט זאָל זיין דער אויבערשטער, וועלכער האָט אייך געבראַכט אין אונזער הויז. זייט שטאַרק און אויסגעהאַלטן, און מיר וועלן ערפילן אייערע באַגערן. אָבער דאָ קאָן דאָס נישט געשען, פאָרט אַלזאָ קיין אַמסטערדאַם, און מיר וועלן אַהין קומען נאָך אייך״.

און זיי זענען אַוועקגעפאָרן קיין אַמסטערדאַם, נאָכדעם ווי זייערע שיפן זענען רעפּאַרירט געוואָרן. דעם 22־טן אַפּריל 1593 האָבן זיי געדונגען אַ הויז אויף דער גאַס יאָנקהערשטראַאַט, אין דריי וואָכן שפּעטער איז געקומען אַהין ר׳ משה אורי מיט זיין פאַמיליע, פאַר־קויפנדיק פריער זיין הויז און זיין סחורה אין עמדען.

שוין אויפן צווייטן טאָג איז משה אורי צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און דער ערשטער, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען צום יידנטום, איז געווען דער פרומער זקן דון יעקב טיראַדאָ [1].

— — — — — — — — — — — — — — —

משה אורי פייבוש הלוי איז געווען דער ערשטער לערער פון דער נייער אַמסטערדאַמער קהלה ביז זיין טויט (1620—1544), און זיין זון אהרן איז געווען חזן ביי דער דאָזיקער קהלה פיל יאָרן [2]. אַ זון פון אהרן און אייניקל פון משהן איז אונזער ר׳ אורי פייבוש הלוי.

ער איז דער אייגנטימער פון אַ באַרימטער דרוקעריי, וועלכע דרוקט שוין אין די זעכציקער יאָרן פונם 17-טן יאָרהונדערט אַ מענגע ווערק. אין די יאָרן 1678—1676 האָט ר׳ אורי פייבוש אונטערגענומען די אויסגאַבע פון אַ יידיש-דייטשער איבערזעצונג פון גאַנץ תנ״ך, אויסגעפירט דורך יקותיאל בליטץ. אָבער די דאָזיקע אויסגאַבע איז געווען איבער זיינע כוחות, און דערום האָט ער צוגענומען אַלס שותפים צוויי בירגער קריסטן: דעם לאַוויניק ווילהעלם בלוי און דעם יוריסט לוירענציוס (לאָרענצאָ) באַקע. וועלנדיק, אַז זייער קאַפּיטאַל זאָל זיין זיכערער, האָבן זיך ביידע שותפים באַמיט צו באַקומען פון מלך יאַן סאָביעסקי אַ פּריווילעגיע, וועלכע פאַרזיכערט דעם דאָזיקן תנ״ך דאָס רעכט פאַרקויפט צו ווערן אין פוילן, און פאַרביט יעדע קאָנקורענץ-אויסגאַבע אין משך פון צוואָנציק יאָר. נאָך פריער האָט ר׳ אורי פייבוש באַקומען אַן ענלעכע פּריווילעגיע אויף 10 יאָר פונם יידישן סיים, ד. ה., פונם „ועד ארבע ארצות״ אין פוילן. אָבער, נישט קוקנדיק אויף די דאָזיקע פאַרזיכערונגען, האָט די קאָנקורענץ נישט גערוט, און דער זעצער יוסף וויטצענהויזען האָט געמאַכט אַן ענלעכע איבערזעצונג,

---

1) דוד דע באַרריאָס (איידער ער איז געוואָרן אַ ייד: דאָן מיקעל דע באַרריאָס); האַנטשריפט אין דער אַמסטערדאַמער ביבליאָטעק, אַרויסגעגעבן דורך זולצבאַך: „בילדער אויס דער יודישען פערגאַנגנהייט, פראַנקפורט אַ/מ, 1914, לויט אַ קאָפּיע אין באַזיץ פון ליפּמאַן פּרינס, פראַנקפורט דמיין״. ווי עס שיינט, האָט די דאָזיקע כראָניק, אָבער שוין אַ געדרוקטע (אַמסטערדאַם 1714), געזען לעטעריס ביים פּאָטער אין הויז, און ער רעדט וועגן איר אין זיינע ערינערונגען „זכרון בספר״ (ווין 1869) זייט 13.

2) לויט לעטעריס האָט ער געזאָלט אין זיין לעבן האָבן געמלעט 930 אַנוסים.

און אָפּגעדרוקט האָט זי דער רייכער אַמסטערדאַמער דרוקער און אַרויס-געבער יוסף אַטיאַס [1].

ווי עס שיינט, האָט אורי פייבוש צוליב דער דאָזיקער קאָנקורענץ נישט געקאָנט זיך האַלטן אין אַמסטערדאַם, און לערך אינם יאָר 1690 האָט ער זיך אויף שטענדיק אַריבערגעצויגן קיין פוילן. דאָ האָט ער זיך באַזעצט אין זשאָלקיעוו, ווו ער האָט געזאָלט באַקומען אַ פּריווי-לעגיע פון מלך יאַן III [2]. די דאָזיקע פּריווילעגיע איז ביז איצט נישט געפונען געוואָרן. נאָר וואָרשיינלעך האָט זי עקזיסטירט, דען אויף איר האָבן זיך פּאַררופן ר׳ אוריס אוראייניקלעך אין יאָר 1782, בשעת דער ערשטער עסטרייכישער רעוויזיע פון דרוקערייען, און די מאַכט האָט נישט געמאַכט קיין שאלות.

די צייט, אין וועלכער ר׳ אורי פייבוש האָט זיך באַזעצט אין זשאָלקיעוו, איז געווען פאַר דער יידישער קהלה אין יענער שטאָט אַ גליקלעכע. דאָרט האָט געוווינט דער קעניג יאַן III סאָביעסקי, „דער האַר פון זשאָלקיעוו", און לעבן אים צוויי איינפלוסרייכע יידן: דער הויף-דאָקטאָר ד"ר שמחה מנחם און דער אַדמיניסטראַטאָר פון די שטייערן אין רייסן, בצלאל בן נתן [3]. וואָרשיינלעך, האָבן זיי גענומען אונטער זייער שוץ די נייע דרוקעריי און איר געגעבן הילף קעגן די תחבולות פון די קעגנער. און קיין קעגנער האָבן אין פוילן נישט געפעלט. אורי פייבוש האָט געדרוקט ריין און שיין, בעת די הינטער-שטעליקע דרוקערייען אין קראָקע און לובלין האָבן געקלאַפּט נאַכלעסיק און אויף זייער שלעכטן פּאַפּיר. שוין אין יאָר 1680 באַקלאָגן זיך די פּרנסים פון „ועד אַרבע אַרצות" אין יאַראָסלאַוו אויף דעם שלעכטן און מטושטושן דרוק פון די ספרי-לימוד, דורך וועלכע די יוגנט פאַרדאַרבט זיך די אויגן. דער „ועד" באַשליסט צו מאַכן אַ סוף צו דער זאַך: „אויספּלאַסטערן די סטעשקע, באַזייטיקן די שטיינער ביים וועג, פאַרשטאַרקן

1) גרעץ, געשיכטע, באַנד IX, זייטע 488 און ווייטער.

2) לעטעריס רעכנט, אַז נישט אורי פייבוש, נאָר זיין זון חיים דוד האָט זיך באַזעצט אין זשאָלקיעוו, און דאָס איז געשען לויט דער פּאָזיטיווער אַרויסרופונג פון קעניג יאַן III סאָביעסקי. ווי עס שיינט, איז דאָס געווען אַ מסורה ביי דער פאַמיליע, אָבער זי האַלט נישט אויס קיין קריטיק.

3) זע אויבן זייטל 48 און זייטל 59.

דעם עץ החיים״, ד. ה., ער באַפעלט צו דרוקן גוט און אָן פעלערן [1]. קעגן דער דאָזיקער ירידה פון דער דרוקעריי־קונסט האָט אַסך אויפ־געטון ר׳ אורי פייבוש און וועגן אים זאָגן די „תקנות הועד״ פון יאָר 1697 פאָלגנדעס:

„מיר האָבן געזען דעם גרויסן חורבן, צוליב דער ירידה פון דער דרוקעריי־קונסט אין אונזער לאַנד; צוליב די דאָזיקע דרוקער איז כמעט די תורה פאַרגעסן געוואָרן בישראל, ווייל די אותיות אין זייערע אויסגאַבן האָבן פאַרנאַרישט און בלינד געמאַכט די אויגן פון די ליבע יינגלעך, וועלכע זיצן איבער די ספרים, און דערויף זענען אויפמערקזאַם געוואָרן די געלערנטע זקנים און אלופים פון די ארבע ארצות, אָבער דאָס האָט נישט פיל געהאָלפן, ביז עס איז נישט געקומען אין אונזער גרעניץ ר׳ אורי פייבוש הלוי, צו באַלויכטן די ערד און אירע איינוווינער״.

אויף אַ זיצונג פון דעם „ועד״ אין יאָר 1697 האָט מען זיך באַראָטן וועגן דער דאָזיקער דרוקעריי, וואָס אירע צוויי עלטערע שוועסטער האָבן געוואָלט זי פאַר יעדן פרייז אומברענגען. צו דעם צוועק האָבן זיי געבראַכט פון אויסלאַנד פרעמדע סחורה און זי פאַר־קויפט אין זייערע דרוקערייען, און דאַדורך קאָנקורירט מיט די אויסגאַבן פון ר׳ אורי פייבוש. דער „ועד ד׳ ארצות״ איז געשטאַנען אויף דער זייט פון ר׳ אורי און האָט באַשלאָסן, אַז יעדער פון די דריי דרוקערייען אין לאַנד (קראָקע, לובלין, זשאָלקיעוו) איז ערלויבט אין משך פון אַ יאָר צו דרוקן נאָר צו 700 בויגן, און חוץ דעם נאָר קליינע דרוק־זאַכן, און נאָר ביי זיך, אָבער נישט אין אויסלאַנד. אויף יעדער דרוקעריי איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָנטראָלער, אַלס קאָנט־ראָלאָרן פון דער זשאָלקיעווער דרוקעריי זענען באַשטימט געוואָרן דער לעמבערגער רב און דער קעניגלעכער לייבאַרצט ד״ר שמחה מנחם מיונה [2].

אָבער נישט פיל האָט געהאָלפן דער באַשלוס פון „ועד ד׳ אַרצות״, דען צוויי יאָר נאָכדעם (1699) באַשעפטיקט זיך דער „ועד ד׳ אַרצות״ ווידער מיט דער זשאָלקיעווער דרוקעריי און פאַרביט די

---

1) לעווין: נייע מאַטעריאַלן צור געשיכטע דער פירלענדערסינאַדע I, 62.

2) שלמה בובער: קריה נשגבה, זייט 104–105.

בוכהענדלער און דרוקער צו ברענגען פון אויסלאַנד אָדער איבערדרוקן אין לאַנד די ספרים, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך ר׳ אורי. ס׳איז אויך פאַרבאָטן די דרוקערייען און בוכהענדלער צו ברענגען פון אויסלאַנד דייטש-יידישע ביכער, וועלכע האַלטן ווייניקער ווי 10 דרוק-בויגן.

נאָך אורי פייבושעס טויט האָבן איבערגענומען די דרוקעריי זיינע צוויי אייניקלעך (זין פון זיין פרי-פאַרשטאָרבענעם זון חיים דוד): אהרן און גרשון.ביידע דרוקן באַזונדער און צוזאַמען, און דאָס באַווייזט, אַז די פרעסן זענען געווען צעטיילט און אַז אין זשאָלקיעוו האָבן זיך געפונען צוויי דרוקערייען. אַזוי דרוקן אין יאָר 1732 אהרן און גרשון, די זין פון ר׳ חיים דוד און אייניקלעך פון ר׳ אורי פייבוש, דעם ספר „בית לוי״ פון ר׳ לוי בן שמואל מבראָדי „מיט דער ערלויבניש פונם קרוינפרינץ יאַקאָב״ 1). אין יאָר 1753 האָבן מיר אַן אַנדער קאָמבינאַציע: דאָס ווערק „קול-יהודה״ דרוקט גרשון צוזאַמען מיטן איידעם פון זיין ברודער אהרן, דוד בן מנחם מאַנן. אין יאָר 1766 זעען מיר ווידער די דאָזיקע שותפים אויפן טיטול-בלאַט פון אַלכסנדר שורס ווערק „שמלה חדשה״, „אונטער דער הערשונג פונם ווילנער וואָיעוואָדע, פירשט קאַראָל סטאַניסלאַוו ראַדזיוויל״. אונטערן טיטול איז צוגעגעבן: „אַמסטערדאַם מיט זשאָלקיעווער אותיות״ 2).

אהרן בן חיים דוד האָט געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער. דער זון האָט געהייסן, ווי זיין זיידע, חיים דוד, מיטן ביינאָמען „מדפיס״ (דרוקער). די טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט דוד, מנחמס זון, און נאָך זיין טויט האָט זי חתונה געהאַט מיט ר׳ צבי-הירש ראַזאַנעס, דעם לעמבערגער רב (געשטאָרבן 1805). חיים דוד איז געווען פאַרהייראַט מיט טויבע און געהאַט אַ זון אהרן מדפיס, און דער האָט געהאַט אַ זון אברהם יוסף, אייגנטימער פון אַ דרוקעריי כמעט ביז ענדע XIX-טן יאָרהונדערט (לעמבערג, קאַזמיערזשאָווסקאַ № 21).

דער צווייטער צווייג פון דער דאָזיקער משפחה הייבט זיך אָן

---

1) אוצר הספרים זייט 74 נ״ר 448.

2) וואַכשטיין: קאַטאַלאָג דער סאַלאָ—קאָהנשען שענקונגען (מנחת שלמה). באנד I, ווין 1911.

מיט ר׳ גרשון און אין די עסטרייכישע צייטן נעמט זי אָן דעם נאָמען לעטעריס. פון איר שטאַמט דער באַוווסטער געלערטער ד״ר מאיר הלוי לעטעריס (1809—1871) [1].

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עסטרייך האָט פאַרנומען גאַליציען, האָט די נייע מאַכט אָנגעהויבן אין יאָר 1782 נאָכקוקן די דרוקעריי-אָנגעלעגנהייטן, און זיך פאַרנומען אויך מיט די יידישע דרוקערייען. מען האָט, קודם-כל, געמאַכט אַ רשימה פון אַלע עקזיסטירנדע דרוקערייען און פעסטגעשטעלט, אַז אַזעלכע עקזיסטירן נאָר אין סאַמבאָר און אין זשאָלקיעוו. די סאַמבאָרער דרוקעריי (אָדער אייגנטלעך צוויי קליינע דרוקלעך) האָט געהאַט אַ פּריווילעגיע פון קעניג אויגוסט III, און זי האָט געדרוקט בלויז לוחות און קליינע בראָשורן. דאַקעגן אין זשאָלקיעוו האָבן זיך געפונען גאַנצע דריי דרוקערייען, וועלכע האָבן געהערט צו די דערמאָנטע אייניקלעך פון ר׳ אורי פייבוש און זיך פאַררופן אויף דער פּריווילעגיע פון קעניג יאַן III. די הויף-קאַנצעלאַריע האָט באַפוילן נאָכצוזען די דאָזיקע פּריווילעגיע און דערווייל דערוועקט דעם געדאַנק, צי וואָלט נישט גלייך נעווען, אַריבערצופירן אַלע דריי דרוקערייען קיין לעמבערג און שאַפן פון זיי איין גרויסע דרוקעריי? דעם 20-טן מאַי 1782 האָט דער קייזער יאָזעף II געשיקט אַ ריי פראַגן צו דער הויף-קאַנצעלאַריע, און שוין דעם 4-טן יוני זענען די אַקטן געווען אין דער גאַליצישער גובערניאַל-פאַרוואַלטונג. אַ גאַנץ יאָר (4-טן יולי 1783) האָט די גאַליצישע גובערניאַל-פאַרוואַלטונג נישט געגעבן קיין פּאָזיטיוון ענטפער, נאָר אַריבערגעשיקט סטאַטיסטישן מאַטעריאַל קיין ווין, און דערצו צוגעגעבן נאָך אַ ריי וויטערדיקע פראַגן:

1) צי וואָלט געווען ראַציאָנעל די פאַראייניקונג פון אַלע דרוקערייען?

1) אין דער געשיכטע פון די דאָזיקע דרוקערייען אין די עסטרייכישע צייטן האָב איך מיך געשטיצט אויף די אַקטן פונם אַרכיוו פון אינערן-מיניסטעריום אין ווין: פאַסציקולען IV, באַנד 7, נ״ר 2627, ווי אויך: הויז-, האָף- און שטאַטס-אַרכיוו אין ווין, שטאַטס-אַקטן פון י. 1775, № 1652, אויך די רשימות אין אַרכיוו פון לעמבערגער שטאַטהאַלטעריי, ז. 1172. מאַנכע דערגאַנצונגען ברענג איך פון די מעמואַרן לעטעריס „זכרון בספר״, ווין, 1869.

2) צי דאַרף מען דער דאָזיקער פּאַראייניקטער דרוקעריי געבן מאָנאָפּאָלן אויף 10 יאָר?

3) צי דאַרף מען באַגרענעצן דעם אַריינפיר פון ביכער, וואָס דרוקן זיך אין אויסלאַנד?

4) צי די צענזור דאַרף איבערגעגעבן ווערן דעם פּראָפעסאָר פון העברעיש אין דער אוניווערזיטעט, וואָס ווערט געגרינדעט איז לעמבערג? צי דאַרף ער באַקומען אַ געהילף? און אַזוי ווייטער.

די פּאַראייניקטע: הויף-קאַנצעלאַריע, הויף-קאַמער און „הויף-באַנקאָדעפּוטאַציאָן" האָבן דעם 1-טן אַפּריל אַרויסגעגעבן פּאָלגנדן באַשלוס: „עס איז געווונטשן צו פּאַראייניקן אַלע דרוקערייען, דערביי אָבער גייען-אַריין אין רעכענונג נאָר דריי: 1) חיים אהרן (מדפיס); 2) זיין שוועסטער יהודית — די אַלמנה פון דוד מנחם מאַנן, צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיטן לעמבערגער רב ראָזאַנעס; 3) וואָלף גרשון (וואָלף, זון פון גרשון לעטעריס) — די איבריקע בעלנים דאַרף מען נישט נעמען אין באַטראַכט, ווייל אָדער זיי קענען גאָרנישט די דרוקעריי-קונסט, אָדער זיי באַזיצן נישט קיין קאַפּיטאַל און נישט קיין זאַפּאַס פון ביכער און פּלאַטן. דער רעפערענט האָט אָבער נישט קיין גרויסן צוטרוי אויך צו די דאָזיקע דריי, ווייל זיי רייסן זיך אַרום איינער מיטן אַנדערן, און וואָלף לעטעריס איז פּאַרשולדיקט איבער די אויערן. די הויף-קאַנצעלאַריע האָט נישט מסכים געווען צו פּאַראייניקן די דרוקערייען, דאַקעגן אָבער האָט זי זיך אַרויסגעזאָגט פּאַר געבן לאַנגיעריקע מאָנאָפּאָלן אויף טייערע ווערק, ווי אויך צו באַגרענעצן דעם אַריינפיר פון אויסלאַנד. די קריסטלעכע דרוקער, אויב זיי וועלן זיך פּאַרפליכטן צו דרוקן העברעישע ספרים, דאַרף מען געבן די זעלבע פּריווילעגיעס, ווי די יידישע; די צענזור באַדאַרף פירן דער פּראָפעסאָר פון לעמבערגער אוניווערזיטעט צוזאַמען מיט אַ ספּע-ציעלן געהילף".

דערמיט האָט זיך געענדיקט די לאַנגיעריקע שרייבעריי און אַלץ וואָלט געבליבן ווי פריער, ווען דערווייל וואָלטן נישט אויסגעפירט געוואָרן די באַפעלן פונם 4-טן יוני און 19-טן אָקטאָבער 1782 און מ'וואָלט נישט געצוווּנגען די זשאָלקיעווער דרוקער אַריבערצופירן זייערע דרוקערייען קיין לעמבערג. ל ע ט ע ר י ס האָט תיכּף געפּאָלגט,

דאַקעגן אָבער מדפיס און זיין שוואָגער דוד בן מנחם מאַנן האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין לעמבערג ערשט דאַן, ווען מ'האָט פאַר־שלאָסן זייער דרוקעריי אין זשאָלקיעוו.

אין יאָר 1791 זעען מיר אין לעמבערג פאָלגנדע יידישע דרו־קערייען: 1) חיים מדפיס; 2) יהודית ראָזאַנעס (פריער מאַנן); 3) טשאַרנע, אַלמנה פון וואָלף לעטעריס, צוזאַמען מיט איר זון גרשון; 4) זלמן ראַפּאָפּאָרט, אָדער יהודה זלמן בן נפתלי הערץ, המכונה זלמן יאַרעש ראַפּאָפּאָרט.

טשאַרנע לעטעריס איז פאַרבליבן אין לעמבערג העכסטנס ביז העלפט פון יאָר 1793, דען דעם 3־טן אויגוסט אין יענעם יאָר האָט זי באַקומען אַ הויף־קאָנצעסיע צו פירן איר אונטערנעמונג אין זשאָלקיעוו. די דרוקעריי פון יהודית מאַנן האָט איינִיקע מאָל געביטן אירע אייגנטימער. נאָכן טויט פון איר מאַן מאַנן האָט יהודית אַליין געפירט די דרוקעריי, און דערנאָך צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, דעם רב ראָזאַנעס. נאָך איר טויט האָט געפירט די דרוקעריי דער רב ראָזאַנעס, און דער אָנפירער איז געווען יהודיתעס זון אָדער שטיפזון: נפתלי הערץ גראָסמאַן, אין יאָר 1804 בעט ראָזאַנעס די גובערניאַל־פאַרוואַלטונג איבערצושרייבן די קאָנצעסיע אויפן נאָמען פונם זעלבן גראָסמאַן, ווייל סיי־ווי־סיי פירט ער שוין 12 יאָר די דאָזיקע אונטער־נעמונג. ביז ס'איז אָנגעקומען דער ענטפער פונם גובערניום איז ראָזאַנעס געשטאָרבן, און גראָסמאַן אַליין האָט שוין דערלאַנגט אַ ביטע און באַקומען אַ קאָנצעסיע פון שטאַאַטסראַט דעם 11־טן דעצעמבער 1804 נומער 1477—22323 (אַרכיוו פון אינערן־מיניסט. אין ווין IV, ב. 7, נומער 2627, אַקט 119).

נאָך גראָסמאַנס טויט האָט די דרוקעריי געפירט זיין אַלמנה: חוה גראָסמאַן.

נאָך וועגן צוויי יידישע לעמבערג־זשאָלקיעווער דרוקערייען דערציילן אונז די אַקטן פון ווינער מיניסטעריום און פון די ביבליאָטעקן: זיי געהערן צו מאַיערהאָפער און צו רובינשטיין.

אברהם יהודה־ליב מאַיערהאָפער, אָדער ווי ער הייסט אין די אַקטן: יודאַס מאַיערהאָפער איז אַ גרויסער יחסן. אמת, זיין טאַטן קענען מיר נישט, אָבער זיין שווער איז דער לעצטער נאָמן

פונם „ועד ד׳ אַרצות״ און דער רב פון זשאָלקיעוו, ר׳ פינחס היילפּערן פון שוויערזש; דער פֿאָטער פון דעם דאָזיקן ר׳ פינחס און דער זיידע פון מאַיערהאָפֿס פרוי איז געווען דער פּאָרלעצטער פּרנס פונם ועד, אָדער דער מאַרשאַלעק פון די יידן אין קרוין-פוילן, און האָט געהייסן ר׳ אברהם בן חיים (נפטר געוואָרן 1762 אין לובלין) [1].

מאַיערהאָפֿער האָט באַקומען די קאָנצעסיע אויף אַ דרוקעריי אין זשאָלקיעוו דעם 20-טן מאַי 1791, און נאָך זיין טויט נעמט איבער די דאָזיקע דרוקעריי זיין זון משה, לויט אַ דעקרעט פון דער הויף-קאַנצעלאַריע דעם 26-טן סעפטעמבער 1811. פון די אַקטן דערוויסן מיר זיך, אַז סיי יהודה, סיי משה זענען געווען זייער רייכע, דען זיי האָבן פאַרמאָגט צוויי הייזער אין זשאָלקיעוו, וועלכע זיי האָבן ספּעציעל צוגענומען אויף אַ דרוקעריי. אין יאָר 1840 איז דער אייגנטימער פון דער דאָזיקער דרוקעריי משהס זון: שאול מאַיערהאָפֿער.

די דרוקעריי פון רובינשטיין עקזיסטירט וואָרשיינלעך אָן אַן אָפיציעלער ערלויבניש שוין לערך אין יאָר 1800, ווייל פון יענער צייט געפינען מיר שוין ספרים, וואָס זענען דאָרט געדרוקט. ערשט אין יאָר 1807 בעט אוריאָס רובינשטיין וועגן אַ קאָנצעסיע אויף אַ דרוקעריי אין לעמבערג, און לייגט ביי צו דער ביטע אַ צייגניש פון לערנען זיין פאַך אין ברעסלוי. אָבער וועגן זיין באַגער דערוויסן זיך די צוויי אַנדערע לעמבערגער דרוקער: אהרן מדפיס און הערץ גראָסמאַן, און זיי דערלאַנגען אַן אַלאונטערטעניקסטע „מסירה״ אָדער ידיעה, אַז רובינשטיין האָט קיינמאָל נישט געזען פאַר די אויגן ברעסלוי און האָט אַלזאָ דאָרט נישט געקאָנט לערנען די דרוקעריי-קונסט. רובינשטיין האָט געוווּסט, ווי זיך משתדל צו זיין וועגן זיין עסק, און מיט דער דאָזיקער „שתדלנות״ האָט ער איבערצייגט די הויף-קאַנצעלאַריע, אַז די לעמבערגער דרוקער זענען אים שונאים, און ער האָט באַקומען אַ קאָנצעסיע דעם 7-טן פעברואַר 1808. באַלד האָט רובינשטיין אָנגעהויבן די אַרבעט אין זיין שוין „קאָנצעסיאָנירטער״ דרוקעריי, דען אין יאָר 1809 האָט ער שוין אָפּגעדרוקט דאָס מאַטעמאַטישע ווערק

---

1) באַלאַבאַן מאיר: די יודענשטאַט פאָן לובלין, בערלין 1919, זייט 68 און ווייטער.

פון אליהו מזרחי. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צוגעבן זיין גאַנצן טיטול: „ק. ק. פריווילעגירטע רובינשטיינישע דרוקעריי״, פונקט ווי אויף אַן אַנדער ווערק האָט ער אָנגעגעבן: „אוריאַס רובינשטיין מיט בוכשטאַבן אויס ווין״.

אָבער צו ענג איז רובינשטיינען געווען אין לעמבערג. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען דער קייזער פראַנץ האָט „געטרפהט״ דעם גרעסטן טייל פון די לעמבערגער גאַסן, ד. ה., ער האָט אַרויסגעטריבן פון זיי די יידן און זיי אַריינגעשפאַרט אין געטאָ. רובינשטיין האָט נישט געוואָלט זיצן „אין פינצטערניש״ צוזאַמען מיט אַנדערע, „ער זאָל אַפילו דאַדורך מוזן פאַרלאָזן לעמבערג און זיך אַריבערטראָגן אין זיין געבורטס-שטאָט זשאָלקיעוו״. אָבער די מאַכט האָט דאָס אים נישט ערלויבט. ער אָבער האָט זיך באַנוצט מיט דעם „איבערפאַל פון שונא״, כדי אונטער זיין שוץ צו פאַרלאָזן אין יאָר 1809 די „קייזערלעכע״ שטאָט. מיטן נאָמען „איבערפאַל״ רופן אָן די ווינער אַקטן דאָס פאַר־נעמען לעמבערג דורכן פוילישן מיליטער פון וואַרשעווער פירשטנטום דעם 27-טן מאַי 1809 און שאַפן דאָ אַ פוילישע רעגירונג. אָבער דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט געדויערט נאָר ביזן 20-טן יוני [1]. דען אין יענעם טאָג איז די עסטרייכישע מאַכט צוריקגעקערט, און רובינשטיין וואָלט געהאַט אַ שטרענגע שטראָף פאַר זיין „נישט-פּאַטריאָטישער״ אויפפירונג, ווען ער וואָלט נישט דערוויל געשטאָרבן. זיין אַלמנה (חייה) האָט, אַלס באַגנעדיקונג, צוריק באַקומען די קאָנצעסיע, אָבער נאָר אויף לעמבערג און אויך דאָס נאָר אין יידישן קוואַרטאַל. אין דער פאַמיליע רובינשטיין זענען אָבער פאָרגעקומען נישט קיין זייער „ערלעכע זאַכן״, דען אין דער גובערניאַל-פאַרוואַלטונג איז אָנגעקומען אַ ביטע, אונטער־געשריבן „חיה רובינשטיין״, מיטן ווונטש, אַז מען זאָל ערלויבן איבערטראָגן די דרוקעריי קיין זשאָלקיעוו און איבערשרייבן די קאָנ־צעסיע אויפן נאָמען פון איר שוואָגער: יצחק רובינשטיין. חיה האָט זיך באַצייטנס דערוווסט וועגן דעם דאָזיקן שפיצל פון איר שוואָגער און האָט וועגן דעם מודיע געווען דער מאַכט. די זאַך איז אָנגעקומען

1) פאַוולאָווסקי בראָניסלאַוו: „לוואָוו אין יאָר 1809״, לוואָווער ביבליאָטעק, נומער III לוואָוו 1909.

צום שטאַטסראַט אין ווין. דערווייל אָבער איז חיה דעם 3-טן יאַנואַר 1813 געשטאָרבן, און איר שוואָגער יצחק רובינשטיין האָט פּאָרגעלייגט אירס אַ צוואה, אין וועלכער זי מאַכט אים פאַר איר יורש. די הויף-קאַנצעליאַריע האָט אָבער יצחקן נישט געגלויבט, און דורך אַ דעקרעט פונם 22-טן יולי 1813 האָט זי אָפּגענומען די קאָנצעסיע פון דער דאָזיקער דרוקעריי און באַפוילן צו פאַרשליסן די גאַנצע אונטערנעמונג.

אין יאָר 1830 ווערט געגרינדעט אין לעמבערג די באַלאַבאַנישע דרוקעריי, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז נישט לאַנג, און איז פאַר-מאַכט געוואָרן בעת דער מלחמה, ווייל אַלע מאַנסלייט פון דער דאָזיקער פאַמיליע זענען אויסגעשטאָרבן.

אַנדערע העברעישע דרוקערייען זענען געגרינדעט געוואָרן אין לעמבערג אין העלפט פון XIX יאָרהונדערט און נאָך אייניקע יאָר זענען זיי אונטערגעגאַנגען. די ביבליאָגראַפישע רשימות גיבן אָן די נעמען: ס. באַק און א. י. מענקעס, ד. ה. שרענצעל, קוגעל און לעווין, פ. פּאָרעמבאַ (ביי וועלכן מיכל וואָלף האָט געדרוקט אַלע השכלה-ספרים), בערל לייב בן צבי נעכעלעס און פיעל אַנדערע.

אַן אָריגינעלער טיפּ פון אַ לעמבערגער דרוקער איז געווען אורי וואָלף סאַלאַט, וואָרשיינלעך אויך אַן אור-אייניקל פון אורי פייבוש פון אַמסטערדאַם, כאָטש פון אַ זייטיקער ליניע. אַ קליינער, טרוקענער, מיט זייער אַ פלינקן שכל, איז ער גלייכצייטיק געווען אַ דיין און אַלס אַזעלכער איז ער געזעסן אין בית-דין צוזאַמען מיטן רב נאַטאַנזאָן, אָרענשטיין און אַנדערע. אַ גרויסער למדן, אָבער אַ שרעקלעכער מתנגד, איז ער געווען אַ חשוב ביי די משכילים, אָבער נישט געהאַט קיין צוטרוי ביי די חסידים, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער שול פון ר׳ יעקב גלאַנצער, ווו עס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אַן אַנדער אור-אייניקל פון אורי פייבוש פון אַמסטערדאַם: דער דרוקער אברהם יוסף מדפיס.

סאַלאַטס זון, ר׳ משולם סאַלאַט, האָט נאָכן פאָטער איבערגענומען די שטעלע פון אַ דיין [1], אָבער מיט דער דרוקעריי האָט ער זיך נישט

1) נאָך דער מלחמה איז ער געווען עטלעכע יאָר שטאָט-מגיד (שטעטישער רב) אין לעמבערג.

פאַרנומען. נאָך פאַרשידענע גילגולים איז זי אַריבערגעגאַנגען אַלס אייגנטום צו יהושע ווילף, דער לעמבערגער באַקאַנטער פּאַטריאָט פון „בעלזער הויף" און אַמאָליקער רעדאַקטאָר פונם „קול מחזיקי הדת". אַ חסיד מיט לייב און לעבן, האָט ווילף געדרוקט וואַל-אויפרופן, בשעת ווען ר׳ משולם סאַלאַט — דער זון פון ר׳ אורי וואָלף — האָט זיך פאַרנומען מיט תורה, און נישט קוקנדיק אויף דער שנאה מצד די חסידים איז ער געוואָרן שטאָט-רב (מגיד-משרים) אין לעמבערג.

נישט לאַנג איז אָבער דער רב ר׳ משולם געזעסן אויף זיין כסא הרבנות, דען אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן, און מיט זיין טויט איז אָפּגעהאַקט געוואָרן די דורות-טראַדיציע פון אורי פייבוש. די יינגערע דורות זענען שוין אינגאַנצן אַוועק מיטן פאָרשריט פון דער צייט: די יונגע מדפיסים, אייניקלעך פון אברהם יוסף, גבאי אין יעקב גלאַנצערס קלויז, זענען שוין דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן. סאַלאַט איז אַדוואָקאַט, און וואָס איז געוואָרן מיט די לעטעריסעס — איז אונז אומבאַקאַנט. אַזוי פיל ווייסן מיר, אַז מאיר הלוי לעטעריס איז געווען אַ דאָקטאָר און האָט ערלויבט אָנגעבן זיין נאָמען אויף די תנ"כן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ענגליש-ביבלישער געזעלשאַפט. אַזוי האָבן זיך געענדיקט דריי הונדערט יאָר און צען דורות דרוקער אַרבעט פון דער דאָזיקער פאַמיליע.

יחוס־בריוו

פון דער פאַמיליע מדפיס־לעטעריס [1]

משה אורי הלוי אין אַמסטערדאַם (1544 – 1620)

אהרן בן אורי, הזן אין אַמסטערדאַם

אורי פייבוש, דרוקער אין אַמסטערדאַם (פון 1690 אין זשאָלקווי).

חיים דוד

- אהרן
  - חיים דוד מדפיס (1782)
    - אהרן מדפיס
זיין פרוי: חייה טויבא (1829)
      - אברהם יוסף מדפיס
        - יעקב מדפיס
          - ד״ר ישראל מדפיס
  - יהודית [2]
ערשטער מאַן: דוד בן מנחם מאַנן
צווייטער מאַן: הרב ראָזאַנעס
    - הערץ גראָסמאַן (1804)
זיין פרוי חוה (1837)
- גרשון
  - טאָכטער [2]
  - וואָלף
זיין פרוי: טשאַרנע (1796)
    - גרשון לעטעריס
זיין פרוי: חוה [3]
      - ד״ר מאיר לעטעריס (1804 – 1871)

---

1) דער יחוס־בריוו אין זיינע גרונט־שטריכן איז אָנגעגעבן לויט וואַכשטיין (קאַטאַלאָג I זייט XVII). פאַרמערט און פאַרברייטערט לויט גרעץ: געשיכטע IX, זייט 488. ווי אויך לויטן אַרכיוו פון אינערן מיניסטעריום אין ווין, פאַסצ. IV באַנד 7, נומער 2127, און די זכרונות פון לעטעריס „זכרון בספר״, ווין 1869.

2) לויט וואַכשטיין איז ראָזאַנעס געווען אַן איידעם פון גרשון, אָבער פון די אַקטן איז צו זען, אַז ער איז אהרנס איידעם. איך וואָלט אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז באמת איז ר. געווען פריער גרשונס איידעם, און נאָכן טויט פון זיין פרוי האָט ער צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט יהודית, אהרנס טאָכטער אוז די אַלמנה פון דוד, מנחם מאַנס זון.

3) אַ טאָכטער פון מהר״ר אריה, אב״ד אין מילאַטין („זכרון בספר״ זייט 18).

די פרווו צו גרינדן די ערשטע העברעישע דרוקעריי אין וואַרשע

אין דער צווייטער העלפט פונם 18-טן יאָרהונדערט, ווען דער חסידיזם האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט, זענען אויף די מזרח-קאַנטן פון דער רעפּובליק, אין אַלעקסיניעץ, פּאָריצק, סלאַוועטע א. אַ. אַנטשטאַנען קלענערע דרוקערייען, וועלכע ווירקן אַ געוויסע צייט און גיבן-אַרויס פיל חסידישע און אַנדערע ספרים.

אין דער זעלבער צייט איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו גרינדן אַ דרוקעריי אין וואַרשע. נאָך פון די צייטן פון די מאַזאָוויעצקער פירשטן האָט וואַרשע געהאַט די פּריווילעגיע „de non tolerandis Judaeis“, ד. ה., אַז יידן איז נישט ערלויבט געווען דאָרט צו וווינען. די וואַרשעווער שטאָטישע בירגער („מיעשטשאַנעס“) האָבן שטאַרק אָפּגעהיט זייער פּריווילעגיע, און נאָר בשעת די סיימען — ווען עס זענען אָנגעפאָרן פיל פון דער שליאַכטע און פרעמדע סוחרים — איז אויך פאַר יידן געווען ערלויבט צו קומען און האַנדלען אין דער הויפּט-שטאָט. נאָכן ענדיקן פון אַ יעדן סיים האָט דער טרומייטער פון מאַרשאַלעק „אַרויסגערופן“ די יידן פון שטאָט. אָבער די יידן האָבן שטענדיק געפונען אַן עצה, צו מאַכן אַ היתר-עסקה, און הינטער די ראָגאַטקעס פון שטאָט — ביי דער פּראָטעקציע פון די אייגנטימער פון די פּאָר-שטעטישע „יורידיקעס“ — האָבן זיי געגרינדעט דאָס נייע ירושלים („נאָוואַ יערוזאַלימאַ“) און נייַ-פּאָטאָק, און דאָ האָבן זיי געפירט דעם האַנדל אין דער צייט צווישן איין סיים און דעם אַנדערן. אָבער

די וואַרשעווער „מיעשטשאַנעס" האָבן נישט געוואָלט פּאַרטראָגן די געפערלעכע קאָנקורענץ און זיך באַמיט אַרויסצוטרייבן די יידן אויך פון די פאָרשטעטישע ישובים. זיי איז דאָס געלונגען אין יאָר 1776, און באמת האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון די פאָרשטעט און זייערע קראָמען גלייך־געמאַכט מיט דער ערד.

אין יענער צייט פון דער „יידישער צעשטערונג" האָט זיך אָנגעהויבן די באַמיונג צו גרינדן אַ יידישע דרוקעריי אין וואַרשע. דער האַנדלס־קאָמיסאַנט פונם קעניגלעכן הויף און דער ליפעראַנט פון דער קייזערלעכער מינץ־פּאַלאַטע, לייזער איזאַקאָוויטש (בן יצחק) פון קראָטאָשין באַקומט פונם מלך סטאַניסלאַוו אויגוסט אַ פּריווילעגיע צו עפענען אַ העברעישע דרוקעריי „אין זיין ירושה־אָרט גאָלענדזינאָוו אין פּראַגע ביי וואַרשע". דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער קעניג האָט איינגעזען, „אַז די יידישע דרוקערייען זענען אַרונטערגעקומען", און אַז באַדייטנדע סומען „גייען אַרויס יעדעס יאָר פון לאַנד קיין אויסלאַנד, צו ברענגען יידישע ביכער, סיי פאַר זייערע תּפילות, סיי לוחות און אַנדערע, און היות ווי יידן אין קרוין־פּוילן און אין ליטע זענען נישט קיין קליינער טייל פון די איינוואוינער, און צום געברויך פון ביכער, וואָס געהערן צו זייער געבעט אין די געבעט־הייזער, שולן און פּריוואַטע הייזער... זענען זיי געצוווּנגען אין אויסלאַנד צו קויפן".

דער קעניג גיט־איבער די מאַכט און השגחה אויף דער דאָזיקער דרוקעריי דאָס רעכט צו ברענגען מענטשן, מאַשינען און מאַטעריאַלן דעם זעלבן לייזער איזאַקאָוויטש און זיין איידעם יאָנאַס (יונה) יאַקובאָוויטש, און דערמיט „ווערן אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס, וואָס זענען דורך אים אָדער זיינע פאָרגייער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלע אַנדערע יידישע דרוקערייען". די צווייי דערמאָנטע „פּריווילעגירטע" איז אויך ערלויבט צו ברענגען פון אויסלאַנד „תּלמודישע ספרים" אויף אַזאַ אופן: קודם־כּל זאָל ער אין יעדער שטאָט און שטעטל פון קרוין־פּוילן אין ליטע פונאַנאַדערטיילן פריער צו איין באַנד פונם דערמאָנטן ש"ס אויף פּרענומעראַטע, ד. ה., אָפּנעמענדיק פאָרויס אַ העלפט פון דעם, וואָס אַלע עקזעמפּלאַרן פון תּלמוד וועלן קאָסטן, און די צווייטע העלפט דאַן, ווען דער גאַנצער תּלמוד, וועלכער באַשטייט פון 12 בענדער,

וועט צוגעשטעלט ווערן. צווייטנס: אַז אין גרעסערע שטעט זאָלן זיי אויספאַרקויפן די גרעסערע ש״סן... און אין די קליינע שטעט – די קלענערע ש״סן און דערביי נאָר צו איין עקזעמפּלאַר... דריטנס: כּדי די שולן און די פּריוואַטע מענטשן, וועלכע וועלן געבן געלט אויף דעם דאָזיקן תּלמוד, זאָלן זיין זיכער, אַז פאַר זייער געלט וועלן זיי באַשטימט באַקומען דאָס גאַנצע ווערק פון תּלמוד, באַשטימען מיר־צו די אויבנדערמאָנטע יידן: לייזער און יונה אַלס גענעראַל־קאַסירער דעם בירגער אַדאַם זימאַן, אַ סוחר פון דער אַלטשטאָט וואַרשע; ביי זיינע סובאַלטערנען (אָנגעשטעלטע) דאַרף זיך געפינען די קאַסע פון הכנסה און הוצאה, און אין זיין נאָמען וועלן די דאָזיקע סובאַלטערנען אַרויסגעבן אַ קוויט איטלעכער שטאָט אויף דעם איינגעצאָלטן אַבאָנאַמענט־געלט און וועלן איר ערוב זיין, אַז דער גאַנצער תּלמוד וועט באַ־שטימט צוגעשטעלט ווערן״...

האָבנדיק אין טאַש די קעניגלעכע פּריווילעגיע, האָט לייזער קראָטאָשינער אָנגעהויבן זוכן שותּפים. הגם ער איז געווען אַ קאָמיסאַנט אין ברעסלוי אין משך פון 25 יאָר, האָט ער נישט געמאַכט קיין פאַר־מעגן, און די אויסלענדישע בוכהענדלער אין אַמסטערדאַם, פראַנקפורט א. אַ. וו. האָבן געזוכט אַ זיכערערן קונה, ווי לייזער. ער האָט אַלזאָ אָנגעהויבן לאָזן אויסרופן און דרוקן באַקאַנטמאַכונגען אויף יאַרידן און מערק און האָט צו זיי צוגעגעבן „פּונקטן אויף

---

1) צו דער כאַראַקטעריסטיק פון לייזערן און די מענטשן פון זיין צייט ברענג איך דאָ אַ בריוו, וועלכן ער האָט געשיקט צום גראַף מאָשינסקי, ווי אויך צום רוסישן געזאַנדטן אין וואַרשע, סאַלדערן, – מיט אַלע גרייזן:

Hochwohl Geborener

Höchst Hoch Gebietender Herr!

Ihre Hochwohlgeborene Hoch Gebietende Exellenz werden zu Gnaden halten, dass ich als ein Sclave mir die Freiheit bediene Ihro Exellenz mit dises mein untertänigstes Pro memoria zu incommodieren. Flehe Ihro Exellenz um Gnade auf mich eine Resolution von Ihro Exellenz zu erhalten, damit ich wage Ihro

שותפות, ווער עס וואָלט וועלן צוטרעטן צו אַ פּריווילעגיע, אַרויסגע־געבן אויף אַ דרוקעריי". ווייל אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דרוקן און פאַרשפּרייטן רעליגיעזע ספרים, האָט ער זיך באַמיט און באַקומען פון דריי באַוווּסטע רבנים הגאונים הסכמות, וועלכע ער האָט אויך געהייסן אויסרופן אין די שולן, בשעת די יאַרידן אין יאַראָסלאָוו, לובלין, קראָקע א. אַז. וו.

די דאָזיקע הסכמה פון די רבנים — אַ מין מאָראַל־צייגניש פאַרן „פּריווילעגירטן ייד" — איז געווען געשריבן אויף לשון־קודש און איז אין דערזעלבער שפּראַך באַקאַנט געמאַכט געוואָרן צווישן יידן, אָבער צו די קאָנצעסיע־אַקטן איז בייגעלייגט געוואָרן אַ פּוילישע איבערזעצונג, וועלכע איז זייער כאַראַקטעריסטיש און אינטערעסאַנט. דאָרט ווערט געזאָגט:

„צו אַלערערשט גיבן מיר אַ לויב, אַזוי דעם דורכלויכטיקסטן קעניג אויף דער ערד געזען, ווי דעם אַלערהעכסטן קעניג אין הימל, לויט אונזער אמונה! הערט, יידן, און קוקט זיך צו. היינטיקן טאָג

Exellenz meine Sache vorzutragen, mich was Ihro Exellenz schon vorgetragen haben, auf das demütigste einen [1] -als den wenden, Ihro Exellenz die Proben von mir sehen, welche tausend Juden nicht zeigen werden und nicht können. Flehe Ihro Exellenz nochmals auf das demütigste an, mich einen Rat, dieweil es bloss auf Ihro Exellenz hohen Gnade beruht, ein Halt Ihro Exellenz befehlen und vor gut finden, mich an Ihro königlichen Majestäten zu wenden, will dero Befehl gehorsamen. Schmeichle mir der guten Hoffnung, dass Ihro Exellenz dero hohen Gnade, welche hohen und wert ist, nicht entziehen werden. Empfehle mich nochmals an Ihro Hochwohlgeboren Exellenz höchst hoch Gebietender Herr aller gnädigsten Schutz.

Warschau den 5 Maj 1779.

Leiser Isaak
von Kruteschin.

---

1) איין וואָרט פעלט.

האָבן אונזערע אויגן געזען וווּנדער, וואָס גאָטס חסד האָט אונז באַוויזן צו אונזער גוטס, אַז זיין האַנט נויגט זיך צו אונז שטענדיק, ווי דער רבונו של עולם האָט מבטיח. הגם מיר וועלן זיין אין קנעכטשאַפט, וועט ער דאָך אַריינגעבן אין האַרץ פונם מלך, מיר זאָלן האָבן פון אים חסדים, ווי מיר זעען יעצט די גנעדיקע האַנט פונם דורכלויכטיקסטן קעניג פון גאַנץ קרוין-פוילן און ליטע, דעם פעסטן, באַרמהאַרציקן, זיין שטול זאָל דערהויבן ווערן איבער אַלעמען און זאָל לייכטן ווי די זון לעולם ועד, אַזוי אַז זיין באַפעל זאָל זיין איבער אַלע גלויבנס, און די פיינט זאָלן פאַלן פאַר זיינע פיס, עס זאָל זיין פרידן פאַר זיין קעניגרייך, און זיינע קינדער זאָלן אויך האָבן די מלוכה מיט די געהיימע מיניסטאָרן, זיין ליבער נאָמען זאָל אים געבן רחמנות אויף אונז, יידן, און מיר אַלע, אונטער זיינע פליגלען, מיר זאָלן זיין אין פרידן, און אַלץ, וואָס גאָט וועט אַריינגעבן אין זיין האַרצן, זאָל ערפילט ווערן אָן שום ענדערונג! דאָ איז געגעבן געוואָרן אַ פּריווילעגיע פונם דורכלויכטיקסטן קעניג אויפצושטעלן אַ יידישע דרוקעריי, כדי צו דרוקן לוחות, תלמוד און פאַרשידענע אַנדערע ספרים, וואָס קומען צו יעדעס יאָר אין אונזערע למודים, וועלכע זענען פריער געדרוקט געווען אין קראָקע, אין לובלין, נאָר צוליב די שווערע צייטן זענען חרוב געוואָרן די דרוקן, גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען און קיין צייכן פון זיי איז נישט פאַרבליבן, נאָר מען באַדאַרף זוכן אין פרעמדע לענדער און פאַר אונזער געלד דאָרט דרוקען. און יעצט האָבן מיר געזען, נישט בלויז געהערט, די פּריווילעגיע פונם דורכלויטיקסטן קעניג, אונזער גנעדיקסטן האַר, אין די הענט פונם געטרייען אליעזר יצחק, וועלכער איז דורך 25 יאָר אויך מיט אַ פּריווילעגיע פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט דער קאָמיסאַנט אויף אַלע סחורות אין ברעסלוי, אויף וואָס ער האָט דאָקומענטן פון אַלע פוילישע סוחרים, גאָט זאָל אים העלפן אויך צו דער דאָזיקער טעטיקייט; די דרוקעריי, וואָס זאָל געשטעלט ווערן אין גאָלענדזינאָוו, באַשטימט אויף די יעניקע פונקטן, וועלכע מען קאָן מיט דאָקומענטן און ערלעך אויסווייזן, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער פּריווילעגיע. דערפאַר באַדאַרפן מיר אָפּגעבן אַ שבח צו גאָט, וואָס ער האָט גענויגט דאָס האַרץ פון דורכלויכטיקסטן מלך אונזער גנעדיקן האַר, מחדש צו זיין אונזערע ספרים אומקערן, און באַנייען וואָס ער האָט באַוויליקט דורך זיין גנעדיקן באַפעל און

מיר, די אונטערגעשריבענע, באַשטעטיקן מיר לויט אונזער דת און מיט אַ שבועה, אַז קיינער זאָל זיך נישט אונטערשטעלן צו דרוקן ספרים אויף זייער נאָמען, אַז קיינער זאָל אים נישט שטערן אין דעם, וואָס ער וויל דרוקן... זייער דרוקעריי וועט אויסווירקן, אַז עס זאָלן נישט קומען קיין פרעמדע מענטשן פון אויסלאַנד, צו טון זיי אַן אומרעכט... נעמענדיק דאָס אין אַכט, ווי עס האָבן גענומען אויך אונזערע אבות-אבותינו די רבנים, אַרויפלייגנדיק אַ קללה אויף די, וואָס שטערן איינע די אַנדערע, לייגן מיר אויך אַרויף אַ חרם אויף אַזעלכע מענטשן, וואָס שטערן אויפצושטעלן אַ דרוקעריי פון יידישע ספרים אויף 10 יאָר. דערויף גיבן מיר אַ לויב און אַ שבועה און אַ ברכה, אַז די מלוכה זאָל וואַקסן און לייכטן, ווי די העלסטע שטערן אין הימל, און אַן עצה דעם, וואָס ער וועט אויסטראַכטן, אַז גאָט דער האַר זאָל העלפן אַלץ צום גוטן דעם דורכלויכטיקסטן קעניג, אַז זיין שטול זאָל דערהויבן ווערן, ווי דער אויפגאַנג פון דער זון.

15 יולי 1776.

העשיל, רב אין ריטשעוואָל.
יפת (יאַפעט), רב אין נאָווע-מיאַסטאָ.
לוי (לעוועק), רב פון זשאַרקי".

נישט פיל האָבן געהאָלפן די הסכמות פון די רבנים און די פאַרעפנטלעכונג פון די „פונקטן" [1]) און פון דער פּריווילעגיע אויף די

1) „די פונקטן פון שותפות אויף אַ דרוקעריי, ווער עס וואָלט וועלן צושטיין צו דער פּריווילעגיע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דער דאָזיקער דרוקעריי ר' לייזערן פון קראָטאָשין:

I) פאַרשידענע יידישע ספרים וועלן געבראַכט ווערן קיין וואַרשע פון אויסלאַנד. דהיינו פון אַמסטערדאַם, אָדער פון שלעזיען אָדער פון פראַנקפורט, אָבער אויף זיי וועלן נישט נויטיק זיין קיין מזומנים, נאָר געבן דעם סוחר ערבים אויף אַ טערמין, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די באַדערפנישן פונם קויף אָדער פאַרקויף פון די דאָזיקע ספרים.

II) כדי דעם, וואָס וועט וועלן צוטרעטן אַלס שותף צו דער פּריווילעגיע, צו פאַרזיכערן, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין שום היזק ביי די דאָזיקע ספרים, ווערט פאַראָרדנט, אַז די סוחרים, ביי וועמען מען וועט קויפן די דאָזיקע ספרים, קאָנען נישט זיין קיין ערבים, דען אין זייער קאַסע וועט דער גאַנצער פאַרדינסט אַריינגעלייגט ווערן אויף צו גרינדן די דרוקעריי — אַ חוץ דעם אָפּצאָל פאַרן דורכלויכטיקסטן מלוכה-אוצר.

ירידים און אין די שולן. קיין שותף האָט זיך נישט געפונען. ווי עס שיינט האָט די צעשטערונג פון „נאָוואַ יערוזאַלימאַ" און „נאָווי פּאָטאָק" אָפּגעשראָקן די קאַפּיטאַליסטן, אַריינצולייגן געלט אין אַזאַ נישט-זיכערער אונטערנעמונג. דער „פּריווילעגירטער" נאמן לייזער קראָטאָשינער האָט זיך געוואָרפן און געזוכט פאַרשידענע מיטלען און איינפאַלן, אָבער אומזיסט. גאַנצע דריי יאָר נאָכן באַקומען די פּריווילעגיע איז ער נאָך אַלץ נישט צוגעטראָטן צום עסק, נאָר געזוכט אַ שותף און צוגלייך די פּראָטעקציע פון פאַרשידענע שררות, כדי צו באַקומען אַ צוטריט צום קעניגלעכן הויף. די געפּלאַנטע דרוקעריי איז נישט געגרינדעט געוואָרן. און די קעניגלעכע פּריווילעגיע איז געבליבן אַ טויטער בוכשטאַב, אַן אַקט פאַרן אַרכיוו, אַ צייגניש פון אַ גוטן רצון, ווי עס זענען געווען פיל אין יענער צייט אין פּוילן נאָך דער ערשטער צעטיילונג [1].

ערשט נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן, און נאָכדעם ווי וואַרשע איז פאַרנומען געוואָרן דורך די פּרייסן, הייבט-אָן דאָרט דרוקן העברעישע ספרים פּיאָטר זאַוואַדזקי, און נאָך זיין גיכן טויט — זיין אלמנה מאַדאַם זאַוואַדזקאַ (1800). צוערשט אין נאָווי-דוואָר און שפּעטער אין וואַרשע.

III) בנוגע דעם פאַרקויף פון די ספרים וועלן מיר שטענדיק האָבן צוויי שרייבער, פון ביידע צדדים צוליב בעסערן צוטרויען, און מיט די, וואָס פאָרן אַרום מיט ספרים איבער די ירידים, וועט אויך זיין דאָס זעלבע.

IV) כדי צו זאַמלען געלט אויף די ש״סן אין שטעט און שטעטלעך, באַדאַרף אויך דער שותף שיקן זיין נאמן און די פּרענומעראַנטן פאַרזיכערן מיט זיינע קבלות, וואָס מ׳ר וועט זיי אַרויסגעבן אויף צו פאַרענדיקן די דאָזיקע ש״סן.

V) אויף די הוצאות ביים דאָזיקן עסק באַדאַרף דער שותף זיי געבן, וואָס עס וועט נאָר זיין נויטיק, און אַפילו יעדן חודש מאַכן אַ חשבון. אַזוי לאַנג דאָס שותפות צווישן אונז זאָל געדויערן, וועלן מיר וועגן דעם זיך אָפּרעדן.

VI) ווען גאָט וועט געבן, עס וועט קומען די צייט אויסצושטעלן די דרוקעריי, קאָן די שותפות בטל ווערן, סיידן דער שותף וועט אויפסנײ מיט מיר אָפּרעדן, וויפל ער באַדאַרף געבן אויף ברענגען מייסטערס און געהילפן צו דער דרוקעריי.

ווער עס וויל איינגיין אויף די פונקטן, וואָס זענען אויבן אויסגערעכנט, און ווער עס וויל זיך פאַרנעמען מיט דעם עסק, זאָל זיך זען מיט מיר און רעדן ווייל איך האָב דערויף אַ פּאַרטיקע פּריווילעגיע פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט און פון דער ווירדיקסטער קאָמיסיע".

1) די זאַמלונגען פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע אין קראָקע, האַנטשריפט Educatio nationale, באַנד 134 זייט 144, דעפּאָזיט פון מאַדאַם פּאַפּיעל.



32. דאָס שערבלאַט פון דעם יידישן בּרית חדשה פון דעם משומד פּוילוס העליץ, קראָקע, 1540. דאָס איינציקע פולע עקזעמפּלאַר אין דער יאַגעלאָנישער ביבליאָטעק אין קראָקע.

אן די עבריער

ערמאנען זייער ווערק די ער טוט · אונ׳ פאדרט מיט באזן ווארטן איבר אונז · אונ׳ לוסט איס
אן דעם ניט ביגניגן · ער זעלבז ניחט די ברודר ניט אן · אונ׳ ווערט דען די עס טון וואלן אונ׳
שטוסט זי אויס דער גמיין · מיין ליבר · וואל ניט נוך דעם באזן זונדר דעם גוטן · ווער
וואול טוט דער איז בון גוט · ווער אובל טוט דער זיכט גוט ניט · דעמעטריאוס הוט צייגנים בון
אידרמן · אונ׳ בון דער ווארהייט אונ׳ וויר צייגן אויך אונ׳ איר ווייסט דז אונזר צייגנס וואר איז
איך העט ויל צו שרייבן · אבר איך וואלט ניט מיט טינטן אונ׳ פעדרן צו דיר שרייבן · איך הופ׳
אבר דיך באלד צו זעהן · זו וואלן וויר מינטליך מיט אנידר רידן · פריד זיי מיט דיר · עס גריסן
דיך די פריינד · גריסט די פריינד מיט נאמן ׃

די עפיסטל אן די עברעער ׃

דש ערשט קפיטל

נאך דעם ור צייטן גוט מאנך מול אונ׳ מנכר ליי ווייז גירעט הוט צו דען ועטרן דורך
די פרופיטן · הוט ער אם לעצטן אין דיזן טגין צו אונס גירעט · דורך דען זון
וועלכן ער גיזעצט הוט צום ערבין אלר דינג · דורך וועלכן ער אויך די וועלט
גימאכט הוט · וועלכר · זינטמול ער איז דער גלנץ זיינר הערליקייט · אונ׳ דש עבן בילד זיינס
וועזנס . אונ׳ טרגט אלי דינג מיט דעם ווארט זיינר קרפט · אונ׳ הוט גימאכט די ריינגונג אונזר
זינד דורך זיך זעלבס · הוט ער זיך גיזעצט צו דער רעכטן דער מיעסטעט אין דער הויה · זו ויל
בעסר וואָרדן דען די ענגל · זו גר ויל איינן אנדרן נאמן ער בור אין ערערבט הוט ׃ דען
צו וועלכם ענגל הוט ער אי מול גיזגט · דו ביסט מיין זון · היט הב איך דיך גיבורן · אונ׳ אבר תהלים ב
מולס · איך ווערד אים איין ועטר זיין · אונ׳ ער ווערט מיר איין זון זיין · דא ער אבר מול איין תהלים פח·פט
איינגיבורנן ערשט גיבורנן אין די וועלט · שפריכט ער · אונ׳ עס זאלן אין אלי גוטס ענגלן אן תהלים צז
בעטן · בון דען ענגלן שפריכט ער צוואר · ער מאכט זייני ענגלן גייסטר · אונ׳ זייני דינר ביורער
פלאמן · אבר בון דעם זון גוט · דיין שטול וועדט זיין אייביקייט צו אייביקייט · דש צעפטיר דיינס תהלים קד·קה
רייכס איז איין ריכטיגס צעפטר · דו הוסט גיליבט די גירעכטיקייט אונ׳ גיהסט די אונגירעכטי תהלים מה·מו
קייט · דערום הוט דיך גיזלבט גוט דיין הער מיט דעם אול דער ורייד איבר דייני גינוסן ׃
אונ׳ דו הער הוסט בון אן ונג די ערד גיגרינדעט · אונ׳ די הימל זיין דיינר
הענד ווערק · דיזעלבן ווערדן ור גין · דו אבר ווערסט בלייבן · אונ׳ זי ווערדן אל ור אלטן
אז איין קלייד · אונ׳ ווי איין גיוונט ווירסטו זי אנדרן · אונ׳ זי ווערדן זיך ור ענדרן תהלים קב·קג
· דו אבר ביסט דער זעלבי · אונ׳ דייני יאר ווערדן ניט אב תהלים קי·קי
נעמן · צו וועלכם ענגל אבר הוט ער אי מולס גיזגט · זעץ דיך צו מיינר רעכטן · ביז איך לייג תהלים קי
דייני ויינט צום שעמל דיינר ביס · זיין זי ניט אל צו מאל דינסבארי גייסטר אויז גיזנט צום דינסט
אויס דער וויל · די ערערבן זולן די זעליקייט ׃

דש אנדר קפיטל

דרום זולן וויר דעסטר מיר ור נעמן דעם דש מיר הערן · דז וויר ניט עטווז ור ליסן
דען זו דש ווארט ועסט ווארדן איז · דש דורך די ענגל גירעט איז · אונ׳ איין איקליכי
איבר טרעטונג אונ׳ אונגיהורשם הוט עמפפנגן זיין גירעכטי בילונג · ווי וואלן וויר ענטבליהן
זו וויר איין זולכי זעליקייט אויס דער אכט לוסן · וועלכי נוך דעם זי אן גיבנגן היט אונ׳ גירעט
ווארדן איז דורך דען הערן · איז זי אויף אונז ביבעסטיגט דורך די זו עז גיהורט הבן דורך דז מיט

צו דער צענזור אין פּוילן און גאַליציע

א) עסטרייכישע צענזורן

אין פוילן איז נישט געווען קיין צענזור מטעם הממשלה, נאָר יידן האָבן אַליין געזען, מ׳זאָל נישט דרוקן אין ש״ס די דאָזיקע ווערטער, וואָס די קאַטוילישע קירכע האָט זיי אויסגעשטראָכן, די גלחים אָבער זענען נישט תמיד געווען מיט דעם צופרידן און האָבן זיך משתדל געווען ביים קעניג, ער זאָל אינגאַנצן פאַרביטן דעם תלמוד און אַנדערע ספרים צו דרוקן. אַזוי איז עס געווען אין די יאָרן 1568–9, ווען דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט ערלויבט ר׳ יצחקן בן אהרן צו דרוקן ש״ס און האָט תיכף־ומיד זיין פריווילעגיע צוריק־געצויגן. דער איסור איז נישט געווען חל אויף גאַנץ פוילן, הגם אין לובלין דווקא אין יענע יאָרן הייבט מען אָן דעם ש״ס צו דרוקן. אין קראָקע אַליין דרוקט ר׳ נחום מייזליש מיט די זין אָפּ גאַנץ בבלי און עטלעכע הלקים פון ירושלמי.

אין דעם XVII און XVIII יאָרהונדערט איז נישטאָ אין פוילן קיין שום מלוכישע אָדער גלחישע צענזור, כאָטש דאָס זענען געווען צייטן פון אומטאָלעראַנץ און רעאַקציע, אָבער דאָס איז נישט קיין סימן פון ליבע אָדער שנאה קעגן יידן, הגם אין פוילן האָט געקאָנט אין דעם יאָר 1757 פּאַסירן אַ זאַך, וואָס האָט געפּאַסט נישט פאַר דעם XVIII יאָרהונדערט. איך מיין דאָ דעם פּסק פון דעם גייסטלעכן געריכט אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסקי (נאָך דעם וויכּוח מיט די פראַנקיסטן) אַלע ספרי־ש״ס צו פאַרברענען. און באמת האָבן גלחים און סטודענטן דורכגעזוכט אַלע בתי־מדרשים און פריוואַט־ביבליאָטעקן און פון דאָרט

אוועקגעשלעפט קיין קאמעניעץ אלע לשון־קודשדיקע ספרים, האלטנדיק זיי פאר ספרי־תלמוד און זיי איבערגעגעבן דעם תלין צום פארברענען.

וויפל ספרים זענען דעמאלט פארניכט געווארן, לאזט זיך נישט משער זיין. מיר ווערן געוווּיר פון פארשידענע מקורות, אז א סך יידן האבן אוועקגעשיקט זייערע ספרים אין דער וואלאכיי, כדי זיי צו ראטעווען פאר דער שרפה [1].

אין דעם יאר 1775 האט די מלוכה איינגעפירט א שטעמפל־טאקסע אויף העברעישע ספרים און צו דעם צוועק האט די מאכט אויפגענומען א רשימה פון אלע ספרים, וואס האבן זיך געפונען אין פריוואט־הייזער און אין בתי־מדרשים. אין די פוילישע ארכיוון זענען געבליבן רשימות פון אלע שטעט און פראווינצן און פון זיי ווערן מיר געוווּיר, וויפל ספרים איעדער איינצלנער בעל־הבית האט געהאט, וויפל ספרים זענען געווען ביים רב און וויפל אין בית־המדרש, אזוי האט מען, למשל, אין לוצק אפגעשטעמפלט ביי 230 יידן 2059 ספרים און ביי 23 קאראימעס (קראים) 121 ספרים, אין גאנצן לוצקער קרייז 40,339 ספרים. אין לובלין האט מען אפגעשטעמפלט 7172 ספרים, אין פלאצק (ביי 140 יידן) 582, אין פויזן (ביי 593 יידן) 12,908, אין קאליש (ביי 250 יידן) 3660 ספרים [2].

נאך דער טיילונג פון פוילן האבן די נייע מלוכות איינגעפירט ביי זיך צענזורן. אין גאליציען (עסטרייך) איז מען ערשט דערצו געקומען 10 יאר נאך דער אקופאציע, ד״ה, אין דעם יאר 1782, ווען מ׳האט זיך גענומען צו די דרוקערייען. ביז דאן זענען די ספרים דערשינען אן צענזור נאר מיט דער הסכמה פון דעם גאליצישן אבער־לאנדעס־ראבינער (רב־מדינה) ר׳ אריה־ליב בערנשטיין מיט זיינע פינף אסעסארן (דייני־המדינה), די דאזיקע הסכמה איז נישט צו גלייכן מיט די טראדיציאנעלע הסכמות פון דער אלטער צייט, ווייל זיי

1) די גאנצע מעשה אין קאמעניעץ־פאדאלסקי מיט פראנקן און וועגן דעם פארברענען די ספרים זע דעם: ספר שמוש פון ר׳ יעקב עמדין און די ארבעט פון קרויסהאר: Frank i Frankiści Polscy, באנד I.

2) פינאנץ־ארכיוו אין ווארשע, לוסטראציע פון די יידישע ספרים, באנד 23 (1776).

האָבן געהאַט אַן אַמטלעכן כאַראַקטער. אַזוי ערלויבט דער „אָבער-לאַנדעס ראַבינער” צו דרוקן צום ערשטן מאָל דעם סידור אר״י, וואָס איז ביז דאַן נאָר אַלס כתב־יד באַקאַנט געווען אין פוילן, (דפוס זאָלקוויאַ 1781) [1].

אין דעם יאָר 1782 האָט די מאַכט געהייסן אַריבערטראָגן קיין לעמבערג אַלע יידישע דרוקערייען פון גאַנץ גאַליציע און דאָ איינגעפירט אַ צענזור און זי איבערגעגעבן דעם פּראָפעסאָר פאַר דער העברעישער שפּראַך אויף דער נייער אוניווערזיטעט און זיין געהילף, וואָס מ׳האָט געזאָלט אויפנעמען. די אוניווערזיטעט האָט מען אָבער געעפנט ערשט אין דעם יאָר 1784 און דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען קיין לעמבערג דער פּראָפעסאָר פעסלער פאַר קירכן-געשיכטע און העברעישע גראַמאַטיק און תיכּף איבערגענומען די צענזור [2]. ווער איז פון אָנהייב געווען זיין געהילף, איז נישט מעגלעך צו זאָגן, דאָס ווייסן מיר אָבער בפירוש, אַז אין דעם יאָר 1787 איז אַראָפּגעקומען קיין לעמבערג אַלס שול-אויפזעער הערץ האָמבערג, אַ נאָענטער מיט-אַרבעטער משה מענדעלזאָנס, און באַלד האָט מען אים איבערגעגעבן „אויסהילפסווייזע” די צענזור.

האָמבערגס פירונג אין גאַליציע, זיין אַרבעט אַלס אָרגאַניזאַטאָר און אינספּעקטאָר פון די „דייטש-יידישע” שולן איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך [3]. דאָ וויל איך נאָר באַטראַכטן דאָס פאַרהעלטעניש פון דעם משכּיל און תּלמיד מענדעלזאָנס צו דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, און קיין אַנדערע איז אין יענער תּקופה נישט געווען.

ווען יהודה מייערהאָפער האָט געבעטן אַ פּאַטענט אויף צו עפענען אַ יידישע דרוקעריי (יאָר 1791) און האָמבערג האָט באַקומען דעם אַקט צו ערליידיקן, האָט ער בדרך-אגב געשטעלט די נאַיווע

---

1) דער סידור געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער יידישער געמיינדע אין בערלין נ״ר. 12,957 נדפס בק״ק זאָלקוואָ תחת ממשלת אדונינו המיוחס הגדול החסיד הדוכס וואָיעוואָדאַ מווילנא דמדינת ליטא קאָרל סטאַניסלאַוו ראַדזיוויל יר״ה (1781).

2) וואָלף גערסאָן: קליינע שריפטן, ווין 1892 זייט 14. פעסלער איז געווען פריער אַ קאַפּוצינער-גלח.

3) וועגן האָמבערג זע מיין אַרבעט אין מיין בוך Z historji Żydów w Polsce, וואַרשע 1920, זייט 190 — 228.

קשיה: וואָס טוט מען, אַז מ׳באַקומט צו דער צענזור אַ ספר, וואָס אין אים איז נישטאָ קיין ווערטער, וואָס באַליידיקן דאָס קריסטנטום אָדער די מאַכט, „אָבער ס׳זענען פאַראַנען „תּורות״, וואָס פאַרלייטן דעם לעזער צו אומטאָלעראַנץ און פאַראַכטונג פון די פעלקער צווישן וועלכע די יידן לעבן און פון וועלכע זיי געניסן טובות?״ די גאַליציישע הויפקאַנצליי האָט אויף דעם אופן די זאַך אַנטשידן: „האָמבערג האָט נישט צו פאַר־רעכטן די ספרים און נישט פאַרביטן, ער האָט נאָר צו שרייבן: „איך האָב געלייענט און געפין גאָרנישט שלעכטס אין דעם ספר״. געפינט ער, אַז עפּעס איז נישט כּשר, האָט ער דעם פּסוק צו איבערזעצן אויף דייטש און מאַכן דערביי זיין באַמערקונג. אויך דאָס גובערניום האָט נישט אין די זאַכן דאָס לעצטע וואָרט, נאָר ס׳האָט דאָס בוך מיט אַלע מיינונגען אָפּצושיקן קיין ווין צו דער „שטודיענהאָפקאָמיסיאָן״, די שטודיענהויפקאָמיסיע איז געווען בדעה, אַז אין סידורים און בכלל אין רעליגיאָנס־ביכלעך זאָל מען נישט מאַכן קיין שינויים און נישט אויס־שטרייכן קיין ווערטער אָדער פּסוקים, נאָר אַזוי ווי ס׳זענען געדרוקט געבן די צענזור־ערלויבניש, געפינט אָבער האָמבערג פאָרט אַ פּסוק אָדער אַ פּרק, וואָס פאַסט נישט מטעם הממשלה, זאָל דאָס גובערניום איינלאַדן דעם רב און אים די זאַך פאָרלייגן און אַזוי ווי דער רב וועט פּסקענען, אַזוי מוז בלייבן [1].

האָמבערג האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן און האָט אין דעם יאָר 1794 איבערגערייכט דאָס דאָזיקע מעמאָראַנדום: „פאַר יידן זאָל מען אָרגאַניזירן אַן אייגענע צענזור און די צענזור זאָל פון די יידישע ספרים אויסשטרייכן אַלע פּסוקים, וואָס פּריידיקן שנאה קעגן אַנדערע רעליגיעס. בכלל זאָל איין אויטאָ־דאַ־פע איבער אַלע יידישע ספרים געמאַכט ווערן (מ׳זאָל זיי פאַרברענען) [2].

אין דעם יאָר 1811, ווען ער האָט שוין געוווינט אין פּראָג, האָט ער געגעבן דעם פּלאַן פאַר דער יידישער צענזור און געראָטן פאָל־גנדע ספרים נישט לאָזן דרוקן:

---

1) אַרכיוו פון דעם מיניסטעריום דעס אינערן אין ווין, האָפקאַנצעלאַריע IV ד׳ ר׳ 26, 27.

2) באַלאַבאַן: הערץ האָמבערג ווי אויבן זייט 227, הערה 3.

1) אַלע קליינע און גרויסע תּפילות אַחוץ דעם „הנותן תשועה למלכים“.
2) קבלה־ספרים.
3) דרושים, וואָס זענען פול מיט פּילפּול און זענען אָן מוסר.
4) מאָראַלישע ספרים, איידער מ׳האָט זיי גוט דורכגעזען.
5) נייע תּשובות „הגם ס׳איז שוין אַזוי דאָ געגוג“.
6) הגהות און פּילפּול.
7) תּולדות (ביאָגראַפיעס) פון רבנים, וואָס האָבן אַחוץ תּלמוד ספרים גאָרנישט אויפגעטון (ספורי מעשיות פון גוטע־יידן).
8) מעשיות פון משוגענע [1].

בשעת האַמבּערג איז נאָך געווען אין גאַליציען, האָט מען אים אַ סך מאָל אַרויסגערופן קיין ווין און דעמאָלט האָט אים פאַרטרעטן אין דער צענזור דער דירעקטאָר פון דעם יידישן לערער־סימינאַר און אין לעמבערג אהרן פרידענטאַל (הייסט אויך יעראָסלאַוו), אויך אַ געוועזענער הויז־לערער ביי ר׳ משה מענדעלזאָהן און דער מחבר פון דעם ביאור צום ספר במדבר.

אין דעם יאָר 1806 האָט מען אַריבּערגעטראָגן די צענזור קיין ווין און צענזאָר איז געווען דער באַוווסטער יידישער פּעדאַגאָג און ליטעראַט פּעטער בּער.

ב) די מלחמה מיט דער צענזור

די מלחמה מיט דער צענזור האָט אין די אַלטע דורות געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי אַלע אומות און בּפרט ביי אונז יידן. שוין צונץ דערציילט אינטערעסאַנטע שטיקלעך פון די צענזאָרן, און איך וויל דאָ אויך געבּן עטלעכע ביישפּילן פון דעם קאַמף, וואָס מחברים און אַרויסגעבּערס האָבן געמוזט פירן מיט דעם צענזאָר, איידער אַ ספר האָט דערלעבּט אַרויסצוקומען אויף דער ליכטיקער וועלט.

איך וויל דאָ דערציילן עטלעכע איינצלהייטן פון דעם קאַמף מיט דער צענזור.

אין דער צייט ווען די חסידים האָבן זיך אָנגעהויבּן צו

---

1) וואָלף: געשיכטע דער יודען אין ווין, זייט 123.

פאַרשפּרייטן אין פּוילן זענען די מתנגדים זיי אַנטקעגנגעטרעטן און האָבן זיך משתדל געווען ביי די צענזאָרן, כדי די חסידישע ספרים נישט דורכצולאָזן. די צענזאָרן זענען מיינסטנס געווען מתנגדים אָדער משכילים און האָבן אַליין אויך געוואָלט דעם חסידיזם באַקעמפן, אָבער די חסידים און זייערע רביים האָבן פאַרשטאַנען מיט געלט און פּראָטעקציע ביי די פּריצים און באַאַמטע גובר צו זיין דעם צענזאָר און זיינע מתנגדישע העלפערס.

איינער פון די מתנגדים אין אָנהייב פון דעם XIX יאָרהונדערט איז געווען ר׳ ישראל ליבל, אַ מגיד אין נאָוואַראָדאָק (נאָוואָגרודעק) און מחבר פון די ספרים: „קברות התאוה״, [1]) וכוח תלמוד אמתי עם זמרי המכונה חסידי ומכתבים בשם הגר״א מווילנא נגד רביהם [2]) א. אַז. וו. די דאָזיקע כתבים, וואָס זענען געווען געדרוקט אין וואַרשע בשעת דער פּרייסישער אָקופּאַציע (1797—1798), האָט ר׳ ישראל ליבל געוואָלט אַריבערפירן קיין גאַליציע, כדי זיי דאָרט צו פאַרקויפן. ער האָט מיטגענומען צו 450 עקזעמפּלאַרן פון איעדן ספרל און געלאָזט זיי אין קראָקע צענזורירן, און מיט די ספרים און מיט דער באַשטעטיקונג פון דעם צענזאָר אַריינגעפאָרן קיין ריישע, רישא (רזשעשוב). דאָ האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה קעגן די חסידים, אָבער אַ חברה ווילע-יינגען איז אים איבערגעפאַלן אין בית-המדרש, געשלאָגן מכות רצח און איבער-געגעבן דעם קרייז-אַמט. דער קרייז-הויפּטמאַן האָט געמאַכט מיט אים אַ שטרענגן פאַרהער, כדי געוואויר צו ווערן, צי ר׳ ישראל איז באמת אַ שפּיאָן, ווי די חסידים האָבן געמסרט, ער לאָזט אים אָבער באַלד אַרויס און ר׳ ישראל ליבל פאָרט אָפּ קיין לעמבערג. די חסידים האָבן אָבער באַוויזן אין לעמבערג דעם מתנגדישן מגיד צו מסרן ביי דער פּאָליציי און קוים איז ר׳ ישראל ליבל צוגעפאָרן צום יאַנאָווער שראַנקען, האָט מען אים אַראָפּגענומען פון דעם וואָגן צוזאַמען מיט זיינע קאָסטנס מיט ספרים און אים איינגעזעצט אין תפיסה. קוים האָט מען אים אַרויסגעלאָזט פון דער תפיסה, האָט ער זיך געמעלדעט אויף אַן אוידיענץ ביים גובערנאַטאָר, פאַר אים אויסגעוויינט זיין

1) דפוס ווארשא תקנ״ז.

2) דפוס ווארשא תקנ״ח.

האַרץ און געבעטן מ׳זאָל אים אָפּגעבן די ספרים און דעם צענזור-שיין, וואָס די פּאָליציי האָט ביי אים קאָנפיסקירט. דער גובערנאַטאָר האָט אים פיין אויפגענומען און פאַרשפּראָכן די ספרים אָפּצוגעבן, אָדער ווייניקסטנס צו שיקן קיין קראָקע, מ׳זאָל זיי דאָרט נאָך איינמאָל צענזורירן.

ר׳ ישראל איז אַוועק קיין בראָד (בראָדי), וווּ די מתנגדים האָבן אים אויפגענומען בסבר פנים יפות, און פון דאָרט איז ער צוריקגעפאָרן נאָך קראָקע. דאָרט האָט מען אים געוויזן אַ דעקרעט פון דער „גאַליצישער האָפקאַנצליי” אין ווין פון דעם 14 נאָוועמבער 1798 „אין וועלכן ס׳ווערט באַפוילן זיינע ספרים צו פאַרשליסן (אינהיבירען), ווי די פרומע יידן האָבן דעם קייסער יר״ה געבעטן”. שטאַרק אויפגערעגט איז דער נאָוואַראָדאָקער מגיד אַוועק קיין ווין און געמעלדעט זיך גלייך ביים קייזער צו אַן אוידיענץ. דער קייזער פראַנץ האָט אים פיין אויפגענומען, געלעזן בשעת דעם עמפּאַנג זיין ביטע און די הסכמות פון זיינע ספרים אַרויסגעגעבן פון דעם מערישן און דעם אונגאַרישן רב-המדינה און צוגעזאָגט זיין בקשה גוט צו ערליידיקן. און באמת — אַזוי שרייבט ר׳ ישראל — האָט דער קייסער יר״ה אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרטרייבן די רביים מיט זייערע גבאים. אַ סך פון זיי האָבן געמוזט אַוועק פון מערב- און מזרח-גאַליציע און האָבן זיך באַזעצט אין דער פרייסישער אָקופּאַציע, ד. ה., אין גראָדזיסק (גרעץ), ביעלסק, סטריקאָוו וכו׳ [1].

אַן אינטערעסאַנטע זאַך דערציילט דער באַוווסטער גאַליצישער משכיל ר׳ יוסף פערל בנוגע זיין סאַטיריש ספר מגלה טמירין, וואָס איז געשריבן אין אַ חסידישן לשון-קודש מיט אַזעלכע מליצות, אַז מ׳זאָל מיינען, אַז ס׳איז אַ חסידיש ספר. וועגן די סיכסוכים, וואָס פערל האָט געהאַט וועגן דעם ספר מיט דעם ווינער צענזאָר, שרייבט נר אין אַ בריוו צו זיין פריינט ריב״ל (לעווינזאָן), דעם באַוווּסטן

1) וועגן ר׳ ישראל ליבל (לעבל) זע גרעץ: געשיכטע, באַנד XI זייט 550, און צייטלין: קרית ספר (ביבל. העבר. פאָסטמענדעלזאָניאַנאַ) זייט 214. ישראל ליבל האָט אַליין אָנגעשריבן אַ דייטשע בראָשור קעגן חסידים: Glaubwürdige Nachricht von einer neuen und zahlreichen Sekte... Frankfurt a/M, 1799.

רוסישן משכיל:[1] „קודם-כל וויל איך אייך באַשרייבן דעם גורל פון מיין ספר מגלה טמירין. דאָס בוך האָב איך איבערגעשיקט צו דעם צענזאָר (פעטער בעער) מיט דעם טיטל: מגלה סוד. ס'איז ביי אים לאַנג געלעגן און צום סוף האָט ער עס אָפּגעשיקט און נישט ערלויבט צו דרוקן. ווען איך בין געווען פאַר צוויי יאָר אין ווין, האָב איך אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון, דעמאָלט האָט ער מיר מודה געווען, אַז ער פאַרשטייט נישט אַזאַ מין לשון-קודש, און אַז איך וויל, ער זאָל עס צענזורירן, זאָל איך אים געבן אַ מענטש, ער זאָל אים פאַר-טייטשן די „אומפאַרשטענדלעכע” ווערטער. איך האָב געמוזט נאָך איינמאָל איינרייכן דעם כתב-יד מיט אַן אַנדערן טיטל (מגלה טמירין)[2] און שיקן אַ מענטש, ער זאָל פאַרטייטשן די ווערטער און ערשט דעמאָלט האָב איך באַקומען די דערלויבעניש צו דרוקן דאָס ספר”.

די צענזור אין קאָנגרעס-פוילן[3]

שוין בשעת דעם ערשטן פוילישן סיים (1818) איז באַרירט געוואָרן די אָנגעלעגנהייט פון דער צענזור. אין פוילן זענען אין יענער צייט געווען 24 פוילישע דרוקערייען, 10 בוכהאַנדלונגען, 2 ליטאָגראַפיעס און 4 יידישע דרוקערייען. לויט קאָנסטיטוציע זענען פוילישע ביכער געדרוקט געוואָרן אָן צענזור, אָבער בנוגע די יידישע ספרים איז מען געווען זייער שטרענג, ווייל זיי האָבן – לויט דער מיינונג פון דעם מלוכה-ראַט – אַנטהאַלטן „פסוקים און פרקים, וואָס זענען שעדלעך פאַר דער עפנטלעכער מאָראַל און תורות פון כישוף און פאַנאַטיזם”. האָבנדיק אַזאַ מיינונג וועגן יידישער ליטעראַטור, האָט די מאַכט כמעט נישט אַריינגעלאָזן ספרים אַפילו פון קראָקע און ווילנע, און זי

---

1) באר יצחק, ספר הכולל אגרות רצוא ושוב בין הרב החכם... יצחק בער לעווינזאָן ובין חכמי דורו, ווארשע 1902 זייט 39 – 40.

2) די ערשטע אויפלאַגע פון דעם מגלה טמירין איז ערשינען אין דעם יאָר 1819, אונזער בריוו איז אַ סך שפּעטער.

3) Gąsiorowska Natalia: Cenzura żydowska w Królestwie Kongresowem. Kwartalnik Hist. Żydów w Polsce. (1912) באנד II זייט 55 — 64.

וואָלט אינגאַנצן פאַרשלאָסן דעם אימפּאָרט, ווען נישט די זאַך, אַז ס׳איז איר געווען אַ שאָד דער צאָל, וואָס זי האָט גענומען פון די ספרים.

אין דעם יאָר 1821 איז געוואָרן באַשטימט פאַר דעם צענזור-אינספּעקטאָר דער באַוווּסטער גלח ליודוויק כיאַריני, אַ ברע-נעדיקער אַנטיסעמיט, וואָס האָט אָנפאַנגס געוואָלט איבערזעצן „גאַנץ ש״ס״ אויף פראַנצויזיש, נאָר ער האָט זיך די זאַך בייצייטנס איבער-לייגט און האָט במקום זה אָנגעשריבן אַ יידן-פרעסעריש בוך „La Theorie de Judaism" [1]

די האַנט פון אַזאַ צענזאָר האָבן באַקומען צו שפירן די יידישע דרוקערס און בפרט די, וואָס האָבן געוווינט אין די קליינע שטעטלעך; ר׳ ישעיהו וואַקס פון יוזעפּוּוו, אַ באַוווּסטער דרוקער פון יענער צייט וואָלט געקאָנט אַמבעסטן דערציילן וואָס אַ יידישער דרוקער האָט פון דעם צענזאָר געהאַט צו ליידן.

אין דעם יאָר 1822 האָט ער געגרינדעט זיין דרוקעריי אין יוזעפּוּוו (קרייז לובלין) און שוין אין דער קאָנצעסיע האָט מען אים געשטעלט פאָלגנדע באַדינגונגען: פאַר איעדער אַרבעט מוז ער אַליין איבערגעבן דעם צענזאָר דעם כתב-יד פון דעם גאַנצן ספר און אַזוי לאַנג וואַרטן מיט דעם דרוק ביז ער וועט באַקומען די ערלויבעניש. נאָך דעם דרוק איז ער פאַרפליכטן אַלע בויגן (ד. ה., נישט נאָר פון איעדן בויגן איינעם) אָפּשיקן קיין וואַרשע (40 מייל), כדי דער צענזאָר זאָל זיך איבערצייגן צי מ׳האָט עפּעס אַנדערש נישט געדרוקט. וואַקס האָט געבעטן מ׳זאָל אים דערלויבן נאָר עטלעכע בייגן צו שיקן קיין וואַרשע, און די איבריקע איבערלאָזן אין יוזעפּוּוו אונטער דער השגחה פון דעם בירגערמייסטער. דער צענזאָר האָט מסכים געווען אויף דעם בזה התנאי: א) אַז וואַקס וועט באַלייגן אַ קויציע פון 20,000 גילדן, ב) אַז ער וועט ברענגען קיין וואַרשע $^1/_{20}$ פון אַלע עקזעמפּלאַרן. שטי-צנדיק זיך אויף דער פּראָטעקציע פון דעם גראַף זאַמאָיסקי, האָט וואַקס געמאַכט אַ רעקורס און געבעטן מ׳זאָל דאָס וואַדיום אַראָפּנידערן אויף 5000 זל. און אים באַפרייען פון דעם פירן די סחורה (1/20)

[1]) וועגן כיאַריני זע נוסבוים: Szkice z historji Żydów w Warszawie זייט 56 — 58.

קיין וואַרשע, אָבער דער צענזאָר האָט נישט איינגעוויליקט, ווייל די „פאַכקאָמיסיאָן" האָט געהאַט אַ שלעכטע מיינונג פון דער יידישער ליטעראַטור. „די יידן האָבן אַ סך ספרים — לעזן מיר אין דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע, — וואָס זענען פול מיט פאַנאַטיזם, כישוף און שנאה קעגן אַנדערע פעלקער, דערפאַר מוז די קאָמיסיע זוכן מיטלען, ווי אַזוי דעם טיראַזש פון די ספרים צו פאַרקלענערן, הגם די יידן ווייסן ווי אַזוי די מאַכט אָפּצונאַרן און ווי אַזוי אַריינצושמוגלען ביכער פון אויסלאַנד. וואַקס'ס דרוק איז די גרעסטע אין פוילן און געניסט שטיצע פון דער מלוכה. ס'איז אָבער נישט מעגלעך זי צו באַפרייען פון אַלע באַשרענקונגען"... און וואַקס האָט געמוזט נאָכגעבן די אַלע חומרות. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיך צו פירן און האָט אַ לאַנגע צייט געדרוקט פאַרשידענע ספרים (תיקוני זוהר — שנת תר"א, שאגת אריי — שנת תרט"ו וכו').

מעשה צענזור בשעת דער גרויסער מלחמה אין אונזערע יאָרן און די ליידן פון די אומגליקלעכע שרייבערס און רעדאַקטאָרן — דאָס איז אַ קאַפּיטל, וואָס איז ווערט מ'זאָל עס אויספירלעך באַשרייבן, אָבער דאָ איז נישט דער פּלאַץ פאַר דעם און אויך איז נאָך אַביסל צו פרי.

נאַפּאָלעאָן און די יידן

צו דער 100־סטער יאָרצייט פון דעם גרויסן קייזער
דעם 5 מאַי 1921

א) נאַפּאָלעאָן און זיין תקופה

דעם 5 מאַי 1921 איז געוואָרן 100 יאָר זינט דער גרויסער נאַפּאָלעאָן איז טויט. אין איינס פון די 5 צימערן פון זיין וווינונג אויף דער קליינער אינזל העלענאַ האָט זיך געראַנגלט מיט דעם טויט דער גרויסער קייסער, איינצלנע ווערטער זענען אַרויסגעקומען פון זיין מויל: „פראַנקרייך", „מיליטער", „מיין זון" א. אַז. וו. און באַלד האָט זיך דער קייסער אויסגעצויגן אויפן בעט און 11 מינוט פאַר 6 פאַרנאַכט האָט דער דאָקטאָר קאָנסטאַטירט דעם טויט. אַריינגעקומען איז אין שטוב אַריין דער ענגלישער גובערנאַטאָר פון דעם אינזל, וואָס האָט דעם קייסער געהיט 7 יאָר, און ווי נאָר מען האָט אים געמעלדעט וועגן דעם טויט, האָט ער אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „דאָ איז געשטאָרבן דער גרעסטער שונא פון ענגלאַנד און אויך מיין גרעסטער פיינט, איך בין אים אָבער אַלץ מוחל, ווייל ביים טויט פון אַזאַ גרויסן מאַן דאַרף מען נאָר טרויער און שמערץ טראָגן אין האַרץ".

און אייראָפּע האָט געוווּסט, וועמען זי האָט פאַרלוירן. מעטערניך, „דער לערער פון אַלע מלכים" האָט פאַרשטאַנען, אַז מיטן טויט פון נאַפּאָלעאָן איז ער פטור געוואָרן פון דעם איינציקן שונא, און דאָס זעלבע האָבן געשפּירט אַנדערע הערשער. איין געפאַנגענער איז נאָר געבליבן אויף דער וועלט און דאָס איז געווען נאַפּאָלעאָנס זון „דער הערצאָג פון רייכשטאַט", אָבער דעם זון האָט מעטערניך גוט געהיטן אין דעם קייזער-ליכן שלאָס אין שענברון און האָט אַזוי פאַרשטאַנען צו ערציען אים, אַז ער זאָל נישט לאַנג לעבן אויף דער וועלט..

נאַפּאָלעאָן האָט אין זיין צוואה פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים באַגראָבן אין פּאַריז, אָבער זיין לעצטער ווילן איז נישט ערפילט געוואָרן: אויף דעם זעלבן אינזל העלענאַ, ווו ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים באַגראָבן, ענגלישע קאַנאָנען האָבן אָפּגעגעבן די לעצטע סאַלוט-שאָסן און די ענגלישע רעגימענט-מוזיק האָט אָפּגעשפּילט דעם ענגלישן נאַציאָנאַל-הימן. ערשט נאָך 19 יאָר (1840) איז זיין לעצטער טרוים מקוים געוואָרן, און מען האָט געבראַכט זיין קערפּער קיין פּאַריז און באַגראָבן מיט גרויס כבוד. גאַנץ פראַנקרייך איז געווען פאַרטרעטן ביי דער פייערלעכקייט און אַלע אייראָפּעישע מלכים האָבן ווידער אַ ציטער געטון אויף זייערע טראָנען

* *

*

„גאָט האָט באַשאַפן נאַפּאָלעאָנען און דערנאָך זיך אָפּגערוט: די וועלט האָט שוין נאַפּאָלעאָן אַליין געפירט דורך עטלעכע צענטליק יאָר" — אַזוי האָט געזאָגט איינער פון די דענקער אין יענער צייט, און ער האָט רעכט געהאַט. דורך אַ צייט פון 15 יאָר האָט איין מענטש באַשעפּטיקט מיט זיין פּערזאָן די גאַנצע וועלט. איין מענטש האָט זיין אייזערנעם ווילן אויסגעדריקט אויף דעם קלענסטן און דעם גרעסטן, זיין פּערזאָן און זיין נשמה געמאַכט צו אַ צענטער פון גאַנץ אייראָפּע, און אַפילו פון אַנדערע וועלט-טיילן. דער באַרימטער פילאָזאָף העגעל האָט פאַרגלייכט די נשמה פון נאַפּאָלעאָן מיט דער וועלט-נשמה, און די גרעסטע דייטשע געלערנטע און דיכטער, ווי געטהע, היינע, האָבן אין אים געזען דעם גלאַנץ פון דער וועלט, דעם שפּיגל פון דער מענטשהייט, נאָר די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען זיין גרויסקייט, און זייער היסטאָריקער און פילאָזאָף קאַרלייל געפינט אין נאַפּאָלעאָנען נאָר שלעכטס און אומגערעכטיקייט.

און דאָך איז נאַפּאָלעאָן געווען אַ גּעניאַלער מענטש, אפשר דער געניאַלסטער הערשער פון אַלע צייטן, געניאַלער פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן און יוליוס צעזאַר. געבוירן אויף אַ קליינער אינזל קאָרסיקאַ, אַ זון פון אַן איינפאַכן אַדוואָקאַט, ערצויגן אַלס אָרעמער סטודענט אין

אַ מיליטער-שולע, האָט נאַפּאָלעאָן פון זיין היים נישט קיין סך באַדינגונגען באַקומען צו ווערן דאָס, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן. אויך די טראַדיציע פון זיין משפחה איז געווען גאָר אַן אַנדערע, דווקא נישט קיין פראַנצויזישע. זיינע אָבות האָבן פיל יאָרן געקעמפט מיט פראַנקרייך און געוואָלט די קליינע אינזל מאַכן אומאָפּהענגיק. אַ סך קרבנות זענען געפאַלן אין די מלחמות, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. „אין דעם יאָר, וואָס איך בין געקומען אויף דער וועלט (1769), איז מיין פאָטערלאַנד געשטאָרבן" – שרייבט נאַפּאָלעאָן אין זיינע זכרונות און ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געשפּירט עפּעס אַן אַנדערער, ווי זיינע חברים. זיינע שונאים ערקלערן, אַז ער האָט ביז זיין טויט נישט געקאָנט רעדן אָן אַ פעלער פראַנצויזיש.

אין דער מיליטער-שולע האָט נאַפּאָלעאָן שטאַרק געליטן דחקות, זיין פאָטער האָט אים גאָרנישט געקאָנט צושיקן, און ער אַליין האָט נישט געקאָנט פאַרדינען. „וואָכן-לאַנג האָב איך געגעסן איין מאָל אין טאָג, און מיין פּוס האָט קיינמאָל נישט באַטרעטן קיין קאַפע-הויז, און יעדן אָפּגעשפּאָרטן סו האָב איך פאַרוועדנט אויף ביכער". נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ זייער גוטער זון און אַ ברודער. קוים איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אָפיציר – און דווקא מיט אַ גאָר קליינעם געהאַלט – באַלד האָט ער צו זיך גענומען אויף ערציונג אַ יונגערן ברודער. און די שוועסטער זיינע, פּוילינאַ – אויף זיינע קאָסטן געגעבן אין אַן ערציונגס-אַנשטאַלט. אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען די יוגנט פון דעם קומענדיקן קייסער.

אָבער באַלד איז אויסגעבראָכן די „גרויסע רעוואָלוציע" (דעם 5 מאַי 1789) און האָט פאַר פעיקע מענטשן געעפנט די מעגלעכקייט גרויס צו ווערן, אָדער איבערצוגעבן דעם קאָפּ דעם תּלין. אַלס הויפּטמאַן האָט נאַפּאָלעאָן זיך צוגעקוקט, ווי דער המון פון פּאַריז האָט געשטורעמט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, „עס האָט אים וויי געטון, אַז „דאָס ציווילע פאָלק" שלאָגט אוניפאָרמירטע סאָלדאַטן, ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ווען די אָפיצירן זאַלן געווען האָבן דעם מוט זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון דעם מיליטער, וואָלט דער המון נישט געווען געשטורעמט די טוילעריען". די גאַנצע מרידה האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעקוקט מיט די אויגן פון אַן אָפיציר... ער איז אָבער געבליבן ביים מיליטער. און איז מיט דעם מיליטער אַריבערגעגאַנגען צו דער רעוואָלוציע.

און אַזוי ווי ער האָט ביז איצט געטריי געדינט דעם קעניג, דינט ער איצט די נייע הערן. ער שטייט מיט זיין גאַרניזאָן ביי דער שטאָט טולאָן און באַקומט דעם באַפעל צו פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן ענגלענדער און איטאַליענער. נאַפּאָלעאָן איז אַרטילעריסט. זיין פּלאַן — די גאַנצע אַרטילעריע אַריינצופירן אין קאַמף — ווערט אָנגענומען און ער נעמט איבער די קאָמאַנדע. באַלד איז די שטאָט ערָאָבערט. די ענגלישע שיפן צעשטערט, די קעגנער פון דער רעוואָלוציע פאַרניכטעט, אַ שרעקלעכע שחיטה אין די גאַסן פון טולאָן. די פירער פון דער רעוואָלוציע דערקענען דעם גרויסן טאַלאַנט פון דעם 24־יעריקן קאַפּיטאַן און מיט איין מאָל אַוואַנסירט נאַפּאָלעאָן אויף גענעראַל. פון אַזאַ אַוואַנס האָט מען ביז יענער צייט אין פראַנקרייך נישט געהערט. נאַפּאָלעאָן טרעט אַרויס און הייבט אָן צו שפּילן אין פּאָליטישן לעבן אַ ראָלע. די פירער פון דער רעוואָלוציע שיקן אים קיין איטאַליען, וווּ עסטרייך האָט געהאַלטן אַ סך מיליטער און געהאַט שטאַרקע פעסטונגען. דער 24־יעריקער בריגאַדע־גענעראַל באַקומט דאָס קאָמאַנדע איבער אַלטע, ערפאַרענע קאָמענדאַנטן, וואָס ווילן זיינע באַפעלן נישט אויספירן. נאַפּאָלעאָן פאַרשטייט אָבער מיט דעם ערשטן אויגנבליק זיך צו פאַרשאַפן אַזאַ רעספּעקט, אַז אַלעס ציטערט פאַר זיין בליק. „איך בין דער ווילן פון דעם פאָלק, איך בין דאָס גליק" — אַזוי זאָגט ער צו די זעלנער אין דעם אויגנבליק, ווען די געפאַר איז גרויס, און די פיינטלעכע קאַנאָנען שיסן פלאַם און פייער. און דער זעלנער גלויבט אין דעם גליק פון זיין פעלד־הער און גייט אין דעם פייער אויף דעם זיכערן טויט. אין דער שלאַכט ביי וואַלמי איז נאַפּאָלעאָן אַליין געגאַנגען אין דער שפּיץ פון זיינע גרענאַדירן איבער אַ בריק, וואָס אויף איר האָבן געדונערט די האָגלען פון די פיינטלעכע קאַנאָנען. רעכטס און לינקס זענען מענטשן געפאַלן ווי זאַנגען אונטער דער קאָסע פון דעם שניטער, אים האָט קיין קויל נישט געטראָפן!

פון איטאַליען, וווּ ער האָט איינמאָל נאָך דעם אַנדערן געזיגט און געשלאָגן די עסטרייכער און דייטשן, האָט נאַפּאָלעאָן באַשלאָסן צו גיין נאָך מצרים (עגיפּטן), דאָרט האָט ער געוואָלט טרעפן ענגלאַנד, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן שונא. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע מחמדאַנער און זיין

זה השער ליי צדיקים יבואו בו

זאת תורת החטאת

בפולין ליטא ורייסן פיהם ומערהרן ואשכנז

מהר"ר משה ז"ל בן הקצין ר' איסרל ז"ל

ועתה נדפס שנית ונוסף על הראשוני שנדפס
מתוך ספר הגיה הגאון מהר"ר משה איסרליס
ז"ל בכתב ידו קודם שנתבקש בישיבה של מעלה

תחת ממשלת אדונינו המלך סטפן יר"ה

פה קק קראקא

34. שערבלאַט פון דעם ספר זאת תורת החטאת פון דעם רמ"א,
געדרוקט אין קראָקע ביי ר' יצחק פראָסטיץ, 1577.

זה ספר
תולדות נח
חלק שני לחיבור יפה תואר
[illegible]
והוא ראשון לחיבורו [illegible]
[illegible]
נדפס פה ק״ק קראקא [illegible]
[illegible]
שנת ואלה תולדות נ[illegible] [illegible]
[illegible]

35. שערבלאט פון דעם ספר תולדות נח, חלק שני, קראָקע, שצ״ד (1624), געדרוקט פון ר׳ נחום מייזליש, מיט דעם פויל־שן מלוכה־אָדלער און דעם הערב פון דער שטאָט קראָקע.

בליק האָט געגרייכט ביז קיין אינדיען, ווי ענגלאַנד האָט געהאַט דעם גאַנצן רייכטום און פון וואַנען עס האָט געצויגן זיין גרויסן כוח.

דער געדאַנק פון נאַפּאָלעאָנען איז געווען גוט, נאָר דער פּלאַן איז נישט געלונגען. ענגלאַנד האָט אָבער דערזען, וואָס פאַר אַ שונא זי האָט אין דעם יונגן גענעראַל באָנאַפּאַרטע און האָט מיט אים אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט...

דערווייל איז נאַפּאָלעאָן געגאַנגען אַלעמאָל העכער און העכער. ער שפּירט אין זיך דעם כוח צו ווערן נישט נאָר די שטיצע פון דער רעוואָלוציע-מאַכט, נאָר אַליין אַ מאַכט. דאָס פאָלק באַוווּנדערט זיין טאַלאַנט, דאָס מיליטער פאַרגעטערט אים און זיינע ברידער און שוועסטער דערציילן פון אים נסים ונפלאות, און נאַפּאָלעאָן וואַגט דעם וויכטיקן שריט. ער ערשיינט מיט זיינע גרענאַדירן אין סט. קלו, ווי עס האַלטן אָפּ די קאַמערן זייערע זיצונגען — פאַרטרייבט די דעפּוטאַטן און די דירעקטאָרן און פירט איין אַ נייע מלוכה פון דריי קאָנסולן — און דער ערשטער פון די דריי ווערט ער אַליין. די דאָזיקע מלוכה איבערקערעניש פון דעם 19 ברומער (10.X 1799) איז געווען דער ערשטער שריט פון דער רעפּובליק צו אַ קייסער-טראָן, באַלד איז נאַפּאָלעאָן פּטור געוואָרן פון זיינע צוויי חברים און געוואָרן דער איינציקער קאָנסול אויף 10 יאָר. ער האָט אָבער נישט געוואַרט קיין 10 יאָר און האָט זיך געלאָזט קלויבן אַלס קאָנסול אויפן גאַנצן לעבן און טאַקע באַלד איינגעאָרדנט אַ פּלעביסציט און דאָס פאָלק פון פראַנקרייך האָט אים מיט 3.572.329 קעגן 2569 אויסגעקליבן אַלס קייסער פון די פראַנצויזן. דער פּויפּסט פּיוס VII איז אַליין געקומען קיין פּאַריז, כדי נאַפּאָלעאָנען די קרוין אַרויפזועצן אויף דעם קאָפּ. אין דער קירכע נאָטר-דאַם איז דער זון פון דעם קאָרסיקאַנישן אַדוואָקאַט צוזאַמען מיט זיין פרוי געקרוינט געוואָרן אַלס קייסער „פון גאָטס גנאָד", פון די מינצן און פאָנען איז פאַרשוווּנדן געוואָרן די אויפשריפט „רעפּובליק פראַנסעז" און עס איז געקומען דער טיטל „אַמפּיר פראַנסעז".

און מיט די נצחונות אין פראַנקרייך גופא זענען געגאַנגען נצחונות אין גאַנץ אייראָפּע. עסטרייך איז געוואָרן אָפּגעשניטן, פּרייסן צעשמעטערט, שפּאַניען און איטאַליען האָט נאַפּאָלעאָן אַוועקגעגעבן צו

זיינע ברידער. איין אַנדערער ברודער פון נאַפּאָלעאָנען איז געוואָרן קעניג פון וועסטפּאַליען, אַלעקסאַנדער פון רוסלאַנד האָט זיך באַמיט צו געווינען נאַפּאָלעאָנס פריינטשאַפט, אין פוילן איז איינגעאָרדנט געוואָרן „דאָס הערצאָגטום וואַרשע״ און באַלד האָט נאַפּאָלעאָן געפּלאַנט און אָנגעהויבן די גרויסע מלחמה מיט רוסלאַנד. אַן אַרמעע פון 600.000 זעלנער איז אויפגעשטעלט געוואָרן און אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער אַרמעע האָט מאַרשירט נאַפּאָלעאָן כּדי מנצח צו זיין דעם צאַר אַלעקסאַנדער... דאָ האָט אָבער „דעם קריגס-גאָט״ פאַרלאָזט זיין גליק. און די גרויסע מפּלה אין מאָסקווע איז באַלד געוואָרן די מפּלה פון נאַפּאָלעאָנס מלוכה. נאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט צו איין גרויסער טאַט און אויפגעשטעלט אַ נייע אַרמעע, אָבער ביי לייפּציג איז די אַרמעע געשלאָגן געוואָרן פון די עסטרייכער, פּרייסן און רוסן... און נאַפּאָלעאָנס שטערן איז פאַרלאָשן. די מלכים פון אייראָפּע האָבן אים אַוועקגעשיקט אויף דער אינזל עלבאַ און אויף דעם פראַנצויזישן טראָן אַנידערגעזעצט לודוויק XVIII – אַ ברודער פון דעם גילאָטינירטן לודוויק XVI. נאָך איינמאָל האָט געפּרוווט נאַפּאָלעאָן צו נעמען די מאַכט אין זיינע הענט. ער האָט פאַרלאָזט די אינזל און געקומען קיין פראַנקרייך. דאָס מיליטער איז באַלד צו אים אַריבערגעגאַנגען און לודוויק XVIII איז אַנטלאָפן פון פּאַריז. אָבער נאַפּאָלעאָנס צווייטע מלוכה האָט געדויערט קוים 100 טעג, פּרייסן און ענגלענדער האָבן געשלאָגן זיין אַרמעע ביי בעל-אַליאַנס. און ער אַליין, נישט וועלנדיק בלייבן אין לאַנד, איז אַרויף אויף אַן ענגלישע שיף און מען האָט אים גענומען אין געפאַנגנשאַפט. די ענגלענדער האָבן אים אַוועקגעפירט אויף דער ווייטער אינזל „העלענאַ״ און דאָרט איז ער – שטאַרק געהיט – נאָך 7 יאָר געשטאָרבן.

דעם 5 מאַי 1821 האָט דער גרויסער קייסער צוגעמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק.

ב) נאַפּאָלעאָן און די יידן אין פראַנקרייך

דעם 17טן סעפּטעמבער 1394 האָט קאַרל VI, קעניג פון פראַנקרייך, אַרויסגעטריבן אַלע יידי פון זיין לאַנד און עטלעכע הונדערט

יאָר זענען אין פראַנקרייך קיין יידן נישט געווען. ביסלעכווייז האָבן אָבער פון פאַרשידענע זייטן אָנגעהויבן יידן צוריקצוקומען אין לאַנד, צוערשט שפּאַנישע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר דער אינקוויזיציע, און קעגן ענדע פון XVII יאָרהונדערט — אויך דייטשע יידן אין עלזאַס. די שפּאַנישע יידן זענען אייגנטלעך געקומען קיין דרום-פראַנקרייך (באָרדאָ, ליאָן, מאַרסעל) נישט אַלס יידן נאָר אַלס געשמדטע (אנוסים). זיי זענען געווען גענצלעך אַסימילירט, און האָבן דעם המון אין די שטעט מיט זייער רייכטום און זייער שטאָלצקייט שטאַרק אימפּאָנירט. איינציקווייז און גאַנץ פאָרזיכטיק האָבן זיי פון זיך דאָס קריסטנטום אָפּגעוואָרפן, אָבער די פרעמדע קולטור איז ביי זיי געבליבן און די איינוווינער פון באָרדאָ, מאַרסעל און די איבריקע שטעט האָבן אין זיי ווייטער געזען שפּאַניער און נישט קיין יידן.

גאָר אַנדערש איז געווען די זאַך אין עלזאַס.

דאָס לאַנד האָט עטלעכע הונדערט יאָר געהערט צו דייטשלאַנד און אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיך דאָ באַזעצט פיל יידישע משפחות פון פראַנקפורט, ווין א. אַז. וו. און אָנגעהויבן צו פירן אַ גרויסן האַנדל. די פראַנצויזישע בירגער האָבן נישט געוואָלט דאָס צולאָזן און דערפון איז געקומען צו געשרייען און פּראָטעסטן, פּאָגראָמען און פּראָצעסן. קעגן ענדע פון XVII יאָרהונדערט איז דאָס לאַנד עלזאַס מיט דער שטאָט שטראַסבורג צוריק עראָבערט געוואָרן פון די פראַנצויזן און אַזוי-אַרום זענען די דאָרטיקע יידן געוואָרן פראַנצויזישע בירגער. באַלד האָבן אָבער די שטראַסבורגער באַלעבאַטים אָנגעהויבן זייערע יידן צו פאַרפאָלגן און אַלע מיטלען אָנצווענדן, כדי זיי פון דער שטאָט אַרויס-צופּטרן. הונדערט יאָר האָט געדויערט דער שטרייט און אין דער צייט האָבן זיך די שטראַסבורגער יידן ביסלעכווייז אַריינגעצויגן קיין פּאַריז, וווהין עס זענען אויך געקומען עטלעכע צענטליק פאַמיליעס פון די רייכע שפּאַנישע יידן פון באָרדאָ. אָפיציעל האָבן אָבער קיין יידן אין פּאַריז נישט געטאָרט וווינען, אָבער מיט געלט האָט מען זיך געקאָנט אַן עצה געבן, און די רעגירונג האָט געקוקט אויף זיי דורך די פינגער.

פּלוצלינג איז אויסגעבראָכן די גרויסע רעוואָלוציע. דעם 5טן מאַי 1789 האָט דער קעניג איינבאַרופן די „גענעראַלשטאַטן",

אין וועלכע עס זענען געזעסן דעפּוטאַטן פון דעם אַדל (פּריצים), פון די גלחים און פון די שטאָטלייט. באַלד האָבן אָבער די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פאַרלאַנגט, אַז אַלע דעפּוטאַטן פון אַלע דריי שטאַנדן זאָלן צוזאַמען זיצן און בילדן אַ פאַרזאַמלונג. די „רעכטע" דעפּוטאַטן האָבן נישט געוואָלט דערויף איינשטימען, דערפאַר האָבן זיך די „לינקע" ערקלערט פאַר אַ „נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג" און האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן געזעצן פאַר דעם גאַנצן לאַנד. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער רעוואָלוציע. באַלד האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אָנגעהויבן אָפּשאַפן די פּריווילעגיעס פון די פּריצים און גלחים, צו קאָנפיסקירן די גיטער פון די קירכן און קלויסטערס און אין דער נאַכט פון 25־טן אויפן 26־טן אויגוסט 1789 האָט מען באַשלאָסן דאָס געזעץ „פון דעם רעכט פון אַמענטש" און דערמיט אָפּגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס און באַזונדערע רעכט פון די רייכע און אַדעליקע קלאַסן.

און ייִדן? — די ייִדן האָבן געמיינט — און דאָס האָט אויך געמיינט דער דעמאָקראַטישער טייל פון די דעפּוטאַטן — אַז ווען מען גיט די רעכט אַלע מענטשן, גיט מען זיי שוין ממילא אויך די ייִדן! אַזוי האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען דעם ענין דער גרעסטער טייל פון די דעפּוטאַטן און מיט זיי דאָס פאָלק פון פראַנקרייך: „די רעכט האָט מען געגעבן פאַר מענטשן, אָבער נישט פאַר ייִדן" — אַזוי האָט מען ערקלערט די זאַך. און דערווייל האָט דער המון אין שטראַסבורג — אויסנוצנדיק זיין פרייהייט — געפּלינדערט ייִדישע הייזער, פאַרברענט ייִדישע באַנקן, כּדי צו פאַרניכטן די וועקסלען, און אַזוי כּסדר.

די נאַכריכט פון די פּאָגראָמען איז געקומען נאָך פּאַריז און די דעמאָקראַטן האָבן געצוווּנגען די רעגירונג אָנצונעמען מיטלען, כּדי די ייִדן צו שיצן, און גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג די ייִדן־פראַגע צו באַהאַנדלען. ביי דער דעבאַטע איבער די רעכט פון אַ בירגער (22.VIII) האָט מיראַבאָ — איינער פון די בעסטע קעפּ און טאַלאַנטפולסטע רעדנער, — געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע פאַר ייִדן און דורכגעפירט אַ געזעץ, „אַז מען טאָר קיינעם נישט פאַרפאָלגן פאַר זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען". דער באַשלוס איז אָבער געבליבן גאָר אין דער טעאָריע, און כּדי אים דורכצופירן אין דער פּראַקטיק

האָבן די שפּאַנישע און די עלזאַסער יידן אַריינגעשיקט פּעטיציעס און דעם 14טן אָקטאָבער 1789 איז ערשינען אין דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג אַ דעפּוטאַציע פון די שטראַסבורגער יידן און זייער פאָרשטייער האָט געהאַלטן צו די דעפּוטאַטן אַ פייערדיקע רעדע. דער פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג האָט אים שיין געענטפערט, אָבער דערמיט האָט זיך טאַקע די זאַך געענדיקט און די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג האָט די יידן קיין גלייכבארעכטיקונג נישט געוואָלט געבן; די ליבעראַלן האָבן גאָר מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק זאָל די יידן נישט אויסהרגענען, אין פאַל, ווען מען וועט זיי גלייכשטעלן מיט אַנדערע בירגער. אַזאַ שנאה האָט קעגן זיי געהערשט אין פראַנקרייך. די שנאה און די פּאָגראָמען זענען אָבער געווען נאָר אין עלזאַס, צו די באָרדאָער און אַנדערע דרום-יידן האָט זיך דער בעסערער טייל פון פאָלק גוט באַצויגן, מען האָט זיי — די אַסימילירטע שפּאַניער — געהאַלטן פאַר פראַנצויזן, און דאָס האָבן זיי פאַרשטאַנען אויסצונוצן.

דעם 31טן דעצעמבער 1789 האָבן די דאָזיקע „יידן פון באָרדאָ" דערלאַנגט אַ ביטע און אין איר ערקלערט, אַז זיי האָבן שוין פון לאַנג „בירגער-רעכט", זיי זענען פראַנצויזן און שטאַמען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל און האָבן גאָרנישט קיין געמיינזאַמס מיט „די דייטשע יידן אין עלזאַס, וואָס לעבן לויט אַן אייגענעם געזעץ און זענען אַ פרעמדער קערפּער אין דעם פראַנצויזישן פאָלק".

די מסירה האָט געהאָלפן און די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג האָט „די שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע און אַנדערע דרום- און מערב-יידן" געגעבן די גלייכבאַרעכטיקונג.

אַ פּאָגראָמאַל אין באָרדאָ איז געווען די תשובה פון דעם המון אויף דעם באַשלוס פון דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, אָבער די עלזאַסער יידן, וואָס מען האָט זיי אַזוי פאַרשעמט, האָבן דערפון קיין סאַטיספאַקציע נישט געהאַט, זיי האָבן אָבער נישט פאַרלוירן דעם מוט און געזוכט מיטלען ווי אַזוי די רעכט צו באַקומען.

אין פּאַריז האָבן געלעבט אָנגעזעענע און געבילדעטע יידן, וואָס האָבן זיך מיט זייער גאַנצן כּוח איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע, אַסך פון זיי זענען אַריינגעטרעטן אין דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע, אַנדערע האָבן זיך באַטייליקט אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, נאָך אַנדערע האָבן

געאָפפערט פאַר דער רעוואָלוציע זייער גאַנץ פאַרמעגן, דאָס האָבן געזען די בירגער פון פאַריז און דער מאַגיסטראַט האָט פאַרלאַנגט פון די באַצירקס-ראַטן, זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג איבער די יידן. די מיינונגען זענען געווען די בעסטע און אויף דעם גרונט האָט דער שטאָט-פּרעזידענט געשיקט אַ ביטע צו דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, צו געבן די יידן די אַלגעמיינע רעכט. אָבער אויך דאָס מיטל האָט נישט געהאָלפן און ערשט נאָך נייע ביטעס און באַראַטונגען, רדיפות און פּאַגראָמען האָט דעם 27טן סעפּטעמבער 1791 די פאַרזאַמלונג ערקלערט, אַז די „רעכט פון מענטשן" באַציען זיך אויך אויף יידן.

*

*

אַזוי האָט אויסגעזען די יידן-פראַגע אין דער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן איז, נאָך דער עראָבערונג פון טולאָן, אַרויסגעטרעטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע. ער, דער קריגס-גאָט, האָט פון דער נאָענט קיין יידן נישט געקאָנט: אין זיין היימאַט (קאָרסיקאַ) האָט ער זיי נישט געזען, ביים מיליטער האָבן זיי זיך נישט שטאַרק אַרויסגעוויזן, הגם עטלעכע הונדערט פון זיי האָבן אין מיליטער געדינט, איינינקע אַפילו אַלס הויכע אָפיצירן (גענעראַל מאַסענאַ זאָל זיין אַ זון פון אַ יידישן וויין-הענדלער אין ניצאַ און ער האָט געהייסן מנשה), נאָר געהערט האָט נאַפּאָלעאָן פון די אָנקלאַגן אויף יידן, פון די פּאָגראָמען און אויך פון דעם שווערן קאַמף, וואָס זיי האָבן געהאַט, ביז זיי האָבן באַקומען די גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס אַלץ איז אים אָבער נישט אָנגעגאַנגען און דאָס ערשטע מאָל האָט ער געהאַט מיט יידן צו טון ערשט אין יאָר 1802, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו רעגולירן דאָס פאַרהעלטניש פון דער מלוכה צו די פאַרשידענע רעליגיעס.

דעם רעפעראַט איבער דער יידישער „רעליגיע" האָט באַקומען דער מיניסטער פּאָרטאַליס און שרייבנדיק זיין רעפעראַט האָט ער באַמערקט, אַז יידן זענען עפּעס מער ווי אַ רעליגיע, און דאָס האָט ער ביי דער זיצונג ערקלערט מיט דער באַמערקונג, אַז עס איז שווער צו פאַרלאַנגען, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי לאַנג געקאָנט אָפּהיטן זיין אינדיווידואַליטעט, זאָל זיך קאָנען צו אַן אַנדער פאָלק צופּאַסן.

נאַפּאָלעאָן איז געווען זייער אויפגערעגט; קיין פאַרשטענדניש פאַר נאַציאָנאַלער מינדערהייט האָט מען דעמאָלט בכלל נישט געהאַט. ער האָט זיך אַלזאָ פאָרגענומען די יידן-פראַגע „גרינטלעך" אויפצוקלערן.

אויף זיין פעלד-צוג איז ער אונטערוועגנס געווען אין שטראַסבורג, און דאָ האָט ער זיך אָנגעהערט גענוג מסירות אויף יידן; די קלאַגן פון די עלזאַסער סוחרים האָבן געטראָפן צו נאַפּאָלעאָנס איבערצייגונג, און קוים איז ער, נאָך די נצחונות, געקומען קיין פּאַריז, האָט ער באַלד באַפוילן די מיניסטאָרן, זיך מיט דער יידן-פראַגע צו באַשעפטיקן. דער קייסער האָט געהאַט אויף יידן אַ בייז האַרץ, ער האָט זיי פשוט געוואָלט אַרויסטרייבן פון פראַנקרייך, אָדער וויייניקסטנס ביי זיי אַוועקנעמען די פּאָליטישע רעכט, נאָר די מיניסטאָרן האָבן אים אָפּגערעדט פון דעם פּלאַן. און נאָך לאַנגע דעבאַטן האָט זיך דער קייסער אַנטשלאָסן (30 מאַי 1806) פאָלגנדע צוויי באַפעלן אַרויסצוגעבן: 1) די חובות, וואָס די פויערן זענען שולדיק די „דייטשע יידן", טאָרן אין משך פון אַגאַנץ יאָר נישט געפאָדערט ווערן, 2) עס זאָל איינגעלאַדן ווערן אַ פאַרזאַמלונג פון 100 געבילדעטע און איינפלוסרייכע יידן, וואָס זאָל זיך מיט די טעאָרעטישע פראַגעס וועגן דעם יידנטום באַשעפטיקן.

*

דער ערשטער טייל פון דעם קייזערלעכן באַפעל איז געווען אַ האַרטער שלאַג פאַר די עלזאַסער יידן, הגם די באַאַמטע האָבן נאָך דאָס יאָר די חובות אויף ווייטערע 10 יאָר אָפּגעלייגט. עס איז געווען אַ מיטלאַלטערלעכער דעקרעט אין אַ נייער צייט, און דערפאַר האָבן אים די יידן נאָך מער געשפּירט. דער צווייטער טייל — די פאַרזאַמלונג פון די נאָטאַבלען — איז געווען אַ נייעס, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט געווען.

דעם 26טן יולי 1806 איז געווען די ערעפנונג פון דער „נאָטאַבלען-פאַרזאַמלונג". 112 דעלעגאַטן פון פראַנקרייך און איטאַליען זענען זיך צוזאַמענגעקומען און האָבן אויסגעקליבן אַלס זייער

פּאָרזיצנדן אברהם פורטאַדאָ-אַ ייד פון באָרדאָ, איינעם פון די, וואָס האָבן אין דעם קאַמף פאַר די רעכט געמסרט די שטראַסבורגער יידן. פורטאַדאָ איז געווען מער פראַנצויז ווי ייד און אין דעם זין האָט ער געהאַלטן די ערשטע און די ווייטערע רעדעס. אין נאָמען פון דער רעגירונג האָט גענומען דאָס וואָרט דער סעקרעטאַר מאָלע און האָט בפירוש ערקלערט, אַז דער קייזער פאַרלאַנגט פון די יידן, זיי זאָלן פאַרגעסן אָן זייערע אייגנשאַפטן און ווערן פראַנצויזן. נאָכדעם האָט ער פאָרגעלעזן 12 פראַגעס און פאַרלאַנגט אויף זיי אַ תשובה. דער קייזער האָט געפרעגט, צי מעגן יידן האָבן צוויי ווייבער? ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך דאָס יידישע געזעץ צו די קריסטלעכע פראַנצויזן? איז פראַנקרייך זייער פאָטערלאַנד? צי ציט זיי נאָך קיין ארץ-ישראל? ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך דאָס יידישע געזעץ צו געמישטע חתונות? א. אַז. וו.

די נאָטאַבלען האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער קייסער פאַרלאַנגט פון זיי, זיי זאָלן אויף אַלע פראַגעס מסכים זיין, און האָבן נישט קיין מוט געהאַט אים צו ווידערשפּרעכן. דער שרעקלעכער באַפעל וועגן די יידישע חובות אין עלזאַס איז זיי גוט געלעגן אין טעם און זיי האָבן צו אַלע ענינים זייער הסכמה געגעבן. נאַפּאָלעאָן איז געווען דערמיט צופרידן, ער האָט אָבער געוואָלט אויף די פראַגעס האָבן אַ הסכמה פון רבנים, און האָט דעריבער צוזאַמענגערופן אַ סנהדרין פון די וויכטיקסטע רבנים אין פראַנקרייך און איטאַליען.

דאָס סנהדרין האָט נישט געקאָנט אַנדערש באַשליסן, ווי עס האָבן געטון די „נאָטאַבלען", הגם די זיצונגען זענען געווען עפנטלעך און דאָס רוב רבנים האָבן נישט געקאָנט רעדן פראַנצויזיש. און דאָס סנהדרין האָט מסכים געווען אויף אַלע קשיות און נאַפּאָלעאָן האָט אַהיימגעשיקט די נאָטאַבלען און די רבנים און האָט מיט זיינע מיניסטאָרן די זאַך נאָכאַמאָל איבערגערעדט. דעם 17טן מערץ 1808 האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי דעקרעטן, וואָס האָבן געזאָלט אָרדנונג ברענגען אין דער יידן-פראַגע, מיט דעם ערשטן דעקרעט האָט ער איינגעפירט אַ מין קאָנסיסטאָריום, ד. ה. אַ רעליגיעזן ראָט פון אַלע געמיינדעס, מיט דעם צווייטן האָט ער „רעגולירט" די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פון די יידן אין עלזאַס. דער דעקרעט אַנטהאַלט אָט די דאָזיקע פונקטן: א) אַלע יידישע חובות ביי אָפיצירן, פרויען און מינדעריעריקע,

אַלע וועקסלען, ביי וועלכע מען האָט נישט אויסגעצאָלט דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל, אָדער זיי זענען געמאַכט געוואָרן אויף העכער 10%, זענען אומגילטיק; ב) נאָר די יידן מעגן האַנדלען, וואָס האָבן אַ פּאַטענט אויף דעם; ג) אין די געגנטן ביים ריין טאָרן קיין יידן זיך נישט באַזעצן; ד) דער ייד מוז אַליין דינען אין מיליטער און טאָר נישט — ווי אַלע אַנדערע בירגער — זיך דינגען קיין פאַרטרעטער (סופּלענט).

די אַלע באַשרענקונגען ווערן אַרויסגעגעבן אויף 10 יאָר און דער קייזער האָפט, אַז אין די 10 יאָר וועלן זיך די עלזאַסער יידן בעסערן; ביז צו דער צייט בלייבן זיי בירגער פון דער צווייטער מדרגה.

אַזוי איז געווען נאַפּאָלעאָנס באַציונג צו די פראַנצויזישע יידן אין דער צייט, ווען ער האָט איינגעריכטעט דאָס הערצאָגטום וואַרשע.

ג) נאַפּאָלעאָן און די יידן אין פוילן

נאַפּאָלעאָן האָט שוין געהערשט איבער האַלב אייראָפּע, באַלד איז ער געשטאַנען ביי דער גרענעץ פון פוילן. זיין קומען אין לאַנד אַריין איז נישט געווען אומערוואַרט, שוין זייט אַ סך יאָרן האָט מען אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָרשט דעם מאַרש פון די פראַנצויזישע זעלנער.

פוילן איז אין יענער צייט געווען פאַרטיילט אין דריי חלקים. צווישן דריי גרויסע מלוכות: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן. יעדע פון די מלוכות האָט געוואָלט אירע יידן אויספאָרמען נאָך איר פאַסאָן און צופּאַסן צו איר סיסטעם. עסטרייך, וואָס ס'האָט דעמאָלט געהאַט, אַחוץ גאַליציען — די קרייזן צוויזמיר, ראַדאָם, לובלין און שעדלעץ, האָט געהאַט בדעה די דאָרטיקע יידן צו גערמאַניזירן. צו דעם צוועק האָט מען געגרינדעט מלוכה־שולן און אַרױפגעשיקט פון דייטשלאַנד לערערס — משכילים און איבער זיי געמאַכט פאַר אַן אינספּעקטאָר דעם באַוווסטן תלמיד פון משה דעסוי (מענדעלזאָהן) און דעם מחבר פון דעם „הכורם" הערץ האָמבערג [1], אַחוץ דעם האָט די עסטרייכישע מלוכה געטראַכט די צאָל פון די יידן צו פאַרקלענערן און צו דעם צוועק

1) זע אויבן זייטל 227.

האָט זי איינגעפירט שווערע שטייערן, ווי צום ביישפּיל: פון כשר פליייש, פון בענטש-ליכט פּרייטיק-צו-נאַכטס, נישט דערלאָזט, אַז יידישע קינדער זאָלן קאָנען חתונה האָבן, באַשרענקט די צאָל פון די יידישע איינוווינער אין די גרויסע שטעט און אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן די יידן פון די דערפער, און דאָס, וואָס איז געווען דאָס ערגסטע אין יענער צייט: גענומען יידן צום מיליטער.

דאָס זעלבע, וואָס עסטרייך, האָט געטון פּרייסן, צו וועלכן ס'האָט אין יענער צייט געהערט וואַרשע, און רוסלאַנד האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשעמען ביי זיינע צוויי קאָלעגן און אָנגעהויבן איינצופירן די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" און אַחוץ דעם אַוועקגעטריבן די יידן פון דער גרענעץ. און די יידן האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און האָבן מיט זיך געלאָזט טון, וואָס מ'האָט געוואָלט, זיי האָבן געצאָלט וויפל מ'האָט געהייסן און אַפילו נאָכמער, נאָר כדי פון זיך אַראָפּצוואַרפן די גזרה. נאָך מער ווי די עקאָנאָמישע באַשרענקונגען האָבן זיי געשפּירט די גייסטיקע. אַממיינסטן איז זיי געווען פאַרהאַסט דאָס מיליטער און די שולן.

אין יענער צייט האָט זיך אין פּוילן פאַרשטאַרקט דער חסידיזם. די ערשטע „גוטע-יידן"—די באַגרינדערס פון פאַרשידענע צדיקישע דינאַסטיעס— האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך: דער „קדושת לוי" אין בערדיטשעוו, און נענטער צו אונז דער „נועם אלימלך" אין לעזשאַינסק (ליזשענסק) אין מערב-גאַליציען, און זיינע תלמידים, דער „חוזה" פון לובלין (ר' יעקב-יצחק הורוויץ) און דער קאָזשעניצער מגיד, ר' ישראל. אַרום זיי, ווי אַרום אַ זון, האָבן זיך באַזעצט קלענערע און נאָך קלענערע רביים און צו אַיעדן זענען געפאָרן זיינע חסידים און האָבן אין דער וועלט אַרויסגעטראָגן זייער רבינס שבח.

אין די אַלטע יידישע קהלות האָט מען נישט געוואָלט דעם חסידיזם אָנערקענען, די רבנים אבד"ים זענען געווען די מתנגדים און מיט זיי האָבן געהאַלטן די שענסטע בעלי-בתים, אָבער די צאָל פון די חסידים האָט זיך פאַרגרעסערט און דאָס גייסטיקע לעבן האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון די בתי-מדרשים אין די „הויפן" פון די צדיקים.

און דאָ אין די הויפן האָט מען גערעדט, אַז וווייט-ווייט אין פראַנקרייך איז אויסגעבראָכן אַ „רעוואָלוציע", אַז די קליינע זענען געוואָרן

גרויס און די גרויסע קליין – משיחס צייטן. און באַלד איז ווידער געקומען די ידיעה, אַז ס'איז אויפגעשטאַנען איין מענטש, אַ שטאַרקער, סנחריב מיט דעם נאָמען נאַפּאָלעאָן, אַז ער האָט פאַרזאַמלט אַרום זיך מענטשן אָן אַ צאָל און מאַרשירט מיט זיי אַלץ נענטער, נענטער. ער און זיינע זעלנער האָבן נישט קיין מורא, נישט פאַר די האַרמאַטן פון דעם קייזער אין ווין און נישט פאַר די גרענאַדירן פון דעם קעניג פון פרייסן. קיין קויל קאָן נישט טרעפן דעם קערפּער פון סנחריבן און ער אַליין טוט מיט די מלכי-ארץ, וואָס ער וויל. באַלד איז אויך געקומען די ידיעה, אַז ער, סנחריב הצפוני, האָט געוואָרפן זיין אויג אויף יידן, ער האָט צוזאַמענגערופן אַן אסיפה פון די באַלעבאַטים און אויך מחדש געווען אַ זאַך, וואָס זי איז נישט געווען דורך טויזנטער יאָרן – געמאַכט אַ סנהדרין גדולה, גלייך ווי עס איז אַמאָל געווען אויף דעם לשכת הגזית אויף דעם הר-המוריה אין ירושלים...

און די חסידים האָבן געהערט די וווּנדערלעכע זאַכן און באַלד האָט מען זיך באַטראַכט, צי ס'וואָלט נישט כדאַי געווען מתפלל צו זיין פאַר דעם נצחון פון דעם גרויסן מלך? און באמת האָבן אַ סך צדיקים און דרשנים געדרשנט וועגן נאַפּאָלעאָנען. ר' נחמן פון האָראָדענקאָ האָט וועגן אים דערציילט די מעשה פון אַ „בן מלך" און ר' שלמה פון קאַרלין האָט געפירט אַ מלחמה מיט דעם „שר של יון", כדי צו העלפן דעם קייזער פון פראַנקרייך. און פלוצלינג איז צוגעקומען אַ קאָזאַק צום פענצטער פון דעם בית-המדרש און האָט אַריינגעשאָסן און פונקט געטראָפן דעם רבין. די חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער „שר של יון" האָט דערהרגעט זיין מתנגד. דער טויט פון דעם רבין האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן אַנדערע פון מתפלל צו זיין פאַר דעם נצחון פון נאַפּאָלעאָן. צו די דאָזיקע האָט געהערט ר' מענדעלי פון רימאַנאָוו. זיין חבר, דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ (גאַליציען) איז אָבער געווען נאַפּאָלעאָנס מתנגד און דערפאַר איז געקומען צווישן די צוויי רביים צו אַ סכסוך. ר' מענדעלי האָט פאַרשטאַנען, אַז פון נאַפּאָלעאָנס נצחון איז אָפּהענגיק דאָס גליק פון דעם יידישן פאָלק, אָבער ר' נפתלי האָט נישט געוואָלט אויף דעם מסכים זיין, וואָרים ער האָט געזען, אַז נאַפּאָלעאָן איז נישט בעסער פון אַנדערע מלכים און וויל אויך יידישע קינדער אַרויסנעמען פון די

חדרים און ישיבות און זיי אַריינזעצן אין די „שקאָלעס", און יידישע יונגעלייט נעמט ער גלייך ווי אַנדערע צום מיליטער און צווינגט זיי מחלל שבת צו זיין און וויל צעשטערן די וואָנט, וואָס גרענעצט־אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון די אומות העולם. ר' מענדעלי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַרויקן און איז געפאָרן נאָך לובלין צום „חוזה". ר' יעקב יצחק האָט אים אָבער קיין תשובה נישט געגעבן און ר' מענדעלי איז אַוועק קיין קאָזשיעניץ צום מגיד. געטראָפן האָט ער ר' ישראלן אין בעט — מיד און שוואַך, אָבער קוים האָט ר' מענדעלי דערציילט זיין ענין, איז דער מגיד אויפגעשפרונגען פון זיין פלאַץ און האָט מיט גרויס התלהבות געטון אַ געשריי: מ'זאָגט, אַז ער, נאַפּאָלעאָן, האָט אַ שר בשמים, מיר אָבער זאָגן „ואתה מרום לעולם ה'!" — גאָט איז גרעסער פון אַלע שרים אין הימל. ער, נאַפּאָלעאָן, האָט גענומען יידישע בחורים צום מיליטער, כדי זיי זאָלן מוזן דאָרט זינדיקן...

„יתפּרדו כל פועלי אָון!" — — — — — — — — — — — — — —

— —

און בעת מען האָט אים אין די שטיבלעך געבענטשט און געשאָלטן, איז נאַפּאָלעאָן אַלע מאָל נענטער געקומען צו פּוילן. שוין נאָך סוכות אין יאָר 1806 איז זיין מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין שוואָגער מיראַט געווען אין וואַרשע און ער, נאַפּאָלעאָן, אַליין האָט אַריינמאַרשירט קיין פּויזן. אין אַ קליין שטעטל שווערזענץ איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, כדי מיט אייגענע אויגן אָנצוקוקן דעם גרויסן קייזער. נאַפּאָלעאָן האָט דאָס ערשטע מאָל געזען פּוילישע יידן אין די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס און די קאָלפּאַקעס מיט באָרד און פּאות. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און האָט זיי אָנגעקוקט ווי עפּעס אַ נישט־גוטס. די יידן האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער קייזער קוקט זיי אַזוי אומעטיק אָן און דער פּרנס פון דער קהלה איז צוגעקומען צום קייזער און אַראָפּנעמענדיק דעם קאָלפּאַק — צו אים אַזוי געזאָגט: אדוני מלך! האָבן זי פאַר אונז קיין מורא, מיר ווילן אייך גאָר קיין שלעכטס נישט טון, מיר זענען נאָר שווערזענצער יידעלעך!"...

— —

אין דעצעמבער 1806 איז נאַפּאָלעאָן אַריינגעקומען קיין וואַרשע, ווי

דאָס פאָלק האָט אים מיט אַ גרויסן ענטוזיאַזם באַגריסט. ביי זיין צווייטן באַזוך אין וואַרשע האָט ער אויפגענומען אַ דעפּוטאַציע פון דער יידישער גמינע און זי האָט אים דערלאַנגט אַ געדיכט „שירי הוד" (העברעיש און פראַנצויזיש), וואָס עס הייבט זיך אָן מיט די דאָזיקע ווערטער: „אַת כּרוב מִמְשַׁח נאַפּאָלעאָן גבוֹה מעל גבוהים" און איז געדרוקט געוואָרן (שנת התקס"ז) און פאַרטיילט צווישן די באַלעבאַטים.

באַלד האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעהויבן אַ נייע מלחמה און שוין אין מאָנאַט יולי 1807 האָט ער פון אַ טייל פוילן מיט דער שטאָט וואַרשע געשאַפן דאָס הערצאָגטום וואַרשע. אין דעם נייעם הערצאָגטום האָט געזאָלט רעגירן דער קעניג פון זאַקסן מיט אַ סיים, וואָס אַלע בירגער האָבן געהאַט דאָס וואַל-רעכט צו אים. די יידן — און דאָס רוב פון זיי זענען געווען חסידים און סתם אָרטאָדאָקסן — האָבן פשוט מורא געהאַט פאַר די וואַלן און דעם סיים בכלל, און די פּריצים און מיעשטשאַנעס האָבן גאָרנישט געקאָנט שלום ווערן מיטן געדאַנק, אַז יידן, — די זשידעס — וואָס האָבן ביז נישט לאַנג נישט געטאָרט וווינען אין וואַרשע, וועלן איצט האָבן אַ דעה אין דער פּוילישער מלוכה! און אָט דיביידע צדדים האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַמיען די „גלייכבאַרעכטיקונג" מבטל צו מאַכן. די מיניסטאָרן האָבן פאָרגעלייגט דעם ענין דעם קעניג, ער האָט אָבער מורא געהאַט צו ענדערן דעם ווילן פון קייזער און באַפוילן זיין מיניסטער זענפט אָנצופרעגן אין פּאַריז. זענפט האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן פראַנצויזישן מיניסטער שאַמפּאַני און ער האָט אָנגעוויזן אויף נאַפּאָלעאָנס געזעצן וועגן די יידן אין עלזאַס. עס האָט נאָך געדויערט אַ האַלב יאָר, ביז ענדלעך נאַפּאָלעאָן אַליין האָט מסכים געווען צו דער ענדערונג און דער הערצאָג פון וואַרשע האָט דעם 17 אָקטאָבער 1808 אָפּגענומען ביי די יידן די פּאָליטישע רעכט אויף 10 יאָר, „ביז זיי וועלן זיך אינגאַנצן צופּאַסן אין זייערע זיטן, קליידער און שפּראַך צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג".

די פּריצים האָבן געהאַט אַ פרייד, דער סיים איז געוויילט געוואָרן אָן יידן און באַלד האָט מען אין אים אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן געזעצן קעגן זיי. פאַרשטאַנען האָט דאָס גוט דאָס ביסל אינטעליגענטע יידן אין וואַרשע און האָט געשיקט אין סיים און צום קעניג איין פּראָטעסט נאָך דעם אַנדערן, אַבער די דעפּוטאַטן און דער קעניג

האָבן זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט און באַלד האָט מען באַשלאָסן צו פסלען אַ סך וואַרשעווער גאַסן, ד. ה., אַרויסטרייבן פון זיי יידן. די אַנטיסעמיטישע בירגער פון דער הויפטשטאָט האָבן נישט געקאָנט פאַרגעסן אין דער צייט, ווען יידן האָבן בכלל נישט געטאָרט וווינען אין וואַרשע, און האָבן איצט געוואָלט פטרן זייערע קאָנקורענטן. די זאַך איז דורך דער מלחמה מיט עסטרייך פאַרהאַלטן געוואָרן, נאָר באַלד נאָך דעם שלום האָט מען זיך דערצו גענומען און אַרויסגעוואָרפן די יידן פון דער אַלט-שטאָט און נײַ-שטאָט און זיי אַרײַנגעשטופּט אין דעם אַלטן פּאָטשעיאָוו (היינט טעאַטער-פּלאַץ) און אין דעם נייעם פּאָטשעיאָוו אין דער קרולעווסקאַ (עק מאַרשאַלקאָווסקאַ ביז הערזעס הויז).

דאָס אַוועקנעמען ביי די יידן די פּאָליטישע רעכט האָט געהאַט אויך די פאָלגע, וואָס מען האָט זיי פאַרבאָטן צו קויפן און פאַכטן גיטער און פעלדער, און באַלד האָט מען ביי זיי אויך אַוועקגענומען דאָס רעכט צו פירן אַ שענק און צו האַנדלען מיט בראָנפן און וויין (אום 30 אָקטאָבער 1812). אָט די דאָזיקע גזירה האָבן די יידן שווער געשפּירט, הגם אַ סך יידן האָט געדראָט צו פאַרלירן די גאַנצע פרנסה, און מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז שטייערן האָבן זיי געמוזט צאָלן מער פון אַלע בירגער, הגם מען האָט איבערגעלאָזט אַ סך אַלטע פרייסישע און עסטרייכישע שטייערן און צוגעגעבן נאָך נייע.

די חסידים האָבן געמיינט, אַז מיטן אַוועקנעמען די פּאָליטישע רעכט, וועלן יידן קיין פליכט נישט האָבן צו דינען אין מיליטער. דערווייל איז אָבער געווען אַנדערש. קוים איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט עסטרייך (1809) האָט דער קריגס-מיניסטער פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי אויסגעשריבן אַ רעקרוטאַציע פאַר אַלע בירגער אָן אונטערשיד פון רעליגיע. אַ שרעק איז געפאַלן אויף אַלע יידן. אין די הויפן פון די צדיקים האָט מען געקלערט אַן עצה וואָס צו טון און די גרעסטע צדיקים זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן קיין וואַרשע און האָבן גוזר-תענית געווען אויף כלל-ישראל, כדי די גזירה אָפּצוּווענדן. מען האָט אַרויס-געשיקט אַלע שתדלנים צו די גרויסע פריצים, מען האָט איינגעריסן מויערן און מען האָט געפּועלט. דער קריגס-מיניסטער האָט זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז „יידן טויגן נישט צום מיליטער" און האָט מסכים גע-ווען, אַז דער כלל-ישראל אין גאַנצן לאַנד זאָל צאָלן 700.000 גולדן

יערלעך. די סומע האָבן די יידן געצאָלט מיט שמחה, נאָר באַלד האָט נאַפּאָלעאָן מאַרשירט קיין רוסלאַנד און דאָס לאַנד האָט געמוזט אויפ־שטעלן אַ גרויסע אַרמיי. יידן האָבן געצאָלט אַ טאָפּלטע סומע, ד. ה. פאַרן יאָר 1812 נישט 700.000, נאָר 1.400.000. די לאַסט איז געווען שרעקלעך און צו דעם האָבן זיי געמוזט געבן קוואַרטירן פאַר די סאָל־דאַטן און ליידן צרות אָן אַ שיעור. אויסער דעם האָט מען זיי אַלעמאָל באַשרענקט די פרנסות.

אין מאָסקווע האָט נאַפּאָלעאָן געהאַט אַ מפּלה. ער, דער סנחריב הצפוני, איז אין אַ געוויינלעכן שליטן איבער קאָזשעניצע געקומען צו־פאָרן קיין וואַרשע, אָבער שוין נישט אין שלאָס אַריין און נישט מיט פאַראַד. אין האָטעל „אַנגיעלסקי” אויף וויעזשבאָוואַ גאַס איז ער איינ־געשטאַנען אין דריי קליינע צימערן.

די חסידים און די צדיקים האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די שטראָף פון זיין ליבן נאָמען. זיי האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען די מפּלה פון דעם שטאָלצן קייזער.

נישט דערלעבט האָט נאַפּאָלעאָנס מפּלה ר' זלמן־שניאור מלאַדי, וואָס איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ חבר פון דעם „שר של יון”. אַנטלויפנדיק פאַר דעם פראַנצויזישן מיליטער, איז ער נפטר געוואָרן אין אַ דאָרף לעבן פּאָלטאַווע און איז געקומען צו קבר־ישראל אין האדזיאַטש 24 טעג אין חודש טבת שנת תקע"ג לפ"ק (28 דעצעמבער 1812), בעת נאַפּאָלעאָן איז אַנטלאָפן פון מאָסקווע. האָט געוווסט פון דעם דער רבי בשעת זיין גסיסה?



36. די פעסטונגשול אין לוצק (צייכענונג פון דער מיט פון 19 יאָרהונדערט).



37. די פעסטונגשול אין לוצק (פאָטאָגראַפיע פון היינט)



38. די פעסטונגשול אין טאַרנאָפּאָל (17 יאָרהונדערט).



39. די פעסטונגשול אין הוסיאַטין (ענדע פון 17 יאָרהונדערט).

יידישע קונסט

פעסטונג-שולן

אויף די מזרחדיקע ראַנד-געביטן פון דער פוילישער מלוכה

אין די אומגליק-יאָרן פון דער פוילישער מלוכה, ווען אויף אירע מזרח-געביטן האָבן טערקישע און טאָטאַרישע חיילות אַזוי שרעקלעך געווילדעוועט, האָט דער פראַנצויזישער קעניג, לודוויק דער XIVטער, נישט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט אויף צו קאָנען דורכפירן זיינע פּאָליטישע פּלענער. זיינע שליחים און שפּיאָנען האָבן דורכגערייזט איבער דער לענג און דער ברייט דאָס לאַנד פוילן, דערביי האָבן זיי אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן דעם קעניג מיכאַל, בכדי צו געווינען די פוילישע קרוין פאַר פראַנצויזישן קאַנדידאַט, דעם הערצאָג פון לאַנזשעוויל. איינער פון די דאָזיקע אַגענטן איז געווען דער גלח פּולמיער, וועלכער האָט אַלס מיליטער-אינזשיניער, פאַרזען מיט אַ קעניגלעכן פּאַס, אַרומגעוואַנדערט אין פּאָדאָליע און וואָלין צוזאַמען מיטן אַוואַנטוריסט, און געאָגראַף אולריך ווערדום. דער דאָזיקער ווערדום האָט געפירט אַ גענויעם רייזע-טאָגבוך, ווו ער האָט פאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט און וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר ווערט איבערצוגעבן די קומענדע דורות.

די דאָזיקע ביידע שפּיאָנען האָבן געוויילט אין זבאַראַזש — דאַמאָלס אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פונקט — און פון דאָרט זענען זיי דורך טאַרנאָפּאָל געפאָרן נאָך בזשעזשאַני. איין נאַכט האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן אין טאַרנאָפּאָל און דאָ האָט ווערדום צווישן אַנדערן פאַרנאָטירט פאָלגנדעס: „די פויבסט-אָנהענגער האָבן דאָ אַ גרויסע שטיינערנע קירכע אינמיטן דער שטאָט, די רוטענער האָבן דריי קירכעס. די יידן, וועלכע געפינען זיך דאָ אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז זיי פאַרנעמען אַזש אַ באַזונדערן, נעמלעך דעם בעסטן, טייל פון דער שטאָט, האָבן דאָ אַזאַ שיינע אויס שטיין געבויטע שול, וואָס אַזעלכע האָב

איך אין גאַנץ פוילן נישט געזען" [1]. די טאַרנאָפּאָלער שול האָט זיך דאַן געוואָרפן דעם רייזנדן אין די אויגן: זי איז געווען גרויס און באַפעסטיקט, ווי מיר זעען זי נאָך היינט. זי איז אָבער אין די מזרח־געביטן פון פוילן נישט געווען די איינציקע פון דער דאָזיקער גרייס און דעם דאָזיקן סטיל. מיר געפינען דאַן פיל אַזעלכע שולן, כאָטש נישט אַלע פון זיי זענען ביזן היינטיקן טאָג שטיין געבליבן.

עס זענען אונז באַקאַנט צווייערליי אַרט שולן אין פוילן, אָפּהענגיק פונם אָרט, ווו זיי פלעגן געבויט ווערן. די שולן, וועלכע מען האָט געשטעלט אינמיטן פון דער שטאָט האָבן בלויז געמוזט אַנטשפּרעכן די פאָרשריפטן פונם קירכן־רעכט בנוגע זייער אויסנווייניקסטן אויסזען, הויך און ווייטקייט פון דער שכנותדיקער קירכע [2]. יענע שולן, ווידער, וועלכע מען האָט געבויט אויסערהאַלב די באַפעסטיקונגען פון דער שטאָט, האָבן געמוזט זיין ענטוועדער געבויט פון האָלץ, אָדער באַפעסטיקט. די דאָזיקע פאָרשריפט איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרטיידיקונגס־פעיקייט פון דער שטאָט. אין פאַל פון דער דערנענטערונג פון אַ שונא האָט מען אַלץ, וואָס האָט זיך געפינען אויף יענער זייט פון די מויערן, געמוזט ענטוועדער פאַרברענען, אָדער פאַרוואַנדלען אין אַ פעסטונג און פון דאָרט אויס זיך פאַרטיידיקן. די רייכע און מער באַפעלקערטע קהלות האָבן זיך מערסטנטיילס אויסגעקליבן די צווייטע מעגלעכקייט און האָבן געבויט באַפעסטיקטע שולן, וועלכע זענען גלייכצייטיק געווען קליינע פעסטונגען. די ווענט זענען אין פיל ערטער געווען אָנגעשפּאַרט אויף שטאַרקע שקאַרפּן, און דער דאַך — אַרומגערינגלט מיט אַ שוק־גאַלעריע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען לעכער צום שיסן, ווי מיר זעען עס נאָך דאָ און דאָרט ביזן היינטיקן טאָג.

---

1) Finkel Ludwik: Miasto Tarnopol w r. 1672 יאָר־בוך פון טאַרנאָפּאָלער ליטעראַרישן צירקל פון יאָר 1892 זייט 107—102. דאָס טאָג־בוך פון ווערדום האָט אין יאָר 1775 אַרויסגעגעבן יאַן בערנולי אין לייפּציג אין „אַרכיוו פאַר נייערער געשיכטע און געאָגראַפיע". פּוילישע איבערזעצונג פון ליסקע אין „Przewodnik naukowo literacki" פון 1876. איבער בערנולי, זע: היסטאָרישע שריפטן פון ייד. וויסנש. אינסטיטוט, (1929) באַנד I, זייט 233.

2) איבער דער פּראַגע וועגן שולן־בוי זע: Bałabań M. Żydzi lwowscy na przełomie XVI i XVII w. זייט 44—52

די דאָזיקע געוויינהייט איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ געזעץ. דער קעניג זיגמונט דער דריטער, ווען ער גיט דער יידישער קהלה אין לוצק אַן ערלויבניש צו בויען אַ נייע שול (דעם 5טן מאַי 1626), שטעלט ער אַן אויסדריקלעכן תנאי, „...אַז די יידן – רבניסטן 1) – זאָלן אויפן דאַך פון דער דאָזיקער שול איינאָרדנען אויף אַלע פיר זייטן אַנטשפרעכנדע צוגרייטונגס-פונקטן אויף צו האַלטן געווער און אָנפירן מיט דער פאַרטיידיקונג, שאַפן פאַר אייגענע קאָסטן אַנטשפרעכנדע קאַנאָנען און ביי אַן איבערפאַל מצד דעם שונא איבערלאָזן דאָרט אַ געוויסע צאָל מענטשן אויף באַשיצונג, לויט ווי דער שטאָט-ראַט וועט עס פאָדערן. אין פאַל פון, גאָט באַהיט, אַן אָנגריף אויף דער שטאָט, מוזן די יידן צוזאַמען מיט די אַנדערע בירגער זי פאַרטיידיקן און בעת דער דאָזיקער געפאַר זיך דעם מאַגיסטראַט אין קיין שום זאַך נישט אַקעגנצושטעלן, נאָר אין אַלעמען געהאָרכזאַם צו זיין" 2). און פאַקטיש האָט די לוצקער שול באַקומען די פאָרם פון אַ פעסטונג: אויפן פלאַכן דאַך האָט מען איינגעאָרדנט אַן אַרכיטעקטאָנישע גאַלעריע מיט אַזוי-גערופענע ברוסטן-באַשיצער און לעכער צום דורכשיסן. ביי איין זייט פון דער שול האָט מען אויפגעבויט אַ טורם אין דער פאָרם פון אַ קאַנטיקן פילאַר, וועלכן מיר זעען נאָך ביזן היינטיקן טאָג. אין שלום-צייט פלעגט דער דאָזיקער טורם דינען אַלס געפענגניש פון דער יידישער קהלה, אין די צייטן פון אָנפאַלן מצד די קאָזאַקן און רוסן פלעגט ער דינען אַלס באַאָבאַכטונגס-פונקט, פון וואַנען מען פלעגט קאָנען פון דערווייטנס קאָנטראָלירן די שריט פונם שונא און אָפטמאָל אויך שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

צי איז אויך די ל ע מ ב ע ר ג ע ר שול אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט געווען באַפעסטיקט, לאָזט זיך פון די אַרכיוו-אַקטן נישט באַשטעטיקן, כאָטש די היסטאָרישע פאַקטן ווייזן דערויף דייטלעך אָן. אין יאָר 1623 איז די גאַנצע קראָקעווער פאָרשטאָט צוזאַמען מיט דער דאָרטיקער שול אָפגעברענט געוואָרן און אַ יאָר דערנאָך האָבן די יידן געשלאָסן

---

1) אין לוצק זענען אויך געווען קאַראַימער.

2) Bersohn: Dyplomatarjusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce

נומער 228—227

אַן אָפּמאַך מיטן מאַגיסטראַט וועגן ווידער-אויפבוי פון דער שול און די אָפּגעברענטע גאַסן. אינם דאָזיקן אָפּמאַך לעזן מיר וועגן דער שול פאָלגנדעס: „די שול מוז זיך געפינען אויף אַ ווייטערן אָרט און מוז געבויט ווערן אויפן פלאַכן שטח פון „פויזנער הויף״. דער בנין דאַרף נישט זיין מאַסיוו געבויט, נאָר בלויז אַזוי, אַז די ווענט זאָלן קאָנען דערטראָגן אַ באַשיידענע, איטאַליעניש-אַרטיקע וועלבונג״. ווייטער ווערט דאָרט אָנגעגעבן די אויסמעסטונג פון דער דאָזיקער שול. זי דאַרף פאַרנעמען 20 איילן די ברייט, 30 די לענג און 20 די הויך, פון אַ פאַרטיידיקונגס-פעיקייט ווערט אָבער גאָרנישט דערמאָנט 1). ביז אונזערע צייטן איז נישט פאַרבליבן קיין שום בילד פון דער דאָזיקער אַמאָליקער שול, און נאָר די געשיכטע פון לעמבערג ווייזט אונז, אַז מען האָט זיך פון איר אויס פאַרטיידיקט בעת פאַרשידענע אָנפאַלן אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט.

אין דער צווייטער העלפט פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט פאַלט אויס די אַנטשטייונג פון כמעט אַלע באַפעסטיקטע שולן, ווי, צ. ב., אין לובאָמל — אין וואָלין, און שאַריגראָד — אין פּאָדאָליען, אין בראָדי, לעשניעוו, טאַרנאָפּאָל און קודם-כל די שול אין זשולקעוו, איינע פון די שענסטע און אַממיינסטן באַפעסטיקטע.

די שול אין זשולקעוו אין איר היינטיקן צושטאַנד איז אַנטשטאַנען ערשט ביים סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, נאָך אַלע איבערפאַלן פון די קאָזאַקן און טאָטאַרן, כאָטש די דאָרטיקע יידישע קהלה האָט שוין מיט איניקע צענטליק יאָרן צוריק געהאַט באַקומען די פּריווילעגיע צום בוי פון דער דאָזיקער שול. דען שוין אין יאָר 1635 האָט דער אייגנטימער פון זשולקעוו, יאַן סטאַניסלאַוו דאַנילאָוויטש, ערלויבט „צו בויען אַ שול אויף אַ הילצערנעם אָדער געמויערטן פונדאַמענט, ווי אַזוי עס וועט זיי געפעלן״ און קעניג יאַן סאָביעסקי

1) באַלאַבאַן: Żydzi Lwowscy אַנעקס נומער 72. זיגמונט דער דריטער האָט אינם בריוו פונם 10-טן יולי 1624 באַשטעטיקט דעם אָפּמאַך צווישן דעם שטאָט-ראַט פון לעמבערג און די יידן בנוגע דעם ווידעראויפבוי פונם פאָרשטעטישן געטאָ און דער פאָרשטעטישער שול. אויך דער לעמבערגער אַרציבישאָף פּרוכניצקי האָט מיטן דעקרעט פון 10-טן אויגוסט 1624 ערלויבט דעם ווידעראויפבוי פון דער שול.

האָט אין יאָר 1678 די דאָזיקע ערלויבניש באַשטעטיקט 1). אין יאָר 1687 האָט יאַן סאָביעסקי זיין ערלויבניש ווידעראַמאָל באַשטעטיקט, מיט דער צוגאַבע, אַז „ער וועט די יידן נישט שטערן צו נעמען שטיינער פון זיינע שטיין-בערג”. פון דאַנען שטאַמט די לעגענדע, אַז די דאָזיקע שול איז געשטעלט געוואָרן דורך דעם מלך יאַן סאָביעסקי 2). אין יאָר 1692 האָט די שול נאָך נישט עקזיסטירט, דען ערשט אין יענער צייט האָט דער אַרציבישאָף פון לעמבערג, יאַן ליפּסקי, געגעבן זיין הסכמה זי צו בויען, דערביי האָט ער אויסדריקלעך באַטאָנט דעם צוועק פון איר פאַרטיידיקונגס-פעיקייט, „כדי די יידן זאָלן אין פאַל פון אַ שׂרפה אָדער אַ פיינטלעכן אָנפאַל האָבן אַ זיכערן אָרט, ווי צו האַלטן זייער פאַרמעגן און פּריוואַטע צירונגען” 3).

ערשט דאַן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּרעכטיקע שול מיט מעכטיקע מויערן, אָנגעשפּאַרט אויף נאָך מעכטיקערע שקאַרפּן און דער דאַך – אַרומגעמויערט מיט אַ פאַרטיידיקונגס-באַלקאָן (אַטיקאַ), ווי מיר זעען ביזן היינטיקן טאָג. עס האָט די דאָזיקע שול באַוווּנדערט און געמאָלט דער גרויסער פּוילישער מאָלער יאַן מאַטעיקאָ און האָט אויף אַזאַ אופן פּאָפּולאַריזירט איר בילד. אינעווייניק איז די שול, באַדעקט מיט אַ ווּעלבונג, אָנגעשפּאַרט אויף פיר קיילעכדיקע און מעכטיקע פּילאַרן, און זי איז אַמאָל געווען שיין געמאָלט. אין מיינע יוגנט-יאָרן האָב איך נאָך געזען שפּורן פון דער דאָזיקער פּיל-פאַרביקער מאָלעריי, די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהלה האָט אָבער נישט געוווּסט דאָס צו שוינען און האָט אייניקע יאָר פאַר דער מלחמה געלאָזט די שול איבערמאָלן אויף ראָזע מיט העלע בלומען-באַשפּריצונגען, לויטן מוסטער פון אַ זומער-טעאַטער, אָדער אַ מאָדערנער וויין-האַלע.

אַנדערש פון אירע שוועסטער-שולן אין לוצק, בראָדי, טאַרנאָפּאָל, זשולקעוו א. אַז. וו. איז די שול אין הוסיאַטין. זי איז וואָרשיינלעך אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער צייט פון דער טערקישער הערשאַפט

1) בובער: קריה נשגבה, אַנעקס, זייט 122—170. די אָריגינאַלן פון די דאָזיקע פּריווילעגיעס האָבן זיך נאָך האַרט פאַרן מלחמה-אויסברוך געפונען אין באַזיץ פון דער פאַמיליע צימעלעס אין זשולקעוו.

2) בובער: זייט 123—124.

3) דעקרעט פון אַרציבישאָף יאַן ליפּסקי פון 22-טן מערץ 1692.

אין פּאָדאָליען צווישן יאָר 1672 און 1699, דען זי האָט אויף זיך אָריענטאַלישע סימנים, וועלכע מיר באַגעגנען נישט אין אַנדערע שולן אין פּוילן. עס איז שווער צו אַנטשיידן, צי די דאָזיקע שול איז באמת געשטעלט געוואָרן אויף קירכע־באָדן, ווי עס פאַרזיכערט דער בישאָף שעראַקאָווסקי; זיכער איז, — און דאָס קאָן יעדער באַשטעטיקן — אַז זי איז נישט געוואָרן איבערגעבויט פון אַ „קרעטשמע אָדער פון אַ גוט־הויף", נאָר זי איז אוממיטלבאַר געבויט געוואָרן אַלס פּרעכטיקע און באַפעסטיקטע שול. דער קאַמעניעצער בישאָף האָט זיך אָבער ווייניק געקימערט וועגן היסטאָרישן אמת. קומענדיק נאָך הוסיאַטין מאַכט ער אַ פּראָצעס קעגן די יידן, באַשטימט דעלעגאַטן און, נאָכן אויסהערן זייערע באַריכטן, לאָזט ער די שול פאַרחתמענען, די שטיינערנע מויער אַרום דעם יידישן בית־עלמין פונאַנדערנעמען און אויף דער יידישער קהלה לייגט ער אַרויף אַ שטראָף פון טויזנט דוקאַטן. עס נעמט זיך אָבער אָן פאַר „זיינע יידן" דער מושל פון שטעטל, דער פּאָדאָליער וואָיעוואָדע, מיכאַל פּאָטאָצקי. ער באַפעלט די שול תיכף אויפ־צוחתמענען און ערלויבט נישט די יידן צו באַצאָלן די שטראָף. אויף דעם סמך איז געקומען צו אַ בריוו־אויסטויש צווישן פּאָטאָצקין און שעראַקאָווסקין 1), וועלכער איז אַזש דערגאַנגען צום לובלינער טריבונאַל (1741). פּאָטאָצקי האָט פאַרשפּילט דעם פּראָצעס, אָבער די יידן זענען געבליבן ביי זייער שול, ווייל שעראַקאָווסקי האָט איבערגענומען די בישאָף־שטעלע אין אַן אַנדערע שטאָט, ווו די יידן האָבן פון אים געהאַט גענוג צו ליידן 2).

די פעסטונג־שולן האָבן צו דער פאַרטיידיקונג געפאָדערט פיל

Rolle (Antoni I.): Żydzi na kresach, Przewodnik nau- (1
kowy i literacki. 1876

2) אַלס בישאָף פון פּשעמישל האָט זיך שעראַקאָווסקי גענוג געלאָזט פילן דער יידישער באַפעלקערונג. אַזוי האָט ער אַרויסגעגעבן אומפאַנגסרייכע דעקרעטן מיט פיל באַגרענעצונגען פאַר די פּשעמישלער יידן (Schorr: Żydzi w Przemyślu), איין ענלעכער דעקרעט פאַר די יידן אין ריישע (annex Nr. 136-19 Juni 1743). (Pęckowski: „Dzieje m. Rzeszowa" זייט 389—1746 און פאַר די יידן אין רובאַטיטש דעם 16טן נאָוועמבער 1743. (דער אָריגינאַל האָט זיך פאַר דער מלחמה געפונען ביים שטאָט־רב.

מענטשן, וועלכע די יידן זעלבסט האָבן געמוזט צושטעלן. שוין אין דעקרעט פון זיגמונט דעם דריטן, בנוגע דער לוצקער שול, לעזן מיר, „אַז די יידן דאַרפן אויף אייגענע קאָסטן פאַרשאַפן אַנטשפּרעכנדע קאַנאָנען, און ביי אָנפאַלן מצד די שונאים צושטעלן אַ געוויסע צאָל פון זייערע מענטשן אויף צו פאַרטיידיקן דאָס אָרט"... פון די כראָניקעס פון די יאָרן 1648—9 ווייסן מיר אויך וועגן דעם אָנטייל פון די יידן ביי דער פאַרטיידיקונג פון טולטשין, נעמיראָוו, פּאָלאָננע א. אַז. וו. [1]. אינם דאָזיקן יאָר האָט דער שתדלן פון דער לעמבערגער קהלה געליגן אינם שטאָטישן אַרסענאַל 200 ביקסן און האָט מיט זיי באַוואָפנט די יידישע יוגנט, וועלכע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביי דער יידישער זייט (דרום־מזרח) [2] פון די מויערן אַרום דער שטאָט. אַ היסטאָריקער פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, פּופענדאָרף, דערציילט, אַז בעת דאָס שוועדישע מיליטער האָט זיך דערנענטערט (1655) צו צוויזמיר, זענען זיי אַ געוויסע צייט פאַרהאַלטן געוואָרן אין זייער מאַרש דורך יידישע אָפּטיילונגען (לעגיאָנען), צו וועלכע עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן 400 פּאָליאַקן [3]. אין „טהעאַטרום עוראָפּעום" [4] לעזן מיר, אַז אַ יידישער פּולקאָווניק האָט פאַרטיידיקט פּשעמישל פון שוועדישן שטורעם און איז נאָכהער אַריינגעפאַלן צו זיי אין געפאַנגענשאַפט. אין ריישע האָט דער מושל פון שטאָט, מיקאָליי ספּיטעק ליגענזאַ, אין יאָר 1627 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער שטאָטישער איינוווינער מוז האָבן אין שטוב אַ ביקס, קוילן און שיס־פּולווער, „ביי אַ שטראָף פון 20 מאַרק". „אויך די יידן פאַלן אַרונטער אונטער דער דאָזיקער שטראָף, אויב אַוועלכער ס'איז באַלעבאָס וועט נישט באַזיצן אַזוי פיל לאַנגע ביקסן, צו אַ שאָק קוילן און צו דריי פונט שיס־פּולווער פאַר יעדער

1) נתן האַנאָווער. יון מצולה. כראָניק פון די געשעענישן פון די יאָרן ת"ח—תי"ב, ווענעציע, 1653.

2) Zubrzycki: Kronika miasta Lwowa, sub anno 1648
אַן אַקטן־זאַמלונג נומער 257 אינם אַרכיוו פון דער שטאָט לעמבערג, אַקט פון יאָר 1649

3) Pupfendorf: De rebus a Carolo Gustavo gestis, Nüruberg, 1696, Seite 138. (Lewin Louis: Die Judenverfolgungen im zweiten Schwedisch-polnischen Krieg 1655-1659.

4) Theatrum Europeum VII, Frankfurt a/M. 1685 זייט 920 און 935. איינצלהייטן זע שור: Żydzi w Przemyślu, זייט 32.

ביקס מיט אויסנאָם פאַר זקנים און יינגלעך ביז 10 יאָר". „אויך די יידן מוזן 3 מאָס טרוקענעס, גוטן שיס-פּולווער באַזיצן און האַלטן ביי זיך שטענדיק גרייט; אויך אַ שאָק קוילן צו די ביקסן און אַ האַלבּ שאָק צו די קאַנאָנען. דאָסגלייכן דאַרפן די יידן באַזאָרגן 4 אייגענע ביקסן אויפן טורם און אויך געבן מענטשן, וועלכע זאָלן זיי באַדינען און פון דאָרט שיסן. און ווייל ביי דער פאַרטיידיקונג איז נויטיק אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט די קונסט פון תכסיסי-מלחמה, דעריבער מוז ביי יעדער וואַל איין שטאָטישער, איין פאָרשטאָטישער און איין קאָמאַנדירנדער ייד געקליבן ווערן [1]. יידישער העטמאַן איז אינם דאָזיקן יאָר געוואָרן משהקע דער העפּטער. אין דער צווייטער העלפט פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט מען איבער-געגעבן די פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט צו די צעכן, דערונטער אויך די יידישע צעכן. אין הסכם מיט דער פּריווילעגיע פון יאָר 1686 האָט דער יידישער קירזשנער-צעך אין ניי-שטאָט (ריישע) געמוזט באַזיצן אַן אייגענע פאָן, ביקסן, פּולווער און קוילן [2].

אויך אין טאַרנאָפּאָל זענען די יידן געווען פאַרפליכט צו דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. אין דער רעוויזיע פון דער שטאָט פאַרן יאָר 1672 געפינען מיר פאָלגנדע שטעלע: די יידן מוזן זיך צוזאַמען מיט די קריסטן איבן אין וואָפן-דינסט, פאַרטיידיקן זיך מיט זיכער געווער און באַזיצן לויט די געברויכן קוילן און פּולווער ביי אַ שטראָף פון 3 מאַרק, וועלכע געהערן דעם שלאָס"... [3].

מיט דער ענדערונג פון די פּאָליטישע פאַרהעלטנישן, מיט דער ענדערונג פון דער קריגס-קונסט און מיטן אונטערברענגען די מויערן און טויערן פון דער שטאָט, הייבן אויך ביסלעכווייז אָן צו פאַרשווינדן די צייכנס פון דער באַפעסטיקונג פון די שולן. דערצו איז געווען אַן אָפּטע געלעגנהייט. די שולן זענען געוויינלעך געווען באַדעקט מיט הילצערנע סטעלעס, אָדער יעדנפאַלס מיט הילצערנע דאַך-שינדלען, וועלכע פלעגן גאַנץ

---

1) Pęckowski: Dzieje miasta Rzeszowa, זייט 388.

2) דער זעלבער, זייט 226.

3) Finkel Ludwik: Miasto Tarnopol זייט 127.

אָפּט ווערן אַ קרבן פון שרפות. און ביים רעסטוירירן די שולן האָט מען די אַזוי-גערופענע ברוסטן-שיצערס אַוועקגענומען, געמאַכט אַ קרומען דאַך און נאָר אין טייל ערטער פלעגט מען אַרום דעם דאַך מאַכן אַ גאַלעריע, וועלכע האָט דערמאָנט אין דער פעסטונג פון אַמאָל. אָפּט פלעגט מען איבער דער אייגנטלעכער שול אויפשטעלן נאָך אַ קליינעם שטאָק און דאָרט איינאָרדנען אַ באַזונדער שולעכל (אָסטראָה, לעמבערג, בית-מדרש פון דער פאָרשטאָט). טייל האָבן אַרום דאַך קיין שום גאַלעריע נישט געמאַכט (ריישע, ניי-שטאָט), אָדער מען פלעגט אויך מאַכן אַ געוויינלעכן דאַך, ווי ביי אַ וווין-הויז (לעמבערג-פאָרשטאָט, לובלין). דערפאַר זעען אויך די שולן אויס, ווי קאָנצערט-זאַלן, אָדער טעאַטער-געביידעס. נאָר אַ קליינע צאָל שולן האָבן נאָך זייער אַמאָליקן אויסזען, אָבער אויך אין זיי זענען געמאַכט געוואָרן אַזוי פיל פאַרענדערונגען און אַזוי פיל צובויונגען, אַז נישט פיל איז איבערגעבליבן פון זייער אַמאָליקער הערלעכקייט.

אונזערע קונסט־ און קולטור־אוצרות

דאָס ערשטע מאָל האָט מען פאַרן ברייטערן עולם אויסגעשטעלט אַ גרעסערע צאָל יידישע אַלטערטימלעכקייטן אויף דער פאַריזער אויס־שטעלונג אין יאָר 1878. ה׳ מ. שטראַוס האָט אין פּאַלאַץ טראָקאַדעראָ אויסגעשטעלט זיין זאַמלונג, וועלכע האָט פאַרמאָגט 83 געגנשטאַנדן. פונם קאַטאַלאָג דערוויסן מיר זיך, אַז בלויז 3 קעגנשטאַנדן זענען געווען פון 12טן און 13טן י. ה., די איבעריקע – פון 16טן און 17טן [1].

דער צווייטער פרווו, וואָס איז אונז באַקאַנט, איז געווען די אויסשטעלונג פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין לאָנדאָן אין יאָר 1886. פון די פרטים, וואָס ס׳גיט־אָן דער „דזשואיש כראָניקל" אין אַ ספּעציעלער ביילאַגע [2], דערוויסן מיר זיך, אַז די אויסשטעלונג האָט געגעבן אַ סיסטעמאַטיש בילד פון די יידישע איבערבלייבענישן, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער צייט פון פאַרן גירוש אויף יידן אין ענגלאַנד אין 1290 יאָר. פון יענער צייט זענען באמת געבליבן אַזש 520 עקספּאָנאַטן, ס׳רוב – אַרכיוואַלן.

זינט עטלעכע צענטליק יאָרן זענען – אַדאַנק די באַמיונגען פון יחידים, אָדער פון קהילות – אַנטשטאַנען גרעסערע אָדער קלענערע זאַמלונגען פון יידישע אַנטיקן אין האַמבורג, בערלין, ברוינשווייג, פראָג, ווין, פראַנקפורט־אַם־מאַין, מאַינץ, דרעזדן, דאַנציג, מינכן, און לעצטנס –

---

1) Collection de M. Strauss. Description de Objets d'art religieux hebraique etc. Poissy, 1878.
זע אויך דעם אַרטיקל פון סטאַסאָוו אין דער רוסישער „יעוור. ביבליאָטעקאַ", פּעטערבורג, 1879, ב. 7, ז״ז 25. איצט געפינט זיך די זאַמלונג אין קלוני־מוזיי.

2) וואָסכאָד 1887, פּעטערבורג 7–8, ז. 119, אויך סאָקאָלאָוו אין האסיף IV, 2, ז. 146. איצט איז אַ טייל פון דער זאַמלונג אין מאָקאַטאַ־מוזעום אין לאָנדאָן.

איך אין ברעסלוי. אַ טייל פון זיי שטעלן שוין פאַר פולשטענדיקע מוזייען, אַנדערע זענען נאָך אין דער מדרגה פון לויזע זאַמלונגען, אָדער זיי גייען גאָר אַריין אין די רעגירונגס-מוזייען, אָדער אין די שטאָטישע, צ. ב., די אָפּטיילונג פון יידישער פאָלקס-קונסט ביים מוזיי אין קאַסעל, אָדער די באַרימטע יודאַיסטישע ביבליאָטעק ביי דער שטאָטישער ביבליאָטעק אין פראַנקפורט אַ. מ. ביים בריטישן מוזיי א. אַז. וו. ביי דעם לאָנדאָנער אוניווערזיטעט.

דער בערלינער מוזיי איז אויפגעקומען פון צוויי פריוואַטע זאַמלונגען, וואָס האָבן געהערט צו: אַלבערט וואָלף און קירטשיין. די ערשטע זאַמלונג איז דער עיקר באַשטאַנען פון מטבעות און מעדאַלן, די צווייטע — פון שול-חפצים און אויך פון היסטאָרישע איבערבלייבענישן, דער עיקר פון דער יידישער גלאַנץ-עפּאָכע אין שפּאַניען. דער דאָזיקער מוזיי איז דאָס אייגנטום פון דער יידישער קהילה און דער אָנפירער זיינער איז דער קונסט-היסטאָריקער קאַראָל שוואַרץ.

די האַמבורגער זאַמלונגען האָבן צו פאַרדאַנקען זייער אויפקום און אַנטוויקלונג דער „געזעלשאַפט פיר יידישע פאָלקסקונדע אין האַמבורג״, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן ספּעציעל פאַר יידישן פאָלקלאָר. אָבער מיט דער צייט האָט זי פאַרברייטערט איר טעטיקייט אויך אויפן געביט פון אַרכעאָלאָגיע און היסטאָריע. איצט זאַמלט זי מיט גרויס פלייס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערצו. די זאַמלונגען פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט געפינען זיך אינם הויז פון דער לאָזשע „בני-ברית״ אין האַמבורג, און אין זייער ספּעציעלן אָרגאַן, וואָס זיי גיבן אַרויס, מעלדן זיי פון צייט צו צייט וועגן נייע צוגעקומענע זאַכן. זייער אָרגאַן איז „מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע״, וואָס פלעגט דערשיינען פאַר דער מלחמה אין ווין יעדן קוואַרטל. איצט דערשיינט ער אין בענדער. ביז איצט זענען אַרויס צוויי בענדער [1], אונטער דער רעדאַקציע פון דר. מאַקס גרונוואַלד.

אין די האַמבורגער זאַמלונגען געפינען זיך דערהויפּט צייכנונגען, וואָס האָבן ספּעציעל אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין האַמבורג: שטאָט-בילדלעך, יידישע טיפּן, מיטלאַלטערלעכער הומאָר א. אַז. וו.

---

1) יאהרבוך פיר יידישע פאָלקסקונדע, באַנד 1, בערלין, 1923, באַנד 2, 1925. אין יאָר 1930 איז דערשינען אַ העפט פון דער פאָלקסקונדע.

די ברוינשווייגער זאַמלונגען זענען ספּעציעל היסטאָרישע און האָבן אַ שייכות בלויז צו דער יידישער קהילה אין אָט-דער שטאָט. די ברוינשווייגער קהילה האָט צו פאַרדאַנקען איר אַנטשטייונג אַ רייכן ייד דוד אַלעקסאַנדער (1687--1765), וועלכער האָט דאָרטן אויפגעבויט אַ שול און אָנגעזאַמלט אַסך פּאַרצייטישדיקע חפצים, געגעבן צו העפטן טייערע פּרוכתן א. אַז. וו. פון די דאָזיקע חפצים איז אויסגעוואָקסן דער יסוד פון דעם יידישן מוזיי אין ברוינשווייג, וועלכן דר. ג. ריליף האָט געווידמעט אַן אַרטיקל אין אויבנדערמאָנטע „מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע". עס איז געווען צו דער צוויי-הונדערט-יעריקער יאָרצייט זינט די קהילה איז אויפגעקומען, — אין 27טן פעברואַר 1907 יאָר [1].

די ווינער זאַמלונגען געפינען זיך אין „יידישעס מוזעום" (אויף דער מאַלצגאַס). זיי נעמען אַריין גראַווירן און בילדער, שול-חפצים און שטוב-חפצים. צווישן זיי — אַ מאַסע פּאָלאָניקומס, וואָס מ'האָט געקויפט אין גאַליציען, אָדער געקריגן במתנה. זייער שיין האָט דער מאָלער קויפמאַן גרופּירט די שטוב-חפצים אין דער אַזוי-גערופענער „גוטע שטוב", וואָס שטעלט-פאָר אַ פּרייטיק-צונאַכטס אין אַ יידישער שטוב אין פּוילן, ערגעץ אין אַ העק, אין מיטן פון 19טן י. ה. רייך איז די זאַמלונג פון צייכנונגען און פּאָרטרעטן פון יידישע כלל-טוער און שריפטשטעלער פון אַלע עפּאָכן און לענדער [2].

די פראַנקפורטער זאַמלונגען פאַרדאַנקען זייער אָנהייב

---

1) נישט קיין גרויסע, אָבער וויכטיקע זאַמלונגען פאַרמאָגן דער האַמבורגער מוזיי פון קונסט-געווערב, לואיטפּאָלד-מוזיי אין ווירצבורג, דער סינאַגאָגע-מוזיי אין וואָרמס א. אַ. זע: טעפליטק: יידישע מיזייען, „דער יודע", 8, 1924, ז. 339–346, ווו דער מחבר פאָדערט אויף די יידישע קהילות אין דייטשלאַנד, אַז מ'זאָל צענטראַליזירן די יידישע אַנטיקן אין פראַנקפורטער מוזיי.

2) פיהרער דורך דאַס ייד. מוזעום, ווין, 1906. די געזעלשאַפט, וואָס האָלט אויס דעם ווינער מוזיי, האָט מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אַ ביולעטען מיט אויסגעצייכנטע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישער קונסט, געשריבן פון פרי-פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער פראָפ. דוד קויפמאַן: 1. די לייבן אונטער דעם ארון-קודש אין אַסקאָלי און פעזאַראָ, 2. ר' שמואל אַרכיוואָלטי וועגן בלומען-אָרנאַמענטן אויף די ווענט פון די שולן. 3. די קונסט אין די פּוילישע הילצערנע שולן (אויפן סמך פון בערסאָנס פאָרשונגען).

פאַרשטאָרבענעם היינריך פראַובערגער, דעם פאַרוואַלטער פון שטאָטישן האַנטווערקער-מוזיי אין דיסלדאָרף, וואָס האָט געקאָנט פאַראינטערעסירן פאַר יידישער קונסט און יידישע אַלטערטימלעכקייטן די רייכע ספערן פון דער פראַנקפורטער פינאַנץ-וועלט. ער האָט אויך אָרגאַניזירט „די געזעלשאַפט צור ערפאָרשונג יידישער דענקמעלער" און געקריגן געלט אויף דער רייכער אויסגאַבע: „מיטטיילונגען צור ערפאָרשונג יידישער דענקמעלער". פון דער דאָזיקער אויסגאַבע זענען אַרויס 6 בענדער (אין 5 כרכים). אינם ערשטן באַנד האָט פראַובערגער אויפגעקלערט דעם „צוועק און ציל פון דער געזעלשאַפט". דער צווייטער באַנד אַנטהאַלט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „בוי און אָרנאַמענטאַציע פון שולן". דער דריטער און פערטער הייסן: „איבער אַלטע חפצים פון שול און היים". דער פינפטער באַנד פאַרנעמט זיך מיט אילומינירטע כתב-ידן און דער 6טער באַנד אַנטהאַלט די אַרבעט פון גראָטע וועגן די שולן אין טשעכיען, דייטשלאַנד און פוילן פון 11טן ביזן 19טן י. ה. [1]. אין די דאָזיקע פובליקאַציעס איז פאַראַן אַסך פאַלאָניקומס, סיי פון אַמאָליקע רעפּראָדוקציעס (בערסאָן, גלאָגער א. אַז. וו.), סיי לויט די נייסטע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס, ספעציעל פון גראָטען, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט שטודירט דאָס אַלץ אין גאַליציען.

אין יאָר 1908 האָט אָט-די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט אין דיסלדאָרף אַן אויסשטעלונג פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן, וואָס האָט געהאַט 1506 עקספּאָנאַטן, צווישן זיי אַסך פאָלאָניקומס. ביי דער געלעגנהייט האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פּרעכטיקן קאַטאַלאָג, שיין באַאַרבעט און רייך אילוסטרירט [2]. דער דאָזיקער איז גלייכצייטיק אַ גוט האַנטבוך פאַר זאַמלער פון יידישע אַנטיקן.

ליידער האָט, אָבער, די געזעלשאַפט נאָך דער מלחמה און נאָך פראַובערגערס טויט זיך נישט געקאָנט געהעריק רעאָרגאַניזירן און זי

1) אַ מין המשך פון די דאָזיקע אויסגאַבעס איז: קראַוטהיימער, מיטעלאַלטערליכע סינאַגאָגן, בערלין, 1927.

2) אויסשטעלונג פון יידישע בנינים און חפצים פאַר שול און היים, אין אָבּבילדונגען און אָריגינאַלן, פראַנקפורט, 1908, זייטן 166, טאַבעלעס 55 (דייטש).

ליידט איצט כסדר אויף מאַנגל אין מאַטעריעלע מיטלען. די פֿאַרלעגערישע טעטיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, וואָס איז פֿאַר דער מלחמה געווען אַזוי גוט אַוועקגעשטעלט, איז איצט כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. אָנשטאָט די אויבנדערמאָנטע „מיטטיילונגען״ דערשיינען איצט יערלעך דינע העפֿטן א. נ. „נאָטיצבלאַט״, און טיילמאָל גייען זיי צו בלויז ווי אַ צוגאָב צו אַנדערע אויסגאַבעס. דאָס איינציקע, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט אויפֿטון, איז דאָס, וואָס מ׳האָט די אַנטיקן ווי געהעריק איינגעאָרדנט אין דער געביידע פֿון דער פֿראַנקפֿורטער קהילה, אין די אַלטע לאָקאַלן, ווו ס׳האָט אַמאָל געוווינט די פֿאַמיליע ראָטשילד, דער איצטיקער פֿאַרוואַלטער, ה׳ ע ר י ך ט ע פ ל י ט ץ האָט אין „נאָטיצבלאַט״ נומער 15 געגעבן אַ קורצע באַשרייבונג פֿון אָט-דעם מוזיי און אין „נאָטיצבלאַט״ נומ. 21-20 פֿאַרעפֿנטלעכט אַ מין קאַטאַלאָג פֿון דער יובל-אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין האַרבסט 1928 לכּבֿוד דער 30-יעריקער עקזיסטענץ פֿון דער געזעלשאַפֿט [1]).

דער פּ ר אָ ג ע ר מוזיי איז נישט ספּעציעל רייך, אָבער פֿיין איינגעאָרדנט אין אַ טורעם אויפֿן יידישן בית-עולם. ס׳איז דאָרטן פֿאַראַן אַ צעך-פֿאָן פֿון קצבֿים און אויך אַ סך אַרכיוואַלן, צייכנונגען און כּלי-קודש [2]).

די מ אַ י נ צ ע ר זאַמלונגען געפֿינען זיך אין די פּרעכטיקע סאַלאָנען פֿון דער נייער קהילה-געביידע, ביי דער שיינער סינאַגאָגע. ס׳געפֿינען זיך דאָרטן שול-חפֿצים, וואָס זענען געבליבן פֿון אָט-דער קהילה, וועלכע האָט זייער אַ רייכע פֿאַרגאַנגענהייט, און פֿון אַנדערע רהיינישע קהילות. ס׳זענען דאָרט אויך פֿאַראַן אַסך אַרכיוואַלן, וואָס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג. אויף די ווענט הענגען פּרוכתן און בילדער פֿון באַרימטע מענטשן, קאַריקאַטורן א. אַז. וו.

די ד אַ נ צ י ג ע ר זאַמלונגען זענען געשענקט געוואָרן פֿון ל ע ס ס ע ר ג ע ל ד ז ש י נ ס ק י (1904) און באַשטייען דער עיקר פֿון לייכטער, הענגלייכטער און אַנדערע מעשענע חפֿצים, אויך פֿיליגראַנירטע אויס-

1) אין 1925 י. האָט די פֿראַנקפֿורטער געזעלשאַפֿט איינגעאָרדנט אַ היסטאָרישע אויסשטעלונג פֿון דער געשיכטע פֿון דער יידישער קהילה אין דער דאָזיקער שטאָט. אַ קורצע באַשרייבונג: מ א י ר, אין מנורה, 1925, העפֿט 6.

2) ל י ע ב ע ן: דאָס יידישע מוזעאום אין פּראַג, 10 זייטן און 15 בילדער-טאָוולען.



40. זייטל פון דעם סטאַטוט פון דער קראָקעווער קהילה פון דעם יאָר 1595, יידיש (שנת לפ"ק), ארכיוו פון דער יידישער קהילה אין קראָקע.



IOANNES III
DEI GRATIA REX POLONIÆ
Magnus Dux Lithuaniæ, Russiæ, Prussiæ, Masoviæ, Samogitiæ, Kiioviæ, Volhyniæ, Podlachiæ, Podoliæ, Livoniæ, Smolensciæ, Severiæ, Czerniechoviæ

Significamus præsentibus literis nostris quorum interest universis & singulis Licet circa auspicatissimam Inaugurationem Nostram Regiam solenni Iureiurando et Diplomate publico omnium Regni nostri Ordinum singulorum etiam potestati Nostræ Regiæ subiectorum populorum et nationum publica et privata Iura Privilegia à quibuscunq Maioribus et Prædecessoribus Nostris gratiose concessa ... Nos ea rata firmaq habituros esse spoponderimus. Ad intercessionem ... Infideles ...

41. די ערשטע זייט פון דעם פריווילעג פאַר אַלע יידן אין פוילן, ארויס־
געגעבן פון דעם מלך יאַן סאָביעסקי אין יאָר 1676. אַרכיוו פון דער יידישער
קהילה אין קראָקע.

אַרבעטונגען פון זילבער, אַמולעטן וכדומה. זיי געפינען זיך אין אַ צימער ביי דער סינאַגאָגע [1]. די העסער זאַמלונגען באַשטייען פון היסטאָרישע איבערבלייבענישן פון די קהילות אין פולדאַ, האַנאו, וואָלפהאַגען און קירכהיין. אָט־די זאַמלונגען געפינען זיך אין לאַנד־מוזעום אין קאַססעל און שטייען אונטער דער שוץ פון אַ באַזונדערער געזעלשאַפט: דעו' יידישער מוזייען־פאַריין און זיין פאַרוואַלטער, ד"ר. רודאָלף האַללאָ [2].

אין יאָר 1925 זענען אין די רהיין־שטעט אַאַכען, דיסלדאָרף און אין קעלן געעפנט געוואָרן די יובל־אויסשטעלונג לכבוד דעם 1000טן יאָר זינט דער רהיין איז איבערגעגאַנגען צו דייטשלאַנד. אויף די ערשטע צוויי אויסשטעלונגען זענען אַסך יודאַיקעס נישט געווען. דערפאַר איז, אָבער, געווען פון דעם מין אין קעלן אַזויפיל, אַז ווען מ'נעמט זיי צונויף צוזאַמען וואָלט מען געקאָנט פון זיי אַליין שאַפן אַ רייכע אויסשטעלונג פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן. ס'זענען דאָרט געווען אָריגינעלע מצבות, וועלכע מ'האָט געבראַנגט אַהער פון מוזייען, אויך צייכנונגען אויף מצבות, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אין די רהיין־קהילות. ס'איז דאָרטן געווען אַ גאַנצע דאָרפישע שול (פון האָלץ), אַ יידישע שטוב אין דער סדר־נאַכט, פאַרשידענע פּריווילעגיעס און אויך פאַרשידענע חפצים פון דער שול און היים [3].

אויך אויף דער פרעסע־אויסשטעלונג אין קעלן אין יאָר 1928

---

1) קאַטאַלאָג דער אַלטען ייד. קולטוסגעגענשטענדע — געלדזשינסקי־שטיפטונג — אין דער נויען סינאַגאָגע אין דאַנציג, 1904, 13 זייטן, 127 אָביעקטן. אַ כאַראַקטעריסטיק פון די מאַינצער זאַמלונגען — מעטץ פעטער: די ייד. אַלטערטימער. מנורה 1927, 767—782.

2) האַללאָ רודאָלף: ייד. קולטור אונד קונסטדענקמעלער אים העססישען לאַנדעס־מוזעום אין קאַססעל. דער זעלבער: יידישע פאָלקסקונסט אין העססען. פעסטשריפט צו דער סיני־לאָזשע צו קאַססעל, 1928. ביידע אָפּהאַנדלונגען — רייך אילוסטרירט. אין דעם יאָר 1928 איז געווען אין וואַרבורג אַן אויסשטעלונג אונטער דעם נאָמען: רצליג. קונסט אין העססען, זע: האַללאָ: יידישע קונסט־אַלטערטימער אויס ערעלמעטאַל אין דער אויסשטעלונג אין מאַרבורג. „נאָטיצבלאַט דער געזעלשאַפט צור ערפאָרשונג ייד. קונסטדענקמעלער" אין פראַנקפורט. 1929 נ"ר 23—24.

3) קאַטאַלאָג: יאָהרטויזענד־אויסשטעלונג דער ריינלאַנדע. קעלן, 1925. זייטן 315—339 באַארבעט פון ראַב. דר. קאָבער. זע אויך: טעפליץ אין מנורה 1925 נ"ר 8.

א. נ. „פּרעססאַ" איז אין יידישן פּאַוויליאָן געווען אַ רעטראָספּעקטיווע אָפּטיילונג, ווו ס'איז געווען אַ היפּש ביסל היסטאָרישע חפצים.

ליידער איז די דאָזיקע היסטאָרישע אויסשטעלונג געווען זייער אָרעם אין פאַרגלייך מיט די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע היסטאָרישע רעטראָספּעקטיווע טיילן. אַביסל אַלטע ביכער (נישט די עלטסטע), אַ שלעכטער מאָדעל פון אַ בית-המדרש, עטלעכע צענטליק פּאָרטרעטן פון יידישע כלל-טוער (איבערהויפּט אין פראַנקרייך) — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער קאָמיטעט האָט באַוויזן צונויפצוקלייבן אויף דער וועלט-אויסשטעלונג [1].

די יונגסטע, אָבער גלייכצייטיק די לעבעדיקסטע, איז די געזעלשאַפט פון יידישע מוזייען אין ברעסלוי, וואָס האָט אין מערץ 1929 איינגעאָרדנט אַ פּרעכטיקע אויסשטעלונג אונטער דעם דעוויז: „דאָס יידנטום אין דער געשיכטע פון שלעזיע". מיט דער וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון אָט-דער אויסשטעלונג האָט זיך פאַרנומען דער פאַרוואַלטער פון אַ ברעסלויער מוזיי, פּראָפ. ערווין הינטצע. מ'האָט דאָ צונויפגעזאַמלט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס דאָס שלעזישע יידנטום האָט געקאָנט צונויפנעמען. די אויסשטעלונג האָט געהאַט דריי הויפּט-אָפּטיילונגען: 1) די יידישע פאַרגאַנגנהייט אין שלעזיען אין צייכנונגען, 2) כלי-קודש און היים, 3) אַרכיוואַלן (קעניגלעכע פּריווילעגיעס), די טעטיקייט פונם גלח קאַפּיסטראַנאָ, גירוש-באַפעלן און דרוק-זאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז די רייכסטע אָפּטיילונג איז געווען די צווייטע, וואָס איז צעפאַלן אויף עטלעכע אונטער-אָפּטיילונגען. אַ ליבער אָנדענק פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג בלייבט דער רייכער און שיין-אילוסטרירטער קאַטאַלאָג, וועלכן ס'האָט באַאַרבעט פּראָפ. ערווין הינטצע מיט דער הילף פון יידישע געלערנטע: דר. לואי לעווין און דאָצענט ישראל ראַבין [2].

---

1) יידישע זאָנדערשאַו דער פּרעססאַ צו קעלן. מנורה, 1928. נומערן 6—8. זע אויך: קורצער פיהרער דורך די ייד. זאָנדערשאַו דער פּרעססאַ 1928, קעלן. מ'האָט דאָרטן אויך אַרויסגעגעבן „שריפטן דער ייד. זאָנדערשאַו"... לין יוסף: די העברעישע פּרעסע, ווערדעגאַנג, אַנטוויקלונגס-טענדענצן, ילקוט-פאַרלאַג, בערלין, 1928.

2) קאַטאַלאָג דער פאָם פעראיין „ייד. מוזעום, ברעסלאו", אין דען רוימען דעס שלעזישען מוזעאומס פיר קונסט-געווערבע אונד אַלטערטימער, פעראַנשטאַלטעטען

אָבער די ברעסלויער געזעלשאַפט באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט דער אויסשטעלונג. זי איז ערשט צוגעטרעטן מיט גרויס באַגייסטערונג צו אָרגאַניזירן די מוזייען און מוזייאָלאָגן פון גאַנץ אייראָפּע. צוליב דעם האָט זי איינגעאָרדנט אַ צוזאַמענפאָר פון געלערנטע, ווו ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אַ. ג. „אַרבעטגעמיינשאַפט״, דאָס איז אַ לויזע אָרגאַניזאַציע פון מוזייען און פאָרשער פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן.

כ'וועל דאָ נישט אויסרעכענען נאָך אַנדערע זאַמלונגען, בעיקר אין מערב-אייראָפּע, אין פראַנקרייך, בעלגיע, אַמסטערדאַם און איבער-הויפט לאָנדאָן, ווו די יידישע געזעלשאַפט (דזשואיש היסטאָריקאַל סאָציעטי) זאַמלט אָן אַ שיעור אַנטיקן, דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון ענגלאַנד [1]. כ'קאָן בלויז זאָגן איינס: אַז אין די אַלע זאַמלונגען — אויף וויפל כ'האָב זיי אַליין געזען, אָדער אויף וויפל כ'ווייס פון קאַטאַלאָגן און אילוסטראַציעס — זענען פאַראַן אַסך פון פּוילן, וועלכע זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אַהין בעת דער שטאַרקער עמיגראַציע אין דער העלפט פון 17טן י. ה. און שפּעטער, אָדער — וואָס זענען דאָ אין לאַנד אָפּגעקויפט געוואָרן דורך אַנטיקוואַרן און קונסט-הענדלער און דאָרט פאַרקויפט געוואָרן פאַר גרויס געלט. אַממייִנסטן האָט מען די אַנטיקן אָנגעקויפט אין פּוילן באַלד נאָך דער איצטיקער מלחמה, נאָך די אוקראַינער-פּאָגראָמען און נאָך דעם פּאַנישן אַנטלויפן פון יידן אין גרויס-פּוילן און פּאָמערן. אַסך האָבן צוגענומען די אָקופּאַנטן, כלומרשט אויף שמעלץ, צו גיסן האַרמאַטן-קוילן, אָדער האַרמאַטן גופא. פּאַקטיש האָט מען מיאוס געהאַנדלט מיט פרעמדע אוצרות [2]. זייער אַסך אַלטערטימלעכקייטן און אפשר די סאַמע בעסטע האָבן אויסגעקויפט ביי אונז אַמעריקאַנער אין דער צייט פון דער אינפלאַציע און דעוואַלואַציע און אַוועקגעפירט פאַר זייערע געזעלשאַפטלעכע אָדער

אויסשטעלונג: דאָס יודענטום אין דער געשיכטע שלעזיענס, פערפאַסט פאָן ערווין הינטצע, מיט 20 טאַפעלן, 3 פעברואַר ביז 17 מערץ 1922, זייטן 126.

(1 Mocatta Library et Museum University College London, Report of The Committe for 1928, London 1928.

2) אין דער צייט, ווען מ'האָט ביי אונז רעקוויזירט מעש און אייזן, האָט מען אין די ווינער און בערלינער אַנטיקוואַרן פאַרקויפט די שענסטע זאַכן, וואָס מ'האָט אַוועקגעשלעפּט פון פּוילן.

פּריוואַטע מוזייען. אַפילו נאָך אַסך פּאַר דער מלחמה זענען געווען פיל פּוילישע אַנטיקן אין דער יידישער אָפּטיילונג אין וואַשינגטאָנער רעגירונגס-מוזעום, ווי ס'ווייזט דער קאַטאַלאָג, וואָס איז געוואָרן באַאַרבעט (און רייך אילוסטרירט) דורך צירוס אַדלער און מ. כאַזאַנאָוויטש [1])

* *

*

ווי אָרעם מיר זענען אין פּוילן אין פאַרגלייך צו דעם, וואָס ס'ווערט אויף דעם געביט אויפגעטון אין אויסלאַנד! דריי קליינע מוזייען פון יידישע אַנטיקן (אין וואַרשע, קראָקע און אין ווילנע), עטלעכע פּריוואַטע זאַמלונגען (פּרילוצקיס, מינצס, דר. גאָלדפלאַמס, פאַוועס, איבערבלייבענישן נאָך דער באַרימטער אַרטיסטין אסתּר-רחל קאַמינסקי [2]) און נאָך י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן — אין וואַרשע, די זאַמלונגען פון מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין און דר. רייכענשטיין אין לעמבערג), אַביסל יידישע אַנטיקן אין עפנטלעכע זאַמלונגען, ווי צ. ב. אין „גרויספּוילישן מוזעום" אין פּויזן (בשמים-ביקסלעך), אין לובלינער מוזיי (מעשענע חנוכה-לעמפּלעך), אין נאַציאָנאַלן מוזיי אין קראָקע (אַ ירושה נאָכן פאַרשטאָרבענעם ראַט שטערנשוס [3])), אין „געווערבע-מוזעום" אין לעמבערג, אויך אין נאַציאָנאַלן און מיליטערישן

---

1) Adler Cyrus and Chasanowicz I. M. Descriptive Catalogue of a Collection of objects of jewish ceremonial Deposited in the U. S. National Museum by Hadji Efraim Bengujat.

די זעלבע The Collection of Jewish ceremoniał objects in the U. S. National Museum, Washington, Gouvern. Printint Office, 1908.

2) דער אסתּר-רחל קאַמינסקי-מוזיי איז דורך די יורשים פון דער פאַרשטאָרבענער איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וואָס האָט געדינט אַלס אַ יסוד פאַר אַ טעאַטער-מוזיי א. נ. פון א. ר. קאַמינסקי. אין דעם טעאַטער-מוזיי זענען דאָ פיל אַנדערע וויכטיקע מאַטעריאַלן פון דער געשיכטע פונם יידישן טעאַטער. זע ידיעות פון יוו"א נ"ר 29 פון 28 פעבער, 1930.

3) דער ראַט פון פינאַנצן-פּראָקוראַטאָריום, דר. שטערנשוס, פלעגט זאַמלען יידישע לייכטער און אַנדערע כלי-קודש אין זיין וווינונג אין לעמבערג אויף פּיעקאַרסקע, ער איז אומגעקומען אין דער וועלט-מלחמה ווי אַ לעגיאָניסט.

מוזיי אין וואַרשע. דאָס איז כּמעט אַלץ, וואָס מיר פֿאַרמאָגן און וואָס איז מער-ווייניקער געוואָרן אינווענטאַריזירט.

דער וואַרשעווער מוזיי געפֿינט זיך אין דער קהילה-געביידע און איז אינגאַנצן אַ מתּנה פֿון איין מענטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געזאַמלט יידישע אַנטיקן, כּדי זיי איבערצולאָזן בירושה. דאָס איז — מאַטיאַש בערסאָן, אַ ליבהאָבער פֿון קונסט און גלייכצייטיק אַ קונסט-היסטאָריקער [1].

זיינע זאַמלונגען, פֿון וועלכע ס׳באַשטייט דער מוזיי, געפֿינען זיך אין אַ גאַנץ ענגן צימער, אַזוי, אַז ס׳זעט גיכער אויס, ווי אַ מאַגאַזין, אָדער אַן אַנטיקן-געשעפֿט, איידער ווי אַ מוזיי, וואָס דאַרף זיין באַשטימט פֿאַר שטודיע-צוועקן. אויך די מוזיי-ביבליאָטעק, וואָס באַשטייט פֿון 2000 בענדער, איז פֿאַרשלאָסן אין שענק און ס׳איז שווער צו זיי צוצוקומען.

דער גרעסטער טייל פֿון די זאַמלונגען באַשטייט פֿון בילדער און פּאָרטרעטן: מייזעלס, שטערנס, צילקאָווס, דאַווידזאָנס, וויעלאָפּאָלסקיס, לעלעוועלס, לעסערס, טוגענדהאָלדס, אייזענבוימס און פֿון נאָך אַנדערע יידישע (און נישט-יידישע, וועלכע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט יידישע ענינים) כּלל-טוער. ס׳הענגען דאָ צייכנונגען פֿון שבתי צבי און יעקב פֿראַנק [2] און פֿון זיין טאָכטער, אויך פֿון מענדעלסאָנען א. אַז. וו. אין גרויס ענגשאַפֿט הענגען אויף דער וואַנט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון הילצערנע שולן אין פוילן [3], דער אינעווייניקסטער אויסזען פֿון דער אַלטער זשולקעווער שול (געצייכנט פֿון קאָקולאַס), אַ שטימונגס-בילד פֿון קאַזשי-מיעזש הינטער קראָקע (געצייכנט — קאָניושקאָ), אַן אויטאָגראַף פֿון סטאַשיצן [4], אַ העברעישער נעקראָלאָג פֿון לעלעוועל (1861) און פֿון

1) זע די ביאָגראַפֿיע פֿון מאַטיאַס בערסאָן און זיין ווערק, וואָס זיין איידעם אַלעקסאַנדער קראַוסהאַר האָט אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט:
Dyplomatarjusz, dotyczący Żydów w Polsce, 1910 וואַרשע

2) רעפּראָדוצירט דורך קראַוסהאַרן אין זיין בוך: פֿראַנק און די פּויליש פֿראַנ-קיסטן וואַרשע, 1895.

3) רעפּראָדוצירט דורך בערסאָנען אין זיינע דריי אָפּהאַנדלונגען „וועגן הילצערנע שולן אין פוילן“.

4) אַ בריוו, אין וועלכן ער לייגט פֿאָר מ׳זאָל אָננעמען אברהם שטערן פֿאַר אַ מיטגליד אין דער וויסנשאַפֿטלעכער געזעלשאַפֿט אין וואַרשע.

אַסך אַנדערע. די אמתע פּערל פון דעם דאָזיקן מוזיי זענען די אילו-מינירטע און אילוסטרירטע כתובות. ספּעציעל זענען אינטערעסאַנט: די כתובה פון פּאָרפּאָלק דיספּאַנאָסאַ אין ווענעדיג פון י. 1677. די כתובה פון פּאָרפּאָלק ראַווענגאַ אין ווערא̇נאַ 1656 י.), פון דעם פּאָרפּאָלק פּאָנטוס און באַזיליאַ אין מאָדענאַ (1672 [1]) א. אַ. לעצטנס האָט זיך איינגעגעבן צוצוקויפן אַ גרויסע יקר-המציאות — יעקב פראַנקס כתב-ידן אין עטלעכע בענדער, אויף פּויליש, געשריבן פון זיינע געשמדטע תּלמידים (1792).

אַ גרויסע טייל פון די זאַמלונגען באַשטייען פון חפצים אין שול און אין היים, ווי לייכטער, „סאָבאָטניקעס”, בלעכן, כתרים אויף ספרי-תּורה, ידן, מגנים, חנוכּה-לעמפּלעך, בשמים-ביקסלעך. אויף אַ טייל פון זיי זענען פאַראַן די נעמען פון די מייסטער, אָדער פון די מנדבים. אויף די ווענט הענגען עטלעכע פּרוכתן מיט כּפּורתן פון גאָר אַ פיינעם קוואַליטעט. אויף די טישן, אין מיטן צימער, זענען אויסגעלייגט סידורים אין כתב-יד און געדרוקטע אינקונאַבולן און צימעליאַ, אַ טייל פון זיי — אין זילבערנע טאָוולען און רייך אילומינירט, אויך פינגערלעך, רינגלעך, מעדאַליאָנען א. אַ.

אָבער אָט די גאַנצע זאַמלונג איז טויט, ווייל זי איז שלעכט צונויפגעשטעלט און ווערט לחלוטין נישט קאָמפּלעטירט. פאַר דער מלחמה האָט די קהילה באַשטימט יערלעך אַ סומע פון 600 רובל אויף איינצוקויפן אַנטיקן. היינט פיגורירט, אמת, אין דעם קהילה-בודזשעט אַ סומע פון 5000 גילדן אויף דעם זעלבן צוועק, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אויסער דער אָרעמער פּענסיע, וואָס ס'קריגט דער פאַרוואַלטער, (וועלכער איז, אגב, באַשעפטיקט אויך אין אַן אַנדער ביוראָ פון דער קהילה), גיט מען נישט אויס פון דער סומע קיין גראָשן, און מ'לאָזט גאַנץ אָפּט דורך די געלעגנהייט אָפּצוקויפן אַ יקר-המציאות. אמת, די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה פּלאַנט אויסצובויען (אַ צובוי) אַ נייעם באַקוועמען לאָקאַל פאַר די מוזעאַלע זאַמלונגען, אָבער דאָס איז אַן

1) וועגן דער כתובה בכלל זע די אָפּהאַנדלונג פון משה גאַסטער: די כתובה אין איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג” (יידיש), בערלין-לאָנדאָן, 1923 מיט אַסך פאַרביקע אילוסטראַציעס. אין פּוילן האָט מען זיך נישט באַנוצט מיט קיין קינסטלערישע כתובות, נאָר מ'האָט זיי געשריבן קאַליגראַפיש, היינט דרוקט מען פאָרמולאַרן אויף שלעכט פּאַפּיר און דערנאָך ווערן זיי אויסגעפילט.

ענין פון דער צוקונפט, און ווער ווייסט פון וואָס פאַר אַ ווייטער צוקונפט [1].

די זאַמלונגען פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ–סקי אין ווילנע בילדן אויך אַ מוזיי פון יידישע אַנטיקן און די עקספּאָנאַטן זענען פון זעלבן מין, וואָס אין וואַרשעווער מוזיי. דער חילוק איז בלויז דער, וואָס די ווילנער שטאַמען דער עיקר פון מזרח-פוילן און אַפילו צענטראַל-רוסלאַנד. אַחוץ אַנטיקן איז דאָרט פאַראַן אַ היפּשע צאָל מאָדערנע קונסט-בילדער (בילדער און סקולפּטורן [2]), אויסער דעם אַסך חפצים, וואָס געהערן צו פאָלקס-קונסט, אויך אַ זאַמלונג פון יידישן פאָלקלאָר. ביי די דאָזיקע זאַמלונגען עקזיסטירט אויך אַן אַרכיוו, אין וועלכן ס׳זענען אויפגעהיטן פאַרשידענע דאָקומענטן, דער עיקר בריוו פון וויכטיקע פערזענלעכקייטן, יידישע ליטעראַטן א. אַ. מיט עטלעכע חדשים צוריק (ווינטער 1929) זענען אָנגעקומען עטלעכע קאַסטנס מיט פאָלקלאָריסטישע זאַמלונגען און אויך אַנ–סקיס בריוו, וואָס האָבן באַרייכערט דעם מוזיי [3].

די קראָקעווער זאַמלונגען זענען צעטיילט אויף צוויי מינים: פּרוכתן און כפּורתן, וואָס שטאַמען פון דער איצטיקער אַלטער שול. און פון נאָך עטלעכע שולן, וואָס עקזיסטירן שוין איצט נישט זיי געפינען זיך אין אַ באַזונדערן מוזיי איבער דער אַלטער שול. אַלטע דרוקן, דערפאַר, פּריווילעגיעס און מיטלאַלטערלעכע כתב-ידן (פּנקסים) ליגן אין דער קאַסע פון דער יידישער קהילה. סיי די ערשטע, סיי די אַנדערע געפינען זיך, הייסט עס, אין נישט אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען, ווייל סיי דאָ און סיי דאָרטן ווערט אַ תּל פון די טייערע חפצים. די אַלטע

דער בערסאָן-מוזיי האָט אַ געשריבענעם קאַטאַלאָג. ביז איצט האָט די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה וויסנשאַפטלעך נישט באַאַרבעט און נישט אָפּגעדרוקט אָט-דעם קאַטאַלאָג

2) צ. ב. ש. סקולפּטורן פון אַנטאָקאָלסקי, אַראָנסאָן, גינזבורג, אַסך צייכנונגען פון ווילנער גאון און אַנדערע ווילנער חכמים

3) משה שאַליט: דער אַנ–סקי-אַרכיוו, זיין אינהאַלט און ווערט, „ליטעראַרישע בלעטער״ נ׳ 16, 1929. וועגן די ווילנער זאַמלונגען אין אַלגעמיין — זע שאַליטס אַן אָפּהאַנדלונג אין לוח פון צענטראַלן פאַריין פון יתומים-פאַרזאָרגונג „פון יאָר צו יאָר״ 1928.

פּרוכתן צעפאַלן זיך און קיינער קאָנסערווירט זיי נישט [1]. די אַלטע דרוקן ווערן אויפגעגעסן פון מולן אַזוי, אַז בקרוב וועט פון זיי גאָר-נישט בלייבן [2].

ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן דער פאַרוואַלטונג פון דער קראָ-קעווער קהילה אַריינצוקריגן אין איר רשות די אַנטיקן, וואָס געהערן צו באַזונדערע שולן. די גבאים פון די דאָזיקע שולן ווילן נישט איבערגעבן דעם קהילה-מוזיי זייערע אויסגעצייכנטע פּרוכתן און זילבערנע חפצים און זיי האַלטן עס ביי זיך אין זייערע פאַרשטויבטע קאַסטנס. (צ. ב. ש. רמא״ס שול און אין דער הויכער שול), ווו טייערע פּרוכתן און כּפּורתן ווערן צעריבן און צעשאָטן.

און פּונקט ווי אין קראָקע ווערן קאַליע כּמעט פאַר אונזערע אויגן טייערע אַנטיקן אויך אין אַנדערע שטעט פון דער רעפּובליק און קיינעם גייט עס נישט אָן. און דאָרטן, ווו עמעץ האָט שוין וועלכן-ס׳איז אינטערעס פאַר קאָנסערוואַציע, טוט ער עס אָן דעם מינדסטן געשמאַק, ווי מיר זעען עס אָפט בעתן רעסטאַורירן פּרוכתן. בלויז אין לעמבערג האָט מען פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נויטיק וויסנשאַפטלעך און פאַכמעניש זיך צו פאַרנעמען מיט דער קאָנסערוואַציע פון יידישע אַנטיקן און מ׳האָט אָרגאַניזירט ביי דער יידישער קהילה אַ קוראַטאָריום צו באַשיצן אַנטיקן פון יידישער קונסט. אָט דער קוראַטאָריום האָט אין 1928 [3] אַרויסגעגעבן אַ שיין געדרוקט ביכל מיט אַ דין-וחשבון וועגן זיין נוצלעכער טעטיקייט. אַזוי-אַרום האָט מען אין לעמבערג אינווענטאַ-

1) די צימערן איבער דער אַלטער שול ווערן לחלוטין נישט געהייצט, און זומער איז דאָרטן אַ היץ נישט אויסצוהאַלטן. די פּרוכתן און כּפּורתן הענגען אויף די ווענט און קיינער פּראָכעט זיי נישט אויס. ס׳איז נישטאָ — נישט קיין קאַטאַלאָג, נישט קיין אינווענטאַר, נישט קיין נומערן אויף די חפצים. כ׳האָב אַליין געזען אַ פּרוכת פון יאָר 1621, וואָס ווערט צעפאַלן אויף שטיקער און קיינער אינטערעסירט זיך נישט מ׳זאָל עס אָפּראַטעווען.

2) אין דער קאַסע פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג, אינאיינעם מיט די אַדמיניסטראַציע-ביכער און תּכריכים-לייוונט, ליגן דרוקן פון 16טן און 17טן י. ה. פון קראָקעווער דרוקערייען, קהילה-פּנקסים פון פאַרשידענע עפּאָכן, דריי פּריווילעגיעס פון פּוילישע קעניגן. אויך אָט-די זאַכן האָבן נישט קיין קאַטאַלאָג און קיינער פאַרנעמט זיך נישט מיט זיי.

3) באַריכט פון קוראַטאָריום פאַר די דענקמעלער פון ייד. קונסט ביי דער יידישער קולטוס-געמיינדע אין לעמבערג. 1928, אויף פּויליש און אויף יידיש, מיט

ריזירט 292 חפצים, וואָס געהערן אָדער צו לעמבערגער שולן, אָדער צו פּראָווינצער (יאַנאָוו, זשולקעוו, קאַמיאָנקע), מ׳האָט אָפּגעפרישט אַסך זילבערנע שול־חפצים און פּרוכתן. אויסערדעם האָט מען אין יאָר 1928 איינגעאָרדנט אין לעמבערג אַן אויסשטעלונג פון אַלטע ביכער און אַנטיקן פון יידישע קונסט. די עקספּאָנאַטן זענען געווען בלויז פון לעמבערג [1].

אַז מיר האַלטן שוין ביי דער לעמבערגער אויסשטעלונג, איז כדאי צו דערמאָנען די ערשטע אויסשטעלונג פון יידישע „אַנטיקן" אין לעמבערג בעת דער לאַנד־אויסשטעלונג פון 1894 יאָר. די יידישע אויס־שטעלונג איז געווען אַ טייל פון דער אַנטיקן־אויסשטעלונג, וואָס איז געווען זייער רייך און גוט צונויפגעשטעלט. פונם קאַטאַלאָג [2] דערוויסן מיר זיך, אַז אויף דער אויסשטעלונג זענען געווען 56 פּרוכתן, פון זיי — 11 פון 16טן יאָרהונדערט, 21 פון 17טן י. ה. און איינס פון 18טן י. ה. ס׳זענען דאָרטן געווען כתבים, לייכטערס, בשמים־ביקסלעך, בלעכן און ידן צו ספר־תורהס. דערביי 1 פון זעכצנטן יאָר (טאַרנאָפּאָל), 7 פון זיבעצעטן (יאַנאָוו, בראָדע, ריישע), די רעשט — פון אַכצנטן י. ה., אַחוץ דעם אַ פּאָר צענטליק מעשענע חפצים, בעיקר — פון 17טן י. ה. לײדער זענען אָט־די זאַכן נישט געווען גרופּירט ווי געהעריק (די פּרוכתן זענען געהאָנגען איינס לעבן אַנדערן נישט לויט אַ סדר פון די יאָר־הונדערטער), אויך נישט גענוג היסטאָריש אויסגעפּאָרשט און פאַרצייכנט, אַזוי, אַז דער וואָס האָט באַזוכט די אויסשטעלונג, האָט גאַנץ ווייניק געקאָנט געניסן פון קאַטאַלאָג [3].

אַ כך גוטע אילוסטראַציעס. דער עיקר טוער אינם קוראַטאָריום איז דער אינזשיניער יוסף אַווין.

1) קאַטאַלאָג צו דער אויסשטעלונג פון לעמבערגער העברעישע ספרים און יידישע דענקמעלער, מאַי—יוני, 1928.

2) קאַטאַלאָג וויסטאַווי זאַביטקווו סטאַראָזשיטניך ווע לוואָוויע, 1894 י. לעמבערג, 1894, נומערן 42—217, 245—293.

3) ס׳איז נישטאָ אין קאַטאַלאָג נישט קיין טעקסט, נישט קיין דאַטע פון קיין שום פּרוכת, כאָטש מ׳האָט געקאָנט גאַנץ לייכט אָפּשרייבן סיי די דאַטעס, סיי די טעקסטן. מ׳האָט, אָפּנים, נישט געפּרוווט אויסזוכן אין לעמבערג אַ ייד, וואָס וואָלט געקאָנט איבער־לייענען אָט־די טעקסטן.

אַביסל „יידישע" אַנטיקן זענען געווען אויף דער אויסשטעלונג פון 1863 יאָר, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לעמבערג אין 1913, צו דער פופציקסטער יאָרצייט נאָך דעם אויפשטאַנד. ס'זענען דאָרטן געווען פאַרטרעטן פון יידישע אָנטיילנעמער אינם אויפשטאַנד בריוו און דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם דאָזיקן ענין [1]. כדאי אויך דאָ אויפן אָרט צו דערמאָנען, אַז די גרעסטע צאָל בילדער פון דער פוילישער מאַרטיראָלאָגיע אין סיביר (בערך הונדערט און עטלעכע צענטליק) איז אויסגעשטעלט געוואָרן פון דעם יידישן מאָלער און מאַרטירער אַלעקסאַנדער סאָכאַטשעווסקי [2]. אויך אויף דער אויסשטעלונג פון היסטאָרישע איבערבלייבענישן פונם אויפשטאַנד אין 1863, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַרשע 1918, זענען געווען בילדער פון יידישע עסקנים, וואָס האָבן אָנטייל-גענומען אינם אויפשטאַנד [3].

אַסך שולן האָט מען געזען אויף דער אויסשטעלונג פון קאָנסערוואַטאָרן, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, אין האַרבסט 1927, אינאיינעם מיט דער אויסשטעלונג פון די אַרבעטן, וועלכע ס'האָט אויסגעפירט די אַנשטאַלט פון פוילישער אַרכיטעקטור ביים וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. מיט דעם דאָזיקן אַנשטאַלט פירט אָן פראָפ. אָסקאַר סאָסנאָווסקי.

די אויסשטעלונג איז באַשטאַנען פון צוויי גרופּעס, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט: אַרבעטן פון קאָנסערוואַטאָרן, ד. ה., רשימות פון ערטער, ווו ס'געפינען זיך אַלטערטימלעכקייטן, וועלכע מ'דאַרף קאָנסערווירן (קאָנסערוואַטאָרישע מאַפּע), אַחוץ דעם — אַרבעטן פון צוהערער אינם אויבן-דערמאָנטן אַנשטאַלט, צ. ב. ש. אויסמעסטונגען, צייכנונגען און אַפילו מאָדעלן פון אַ גאַנצער ריי שולן אין די פאַרשידנסטע מקומות אין פוילן. די מאָדעלן פון פערצן (אויב איך האָב

---

1) אַ פירער איבער דער אויסשטעלונג 1863, לעמבערג (פויליש).

2) דער פאַרגעסענער מאָלער פון דער פוילישער מאַרטיראָלאָגיע (פויליש). מ א י ר באַלאַבאַן, היסטאָרישע שטודיעס, וואַרשע, 1927, ז. 182–187, מיט 5 צייכנונגען.

3) כוואַליעוויק, קאַטאַלאָג וויסטאַווי 1863, וואַרשע, 1918, נומערן 1236, 1269, 1274 א. אַז. וו.

ניט קיין טעות) שולן אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדזטווע [1] האָבן געגעבן אַן אויסגעצייכנט בילד פון דער אַרכיטעקטאָנישער רייכקייט און אויך פון דער ליבע, מיט וועלכער דער פּראָפעסאָר און זיינע תּלמידים האבן באַהאַנדלט זייער אַרבעט.

*

* *

ביבליאָטעקן. — מיט אונזערע ביכער-זאַמלונגען האָלט עס נישט אַסך בעסער, ווי מיט אונזערע זאַמלונגען פון קונסט-אַנטיקן און שול-חפצים. פון יידישע ביבליאָטעקן, — עפנטלעכע, פּאַכ-מעניש געזאַמלטע, — האָט מען נישט געוווּסט אין אַמאָליקן פרייען פוילן. ס׳זענען, אמת, געווען אַסך ביבליאָפילן און מלומדים, וואָס האָבן געזאַמלט ספרים (ספרי תּנ״ך מיט די פירושים, ש״ס און פוסקים, שו״ת, קבלה-ספרים און ספרי-מוסר א. אַ.), אָבער די דאָזיקע זאַמלונגען פלעגן אין משך פון עטלעכע דורות צעפּאַלן ווערן און פאַרלוירן גיין צווישן די יורשים, אויב מ׳האָט זיי נישט אָפּגעשריבן פאַר אַ בית-המדרש [2]. בתּי-מדרשים זענען טאַקע געווען אין אַלע פוילישע שטעט, און ס׳האָבן זיך דאָרטן געפונען גאַנץ אָפט גרויסע ביבליאָטעקן, אָבער מ׳האָט זיך נישט מיט זיי אָפּגעגעבן ווי געהעריק, און מיט דער צייט זענען זיי צעשלעפּט געוואָרן. גאָר אָפט פלעגן זיי אַוועק מיט רויך אין די שׂרפות, וואָס זענען געווען אַזוי אָפט אין די יידישע קוואַרטאַלן.

שוין אין סוף 17טן י. ה. האָט מען אין אויסלאַנד, דער עיקר אין דייטשלאַנד און איטאַליע, אָנגעהויבן צו זאַמלען ספרים, סיי כּתבי-יד, סיי געדרוקטע [3]. איינער פון די ביבליאָפילן פון אַ גרויסן פאַרנעם

---

1) זאַיצשיק: הילצערנע שולן אויף דעם שטח פון דער ביאַליסטאָקער וואָיע-וואָדזטווע. זע די אויסגאַבע: וואָיעוואָדסטוואָ ביאַלאָסטאָצקיע 1929, זייט 44—47.

2) אין פוילן האָט מען אין יאָר 1776 איינגעפירט אַ שטעמפּל-אָפּצאָל פון העברעישע ספרים און אין זעלבן יאָר האָט מען אין יעדער שטוב פאַרשריבן די צאָל ספרים אין פּריוואַט-שטובן און אין שולן. די דאָזיקע אָפּשרייבונגען, וואָס זענען וויכטיק פאַר דער קולטור-געשיכטע, געפינען זיך ביז היינט אין פינאַנץ-אַרכיוו אין וואַרשע.

3) דע ראָסי האָט באַשריבן די כּתבי-יד פון די איטאַליענישע ביבליאָטעקן, ס׳איז אויך פאַראַן אַ קאַטאַלאָג פון וואַטיקאַן-ביבליאָטעק פון אַסאַמאַני.

איז געווען דער פּראָגער רב ר׳ דוד אָפּענהיימער, וואָס האָט געלעבט סוף 17טן און אין אָנהויב 18טן י. ה. ער האָט אָנגעזאַמלט בערך 7000 געדרוקטע ספרים און 1500 כּתבי-יד, נאָך אַסך וווּנדערלעכע גילגולים זענען אָט-די ספרים אַריבער אין 1826 אין דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק (באָדליאַנע) [1].

אַ גרויסע ספרים-זאַמלונג באַזיצט אויך די ביבליאָטעק מאָקאַטטאַ ביי דער לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. די זאַמלונג ווערט פּאַרוואַלטעט דורך אַ קוראַטאָריום, וואָס באַשטייט העלפט פון אוניווערסיטעט-פּראָפעסאָרן און העלפט — פון דער יידישער געזעלשאַפט אין ענגלאַנד („דזשואיש היסטאָריקאַל סאָציעטי אָף ענגלאַנד״ [2]).

אָבער אויך אויפן קאָנטינענט האָט מען שוין פון לאַנג אָנגעהויבן צו זאַמלען ספרים און ביים היינטיקן טאָג עקזיסטירן קודם-כּל רייכע יודאַיִסטישע ביבליאָטעקן ביי די ראַבינער-סעמינאַרס (ברעסלוי, בערלין, ווין, פלאָרענץ א. אַ.). אויך גרעסערע יידישע קהילות, ווין [3], בערלין [4], פּראָג [5], האָבן אָרגאַניזירט רייכע ביכער-זאַמלונגען און זיי באַשטימט פאַר דער עפנטלעכקייט, איבערהויפּט — פאַר געלערנטע און סטודענטן. אין לעצטן יאָר-צענטליק איז זיך געוואַלטיק צעוואַקסן די ביבליאָטעק פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואָס באַזיצט אויפן געביט פון יודאַיִסטיק אמתע פּערל, זעלטענע אינקונאַבולן און צימעליא, וואָס זי האָט געקריגן במתנה פון יידן און נישט-יידן פון דער גאַנצער וועלט [6].

---

1) מ. באַלאַבאַן, „היסטאָריאַ אי ליטעראַטוראַ זשידאָווסקאַ״, 3 באַנד, ז. 307

2) זע אויבן, זייט 275, באַמערקונג 3.

3) קריסטיאַמפּאָללער: „די ביבליאָטעק דער ווינער קולטוס-געמיינדע, איהרע ענטשטעהונג אונד ענטוויקלונג״, מנורה, 1926. ז. 709. אויסגעצייכנטע קאַטאַלאָגן פון אָט-דער ביבליאָטעק האָט אַרויסגעגעבן בערנאַרד וואַכשטיין, איר איצטיקער דירעקטאָר. די טיטולן — זע ווייטער, זייט 289, אָנמערקונג 4.

4) דער לאַנג-יאָריקער ביבליאָטעקאַר אירער איז מאָריץ שטערן. די ביבליאָטעק האָט נישט קיין געדרוקטן קאַטאַלאָג.

5) דער שורש פון אָט-דער ביבליאָטעק האָט געשאַפן די פּריוואַט-ביבליאָטעק פון רב שלמה-לייב ראַפּאָפּאָרט אין לעמבערג, וואָס איז אין די פערציקער יאָרן געוואָרן פּראָגער רב און האָט אין זיין צוואה אָפּגעשריבן זיין גרויסע ביבליאָטעק דער קהילה.

6) פאַרמאָגט ביים היינטיקן טאָג בערך 200.000 ווערק, צווישן זיי -- די זעלטנסטע יודאיקעס.

רייך איז די יודאַיִסטישע אָפּטיילונג אין דער שטאָט־ביבליאָטעק אין פראַנקפורט־אַם־מאַין [1]. נישט ווייניקער וויכטיקע, כאָטש אפשר נישט אַזעלכע רייכע, יודאַיסטישע ביכער־זאַמלונגען פאַרמאָגן: די קעניגלעכע ביבליאָטעק אין בערלין, די נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ווין א. אַ. לעצטנס זענען געוואַלטיק באַרייכערט געוואָרן די ביבליאָטעקן סון די אַמעריקאַנער ראַבינער־סעמינאַרן (ניו־יאָרק [2], סינצינאַטי א. אַ.). אויך די אַמעריקאַנער רעגירונגס־ביבליאָטעקן.

נאָר ביי אונז, אין פוילן, ווו ס׳וווינען בערך אַ 3 מיליאָן יידן און ווו די דרוק־קונסט בליט שוין פון 1534 יאָר אָן, — נאָר ביי אונז הערשט אויך אויף אָט־דעם געביט, ווי אויף אַסך אַנדערע, אַן אָפּגעשטאַנענקייט און אַ פאַרוואָרלאָזטקייט. די רעגירונגס־ביבליאָטעקן זאַמלען נישט קיין יידישע, נישט קיין העברעישע ביכער, פאַרענטפערנדיק זיך דערמיט, אַז ס׳פעלן כלומרשט קוואַליפיצירטע כוחות צום קאַטאַלאָגירן. ס׳זאַמלען אויך נישט קיין יודאַיקע די גרויסע פונדאַציע־ביבליאָטעקן ווי אָססאָלינעום [3], די ביבליאָטעק פון די טשאַרטאָריסקיס [4], קראַשינסקיס, פזשעזשדזיעצקיס [5], זאַמאָיסקיס, ראַטשינסקיס, מיעלזשינסקיס, די ביבליאָטעק ביי דער געזעלשאַפט פריינט פון וויסן אין פויזן א. אַ. אַפילו די יידן אַליין האָבן אין פוילן געשאַפן בלויז דריי־פיר זאַמלונגען, וואָס פאַרדינען אויף אַזאַ נאָמען, אַזעלכע זענען פאַראַן: אין וואַרשע, ווילנע [6]. לעמבערג און קראָקע, נישט רעכענענדיק די פריוואַט־ביבליאָטעק פון

1) אַדאַנק דער אומערמידלעכער 30־יעריקער אַרבעט פונם אָנפירער פון אָט־דער ביבליאָטעק, דער אויסגעצייכנטער ביבליאָגראַף פראָפ. דר. א. פריימאַן.

2) ביבליאָטעקאַר איז דער פראָפ. דר. אַלעקסאַנדער מאַרקס.

3) יודאַיקעס האָט געשאָנקען דער געריכט־ראַט וואָלף, דער זון פון פאַרלעגער מיכאל וואָלף. אַחוץ דעם זענען דאָרט פאַראַנען אַ מאַסע אַרכיוואַלן און דרוקן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן.

4) זע די זאַמלונג פון לאָיקאָ, זע קאָזשעניאָווסקיס קאַטאַלאָג.

5) אַ כתב־יד פון יעקב פראַנק (אַ קאָפּיע פון אָנהויב 19טן יאָרהונדערט). אַ פריוואַ־יקע קאָפּיע געפינט זיך איצט אין בערסאָן־מוזעום. פראַנקס אָריגינאַלן זענען נישט פאַראַן. אפשר האָט ער גאָרנישט געקאָנט שרייבן.

6) די לעצטע צוויי יאָר אַנטוויקלט זיך מיט גרויס געשווינדקייט די ביבליאָטעק ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וואָס פאַרמאָגט שוין איצט איבער 15.000 בענדער.

פאַרשידענע געלערנטע אָדער ביבליאָפילן, פון וועלכע די רייכסטע איז – ה׳ ראַטנעמערס אין וואַרשע. ליידער איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז די דאָזיקע ביבליאָטעק זאָל אַרויסגעפירט ווערן פון לאַנד.

די וואַרשעווער ביבליאָטעק, אָדער לויט איר פולן טיטול: די יודאַיסטישע ביבליאָטעק ביי דער גרויסער סינאַגאָגע (אויף טלאָמאַצקע) איז אַנטשטאַנען אין 1879 יאָר אַדאַנק דער נדיבות און דער אַרבעט פון עטלעכע יחידים: מאיר קאָהן, פּ. וו. מאָשקאָווסקי און איגנאַץ בערנשטיין, אַחוץ דעם האָבן פאַרדינסטן פאַר דער ביבליאָטעק דער ראַבינער פּאָזנאַנסקי, דער נישט-לאַנג פאַרשטאָרבענער ח. י. באָרנשטיין און דער ביבליאָטעקאַר גאַוווזאַ [1]. אָט די ביבליאָטעק האָט אין 1928 יאָר פאַרמאָגט: 11,678 העברעישע און יידישע ווערק און 7,708 ווערק אין אַנדערע שפראַכן, אָדער בסך-הכל: 19,386 ווערק אין 24,860 בענדער [2], נאָכן שטילשטאַנד פון דער מלחמה-צייט וואַקסט איצט די דאָזיקע ביבליאָטעק געוונוג גיך, קויפט צו און באַקומט אַסך יודאַיסטישע ווערק. מ׳דאַרף אויך באַמערקן, אַז זי באַקומט פון דער רעגירונג אַלע יידישע און העברעישע ווערק, וואָס ווערן געדרוקט אין פוילן (צענזור-עקזעמפּלאַר). די ביבליאָטעק באַזיצט אַ ריי אַלטע דרוקן, צווישן זיי – עטלעכע אינקונאַבולן, צ. ב. אַ פירוש פון רלב״ג אויף תורה (מאַנטואַ 1480), ספר מצוות גדול (סמ״ג), (סאָנצינאָ 1488), ראש אמונה לאַבּרבּנאַל (קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1505), אַסך ספרים פון 16טן און 17טן י. ה. אויך אַ ריי כתב-ידן, וואָס וואַרטן אויף אַן אַרויסגעבער. די פולע קאָמפּלעטן פון וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן און די אויסגעצייכנט-קאָמפּלעטירטע ביבליאָגראַפישע האַנט-ביכער גיבן-צו דער ביבליאָטעק אַן אייראָפּעישן אויסזען. ליידער אָבער איז דער לאָקאַל אַזאַ שלעכטער, אַז ער אַנטשפּרעכט נישט די פרימיטיווסטע פאָדערונגען. כדי די דאָזיקע אַנאָמאַליע צו באַזייטיקן, האָט די „סינאַגאָגע-פאַרזאַמלונג״ באַשלאָסן לכבוד דעם 50-יעריקן יובילייַ פון דער סינאַגאָגע אויסצובויען אַ נייע

---

1) באַלאַבאַן: ביבליאָטעקאַ סינאַגאָגי נאַ טלאָמאַצקים, נאַש קוריער, וואַרשע, 1922, נ׳ 137. הרב דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי ז״ל, זיין לעבן און זיינע ווערק, פון דר. מאיר באַלאַבאַן, 1864—1921. ביאָגראַפישע שטריכן. וואַרשע, 1922, זייט 18.

2) מ. שאַליט אין קאַלענדאַר „פון יאָר צו יאָר״, 1928, ז. 188, וועגן זעלבן זע אויבן זייט 279, באַמערקונג 2.

געביידע פאַר דער ביבליאָטעק, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן אַלע פאָדערונגען פון דער נייער ביבליאָטעק-וויסנשאַפט. נישט געקוקט דערויף, וואָס ס׳איז געווען ווייניק געלט און וואָס די פּעסימיסטן האָבן אָפּגעשלאָגן, האָט מען זיך אין מאַי 1928 גענומען בויען און איצט שטייט שוין געדעקט אַ פּראַכטפולע דריי-שטאָקיקע געביידע. ליידער וועט מען נאָך דאַרפן צוואַרטן אַ צוויי יאָר, ביז וואַנען אַלץ וועט זיין אויסגעפּאַרטיקט, און די געביידע וועט קאָנען אַריינגעמען סיי ביכער, סיי לייענער [1].

די ווילנער ביבליאָטעק איז אַ מתּנה פון מתתיהו סטראַשון און איז געגרינדעט געוואָרן אין 1885 יאָר. נאָך סטראַשונס טויט און נאָכדעם ווי מ׳האָט פאַרקויפט דאָס הויז, וואָס ער האָט אָפּגעשריבן פאַר דער ביבליאָטעק, — האָט די געזעלשאַפט „צדקה גדולה״, וואָס האָט אויסגעפירט די ראָלע פון אַ רעליגיעזער קהילה (קיין יידישע קהילות זענען אין די צאַרישע צייטן נישט געווען), אויפגעבויט אויפן שול-הויף אַ באַזונדערע ביבליאָטעק-געביידע, וועלכע איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט אין 1912. די ביכער-זאַמלונג האָט אַנטהאַלטן אין 1928 יאָר בערך 19.000 ווערק, צווישן זיי — 80 פּראָצענט העברעישע, און די איבעריקע יודאַיק אויף אַנדערע שפּראַכן. די דאָזיקע ווערק שטאַמען פון סטראַשונען אַליין, פון היסטאָריקער פין, מאַרקאָן, בער ראַטנער, מ. עפּשטיין, ר. בעהאַק און פון יעקב בן יעקב. ס׳זענען דאָרט פאַראַן אַ 5 אינקונאַבולן, בערך אַ 300 ווערק פון 16טן י. ה., צווישן זיי 55 געדרוקט צווישן 1500—1540 (צעמיליאַ) א. אַ. אַממיינסטן איז דאָרט פאַראַן ספרים, נאָר זיי זענען דאָ אַזוי צוגעקליבן און אין אַזעלכע אַלטע אויסגאַבן (סאָנצינאָ, דניאל באָמבערגס א. אַ. [2]), ווי אפשר אין ערגעץ נישט. דער געדרוקטער קאַטאַלאָג [3] פאַרגרינגערט בײַם באַנוצן זיך מיט דער ביבליאָטעק, אָבער ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1889 און אַנטהאַלט נאָר די ווערק, וואָס שטאַמען פון סטראַשונען און פון די ערשטע מנדבים. די ביבליאָטעק האָט אויך

1) אין דער געביידע וועט זיך אויך געפינען דער אינסטיטוט פאַר דער יודאַיסטישער וויסנשאַפט, (מכון לחכמת ישראל), וועלכער געפינט זיך היינט אויף נאָוואָליפּיע 3.

2) שאַליט: ווילנער קולטורעלע אַנשטאַלטן, ווילנע, 1917.

3) ליקוטי שושנים והוא רשימת הספרים אשר אסף וקבץ הרב... מתתיהו שטראַשון וצ״ל בווילנא. בערלין, 1889.

אַסך כתב-ידן, איינער פון זיי שטאַמט פון שפּאַניען, פון יאָר 1412 [1].

ס'איז דאָ אין ווילנע נאָך אַ פּאָפּולערע ביבליאָטעק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאַר דער מלחמה דורך דער „חברת-מפיצי-השכלה" אין פּעטערבורג און די נייע ביבליאָטעק פון דעם ייוו"א.

די יידישע ביבליאָטעק אין לעמבערג געהער צו דער יידישער קהילה און געפינט זיך אין דער קהילה-געביידע אויף דער זשעזשניעצקאַ נ' 5. די לאָקאַלן זענען ספּעציעל אַדאָפּטירט געוואָרן. ס'איז אויך פאַראַן אַ באַקוועמער לייען-זאַל און קלענערע צימערן פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער אין אַלגעמיין איז די ביבליאָטעק אַן אָפּגעשטאָרבענע אינסטיטוציע, נישט דערפאַר ווייל ס'פעלן, חלילה, לייענער — פאַרקערט, מ'קומט מאַסנווייז — נאָר בנוגע דער קאָמפּלעטירונג פון דער זאַמלונג. נאָך פאַר דער מלחמה איז דער סכום, וואָס די קהילה האָט באַשטימט אויף צו קויפן ביכער און אויף צו צאָלן באַאַמטע, געווען לעכערלעך קליין. די זאַמלונגען זענען אַנטשטאַנען אַדאַנק סאַלאָמאָן בובער, ר' שמעלקע האָראָוויץ, געז. שומר ישראל א. אַ. אַזוי ווי זיי זענען געווען, זענען זיי געבליבן עד-היום. די קאָמפּלעטירונג איז צוגעגאַנגען זייער שלעפּעריק, צייטשריפטן זענען נישט דערגאַנצט געוואָרן, נייע האָט מען אַבאָנירט זייער ווייניק און אַזוי-אַרום איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן אַ זאַך, צו וועלכער מ'האָט זיך גענומען מיט אַזאַ ענערגיע און אויף וועלכער מ'האָט געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען. ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדלעך, אַז היינט דאַרף מען האָבן מיליאָנען, כדי צו קריגן דאָס, וואָס אַמאָל האָט מען געקאָנט קומען דערצו פאַר טויזנטער, ס'וועלן ממילא איצט שוין נישט העלפן נישט די אָנשטרענגונגען פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג, נישט דער איצטיקער ביבליאָטעקאַר ה' יודאַ קאָהן [2].

---

1) די אינקונאַבולן פון אָט-דער ביבליאָטעק זענען: 1) הערוך, פון ר' נתן מרומא, 1477; 2) מבחר הפנינים פון ר' שלמה גבירול, 1492; 3) אַ ספר פון אבן סיני, נעאַפּאָל 1492; 4) בחינת עולם פון ר' ידעיה הפניני, סאָנצינא 1485; 5) מחברות עמנואל הרומי, ברעסציא 1491.

2) באַלאַבאַן: יידישע ביבליאָטעקן אין לעמבערג, כווילאַ (אויף פּויליש) פון 7 יאַנואַר 1922. דער ערשטער ביבליאָטעקאַר איז געווען גרשם באַדער (היינט אין אַמעריקע).

די ביבליאָטעק „עזרא״ אין קראָקע איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון דר. טהאָן, וועלכער האָט געגרינדעט ספּעציעל אַ געזעלשאַפט צוליב דעם דאָזיקן צוועק. היינט געפינט זי זיך אין דער געביידע פון דער יידישער קהילה און האָט אַ זייער באַקוועמען לייען-זאַל. אין אַלגעמיין איז דאָס נישט קיין גרויסע ביבליאָטעק, זי האָט אויך אַ מינימאַלן בודזשעט און קאָמפּלעטירט גאָר פּאַמעלעך [1].

ווי מיר זעען, הייסט עס, קעמפן אונזערע ביבליאָטעקן מיט דער גלייכגילטיקייט פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט און ממילא פעלט אויס צוצוקויפן נייע ביכער און קאָמפּלעטירן אַלטע צייטשריפטן. אויך הערשט ביי אונזערע ביבליאָטעקאַרן אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט בנוגע אַ גאַנצער ריי זאַכן, וועלכע די ביבליאָטעקן דאַרפן רעגיסטרירן. ווער זאַמלט ביי אונז אַנטיסעמיטישע בראָשורן און פּלאַקאַטן, פּאָלעמישע בראָשורן, וועלכע זענען איצט דאָ אין די טויזנטער און מאָרגן קאָן מען זיי נישט קריגן פאַר קיין שום געלט? ווער זאַמלט וואַל-פּלאַקאַטן פון די פאַרשידענע קאָמיטעטן און פּראַקציעס, פּראָגראַמען פון צוזאַמענפאָרן און איינלאַ-דונגען, באַריכטן פון קהילות און געזעלשאַפטן? – דערצו דאַרף מען שוין נישט האָבן קיין קאַפּיטאַלן, ס'איז גענוג אַביסל גוטער ווילן און אַ שטיקל אָרט אויף אַ מאַגאַזין. אין יאָרן אַרום וועלן אונזערע אייניקלעך דאָס אַלץ זוכן, ווי מיט ליכט און וועלן פאַרשעלטן די נאַכלעסיקייט פון זייערע אבות [2]. וועלכער ביבליאָטעקאַר אין פּוילן אינטערעסירט זיך דערמיט, וואָס ס'ווערט מיט די פּריוואַט-ביבליאָטעקן, וואָס זענען אָפט גאַנץ היפּשע? ווו קומען זיי אַהין? דער אמת איז, אַז אָדער זיי ווערן צעשלעפּט, ווען נישט – גייען זיי אַוועק קיין אויסלאַנד [3]. די רייכע ביבליאָטעק פון ר' שלמה-לייב ראַפּאָפּאָרט איז אַריבער קיין פּראָג צוזאַמען מיטן אייגנטימער און איז דאָרטן געוואָרן אַ יסוד פאַר

---

1) דער ביבליאָטעקאַר איז אין משך פון אַ ריי יאָרן געווען פּראָפ. מיכל בערקאָוויטש.

2) איצט רעגיסטרירט און עס זאַמלט איינטאָג-אויסגאַבעס, פּראָגראַמען א. אַ. דער ייוו״א אין ווילנע, זע: דאָס יידיש. וויסנשאַפטליכע אינסטיטוט, (דייטש) בערלין, 1929, ז. 11.

3) וועגן גורל פון באַראָן גינזבורגס ביבליאָטעק אין פּעטערבורג, זע: באַלאַבאַן, דער גורל פון אונזערע איבערבלייבענישן. „נאַש קוריער״, וואַרשע, 1922, נ. 144 (פּויליש).

אַ יידישער ביבליאָטעק [1]. ר׳ נחום פרידמאַנס ביבליאָטעק פון סאַדאַגוראַ און האַלבערשטאַמס פון ביעליץ געפינען זיך היינט – אַדאַנק דער באַמיונג פון סאַלאָמאָן קאָהן – אין ווין, און וואַכשטיינס פּרעכטיקער צוויי-בענדיקער קאַטאַלאָג [2] באַשרייבט, לזכרון, די אוצרות, וואָס געפינען זיך דאָרטן. די רייכע ביבליאָטעק פון יוסף פּערל אין טאַרנאָפּאָל האָבן צעשלעפּט די נישט-ערלעכע באַאַמטע. ס׳איז אויך כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן דער רייכער אַרכיוואַלער מאַטעריאַל, וואָס פּערל האָט געזאַמלט אין אָנהויב 19טן י. ה. ס׳זענען דאָרטן געווען אַזעלכע פּערל, ווי די כּתבי-יד פון ר׳ דוב-בער ברעזאָווער-בירקענטאַל (געשטאָרבן 1805) וועגן וויכוח מיט די פראַנקיסטן אין לעמבערג [3], צי גאָר אַ כּתב-יד וועגן מצב פון יידישן סוחרטום אין אַכצנטן י. ה. [4].

קהילה-אַרכיוון, לויזע אַרכיוואַלעס, אָדער פּנקסים – אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע, צעך-פּנקסים, שול-פּנקסים, חברה-קדישא-פּנקסים זענען ס׳רוב פאַרלוירן געוואָרן ביי אונז אין פּוילן, אָדער אַריבער קיין אויסלאַנד. און דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן ביז דער אייראָפּעישער מלחמה, איז פאַרפאַלן געוואָרן בעת דער מלחמה. דער רייכער אַרכיוו פון דער קראָקעווער קהילה, ווו ס׳זענען געווען אַלע קעניגלעכע פּריווילעגיעס פאַר גאַנץ פּוילן, איז פאַרברענט געוואָרן בעת דער שוועדישער אינוואַזיע אין יאָר 1655. דאָס, וואָס מ׳האָט דאַמאָלס אָפּגעראַטעוועט צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע קעניגלעכע פּריווילעגיעס. האָט אין מיטן 19טן י. ה. גענומען צו זיך אַהיים איינער פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג און עס איבערגעלאָזט זיין זון, דעם אוניווערסיטעט-פּראָפעסאָר לודוויק גומפּלאָוויטש. דער האָט עס איבערגעגעבן

---

1) ראַפּאָפּאָרטס בריוו זענען דאָ אין מיין אַרכיוו העכער 800, צווישן זיי: 100 דייטשע, געשריבן צו אים פון פאַרשידענע געלערנטע. אַסך יידישע פון די קינדער צום פאָטער.

2) וואַכשטיין: קאַטאַלאָג דער סאלא קאָהנשען שענקונגען. 1. ביכער אַאוס דעס זאַמלונג דעס ראַבינער בער פרידמאַן אַאוס סאַדגאָראַ, ווין, 1911; 2. ביכער אַאוס דער זאַמלונג ס. ה. האַלבערשטאַם, ביעליטץ, ווין, 1914.

3) בראַווער: מקור חדש לתולדות פראנק וסיעתו, השלח 1917, און 1921.

4) ווישניצער: זכרונות ר׳ דוב מבולחוב, בערלין 1922.

אַן אַנדערן געלערנטן אויף סטודיע-צוועקן, און ערשט דער לעצטער האָט עס אין יאָרן אַרום צוריקגעגעבן דער קראָקעווער קהילה [1]. דאָ געפינען זיך די אַקטן און פּריווילעגיעס אין זיכערע הענט, אָבער דער אַרכיוו איז נישט געברענגט אין אָרדענונג ביזן היינטיקן טאָג. זעקס קראָקעווער פּנקסים געפינען זיך אין רשות פון דער קהילה, אַנדערע אין פּריוואַטע הענט. צוויי — אין אַרכיוו פון אַלטע אַקטן פון דער שטאָט קראָקע. קורץ פאַר דער מלחמה האָט מען געפונען אין דער אַלטער שול אַ ספר אויף פּאַרמעט, פּרעכטיק אילוסטרירט און אילומינירט. עס שטאַמט אַזש פון פערצנטן יאָרהונדערט. ס׳זענען דאָרט פאַראַן אַלע פינף חומשים מיט די הפטרות, געשריבן פאַר גד בן פּעטער הלוי פון רעגענסבורג. אָט דאָס קונסטווערק האָט מען רעסטאַווירט און פאַר־זיכערט [2]; דערפאַר זענען אָבער נישט גענוג פאַרזיכערט אַנדערע ענלעכע ספרים, אַשטייגער דער סידור אויף פּאַרמעט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין קראָקע אין יאָר 1646 און איז אַ מתנה פון ר׳ שמואל בן ר׳ משה מיכאל צו ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס [3]. דער דאָזיקער סידור איז ביזן יאָר 1913 געלעגן אין שול אין אַן אָפענעם שופלאָד. געשענקט דער שול האָט אים טאַקע דער זעלבער ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס. אַן אַנדערש מאָל האָט מען אין איינער פון די קראָקעווער שולן געפונען אַ כתב־יד אויף פּאַפּיר פון אָנהויב 17טן י. ה. עס איז דער עלטסטער סטאַטוט פון דער קראָקעווער קהילה פון יאָר 1595 מיט הוספות, וואָס שטאַמען פון די ערשטע יאָרן פון 17טן י. ה. אינטערעסאַנט איז, אַז געשריבן איז ער נישט אויף העברעיש, נאָר אויף יידיש [4].

---

1) זע דעם אַריינפיר צו מיין „געשיכטע פון יידן אין קראָקע און קוזמיר“ (פּויליש) באַנד 1, אויסגאַבע 1.

2) אמאייזען זאָפיאַ, די העברעישע ביבל פון 14טן י. ה. אין קראָקע, 1929.

3) ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס איז געווען אַ רייכער קראָקעווער ייד אין דער ערשטער העלפט פון 17טן י. ה. ער האָט געבויט אַ שול אויף זיין נאָמען. די שול עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג. באַלאַבאַן: די געשיכטע פון יידן אין קראָקע (פּויליש), באַנד 1, אויסגאַבע 2, זייט 255 א. וו.

4) באַלאַבאַן: די קראַקויער יודענגעמיינדעאָרדנונג אויס דעם יאַהרע 1595 אונד איהרע נאַכטרעגע. יאַהרבוך דער יידישער ליט. געזעלשאַפט אין פראַנקפורט אַ. מ. בד. 10 (1913) און 11 (1916). אויך אָפּצוגן.

נאָך ערגער ווי אין קראָקע איז דער גורל פונם קהילה-אַרכיוו אין לעמבערג. דאָ איז נישטאָ קיין איין דאָקומענט פון די פּוילישע צייטן. דער עלטסטער אַקט, וואָס איז געבליבן, שטאַמט פון 1792 יאָר, ד. ה., פון לעאָפּאָלד דעם צווייטנס צייטן. עלטערע קהילה-באַאַמטע האָבן מיר דערציילט, אַז מיט עטלעכע צענטליק יאָרן צוריק האָט מען פאַרברענט אַלע אַלטע אַקטן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין אָרט אויף זיי. ס'איז מיר טאַקע נישט געלונגען (כאָטש כ'האָב שטאַרק געזוכט) צו געפינען אַפילו קיין איין אָריגינעלע פּריווילעגיע אַפילו פון 18טן י. ה., נישט קיין איין חשבון אָדער בריוו. אויך די פּנקסים די לעמבערגער זענען פאַרלוירן געוואָרן לעולם-ועד [1]. בלויז אַביסל געבליבענע בלעטער פון עטלעכע פּנקסים האָט מען איינגעבונדן אין איין באַנד און מ'האָט אים אַוועקגעלייגט אין דער קהילה-ביבליאָטעק [2].

פון דעם קהילה-אַרכיוו אין לובלין איז נישט געבליבן קיין זכר, אַפנים, אַז אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן בעת דער גרויסער שרפה אין י. 1856. טיילן פון פּנקסים געפינען זיך אין פּריוואַטע הענט, אָבער קיין הונדערט-חלק נישט דערפון, וואָס ס'האָט געדאַרפט איבער-בלייבן פון לובלין [3]. פון יאָר 1580 אָן זענען אין לובלין כסדר פאַר-געקומען די צוזאַמענפאָרן פון ועד-ארבע-ארצות און מען קאָן כמעט זיין זיכער, אַז די פּראָטאָקאָל-ביכער האָבן זיך געפונען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער קהילה. ווו זענען זיי אַהינגעקומען? דאָס ווייסט

1) איצט געפינט זיך דער אַרכיוו אין איינעם פון די זייטיקע צימערן אויפן ערשטן שטאָק. ס'ווערט דאָרטן רעגולער געאַמטירט פאַר אינטערעסאַנטן. די קהלישע אַקטן פון סוף 18טן י. ה. און פון 19טן י. ה. זענען גענוג קאָמפּלעט און שפּיגלען אָפּ פאַר-שידענע פאָרמען פון יידישן לעבן. קיין אינווענטאַר פון אַקטן איז נישט פאַראַן. אויף אָט די אַקטן האָב איך מיך סומך געווען אין מיין אַרבעט: הערץ האָמבערג און די יוזעפינער שולן פאַר יידן אין גאַליציען (פּויליש) (1787—1806), לעמבערג, 1906. איבערדרוק אין: געשיכטע פון יידן אין פּוילן (פּויליש), וואַרשע, 1920, ז. 236—190.

2) דער דאָזיקער פּנקס הויבט זיך אָן פון סוף 17טן י. ה. און איז אַ קלענער טייל איבערגעדרוקט אין די הוספות צו בובערס „אנשי שם". די תקנות פון דעם ועד-ארבע-ארצות זענען זייער אינטערעסאַנט, איבערהויפּט דער דיני בוררים פון 1624 יאָר. זע באַלאַבאַן: לעמבערגער יידן (פּויליש), לעמבערג 1906, ז. 429—422.

3) עטלעכע ווייניקער-אינטערעסאַנטע תקנות גיט דער פאַרשטאָרבענער ש. ניסענבוים ז"ל אין זיין מאמר „קדמוניות או עוללות", וואָס איז ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט.

קיינער נישט. אפשר זענען זיי פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן יידישן שטאָט-טייל אין יאָר 1656, – בשעת די רוסן האָבן איינגענומען די שטאָט אונטער דער אָנפירונג פון פעטער איוואַנאָוויטש שערעמעטיעוו [1]. כ׳האָב אויך געזוכט די דאָזיקע ועד-פּראָטאָקאָלן אין יאַראָסלאַוו און אין אַנדערע שטעט, אָבער אומזיסט, ס׳איז נישטאָ פון זיי קיין זכר. דערפאַר זענען די ועד-פּראָטאָקאָלן פון ליטע געבליבן כמעט אינגאַנצן און דערצו נאָך – אין דריי קאָפּיעס. דער בריסקער און דער גראָדנער האָבן זיך פאַר דער מלחמה געפונען אין פעטערבורג. דער ווילנער געפינט זיך עד-היום אין דער סטראַשון-ביבליאָטעק [2].

אין קוזמיר ביי דער ווייסל האָב איך געזען ביים דאָרטיקן רב זילבערמינץ אין יאָר 1917 אַ פאַרמעטענעם סידור אין קוואַרטאָ פון 18טן י. ה. אילומינירט און מיט פעדער-צייכענונגען (אַ מלך אויף דער שטול, המן אויף דער תּליה). די צייכענונגען זענען גאָר שוואַכע. אין סוף סידור איז פאַראַן אַ תּפילה אויף די קרבנות פון שנת ת״ח (ימי-כמיעלניצקי) און אויף אַנדערע קדושים ביז צום עלילת-דם פון פויזן אין 1736 [3]. אין פּינטשעוו האָט דער דאָרטיקער רב (הרב ראַפּאַפּאָרט, 1918) געהאַט דריי פנקסים, אויך פאַרשידענע אַקטן פונם אַמאָליקן

1) באַלאַבאַן: די יודענשטאָדט פאָן לובלין, בערלין, 1919, ז. 42–49.

2) דעם פנקס פונם ליטווישן ועד האָט אַרויסגעגעבן פולשטענדיק שמעון דובנאָוו אין צוויי אויסגאַבעס. דאָס ערשטע מאָל אַ צוגאָב צו „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״, 1909–1918 (אויף רוסיש — י. טובים). דאָס אַנדערע מאָל — אין העברעישן אָריגינאַל און מיט וויסנשאַפטלעכער באַארבעטונג, פארלאג „עינות״, בערלין, 1925. די פנקסים פון די פוילישע ועדים האָט מען וואָרשיינלעך פאַרברענט נאָך איידער מ׳האָט מבטל געמאַכט דעם ועד אין יאָר 1764, מחמת מורא פאַר אַ רעגירונגס-קאָנטראָל. ווי מ׳קאָן אַרויסדרינגען פון אַקטן פון די יאָרן 1739 און 1753 האָט מען שוין דאַמאָלס פאַבריצירט פאַרן רעגירונגס-קאָמיסאַר בודזשעטן און חשבונות און מ׳האָט אים נישט אַנטפּלעקט דעם אמתן מצב. די קאָמיסיע צו ליקווידירן די ועד-חובות פון יאָר 1765 האָט שוין נישט געהאַט קיין פנקסים, און זיך געמוזט באַנוצן מיט גבית-עדות.

3) צום גליק האָט זיך לעצטנס פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן סידור ה׳ וואַצלאַוו וואָוועלבערג פון וואַרשע, וועלכער האָט אים געגעבן אָפּצופּרישן און איינצובינדן. וועגן די פויזנער קדושים פון 1736 יאָר זע באַלאַבאַן: היסטאָרישע סטודיעס, וואַרשע, 1927, ז. 141–150 (פויליש). איך האָב אויך אַן אל-מלא-רחמים פון דער שול אין גאָלין, ביי דער וואַרטאַ, וואָס באַציט זיך צו די קדושים.

רייכן קהילה־אַרכיוו, פּריווילעגיעס פון די שטאָט־פּריצים, מישקאָווסקיס, אַזש ביזן 17טן י. ה. ס'איז דאָרטן אויך דאָ אַ פּאַרמעטענער סידור געשריבן אין יאָר 1764 [1].

אין סאַנדאָמיעזש (צויזמיר) האָב איך נישט געפונען קיין שום אַקטן, כאָטש די קהילה געהער צו די סאַמע עלטסטע אין פּוילן, נאָך אין 1367 ווערט זי דערמאָנט אין די גענעראַל־פּריווילעגיעס. ווייזט אויס, אַז אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען בעת די פּאָגראָמען צוליב די צוויי עלילת־דם־פּראָצעסן אין די יאָרן 1698 און אין 1710—1712, וועלכע זענען געוואָרן אינסצעניזירט דורך דעם דאָרטיקן קאַנאָניק, דעם גלח זשוכאָווסקי. די קהילה האָט אויך געליטן פון די שוועדן (1655 יאָר). לזכרון די שוועדישע שחיטות זענען געבליבן תּפילות און קינות אויף די אומגעקומענע [2]. ס'איז דאָרטן אויך דאָ אַ פּאַרמעטענער סידור, זייער שיין אילומינירט און מיט פאַרביקע צייכנונגען.

אין אַ פּ ט געפינט זיך אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד אַ קהילה־פּנקס, וואָס גרייכט אַזש ביז צום יאָר 1669. אַ גרויסן טייל פון דעם דאָזיקן פּנקס האָט פאַר דער מלחמה נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ ו געלאָזט קאָפּירן און די קאָפּיע געשענקט דער ביבליאָטעק ביי דער סינאַגאָגע אין וואַרשע.

פונם אַרכיוו פון דער יידישער קהילה אין פּ ל אָ צ ק איז געבליבן עד־היום איין בינטל אַקטן, וואָס נעמט אַריין אַקטן פון די לעצטע יאָרן אין פרייען פּוילן, די צייט פון דער פּרייסישער אָקופּאַציע און פון וואַרשעווער פירשטנטום. פון עלטערע צייטן געפינט זיך דאָרטן אַ קאָפּיע פון אַן אָפּמאַך צווישן פּלאָצקער קהל און צווישן דער שטאָט וועגן

1) דאָרט איז אויך פאַראַן: 1) אַ צעשיטער פּנקס פון מיטן 17טן י. ה. אויך פאַרשידענע תּקנות, חשבונות, פּסקי־דין, צווישן זיי — עטלעכע תּקנות פון ועד־ד'־ארצות 2) א בוך מיט גבית־עדות פון יאָר 1788. 3) אַ בית־המדרש־פּנקס פון יאָר 1812. צווישן די פּריווילעגיעס פון די שטאָטישע פּריצים, די מישקאָווסקיס, איז די עלטסטע פון 1610 יאָר און איז נוגע דער האַנדל־פרייהייט פון יידן און קריסטן אין געווינ. לעכע טעג און אין יאַריד־טעג. איך האָב קאָפּיעס פון אָט די אַקטן.

2) ק אַ נ ד ע ל: די שחיטה אויף די סאַנדאָמיעזשער יידן אין יאָר 1655, דריי־חודש־בוך געווידמעט דער פאָרשונג פון דער יידישער פאַרגאַנגנהייט אין פּוילן (פּויליש), העפט 2, ז. 111 א. וו. (1912).

אַ מסחר פון 1617 יאָר, אויך אַ באַריכט וועגן אַ עלילת-דם-פּראָצעס אין פּלאָצק אין יאָר 1754. נישט לאַנג איז געפונען געוואָרן אין פּלאָצק אַ פּנקס פון שניידער-צעך פון סוף 18טן י. ה. און איינער פון די יונגערע וואַרשעווער היסטאָריקער, דר. ע. רינגעלבלום, באַאַרבעט אים.

אינם אַרכיוו פון דער יידישער קהילה אין פּ ש ע מ י ש ל געפינען זיך יידישע פּנקסים פון שניידער-צעך [1], און די רעשטלעך פונם קהלה-אַרכיוו אין ז ש ו ל ק ו ו ע זענען פאַר דער מלחמה געווען אין רשות פון דער דאָרטיקער משפּחה צימעלס. ס'זענען דאָרטן געווען דריי קעניגלעכע און אַרציבישאָפישע פּריווילעגיעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום בנין פון דער שול אין זשולקווע, פאַרשידענע קהלישע חשבונות פון 18טן י. ה. א. אַ. דער פּנקס פון דער קהילה האָט פאַר דער מלחמה געהערט צום זשולקעווער קהל [2]. די ד ר אָ ה אָ ב י ט ש ע ר קהילה האָט אַ פּנקס פון 18טן י. ה. פון זעלבן י. ה. האָט אויך אַ פּנקס די קהילה פון ק אָ נ ס ק [3]. אויך אין ר ז ש ע ש ע איז איבערגעבליבן אַ קהלישער פּנקס פונם 18טן י. ה. אמת – נישט קיין גרויסער [4]. די ב ר אָ ד ע ר פּנקסים זענען פאַרלוירן געוואָרן פאַר דער מלחמה. ס'איז בלויז געבליבן דער פּנקס פון דער חברה-קדישא, ווו ס'זענען פאַרשריבן די נעמען פון די יידן, וואָס זענען באַהאַלטן געוואָרן אויפן בראָדער בית-עולם אין די יאָרן 1694–1831 [5].

וואָס ס'איז געשען מיט די אַרכיוון און פּנקסים אין וואָלין און אין פּאָדאָליע, ־יז שווער צו וויסן. פון צייט צו צייט האָט מען פאַר דער מלחמה געקריגן ידיעות פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעל-שאַפט אין פּעטערבורג, אַז ס'איז איר געלונגען צו באַקומען דעם אָדער

1) מ. ש ו ר: יידן אין פּשעמישל (פּויליש), לעמבערג 1903.

2) פאַרשידענע קאָפּיעס דערפון: ב ו ב ע ר, „קריה נשגבה״, 1903.

3) ירושה-ענינים, חשבונות, קאָנטראַקטן צווישן חזן מיטן באַס א. אַ. אַ קאָפּיע פון דעם פּנקס האָט מען געמאַכט פאַר דער ירושלימער ביבליאָטעק. איין קאָפּיע – ביי מיר.

4) הויבט זיך אָן פון 1702 יאָר. פאַראַן אַסך אַקטן פון שותּפות אין 19טן י. ה. פון די פריערדיקע צייטן – זייער אַ אינטערעסאַנטע צוואה (1747), שטייער-רשימות א. אַ.

5) טיילווייז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך מ. נ. ג ע ל ב ע ר: „אויס דעם פינקאָס דעס אַלטען יודענפריעדהאָפס אין בראָדי״. יאַהרבוך ד. ייד. ליט.-געזעלשאַפט, פראַנקפורט אַ. מ. 13, 1920. אויך – אַז אָפּדרוק.

יענעם פנקס [1]. עטלעכע פון זיי באַזיצט היינט דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו (איצט אין בערלין), אַ טייל ליגן אין די אַלטע שולן, אָדער געהערן צו פריוואַט-מענטשן. אַזוי האָט עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה אין לעמבערג אַ סטודענט פאַר צען קראָן פאַרקויפט אַ פנקס פון אַ יידישן צעך אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. דער פנקס פון דער קהילה אין אָסטראָה איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געלעגן ביים היסטאָריקער ע. נ. פרענק אין וואַרשע, און נאָך זיין טויט איז ער פאַרקויפט געוואָרן אַ פריוואַטער פערזאָן [2]. אין לוצק איז ביז ערשט נישט לאַנג געווען אַ פנקס פון שניידער-צעך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון יאָר 1721 [3]. אין דובנאָ געפינען זיך ביזן היינטיקן טאָג ביי דער קהילה-פאַרוואַלטונג צוויי פנקסים. איינער אַ צוואה פונם דאָרטיקן בירגער מאַרשאַלקעוויטש (פרנס), דער צווייטער — אַ קהילה-פנקס, אין וועלכן ס'זענען פאַרשריבן אַסך באַשלוסן פון דער קהילה, אויך אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע און שטייער-געזעצן פון 18טן י. ה. אַ טייל פון דאָזיקן פנקס האָט איבערגעדרוקט זייער נאָכלעסיק און אָן אַ פּלאַן מאַרגאָליס אין זיין מאָנאָגראַפיע: „וועגן יידן אין דובנאָ" [4]. דעם גאַנצן פנקס האָט מען ערשט לעצטנס אָפּקאָפּירט אין וואַרשע, אין ביוראָ פון פריינט פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. די

1) אַ דין-וחשבון פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט — אין „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ" — פון יאָר 1909 ביז 1915.

2) געקויפט האָט עס ה. ליפשיץ אין וואַרשע בהמ"ת ספר: „אבות עטרת לבנים".

3) מפנקסי לוצקא. מאסף. פעטערבורג 1902. וועגן לוצק בכלל, זע באַלאַבאַן: סטודיאַ היסטאָריטשנע, ז. 37—54 אין התקופה 25, ע. 450—464.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען וועגן קהילה-פנקס אין ראָוונע, פון וועלכן ס'האָט געמאַכט אַ אויסצוג צבי העללער. זע צבי העללער: דער ראָוונער פנקס, אויסצוג פון ראָוונער העברעישן פנקס-הקהלה, וועלכער באַצייכנט אַלע גרויסע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן ביי געוווינט די שטאָט און איר אַנטוויקלינג, אָנהויבנדיק פון 400 יאָר צוריק ביז דער גרויסער מלחמה. אויך דאָס איבערלעבן פון מלחמה-צייט ביזן יאָר תרפ"ד, 1924, צונויפגעשטעלט און איבערגעשריבן. לובלין, 1925, 64 עמודים.

4) מרגליות: דובנאָ רבתי, וואַרשע, 1910. דעם גאַנצן פנקס האָט מען איבערגעשריבן פאַר דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט-ביבליאָטעק אין ירושלים. די קאָפּיע האָט געמאַכט ה. זאַקהיים. אַמוויכטיקסטן איז דער נייער סטאַטוט פון דער דובנער קהילה אין 1747, וואָס באַשטייט פון עטלעכע הונדערט פונקטן.

קאָפּיע האָט מען אַוועקגעשיקט אין דער אוניווערסיטעט-ביבליאָטעק אין ירושלים. רעשטלעך אַרכיוון און לויזע אַקטן געפינען זיך אין פּריוואַט-הענט. אויך ביי מיר געפינט זיך אַן אָריגינאַל פון אַ גרינדונגס-פּריווי-לעגיע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן יידן אין פּיעטריקאָוו פון סטאַניסלאַוו אויגוסט [1], אַ תּפילה פאַר די פּויזנער קדושים פון 1736 יאָר, פון דער קהילה אין גאַלין ביי דער וואַרטאַ, חשבונות פון גריידיקער אַרכיוו אין גרויספּוילן א. אַ.

אַ היפּשן אַרכיוו האָט די יידישע קהלה אין וואַרשע. ער גרייכט ביזן אָנהויב פון 19טן י. ה., ד. ה. כמעט פון סאַמע אָנהויב, זינט די קהילה עקזיסטירט. ס'זענען דאָרט פאַראַן חשבונות (פון י. 1867), פּראָטאָקאָל-ביכער (פון י. 1837), באַשלוסן, שול-אַקטן א. אַ. ליידער זענען די ביכער און אַקטן פון די אינטערעסאַנטע עפּאָכעס שטאַרק דעפעקטירט, צ. ב. פון יאָר 1862—1863 (אַפּנים — דורך דער רוסישער רעגירונג [2]). דער גאַנצער אַרכיוו געפינט זיך אויך אין אַ נישט-פּאַסיקן לאָקאַל, איז נישט ווי געהעריק איינגעאָרדנט און דערפאַר — כמעט נישט צוטריטלעך. מ'דאַרף האָפן, אַז די וואַרשעווער קהילה וועט

1) דער פּיעטריקאָווער פּנקס געפינט זיך ביי דער דאָרטיקער קהילה. איך אַליין האָב אים נאָך נישט געזען, כ'האָב בלויז אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין שער-בלאַט. אַ קאָפּיע פון פּנקס פון אָ ל ק ו ש געפינט זיך ביי דר. לואי לעווין אין ברעסלוי (מאָנאַטשריפט פ. וויסס. אונד געשיכטע דעס יודענטומס, 1929 ז. 181, באַמערקונג). דער זעלבער האָט נאָך אַסך אַרכיוויאַלן, איבערהויפּט — גרויספּוילישע.

2) לויטן אינווענטאַר, וואָס מ'האָט געמאַכט די לעצטע יאָרן, איז פאַראַן אין אָט דעם אַרכיוו צווישן אַסך אַנדערע אויך די פאָלגנדיקע אַקטן, צונויפגענומען אין פּאַסציקולן: אַרעסטאַנטן (פון יאָר 1827, פּאַסציק. 4), וועגן דער שול אין פּראַגע (פון י. 1833 פּאַסצ. 9). די שול אין וואַרשע פון יאָר 1825 (פּ. 14), וואַרשעווער בית-עולם פון 1812 (פּ. 21), פּראַגער, פון יאָר 1875 (8), קבורות, פון יאָר 1821 (פּ. 14), כּלי-קודש פון יאָר 1821 (פּאַסצ. 3) מושב זקנים ויתומים, פון יאָר 1816 (פּ. 18), כּשר פליש, פון יאָר 7817 (פּ. 23), לאָמבאַרד, פון יאָר 1822, אומבאַוועג-לעכע קהילה-גיטער, פון יאָר 1822, מלבושים, פון י. 1831, קהילה-אָרגאַניזאַציע, פון י. 1817, מיליטערישע שטייערן, פון י. 1810, שבועות, פון י. 1822, לעגאַטעס, פון י. 1822, ראַבינאַט, פון י. 1872, ציוויל-אַקטן, פון י. 1827, עטאַט, פון י. 1841, רעליגיעזע ענינים, 1822, סטאַטיסטיק, 1824, שפּיטאָל, פון י. 1796, היימלאָזע פון י. 1828, פּייערלעכקייטן, פון י. 1839 א. אַ.

נישט וואַרטן ביז דער צובוי פון דער קהילה-געביידע וועט פאַרטיק ווערן, נאָר באַלד לאָזן געהעריק איינאָרדענען און געפינען אַ פּאַסיקן לאָקאַל פאַר דעם וויכטיקן אַרכיוו.

די אַרכיוון פון די יידישע קהילות אין גרויספּוילן האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל, ווי אַלע איבעריקע אַרכיוון אין פּוילן. ווען די פּרייסישע רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט אָט די אַרכיוון (1883), זענען שוין געבליבן בלויז קליינע טיילן און צופעליקע אַקטן. די רעשט איז „פאַרלוירן געוואָרן בעת די אומצאָליקע שרפות און בהלות פון יענע צייטן" [1].

אין יאָר 1903 האָט אין ברעסלוי דער נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענער היסטאָריקער יחזקאל ציוויער אין איינעם פון זיינע פאָרטראַגן באַריירט די פראַגע פון גרינדן אַ צענטראַלן אַרכיוו פון אַלע יידישע קהילות אין דייטשלאַנד. צוליב אָט דעם צוועק האָט ער אין אַ יאָר שפּעטער באַזוכט אַסך קהילות אין פּויזנער קאַנט און אין אויבערשלעזיען. דער רעזולטאַט פון יענע פאָרשונגען איז געווען אַ גרויסער אַרטיקל אין „מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעס יודענטומס" [2]. ציוויער, אַ געבוירענער אין טשענסטאָכאָוו, האָט געהאַט אַן אינטערעס פאַר די גרויספּוילישע קהילות און האָט באַדויערט, וואָס ס'איז אַזוי ווייניק געבליבן פון די אַמאָל רייכע אַרכיוון און קעניגלעכע פּריווי־לעגיעס. די יידישע געלערנטע אין דייטשלאַנד האָבן אונטערגעשטיצט ציוויערס איניציאַטיוו און אַזוי־אַרום איז אַנטשטאַנען אין בערלין דער „געזאַממט־אַרכיוו דער דויטשען יודן", וואָס אין זיין שפּיץ איז גע־שטאַנען דער היסטאָריקער און אַרכיוויסט דר. אויגען טויבלער, איצט פּראָפעסאָר פון אַלטערטימלעכע היסטאָריע אין דער היידעלבערגער אוניווערסיטעט. אין אָט דעם אַרכיוו זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן די רעשטלעך פון די גרויספּוילישע אַרכיוון, פון די אַרכיוון אין פּאָמערן און שלעזיען, צ. ב., די קהילה־פּנקסים פון אָסטראָווע און פּילאַ א. אַ.

---

1) וואַרשויער: די שטעדטישע אַרכיווען אין דער פּראָווינץ פּאָזען, ז. 11. דער זעלבער: אַאוס וואַרשאוער אַרכיווען: מיטטיילונגען דעס געזאַממטאַרכיווס דער דויטשען יודען. 6, 1926.

2) יאָר 1905, ז. 209—254.

די ביכער און קהלישע אַקטן פון טוירן, בידגאָשטש, באָרעק, כעלמזש, טשאַמפּין, פאָרדאָן, ווסכאָווע, גאָלנאָווע, גאָסטין, גראַבאָוו, גראָדזיסק, יאַנקאָוו, יאַרטשעוו, יאַראָטשין, יוטראָטשעוו, קאָבילין, קאָשמין, קאַשטשין, קורניק, לעשנע, מילאָסלאַוו, נאַקלע, אָבאָרניק, פּיוסק, פּאָדגורע, ראַוויטש, ראָגאָזשין, ריבניק און פון אַ סך אַנדערע [1]. די פּוילזנער קהלה האָט אַוועקגעגעבן אין רעגירונגס-אַרכיוון אירע פּריווילעגיעס אויף דעפּאָזיט און אַליין זיך איבערגעלאָזט בלויז דריי פּנקסים, פון וועלכע דער עלטסטער, דער אַ. ג. כשרים-בוך, הויבט זיך אָן פון יאָר 1621 [2].

אין פּריוואַטע הענט געפינען זיך נאָך די פּנקסים פון אַ טייל קהילות, צ. ב., דער פּנקס פון וואַלטש (פון 18טן י. ה.), וועלכן איך האָב אין יאָר 1912 געזען ביי ה׳ מנשה ווערנער אין פּויזן [3], אָדער אַ סך צעך- און חברה-פּנקסים, וואָס געפינען זיך אין רשות פון ראַבינער דר. לואי לעווין אין ברעסלוי [4], ער האָט אויך די קאָפּיעס פון פּנקסים פון אָלקוש און דזיאַלאָשיץ, און אַ סך גרויספּוילישע קהילות.

אַזוי זעט-אויס אין אַלגעמיין דער מצב פון די יידישע ביבליאָטעקן און אַרכיוון אין פּוילן. ווען די היסטאָריאָגראַפיע וואָלט נישט

---

1) מיטטיילונגען דעס געזאַממטאַרכיווע ד. ד. יודען, בענדער 1—6.

2) כשרים — דאָס איז אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעקליבן יעדער יאָר אַ נייע פאַרוואַלטונג. דער נאָמען שטאַמט דערפון, וואָס די מיטגלידער פון אָט דער קאָמיסיע האָבן נישט געטאָרט זיין קיין קרובים (כשרים זה לזה). דאָס גאַנצע בוך האָט איבערגעזעצט אויף דייטש דר. וואָלף פיילכענפעלד, פּויזנער ראַבינער. דער נאָך נישט אָפּגעדרוקטער כתב-יד ליגט אין „געזאַממטאַרכיוו" אין בערלין. ס׳זענען דאָרטן אויך פאַראַן פון פיליפּ בלאָך אַ סך נאָטיצן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין פּויזן. אַ סך בלאָכס קאָפּיעס פון די פּויזנער אַרכיוון זענען פאַרלוירן געוואָרן בשעת דער מלחמה און בעת דער היסטאָריקער האָט זיך איבערגעצויגן פון פּויזן קיין בערלין (1920).

3) וווינט איצט אין בערלין.

4) ביים דר. לואי לעווין געפינען זיך 10 אָריגינעלע קהלה-פּנקסים פון פּודעוויץ פון 19טן י. ה. דער ספר-זכרונות פון דער קהלה אין קראָטאָשין, פון 18טן און 19טן י. ה., דער פּנקס פון דער חברה גאולת-נפש אין פּויזן, פון 18טן און 19טן י. ה., חברה רש"י אין קעמפּן, פון 19טן י. ה., חברה „שומרים לבוקר" פון 19טן י. ה. אין קעמפּן, חברה חיטים, פון 18טן און 19טן י. ה. און חברה קצבים פון 19 י. ה. און אָפּשריפטן פון די

געהאַט קיין אַנדערע מקורים, וואָלט מען געמוזט רעזיגנירן פון יעדער ווייטערדיקער אַרבעט. אַ נס, וואָס אַסך קעניגלעכע פּריווילעגיעס און אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדנונגען געפינען זיך אין די רעגירונגס-אַרכיוון, אין די שטאָטישע, קירכלעכע, אין די עפנטלעכע און פּריוואַטע ביב-ליאָטעקן. אויך פּראָצעסן, וואָס יידן האָבן געפירט אַמאָל, געפינען זיך אין די אַלטע געריכט-אַקטן, אויך אין די אַקטן פון די טריבונאַלן און דעם קעניגלעכן געריכט [1], איבערהויפּט אין די וואָיעוואָדישע און וויצע-וואָיעוואָדישע ביכער, וואָס זענען טיילווייז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אָבער אויך אָט דער רייכער אַרכיוואַלער מאַטעריאַל גיט אונז בלויז אַ בילד פונם אויסערלעכן לעבן. אַ בילד וועגן אינערלעכן, אָדער פּריוואַטן און קולטורעלן לעבן פון די יידישע קהילות אין פוילן און אויך פון יחידים וועלן מיר זיך קאָנען שאַפן נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן אויסזוכן, צענטראַליזירן און ברענגען אין אָרדענונג די אַרכיוון פון די קהילות און אויך די פּנקסים, — דעמאָלט, הייסט עס, ווען מיר וועלן שאַפן אין וואַרשע אַ צענטראַלן אַרכיוו פון די יידן אין פוילן.

פּנקסים פון וואַלטש, פון קורניק, אָסטראָוו, מעזשעריטש, ריטשעוואָל, זלאָטאָוו, גריידיק, ראַוויטש, פּילאַ, פאָרדאַן א. אַ. דער רעשט פון דעם אַרכיוו אין אָסטראָוואַ געפינט זיך היינט אין ייוואָ-אַרכיוו (ידיעות פון ייוואָ נ״ר 29).

1) זע מיין אַרטיקל: אַרכיווע אין פּאָלען, אין דער „ענציקלאָפּעדיע יודאַיקאַ״ דייטש), ב. 3, ז. 272 ביז 280.

ז כ ר ו נ ו ת

1. אַדאָלף שטאַנד

(צום ערשטן יאָרצייט 17 דעצעמבער 1920)

עס איז אַריבער אַ יאָר זינטן מאָמענט, ווען מען האָט באַגלייט אַדאָלף שטאַנדן צום צענטראַל-פרידהאָף אין ווין צו דער אייביקער רו. אים, דעם לעמבערגער תּושב מאבות אבותיו, האָט מען קובר געווען אין דער פרעמד, ווי אַסך אַנדערע היימלאָזע, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר דער אינוואַזיע פון דעם רוסישן מיליטער. צום לעצטן מאָל האָט שטאַנד געהערט דעם 20טן תּמוז צום יאָרצייט פון הערצל. אַ קראַנקער איז ער אַרויס פון סאַנאַטאָריום, כּדי צו שטיין אויפן קבר פון זיין געליבטן מייסטער, רעדן, אויסוויינען זיך און מיטן דאָזיקן שוואַנען-געזאַנג אָפּצושליסן דאָס בוך פון זיין לעבן.

שטאַנד און הערצל — דאָס זענען צוויי זיילן פון ציוניזם. אמת, אומגלייכע זיילן, אָדער נישט אויף אַ גלייך אָוועקגעשטעלטער פלאַך. שטאַנד איז געווען אַ ציוניסט פאַר הערצלען, שטאַנד האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע יידישע וועלט-אָנשויונג, בעת הערצל איז נאָך געווען ווייט פון זיין יודנשטאַט. שטאַנד האָט פּראָפּאַגאַנדירט די יידישע אויפלעבונג נאָך לאַנג פאַרן יאָר 1896. און ווען עס איז ערשינען דער יודנשטאַט, ווען עס האָט זיך ווי פון די וואָלקן באַוויזן דער, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער פירער פון יידישן פאָלק, דער, וואָס האָט געדאַרפט ווייזן אַ וועג פון געטאָ קיין ציון, פון יידישן קאָנגרעס אין באַזעל צום קאָנגרעס פון די פעלקער אין סאַן-רעמאָ, דאַן האָט זיך גענייגט פאַר אים דער פיאָנער פון דער אויפלעבונגס-אידעע אין גאַליציען, עס האָט זיך פאַרבויגן אַדאָלף שטאַנד פאַר הערצלען, אַראָפּגענייגט מיט עניוות דעם שטאָלצן קאָפּ און געשוווירן צו דינען אים טריי זיין גאַנץ לעבן, און אַדאָלף שטאַנד האָט דערפולט די הבטחה: דער נאָמען פון הערצלען און

די אידעע, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט, זענען פון דאַמאָלס אָן געווען אויפגעשריבן אויף דער פאָן פון זיין לעבן, אומעטום האָט ער גערופן זיין נאָמען און דערציילט וועגן אים, ווי וועגן אַ גואל פון פאָלק. אַ פּה מפיק מרגליות איז געווען שטאַנד אַלס רעדנער, און דערין איז געלעגן זיין כּוח. ער האָט געקאָנט מיטרייסן זיינע הערער, ער האָט פּשוט באַגייסטערט די מאַסן און אויך אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, ווו ער איז געזעסן אין משך פון אייניקע יאָר, האָט ער אַרויסגערופן מיט זיינע רעדעס אַן איינדרוקספולן רושם.

זיין לעצטע רעדע פאַר זיין טויט האָט ער געווידמעט הערצלען. נאָכן 20טן תּמוז האָט ער פאַרשלאָסן די ליפּן. אין קאָטעזש-סאַנאַטאָריום אין ווין האָט שטיל און לאַנגזאַם פאַרענדיקט זיין לעבן דער, וועמענס לעבן איז נישט איינמאָל אַדורך קלאַנגפול. זיינע פריינט האָבן אים געבראַכט בלומען, און ער, וואָס איז געווען געוווינט צו בוקעטן, האָט מיט אַ בייסנדער איראָניע געגעבן אָנצוגעהערן וועגן קרענץ אויפן קבר. דעם 21טן דעצעמבער 1919 האָט מען אַדאָלף שטאַנדן געבראַכט צו קבר-ישראל.

* *

*

איך האָב געקאָנט שטאַנדן אַסך יאָרן. איך קאָן נישט זאָגן, אַז ער איז געווען דער פריינט פון מיינע קינדער-פאַרווייַלונגען, ווייל ער איז געווען עלטער פון מיר מיט 7 יאָר. אָבער עס זענען געווען מאָמענטן, זאָגאַר גאַנצע יאָרן, בעת וועלכע די געמיינזאַמע אַרבעט האָט אונז אַזוי פאַרקניפּט, אַז עס איז נישט געווען קיין טאָג, אין וועלכן מיר האָבן זיך נישט געזען.

שטאַנד האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, און אַפילו אַ רייכער. זיין זיידע ר' אברהם, נאָך וועלכן מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן, האָט געהאַט אַ געוויסן קאָנטאַקט — אַפילו נישט קיין דירעקטן — מיט דער פּוילישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער הויף-ייד פון אַלעקסאַנדער גראַף פרעדראָ, דעם באַקאַנטן קאָמעדיע-שרייבער. צום שיינעם פּאַלאַץ פון פרעדראָ, וואָס מיר — דער עלטערער דור — געדענקען



42. צוויי בלעטער פון דעם פנקס פון דער קהילה אין פיאָטרקאָו.

44. א יינגל, וואס רופט אין באָד אריין (זאמלונג "פאוליקאָווסקי").

43. איין פערגאָלדעטער קרוג צו שיקן משקה פאַר דעם רב (לאנגע יאָרן אין דער משפחה מיזעס אין לעמבערג).

קול ששון
וקול שמחה
ישו אתי משום
ודבקתי כמצוא חן בעיני אדוני.
ולעשות את בקשתי אשר יבוא אדוני עם ביתו
על שמחת ונשואת בתי עם הבחור החתן כמר
משה ה'יו ביום ד' הבע"ל ועלי לכנס גמולכם
הטוב היה בשמחת בניכם ונרצה הבא בסכ"ד
נאום ר' חיים פמגוויזדיזור
קול חתן
וקול כלה

45. א חתונה-בילעט, פון ענדע 18 יאָרהונדערט, זון לעבן טאַרנאָוו (אָריגינאַל אין לעמבערג — פריוואט).

זייער גוט, איז ר׳ אברהם שטאַנד געגאַנגען יעדן טאָג, אום צו דערפילן דעם ווילן פון זיין פריץ. ווער ווייסט וואָס פאַרא געשטאַלט פון גרויסן מייסטער האָט געהאַט פאַר אַ מאָדעל דעם ייד אברהם שטאַנד.

דער פאָטער פון אַדאָלפן, ר׳ יוסף, איז געווען אַ געבילדעטער מענטש און הגם ער איז געווען קאַרג, כּמעט אַ קמצן, האָט ער נישט געשפּאָרט קיין הוצאות, אום צו געבן אַ גוטע ערציונג זיינע פיר זין.

דאָס הויז פון יוזעף שטאַנד האָט זיך געפונען צווישן דעם שטאָטישן געטאָ און די קריסטלעכע גאַסן. פון איין זייט פון סאָביעסקי אָדער דער נייער גאַס האָט ער געקוקט אויף די פענצטער פון דער גרויסער שול און פון דער אַנדערער — פון דער וואַל-גאַס האָט ער געקוקט אויף די אַלטע אָקאָפּעס און די קלויסטער-מויערן פון די בער-נאַדינער. די ערציונג פון די יונגע שטאַנדס האָט זיך אויך געפונען אויף דער גרענעץ פון צוויי וועלטן. זיי האָבן געדאַוונט מיטן פאָטער אין שטאָטישן בית-מדרש און גלייכצייטיק האָבן זיי באַזוכט די גימנאַזיע. עס האָט געהערט צו דער אַמביציע פון פאָטער צו האָבן 4 זין דאָק-טוירים, נאָר ליידער איז פון דער דאָזיקער אַמביציע גאָרנישט מקוים געוואָרן. אַדאָלף האָט זיך זייער גוט געלערנט — און היות, ווי דער עלטערער ברודער האָט נישט פאַרענדיקט זיין שטודיום און אינמיטן גאָר חתונה געהאַט, האָט דער פאָטער אָנגעשטרענגט אַלע באַמיונגען, אַז לכל-הפּחות ער — דער גלענצנדער שילער — זאָל באַקומען דעם אַקאַדעמישן-דיפּלאָם. איך געדענק נאָך ווי היינט, הגם ס׳איז שוין אַ מעשה פון 30 יאָר, ווען אונזער אַדאָלף האָט באַקומען אויפן צווייטן שטאָק אַ באַזונדער צימער, וווּ ער האָט זיך געדאַרפט צוגרייטן צום עקזאַמען פאַר רעכט-וויסנשאַפט. פאַר אים עס געווען אַ גרויס אָפּקומעניש. ער האָט פיינט געהאַט די געזעצן, זיין נשמה האָט זיך געריסן צום שטודיום פון ליטעראַטור — האַרדען איז געווען זיין באַליבטסטער שרייבער — און דאָ האָט מען זיך געמוזט פאַרמאַטערן איבער פאַרשידענע פּרקים פון רעכט. מיט אים צוזאַמען האָט זיך געלערנט זיין קאָלעגע (ראָזענגאַרטען) און יענער האָט פּשוט פאַרבראַכן די הענט, וואָס ביי אַדאָלפן פעלט חשק צו לערנען זיך. און אַדאָלף האָט דאַן רעדאַגירט „פּשישלאָשטש״, דעם ערשטן אָרגאַן פון די גאַליציאַנער ציוניסטן.

דער זשורנאַל איז ערשינען — ריכטיקער ער האָט געדאַרפט ערשיינען — צוויי מאָל אין חודש, ד. ה., דעם 5טן און 20טן יעדן חודש. ער האָט זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי פון חיים ראָהאַטין אויף פלאַק־שניעזשני. דאָס אַרויסגעבן אַ נומער האָט געקאָסט 20 גולדן, און טאַקע צוליב די דאָזיקע 20 גולדן האָט שטאַנד זיך געבראָכן דעם קאָפּ צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער קאַראָל. דאָס איז אָפט געווען אַ סומע, נישט צו דערגרייכן. און דער דרוקער האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם נומער, ווען דאָס געלט איז נישט געווען איינגעצאָלט. און ווי אַזוי איז דער נומער טעכניש ערשינען! אונזער דרוקעריי האָט געזעצט בלויז העברעישע ספרים, פוילישע שריפט איז געווען זייער ווייניק און ווען אין נומער איז געווען — השם ישמרנו — צופיל ą אָדער צופיל ę, אָדער דער זאַץ איז אַביסל צעשיט געוואָרן, איז די בראָך שוין געווען פאַרטיק. אונזער נומער האָט געזעצט איין זעצער — אַ קריסט — אין דער דרוקעריי. ער האָט געהייסן קייזער און געווען אַ גאָר נישקשהדיקער שיכּור. פאַר יעדער אַרבעט האָט ער געמוזט מאַכן אַ כּוסה. אָפטמאָל בין איך געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפעטער צו אַדאָלפן, מעלדנדיק אים, אַז קייזער איז נעבעך ניכטערן און וויל נישט ווייטער זעצן. דאַן האָט אַדאָלף זיך גענומען צו דער קעשענע, אַרויסגעצויגן די לעצטע 20 גרייצער — קיין סך האָט ער נישט פאַרמאָגט, ווייל דער פאָטער האָט נישט געגונתנט — און עס אַוועקגעגעבן, כּדי צו „באַזענפטיקן" קייזערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערבעטעניש. קייזער האָט געשיקט נאָך בראָנפן און אָנגעהויבן צו זעצן, אָבער ער איז אינדערמיט אַנטשלאָפן געוואָרן אָדער גאָר גענומען זעצן אַ נעקראָלאָג און דער נומער איז שוין אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ זייט.

שטאַנד איז געווען פאַרדאגהט און דערצערנט. און דער דרוקער האָט אים געטרייסט, אַז דאָס נייעס, וואָס זיין „פשישלאָשטש" ברענגט, וועט נישט נחמץ ווערן, ווייל דעם עיקר נייעס האָט שוין סיי־ווי געבראַכט די „נייע פרייע פרעסע".

שטאַנד האָט נישט פאַרענדיקט זיין שטודיום. נאָך איייניקע אויס־פּרובירונגען פון זיין געדולד האָט ער פאַרוואָרפן זיין שטודיום און זיך גענומען מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען צו דער אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק, ער איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך און

אַגיטירט פאַר דער ציוניסטישער אידעע. מען האָט אים געקאָנט אין גאַנץ גאַליציען און אויך איבער די גרענעצן פון לאַנד אַלס גלענצנדן רעדנער, און אויף חנוכה האָט מען אים פשוט צעריסן. ער האָט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן אימפּאָנירט מיט זיין טיפן וויסן און שטאַרקער איבערצייגונגס־קראַפט.

קיין וואונדער נישט, אַז איז יאָר 1907, ווען עס זענען געוועזן באַשטימט די וואַלן צום ערשטן פאָלקס־פּאַרלאַמענט אין עסטרייך, איז די קאַנדידאַטור פון שטאַנדן געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט. און ער איז אויס־געוויילט געוואָרן אין בראָדי און ראַדזיעכאָוו, און צוזאַמען מיט שטרויכערן פון טשערנאָוויץ, ד״ר גאַבעל (וואָס איז אויך אויפגעצויגן געוואָרן אין הויז אויף דער סאָביעסקי־גאַס 24) און דאָצענט מאַהלער האָט ער געשאַפן דעם יידישן קלוב, די ערשטע יידישע פּאַרלאַ־מענטאַרישע רעפּרעזענטאַנץ אין דער וועלט. ביי די פאָלגנדע וואַלן (אין יאָר 1911) האָט שטאַנד נישט באַקומען קיין מערהייט שטימען. די שרעקלעכע אַגיטאַציע פון די אַסימילִיאַטאָרן און רעגירונגס־ספערן קעגן דער ציוניסטישער קאַנדידאַטור האָט צעשלאָגן דעם יידישן קלוב. פון אַלע פיר מיטגלידער איז נאָר געבליבן דר. שטרויכער פון בוקאָווינע, איצט אַ רומענישער מיטגליד פון דעם סענאַט אין בוקאַרעשט.

שטאַנד האָט שמערצלעך דערפילט די דאָזיקע ירידה און מיט נאָך מער התלהבות האָט ער זיך גענומען צו פּאַרטיי־אַרבעט. די מלחמה האָט אים אַרויסגעריסן פון דער אַרבעט. מיר זענען צוזאַמען אַנטלאָפן פון לעמבערג און צוזאַמען האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ מקלט אין רזשעשוּוו. שבת, דעם 4טן סעפּטעמבער, זענען מיר געזעסן אין אַ קליינער רזשעשאָווער קאַוויאַרניע און געטראַכט וועגן דער מפּלה פון אונזער היימישער שטאָט, ווייל נאָר־וואָס האָבן געמאָלדן די צייטונגען, אַז דעם 2טן סעפּטעמבער איז דאָס רוסישע מיליטער אַריין קיין לעמבערג.

מיר זענען נישט געבליבן אין רזשעשוּוו. דאָס רוסישע מיליטער האָט מאַרשירט ווייטער און די מערהייט גאַליציאַנער היימלאָזע זענען אַנטלאָפן ביז ווין. און שטאַנד האָט זיך שוין פון ווין נישט גערירט. באַלד האָט ער זיך אויך דאָרט גענומען צו דער אַרבעט; אָבער פון

יאָר צו יאָר זענען אים אָפּגעקומען די כּוחות, אַ ביטערע קרענק האָט אים פאַרצערט און היינט אַ יאָר האָט ער פאַרמאַכט די אויגן.

דעם פאַרקינדיקער פון דער ציוניסטישער אידעע איז נישט געווען באַשערט צו דערלעבן דעם מאָמענט, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ יידיש פּאַלעסטינע. שטאַנד האָט זיך נישט דערוואַרט אויף סאַן-רעמאָ. אויף אַ פרעמדער ערד איז ער געשטאָרבן, אַלס היימלאָזער, איינער פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס די גרויסע אייראָפּעישע מלחמה האָט זיי צעבראָכן.

2. נתן־נטע סאַמועלי (1921—1846)

(פּערזענלעכע ערינערונגען)

די צייטונגען האָבן געבראַכט די ידיעה, אַז אין באַדען ביי ווין איז געשטאָרבן דער „שריפטשטעלער נאַטאַן סאַמועלי" און אַז ער איז טאַקע דאָרט אויף דעם יידישן בית-עולם באַגראָבן געוואָרן.

אַ געוויסער טייל פון אונזערע היינטיקע צייטונגס-שרייבער האָבן געוויס איבערגעבלעטערט די ענציקלאָפּעדיע און געזוכט די ביאָגראַפיע פון דעם פאַרשטאָרבענעם. דער עלטערער דור אָבער פון אונזערע משכילים האָט זיך נישט גענויטיקט אין דעם זוכן, ווייל ער האָט תיכף זיך ערינערט אין סאַמועליס „פּרצופים", אין זיינע בילדלעך, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע העברעישע און דייטשע צייטונגען און אַפילו אין רוסישן „וואָסכאָד", און זענען שפּעטער דערשינען צוזאַמען אין צוויי העפטלעך אין פאַרלאַג „תושיה". און די, וואָס האָבן זיך ערינערט אין די „פּרצופים", האָבן באַלד געהאַט פאַר די אויגן די געשטאַלטן, וואָס זענען געשילדערט אין די דערציילונגען פון מחבר מיט אַזאַ ליבע און אַזאַ מענטשן-קענטניש; באַלד איז אויפגעשטאַנען פון דער באַנק דער מלמד מיט דעם לולקע-ציבוק, וואָס ער האָט זיינע תלמידים מכבד געווען מיט אַ שמעק טאַבאַק, און אויך די תלמידים האָבן מיר געזען, ווי זיי זיצן אונטער דעם טיש און ניסן אָן אויפהער. באַלד איז אויפגעשטאַנען פון זיין קבר דער לאַנג-פאַרגעסענער גאַליצישער באַצירקס-הויפּטמאַן, וואָס פאַר אים האָט געציטערט די גאַנצע שטאָט, און די פּני-העיר, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אין דער שול אַן אסיפה און דאָרט אַרומגערעדט, ווי אַזוי מען קאָן דעם דאָזיקן „אַנטי-סעמיט" בייקומען, און אַזוי כסדר. די גאַנצע צייט פון דער גאַליצישער

השׂכּלה פון פאַר 50 יאָר מיט אַלע ליכט- און שאָטן-זייטן איז פאַר אונזערע אויגן לעבעדיק געוואָרן, אַזוי ווי אין דעם בילד פון תּחית-המתים פון יחזקאל הנביא איז דאָס לאַנג-פאַרגעסענע ווידער ערינערט, דאָס טויטע אויפסנייַ באַלעבט געוואָרן.

און מיט דער באַלעבונג פון די געשטאַלטן איז פאַר אונזערע אויגן אויך דאָס געשטאַלט פון דעם מחבר לעבעדיק געוואָרן, גלייך ווי פריילעכע לאַכעדיקע „פּרצופים" האָט זיך אויך זיין פּרצוף מיט זיין באַקאַנטן שמייכעלע צו אונז געווענדט. ר׳ נתן סאַמועלי איז מיר געקומען פאַר מיינע אויגן, גלייך ווי איך האָב אים אַזוי פיל מאָל געזען לעבן מיר אין קאַפעהויז, אין דער שולע, אין אַ פאַריין, תּמיד לאַכעדיק, תּמיד צופרידן...

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געזען אין דער צייט פון דער מלחמה אין ווין אין אַ קאַפעהויז אין דער אַלזער-שטראַסע. דאָרט פלעגט ער קומען „דער אַלטער הער" מיט זיין איידעם, אַ סוחר, וואָס האָט געהאַט אַמאָל ליטעראַרישע אַספּיראַציעס, און דאָרט פלעגט ער יעדן טאָג לעזן „זיינע" צייטונגען און צווישן זיי און פאַר אַלע די „נייע פרייע פּרעסע". אָט די דאָזיקע „פּרעסע" אין געווען אַזוי-צו-זאָגן דער שלחן-ערוך פון פאַרשטאָרבענעם, אויף איר האָט ער פאַר 60 יאָר געלערנט דייטש, פון איר געגאָסן זיינע קענטענישן פון דער וועלט און זי געלעזן זיין גאַנץ לעבן ביזן טויט. אַזוי זענען געווען די גאַליצישע משׂכּילים און אַזוי איז געווען סאַמועלי.

געשטאַמט האָט ער פון סטרי, ווו ער איז געקומען אויף דער וועלט דעם 28 פעברואַר 1848, אין זיין יוגנט האָט ער גלייך ווי אַנדערע באַלעבאַטישע קינדער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ערציונג, נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסצוצייכנען פון זיינע חברים דורך זיין טאַלאַנט און זיינע גרויסע ידיעות. זייער געשווינד — איידער עמיצער האָט זיך אַרומגעקוקט — האָט סאַמועלי זיך אויסגעלערנט דייטש, און די דייטשע קלאַסיקער האָבן אויף אים אַ גרויסע השפּעה געהאַט; אונטער זייער איינפלוס האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן העברעישע שירים. די געשטאַלטן פון די כּתבי-הקודש, די נביאים זענען געוואָרן די העלדן פון סאַמועליס פּאָעטישער פעדער און גלייכצייטיק האָט ער אָנגעהויבן צו צייכנען זיינע „פּרצופים" — די קליינע געשטאַלטן פון דער קליינער

שטאָט, – וואָס האָבן אים אין די שפּעטערע יאָרן געמאַכט אַזוי באַקאַנט אין דער יידישער וועלט. שוין אין יאָר 1864 האָט ער געדרוקט זיין ערשטע דערציילונג אין דער צייטשריפט „עברי אנכי״ און נאָך איר זענען שנעל געקומען אַנדערע פּרצופים און שירים. און אין יאָר 1868 איז ערשינען אין לעמבערג זיין ערשטער באַנד העברעישע געדיכטן מיט דעם טיטול „כּ נ ף ר נ נ י ם״. דער באַנד האָט געמאַכט אין דער דאַמאָלסטיקער יידישער וועלט אַ גרויסן רושם און דעם דיכטער גע-בראַכט שטאַרקע פּאָפּולאַריטעט.

סאַמועלי האָט דערווייל חתונה געהאַט און זיך איבערגעצויגן קיין לעמבערג, כּדי צו זיין צוזאַמען מיט די דאָרטיקע משכּילים, און ווייל ער האָט געמוזט טראַכטן וועגן פּרנסה, האָט ער זיך געעפנט אין לעמבערג אַ שניט-געוועלב. דער יונגערמאַן האָט נאָר געקאָנט שרייבן שירים און שיינע „פּרצופים״, אָבער צו פירן מסחר האָט ער נישט געהאַט קיין קאָפּ און נישט קיין געדולד. זיין קאָפּ האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. זיינע אויגן האָבן געזען וועייט, זייער וועייט איבער די קאַסטנס מיט סחורה און די רעכן-ביכער פון זיין קאַנטאָר. סאַמועלי האָט באַלד פאַרלוירן זיין נדן און האָט זיך געמוזט זוכן אַן אַנדערע פּרנסה. געהאַט האָט ער אין לעמבערג גוטע-פריינט, וואָס האָבן באַוואונדערט זיין טאַלאַנט: דער דייטשער דיכטער ד״ר מאָריץ ראַפּאָפּאָרט, דער באַקאַנטער אַדוו. ד״ר גאָטליב, ד״ר פיליפּ מאַנטש, דער פּרעדיקער ל ע וו ע נ ש ט י י ן – אַליין אַ דייטשער דיכטער – און אַנדערע, זיי האָבן אים געגעבן אַן עצה צו ווערן אַ ל ע ר ע ר. סאַמועלי האָט געפאָלגט און האָט אָנגענומען אַ שטעלע אין דער יידישער הויפּט-שולע אין לעמבערג, ווו ער האָט געזאָלט לערנען העברעיש. סאַמועלי איז אָבער געווען אַ זיידענער מענטש, אַ דיכטער, און די שולע האָט געפאָדערט אַ „קנעלער״, אַ מלמד, וואָס זאָל האָבן דעם קאָפּ און די האַנט בייזאַמען. די קינדער פון אָרעמסטן קלאַס, ווילד און אומדערצויגן, האָבן נאַטירלעך נישט געהאַט דעם פאַרשטענדניש פאַר אַ נתן סאַמועלי און אין דעם איז געלעגן די ט ר אַ ג ע ד י ע פון דעם דיכטער. צוגעבונדן צו דער שולע, האָט סאַמועלי געהאַלטן זיין לערעריי פאַר דאָס שרעקלעכסטע אָפּקומעניש, און מיט יעדן יאָר האָט ער געהאַט ווייניקער געדולד צו זיינע תּלמידים. די שולע איז געווען פאַר אים און ער פאַר איר – אַ פּלאַג.

אַט אַזוי האָט ער פאַרבראַכט גאַנצע 25 יאָר.

עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין נאַטור: אין דער שולע איז ער שטענדיק געווען אויפגערעגט און בייז, אָבער קוים האָט ער פאַרלאָזט די שוועל פון דעם שול-הויז, איז ער געווען דער זעלבער פריילעכער און צופרידענער נתן סאַמועלי. דאָס האָט אים אויך ער-מעגלעכט, טראָץ די אויפרעגונגען אין דער שולע און דוחק אין פרנסה, ווייטער זיך צו באַשעפטיקן מיט ליטעראַטור. אין דער צייט האָט ער געשאַפן די שענסטע „קולטור-בילדער", וואָס זענען געדרוקט געוואָרן כמעט אין אַלע יידישע צייטונגען אין לעמבערג, ווין און בערלין. אַממייסטן האָט ער געדרוקט אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס" און אין דער „עסטרייכישער וואָכנשריפט". דאָרט זענען ערשינען זיינע בילדער אויס דעם גאַליצישן לעבן און זיינע גרעסערע ערציילונגען, זיינע „קולטור-בילדער" אויס דעם יידישן לעבן אין גאַליציע זענען דערנאָך אַרויס אין אַ גרויסער זאַמלונג אין לייפּציג, 1885 (זייטן 224), אויך אַ גאַנצע ריי פון דייטשע געדיכטן, פאָרלעזונגען, קאָרעספּאָנ-דענצן זענען ערשינען אין דער גאַנצער וועלט. דערביי האָט סאַמועלי נישט אויפגעהערט צו שרייבן ה ע ב ר ע י ש. מיר געפינען זיינע ער-ציילונגען כמעט אין אַלע העברעישע צייטונגען און זאַמלביכער, זיינע שירים אין „האסיף"; אין די יאָרן 1896 און 1898 איז ערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע „פרצופים" אין פאַרלאַג „תּושיה" אין וואַרשע. דערווייל זענען אַריבער 25 יאָר פון זיין שול-דינסט און די לעמבערגער גמינע האָט איינגעזען, אַז עס איז פשוט אַ צער בעל-חיים צו האַלטן אַזאַ מענטש אין אַ שולע פאַר קליינע קינדער און זי האָט אים באַ-פרייט מיט דער גאַנצער עמעריטור.

סאַמועלי האָט דאַמאָלס אויפגעאָטעמט. ער איז געוואָרן אַ פרייער מענטש און ער האָט צום צווייטן מאָל זיך געוואָרפן צו מסחר. און דאָס צווייטע מאָל האָט עס אים געגליקט. אין איין פאָר יאָר איז פון דעם „לערער סאַמועלי" געוואָרן אַ רייכער בעל-הבית, זיין אַלטע צו-פרידנהייט האָט אים ווידער אַרויסגעלויכטן פון פנים; באַלד האָט מען זיך אָן אים דערמאָנט אויך אין די „הויכע פענצטער", איינגעלאַדן אין אַלע פאַריינען, זיך צוגעהערט צו זיינע פאָרלעזונגען און געפרייט זיך מיט זיין טאַלאַנט.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען צו שפּעט. די בעסטע יאָרן, אין וועלכע דער מענטש קאָן גייסטיק שאַפן, זענען שוין אַוועק. סאַמועלי איז געווען אַן אַלטער צעבראָכענער מאַן, וואָס האָט געלעבט מיט אַלטע זכרונות, איבערגעקייט אַלטע זאַכן, אָבער שוין מער נישט געקאָנט שאַפן. ער האָט געלעבט מיט זיין פאַנטאַזיע אין אַן אַלטער וועלט און נישט באַמערקט, אַז די מענטשן, וואָס ער האָט באַשריבן, זענען שוין לאַנג געשטאָרבן, אַז דאָס לעכערלעכע פון זיינע בילדער איז נישט מער דאָ אויף דער וועלט, אַז אין גאַליציע באַווונדערט מען שוין נישט מער די דייטשע קולטור, אַז די יונגע זענען געגאַנגען גאָר אַ נייעם וועג... סאַמועלי האָט זיך אין זיין דיכטונג איבערגעלעבט און אַרומגעגאַנגען צווישן די נייע מענטשן, ווי איינער, וואָס איז אָפּגעשלאָפן אַ לאַנגע צייט. סאַמועלי האָט דעם ציוניזם באַווונדערט, ער האָט אים אָבער נישט פאַרשטאַנען. ער, דער אַמאָליקער געגנער פון דעם חסידישן פאַנאַטיזם, האָט נישט געקאָנט זיך אַריינלעבן אין דער אַרבעט פאַר דעם רענעסאַנס פון דעם יידישן פאָלק.

די מלחמה האָט סאַמועלין גלייך ווי טויזנטער אַנדערע יידן אַרויסגעטריבן פון לעמבערג קיין ווין, דאָרט אין אַן ענג שטיבל האָט ער געחלומט פון אַ געזאַמט-אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק. זיין לעצט געשפּרעך מיט מיר איז געווען וועגן דעם. ליידער האָט ער דאָס נישט דערלעבט.

געשטאָרבן איז ער אויף אַ פרעמדער ערד. גאַליציען, לעמבערג. האָט ער מער נישט געזען.

אין באַדען ביי ווין ליגט ער שטיל אין זיין קבר און חלומט שטיל פון זיינע „פרצופים", וואָס האָבן אַמאָל אַזוי פיל פרייד געגעבן דעם יידישן לעזער.

---

3. עזריאל־נתן פרענק

(1924—1863)

וויזער האָבן מיר פאַרלוירן אַ חבר אין דער אַרבעט, דער אומ־באַרמהאַרציקער טויט האָט ווידער אַוועקגעריסן איינעם פון די ווייניקע אַרבעטער אויף דעם שטח פון דער יידישער וויסנשאַפט, דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור און בפרט פון דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן. דעם 1 פעברואַר 1924 איז געשטאָרבן אין זיין דירה (אויף דער לוצקאַ־גאַס 2) דער באַוווסטער איבערזעצער, פעליעטאָניסט און חוקר קדמוניות ע. נ. פרענק נאָך אַ לאַנגער און שווערער קרענק. דעם צווייטן טאָג האָבן מיר אים באַגלייט אויף זיין לעצטן גאַנג און קובר געווען אויף דעם גענשער בית־עלמין, ווו ס׳ליגן שוין אַזוי פיל אונזערע שענסטע און בעסטע.

פרענק איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר תּרפ״ג (1863) אין וואָדזיסלאַוו, אַ קליין שטעטעלע ביים וועג פון קראָקע קיין קיעלץ. זיינע עלטערן, רייכע חסידים, האָבן אים געגעבן אַ חסידיש רעליגיעזע דערציונג, נאָר פרענק איז זייער יונג נחמץ געוואָרן און פאַרלאָזט די עלטערן, דאָס שטעטל און געקומען קיין וואַרשע, ווו ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ קרייז פון משכּילים פון יענעם דור. ביי 20 יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אין די העברעישע צייט־שריפטן, וואָס זענען אין יענער צייט דערשינען, ווי אויך אין די קובצים, יאָרביכער, אַלמאַנאַכן וכו׳. „איך האָב געאַרבעט אין האשכּול, — לייענען מיר אין פרענקס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט צוגעשיקט דער רעדאַקציע פון אַ לעקסיקאָן פון יידישע שרייבער 1) — שרייבנדיק דאָרט

---

1) געשריבן 1887. פון דעם לעקסיקאָן זענען דערשינען נאָר זעקס העפטן.

אַרטיקלען פון פוילישער און פויליש־יידישער געשיכטע, גלייכצייטיק האָב איך געשריבן עטלעכע פעליעטאָנען אין דער הצפירה. אין דעם ערשטן יאָרגאַנג פון דעם השלוח האָב איך געדרוקט דעם מאמר: לקורות החזקה, אין המליץ האָב איך געאַרבעט אין די יאָרן 1897—1902, שרייבנדיק „בריוו פון וואַרשע" אונטער דעם פסיידאָנים: פנח, נתן וכו׳. מיינע אַרטיקלען האָט מען אויך געדרוקט אין „דער ייד", „די וועלט" (ווין), „די יידישע פאַמיליע" (באַנד I און II 1902-3). אין ווילנער „הזמן" האָב איך געאַרבעט אין די יאָרן 1904-5 און גלייכצייטיק האָב איך געדרוקט פובליציסטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין „הבוקר", וועלכער איז דערשינען אין וואַרשע אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פרישמאַן. אין דעם יאָר 1911 בין איך אַריינגעטרעטן אין דער רעדאַקציע פון דער „הצפירה", וואָס האָט יעמאָלט אָנגעהויבן צו ערשיינען נאָך אַ לענגערער הפסקה און בין אין איר געבליבן אויך בשעת דער מלחמה, ווען כמעט אַלע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער זענען זיך צעפלויגן על שבעה ימים. כדי צו ראַטעווען דאָס פאַרמעגן פון דער רעדאַקציע, דעם לאָקאַל, די מאַשינען וכדומה, האָב איך געפירט די צייטונג נאָר מיט איין־איינציקן געהילף (ר׳ אפרים זינגער), אַליין האָב איך געשריבן לייט־אַרטיקלען, די כראָניק, טעלעגראַמען, נישט קוקנדיק דערויף, אַז חדשים־לאַנג האָב איך נישט באַקומען קיין גראָשן האָנאָראַר".

פרענקס ליטעראַרישע אַרבעט קאָן געטיילט ווערן אין דריי חלקים: רעדאַקציאָנעלע אַרבעט, איבערזעצערישע און היסטאָרישע.

1. אַלס רעדאַקטאָר און פובליציסט האָט פרענק געאַרבעט פון דעם יאָר 1884 כמעט ביז צו זיין לעצטער מינוט אין אַלע צייטונגען, וואָכנשריפטן און חודש־זשורנאַלן, העברעישע און יידישע, וואָס זענען דערשינען אין פוילן, רוסלאַנד און מחוץ־לארץ. ער האָט געהאַט די אַמביציע צו ווערן שעף־רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער צייטונג און האָט נישט געקאָנט מוחל זיין דעם צ"ק פון דער ציוניסטישער פאַרטיי, אַז זי האָט אים נישט איבערגעגעבן די שעף־רעדאַקציע פון דער הצפירה בשעת זי האָט געזאָלט טעגלעך דערשיינען. דער שמערץ טרעט נאָך אַרויס בולט אין זיין לעצטן אַרטיקל אין „מאָמענט", וואָס האָט זיך געדרוקט אין דעם טאָג פון זיין פטירה.

אין די צייטונגען און מאָנאַט-זשורנאַלן האָט פרענק געדרוקט כלערליי אַרטיקלען, באַריכטן פון אַסיפות, פּאָליטישע כראָניק, גאַנץ גוטע לייטאַרטיקלען, אָבער אַמליבסטן איז אים געווען געשיכטע, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט צעשיידן ביז צו זיין לעצטן לעבנס הויך.

2. אַלס איבערזעצער האָט פרענק פּראָבירט זיינע כּוחות קודם אין קלענערע זאַכן, ווי, למשל, איבערצוזעצן נאָוועלן, נאָר באַלד האָט ער זיך גענומען צו גרויסע ביכער און האָט איבערגעזעצט פון פּויליש אויף יידיש דעם באַוווּסטן היסטאָרישן ראָמאַן „פּאַראַאָן" פון פּרוס, „מירטאַלאַ" פון דער אָרזשעשקאָוואַ, און בשעת דער מלחמה האָט ער איבערגעזעצט אויף העברעיש דעם ערשטן טייל פון דער באַרימטער טרילאָגיע פון שיענקיעוויטש: באש ובחרב (3 בענדער) און האָט צוגעגרייט צום דרוק דעם צווייטן טייל: מבול (פּאָטאָפּ). נישט אַלע זענען מיט דער איבערזעצונג צופרידן, בפרט מיט דעם ערשטן באַנד, ווו ס'זענען פאַראַן אַסך נישט פאַרשטענדלעכע פסוקים, נאָר ווען מיר וועלן איבערלייגן ווי שווער איז דער פּוילישער לשון פון שיענקיעוויטש, ווי פול מיט אַרכאַיזמען און מאַקאַראָניזמען (לאַטייניש-פּוילישע ווערטער), וועלן מיר פאַרשטיין וואָס פאַרא שטיינער ס'האָט געהאַט צו איבערהיפּן דער איבערזעצער און אויף ווי ווייט ער האָט געמוזט באַהערשן סי די פּוילישע, סי די העברעישע שפּראַך.

איבערזעצנדיק אַלע מאָל ווייטער שיענקיעוויטשעס ווערק, האָט זיך פרענק אַלע מאָל וואָס מער אַריינגעאַרבעט אין דער זאַך, איעדער ווייטערער באַנד איז אַרויסגעקומען פון זיין פּעדער אַלע מאָל בעסער און בעסער, און ס'איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער העברעישער ליטעראַטור, וואָס ס'איז נישט געווען געגעבן פרענקן די גאַנצע טרילאָגיע צו פאַרענדיקן.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט פרענק איבערגעזעצט אין העברעיש עטלעכע ביכער פאַר דער יוגנט, ווי למשל סווען העדין: פון איין פּאָל צום צווייטן, הוצאת תרבות 1923) און אַנדערע.

3. אַ דויערנדן ווערט האָבן פרענקס היסטאָרישע אַרבעטן, כאָטש זיי שטייען בכלל נישט אויף דער הויך פון דער מאָדערנער וויסנ-שאַפט. פרענק איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, ס'האָבן אים געפעלט די

קענטנישן פון דער היסטאָרישער מעטאָדע און היסטאָרישע הילפס-וויסנ-שאַפטן, און באַזונדערס האָט אים געפעלט די לאַטייני ש ע שפּראַך, אָן וועלכער ס'איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די היסטאָרישע מקורות, טראָץ דעם האָט ער פאַרשטאַנען זיך צו געבן אַן עצה מיט מאַנכע תּקופות אין דער יידישער געשיכטע און באַזונדערס מיט דעם פּריוואַט-לעבן פון די יידן אין פוילן, מיט זייער קולטור אאַז"וו.

ס'וואָלט צו וויט געפירט, איך זאָל וועלן דאָ געבן אַן אַנאַליז פון פרענקס אַלע, און אַפילו פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע מאמרים און ספרים, איך וויל זיי נאָר אויפצייל ן אין אַ קורצער איבערזיכט.

זיין היסטאָרישע אַרבעט האָט פרענק אָנגעהויבן פון דעם היסטאָרישן ר אָ מ אַ ן, אָדער בעסער געזאָגט: פון היסטאָרישע קולטור-בילדער, דערצויגן אין אַ חסידישער סביבה האָט ער אין אַ ריי פון בילדער געמאָלן דאָס חסידישע לעבן און זיי אַרויסגעגעבן אין אַ געמיינזאַם בוך: מ ח י י ה ח ס י ד י ם ב פ ו ל י ן (וואַרשע 1895). די דערציילונגען זענען פאַרביק און לעבעדיק, נאָר דער מחבר קאָן זיי נישט פאַרבינדן, דער ספּור-המעשה רייסט זיך אַלע מאָל און אַזוי זענען די געשפּרעכן לאַנג און נודנע, לעבעדיקער פליסט די דערציילונג אין זיין צווייטן ווערק: י צ ח ק מ א י ר ב י ל ד ו ת ו (וואַרשע 1904, ביבליותיקה עברית), ווו מיר דערקאָנען די חסידישע דערציונג, מנהגים וכו'.

מיט חסידות האָט זיך פרענק באַשעפטיקט זיין גאַנץ לעבן און האָט אין זיין לעצטן יאָר אַרויסגעגעבן חסידישע לעגענדן פאַר דער יוגנט: א ג ד ו ת ה ח ס י ד י ם (וואַרשע, צענטראַל-פאַרלאַג) און זייער שיין. אויסגעקליבענע לעגענדן פון דעם זוהר: א ג ד ו ת ה ז ו ה ר (פאַרלאַג אחיאסף). פון דעם בוך האָט פרענק אויסגעוויילט און באַאַרבעט פאַר דער יוגנט אַ רייע פון אגדות (אגדות הזוהר לבני הנעורים). ער האָט אָבער שוין נישט דערלעבט זיי אַרויסצוגעבן.

פון די האַלב-היסטאָרישע האַלב-בעלעטריסטישע אַרבעטן איז פרענק אַריבערגעגאַנגען צו דער ווירקלעכער ג ע ש י כ ט ע און דאָ האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין דער געשיכטע פון י י ד ן א י ן פ ו י ל ן אין דער תּקופה פון דעם הערצאָגטום וואַרשע און קאָנגרעס-פוילן. ער האָט פאַרשטאַנען אויסצוזוכן אין דעם אַרכיוו פון דער קהילה און אין אַנדע-

רע אַרכיוון די געהעריקע דאָקומענטן און אַרום זיי אַרומוויקלען אַ נעץ פון מעשיות און לעגענדן.

טיילנדיק פרענקס אַרבעטן לויט תקופות פון דער פוילישער געשיכטע, האָבן מיר צו דער צייט פון דעם אומאָפּהענגיקן פוילן די אַרבעט: לקורות החזקה (השלוח 1897) געבויט אויף דעם יסוד פון דעם פנקס קהילת אפטא, וואָס זיין קאָפּיע געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע 1). דאַן גייט אַ גוטע אַרבעט אויף רוסיש: איבער דעם אינערן לעבן פון יידן אין פוילן אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט (אין וווסיעאָבשטשאַיאַ איסטאָריאַ יעוור. נאַראָדאַ באַנד XI, מאָסקוואַ 1914, איזדאַטיעלסטוואָ מיר 2)). פאַרטשטרייטנדיק אין דער כראָנאָלאָגיע באַגעגענען מיר אַן אַרבעט, וואָס האָט זיך געדרוקט קודם אין דער הצפירה און שפּעטער דערשינען אַלס בוך: העירונים והיהודים בפולין 3), ווו דער מחבר מאָלט דעם קאַמף, וואָס יידן האָבן געפירט מיט די מיעשטשאַנעס אין פאַרשידענע שטעט און בפרט אין וואַרשע וועגן וווין- און האַנדלס-רעכט. פרענק האָט זיך אָבער באַדינט מיט אַ גאַר קנאַפּ מאַטעריאַל און דערפאַר זענען זיינע אויספירונגען טרוקן און צומאָל פאַלש, בפרט אין ערשטן טייל פון דעם בוך, בעסער איז דער צווייטער טייל, ווו דער מחבר באַשרייבט די יידן-פראַגע בשעת דעם סיים אין די יאָרן 1788—1792 און די אַרבעט פון דער יידישער קאָמיסיע. ליידער איז די אַרבעט סמאָלענסקיס (דאָס לעצטע יאָר פון דעם פיריעריקן סיים 4) און די בריוו-זאַמלונג פון דעם גלח פּיאַטאָלי) געוועזן פרענקן אומבאַקאַנט 5), כאָטש זיי זענען שוין לאַנג געווען געדרוקט און דאָס באַטייט אַ גרויסן חסרון אין זיין בוך.

כמעט ווי אַ המשך צו דעם בוך איז פרענקס פּאָפּולערע אַרבעט: יהודי פולין בימי מלחמת נאַפּוליאָן 6), געשריבן אויפן יסוד פון דעם אַרטיקל געסענס: „וו׳ יעפּיעמיערנאָם גאָסודאַרסטוויע" און אַ דער-

1) זע נחום סאָקאָלאָווס אַרטיקל אין האסיף VI.

2) דאָס לעבן אין XVI יאָרהונדערט האָט באַאַרבעט שמעון דובנאָוו.

3) וואַרשע 1921, זייטן 164.

4) Smoleński: Ostatni rok Sejmu Wielkiego, Krakow 1897.

5) Acona: Scipion Piattoli e la Pologne.

6) וואַרשע 1912 זייטן 54. העסענס אַרטיקל געדרוקט: יעוור. סטאַרינאַ 1910.

גאַנצינג צו דער אַרבעט בילדעט פרענקס גרויסער מאמר: „לתולדות היהודים בנסיכות ורשה" [1] ווו דער מחבר באַשרייבט אויף דעם יסוד פון אַרכיוואַלישע דאָקומענטן דאָס אינערע לעבן אין דער תקופה, די קרופּקע, די טאָג-צעטלען, שולן א. אַז. וו. אין דער אַרבעט זעען מיר צום ערשטן מאָל פרענקן דעם היסטאָריקער, וואָס קאָן זיך געבן אַן עצה מיט אַרכיוואַלישע דאָקומענטן. בויענדיק ווייטער אויף אָט די דאָקומענטן פּובליקירט פרענק אין דער התקופה אַ גרויסן מאמר (80 זייטן) קנין נחלות [2] און אַ המשך צו דעם איז זיין פּאָפּולערער אַרטיקל: די מלחמה קעגן הפקרות אין אַמאָליקן וואַרשע, [3] ווי אויך די צוויי-בענדיקע אַרבעט: משומדים אין פוילן [4], וואָס איז צוערשט דערשינען אין „היינט" אין אַ לאַנגע ריי פון פעליטאָנען. די לעצט-דערמאָנטע צוויי אַרבעטן זענען געבויט ווייניקער אויף דעם יסוד פון אַרכיוון, ווי אויף דעם אויסגעצייכנטן זכרון פון דעם מחבר און זיין קענטניש פון געגעאַלאָגיע פון וואַרשעווער יידישע משפחות.

אין די „משומדים" איז דאָ אַסך אמת, אָבער אויך נישט ווייניק פאַנ-טאַזיע. איך וואָלט עס אַמבעסטן דעפינירט מיט געטעס וואָרט: „דיכטונג און וואָרהייט", אָבער זיי האָבן פאָרט אַ גרויסן ווערט אַלס שיינע קולטור-בילדער פון יענער תקופה [5].

מיט פרענקן איז פון אונז אַוועקגעגאַנגען איינער פון די, וואָס האָבן געקאָנט און געוואָלט דערציילן מעשיות פון דעם נישט לאַנג פאַרשווונדענעם דור.

---

1) התקופה IV (1919) זייט 448–450.

2) התקופה ב. 13 (1922) זייט 210–241, באַנד 14–15 (1922) זייט 375–397, באַנד 18 זייט 239–267.

3) אַלמאַנאַך צום 10-יעריקן יובילעום פון מאָמענט, וואַרשע 1921 זייט 95–114.

4) פרענק: משומדים אין פוילן, אין 19 יאָרהונדערטן צוויי בענדער, וואַרשע 1923-4, מ. י. פרייד.

5) נאָך פרענקס טויט האָט מען די „משומדים אין פוילן" געדרוקט אין „גאַש פשעגלאָנד" אין דער איבערזעצונג פון זיין זון לודוויק פרענק.

4. פייבוש־הירש וועטשטיין

(23 יוני 1924)

די יידישע היסטאָריאָגראַפיע און בפרט די קראָקעווער געשיכט־שרייבונג האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע פלייסיקסטע און נוצלעכסטע אַרבעטער. וועטשטיין לעבט נישט מער, דער אומ־באַרמהאַרציקער טויט האָט אים אַוועקגעריסן אויף תמיד. ער זיצט נישט מער ביי דעם עק טישל פון זיין אַנטיקוואַריאַט אויף שפּיטאָל־גאַס נ״ר 20 (קראָקע) צווישן אַ הויפן ספרים און ביכער, ווו ער פלעגט צווישן איין קונה און דעם צווייטן אַריינקוקן אין אַ ספר, אָדער אין אַ כּתב־יד און אויפשרייבן זיינע חקירות.

פאַר עטלעכע חדשים האָט ער געוואָלט אַרויסגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון דעם באַרימטן ספר כּלילת יופי פון זיין לערער ר׳ חיים־נתן דעמביצער ז״ל. ער האָט פאַרשיקט בריוו צו די גדולי הדור, האָט פאַרלאַנגט פון זיי זייער מיינונג וועגן דעם ספר, ווי אויך זייערע תּקונים און הוספות, כּדי זיי צו דרוקן אין דער נייער אויסגאַבע.

און באמת איז דעמביצער געווען וועטשטיינס מדריך און ערציער. אין זיין שטוב איז וועטשטיין אויפגעוואָקסן און פון זיין מויל האָט ער געהערט און געלערנט תּורה און חכמה. ס׳איז אָבער געווען אַ גרויסער חילוק צווישן דעם לערער און זיין תּלמיד. דעמביצער איז געווען אַ חריף, וועטשטיין אַ בקי, דעמביצער איז געווען אַ סינ־טעטיקער, וועטשטיין אַן אַנאַליטיקער. דעמביצער האָט פאַרשטאַנען אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן צו פאַרבינדן די פאַקטן און צו געבן אַ בילד ווי געגאָסן פון איין שטיק, וועטשטיין איז געווען אַ כראָנאָגראַף, וואָס האָט די פאַקטן געשטעלט לויז איינעם לעבן דעם אַנדערן, מאַטעריאַל

סתם, אָבער נישט רוי, נאָר באַארבעט און דערקלערט, און תמיד גאָר וויכטיקער מאַטעריאַל, חומר היסטורי, און אין דעם ליגט וועטשטיינס גרויסער פאַרדינסט.

נאָך דעמביצערן האָט וועטשטיין איבערגענומען אַלע פנקסים און העתקות [1] און האָט אָנגעהויבן די אַרבעט מיט דער אַרויסגאַבע פון ויינע קדמוניות מפנקסות ישנים אין גרעבערס „אוצר הספרות“ 1892, ווו ער האָט אָפּגעדרוקט זייער וויכטיקע דאָקומענטן פון אַן אַלטן קראָקעווער פנקס פון דעם 17 יאָרהונדערט.

פון דער צייט האָט ער אַלע מאָל אָפּגעדרוקט אַ ניי בינטל אַקטן, ווי למשל: דברים עתיקים (קראָקע 1900), „מפנקסי הקהל בקראקא“ (ברעסלוי 1901 [2]), דברי קדם (1902 פון דעם לוח שעשועים). און אַ גאָר גרויסע זאַמלונג פון אַקטן דברי חפץ (מאסף, פעטערבורג 1902), צווישן זיי וויכטיקע דאָקומענטן צו דער „קאָנפעדעראַציאַ באַרסקאַ“, צו דער ערשטער עסטרייכישער אָקופּאַציע אין קראָקע (1772 — 1776), סטאַטוטן פון יידישע צעכן אאַז״וו, אויך אין דעם „ספר היובל“ לכבוד נחום סאָקאָלאָוו האָט וועטשטיין אָפּגעדרוקט אַ גרויסן מאמר: לתולדות גדולי ישראל. אַ שורה פון ביאָגראַפיעס פון קראָקעווער רבנים און מנהיגים האָט וועטשטיין פובליקירט אין „האשכול“ 1909 („לתולדות ישראל וחכמיו בפולין“) און אין „אשכול“ 1919 אונטער דעם זעלבן טיטל כמעט די זעלבע ביאָגראַפיעס, נאָר שטאַרק אויסגעברייט און מיט אַסך מער היסטאָריש מאַטעריאַל.

אַ גאַנץ לעבן האָט וועטשטיין געזאַמלט מאַטעריאַל, כדי אַמאָל אויפצושרייבן אַ פולע געשיכטע פון די יידן אין קראָקע און אפילו אין גאַנץ פוילן און שוין אין די יאָרן תרנ״ה — תרנ״ז האָט ער פּרובירט

---

1) זע: תולדות מהרח״ן קראָקע 1893 ע׳ 37. „וימים אחדים לפני מותו — שרייבט וועטשטיין — נתן לידי את כל האגרות וכתבי הרשימות, שהיו מונחים במלתחתו בדברים האלה: אתי שמורים מכתבים רבים וכתבי המון, רשומות ממקומות הספרים, שראיתי בם תועלת לחקירות קדמוניות, ושמתי זכרון בספר, ואחרי כי אין לי בן יורש. הואילה אתה לספחם על נחלתך ובאשר הייתי אני לך לאב והכנסתי אותך בבריתו של אברהם בתור „סנדק“ ואחרי כן למדת תורה מפי, כן תהיה להם לאב“.

2) אָפּדרוק פון רעם ספר הזכרון לכבוד דר. דוד קויפמאַן — תהלה לדוד.

זיינע כּוחות אין אַ ריי אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען לקורות היהודים בפולין וביחוד בקראקא, אָבער די פּרווו איז אים נישט געלונגען און ער האָט נאָך איינמאָל אָנגעהויבן פון פאָרנט אין דער וואָכנשריפט המצפה, ווו ער האָט אין די יאָרן 1904 – 1906 [1] אָפּגעדרוקט ביז 50 אַרטיקלען און איז נישט געקומען צו אַ סוף. נאָך אַן ערך פון 15 יאָרן האָט ער ווידער אָפּגעדרוקט די אַרטיקלען פון דעם „המגיד" און דעם „המצפה" אין אַ באַזונדער בראָשור, ווו ער האָט פּרובירט אַרומנעמען די געשיכטע פון די יידן אין גאַנץ פוילן אין דער צייט פון די פּיאַסטן און יאַגעלאָנען (1918) [2], אָבער דאָ האָט זיך צום לעצטן מאָל אַרויסגעוויזן, אַז דער מחבר באַזיצט נישט קיין טאַלאַנט פון אַ סינטעטיקער און ער מוז זיך באַגניגן מיט זיין וויכטיקער אויפגאַבע אַרויסצוגעבן אַקטן און באַאַרבעטן ביאָגראַפיעס.

אין דעם לעצטן ענין איז ער געוועזן אַ בקי און אַ שטאַרקער מחמיר, דערביי אין זיין קריטיק פון ספרים פון אַנדערע מחברים אַ נוקם ונוטר כּנחש. און האָט זיך גאָר געהאַנדלט וועגן אַ ספר אָדער אַ מאמר בנוגע קראָקע, דאָ האָט וועטשטיין אַרויסגעוויזן זיין גרויס וויסן, אָבער אויך אַ כּעס, ווי ס'שטייט אָן פאַר אַ תּלמיד-חכם.

אַזאַ כּעס באַווייזט ער, וויפל מאָל ס'דערשיינט אַן אַרטיקל אָדער אַ בוך פון דוב-בער פרידבערג. וועטשטיין גייט אים נאָך שריט אויף שריט און קריטיקירט אים נישט נאָר יעדן פּרק, נאָר יעדן פּסוק, אַפילו יעדעס וואָרט. פרידבערג האָט אין דעם יאָר 1897 אַרויסגעגעבן דאָס ספר: לוחות זכרון, אַ זאַמלונג פון קורצע ביאָגראַפיעס פון קראָקעווער רבנים. וועטשטיין האָט זיך צו דער אַרבעט אָנפאַנגס באַצויגן רויק, כאָטש זיין קריטיק איז געווען זייער שאַרף, אָבער ווען פרידבערג האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע נוסחות פון קראָקעווער מצבות [2] און האָט נישט גענוג געלויבט וועטשטיינס אַרבעט, האָט דער לעצטער מיט כּעס אָנגעשריבן אַ קריטיק וועגן דעם, ווו ער האָט אויף דעם

---

1) המצפה תרס"ד נ"ר א–ל"ב און שנת תרס"ו נ"ר א–נ"ב.

2) פ. ה. וועטשטיין: לקורות היהודים בפולין וביחוד בקראקא משנת 1096 עד שנת 1587. קראָקע תרע"ח, 82 זייטן קליין-אָקטאַוו.

3) נייע אויף דעם יידישען פרידהאָף אין קראָקוי אויפגעפונדענע גראַב-שריפטען, מאָנאטשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעס יודענטומס, 1900 זייט 366–355.

מחבר נישט איבערגעלאָזט קיין טרוקענעם פּאָדעם[1]. נאָך שטאַרקער און צו טייל אומגערעכטער איז וועטשטיינס קריטיק פון דער צווייטער אויסגאַבע פון פרידבערגס לוחות זכרון[2]. שוין דער נאָמען פון דער קריטיק שברי לוחות[3] גיט אונז אַ בילד פון דעס טאָן, וועלכן מיר געפינען דאָרט, הגם דער מבקר האָט אין אַסך פאַלן אַפילו רעכט, ער טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז פרידבערגס ספר איז דאָך ביז היינט דאָס בעסטע האַנטבוך צו דער געשיכטע פון קראָקעווער משפחות[4].

איך וואָלט אָבער געטון אַן עוולה וועטשטיינען, איך זאָל נישט באַמערקן, אַז דער כעס קעגן פרידבערגן און אַנדערע שרייבערס איז געוואָקסן פון דער ערנסטקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַצויגן צו דעם געגנשטאַנד, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט זיין גאַנץ לעבן מיט אַ געדולד, וואָס מ׳טרעפט זי זעלטן ביי יידישע חוקרים פון דעם עלטערן דור. און אַדאַנק דעם געדולד און דער אויסדויער זענען וועטשטיינס אַרבעטן גאָר וויכטיקע בוי-שטיינער פאַר די, וואָס פּרובירן און וועלן פּרובורן צו בויען דאָס געבוי פון דער היסטאָריע פון יידן אין קראָקע.

צווייערליי לויים זענען געווען אין בית-המקדש: איין כּת האָט געפּעפנט די טויערן און די אַנדערע כּת לויים האָט געשפּילט און געזונגען. פ. ה. וועטשטיין האָט געהערט צו די עפנערס פון די לאַנג פאַרמאַכטע טויערן פון די יידישע אַרכיוון און דערפאַר וועלן די זינגער פון דער געשיכטע אים אָפּגעבן אַ שבח פאַר דער מי פון זיין גאַנץ לעבן.

---

1) אין דער זעלבער מאָנאַטשריפט 1901 זייט 165—176.

2) פראַנקפורט תרס״ד.

3) שברי לוחות, בקרת ספר לוחות זכרון מאת פ. ה. וועטשטיין. קראָקא תרס״ה.

4) דאָ וויל איך אויך דערמאָנען וועטשטיינס גרויסן טעות אין זיינע „קדמוניות״, ווו ער האָט דעמביצערס העברעישע נאָטיצן געהאַלטן פאַר דעם עצם פון די תקנות קראָקע פון שנת שנ״ה (1595) און האָט זיי אַלס אַזעלכע אָפּגעדרוקט. זע באַלאַבאַן: די קראָקויער יודנגעמיינדע — אָרדנונג פאָן 1595 אונד אירע נאַכטרעגע. יאַרבוך דער יודיש-ליטעראַרישן געזעלשאַפט פראַנקפורט אם מייז. באַנד X און XI. 1913—1916.

5. יעקב נפתלי הערץ סימכאָוויטש (שמחוני)

(צו זיין ערשטן יאָרצייט)

ווײַלנדיק אין יאָר 1912 אַ גאַנצן ווינטער אין בערלין, האָב איך אין שטוב פון דעם באַוווּסטן שריפטשטעלער ש״י איש הורוויץ קאָנען געלערנט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ זעלטענעם איינדרוק. הויך, דאַר, גרין, מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, שטיל און באַשיידן, און דערבײַ אַ בקי בכל חדרי תורה און אין אַלע ווינקעלעך פון חכמת ישראל. ווי מען האָט אים אָנגערירט, איז ער געווען „אינדערהיים״, תנ״ך אַלט-מאָדיש און ביבל-קריטיק, אַ שאלה פסקענען און מאָדערנע אויפפאַסונג פון דעם תלמוד, אַלטע געשיכטע און די תקופה פון דער השכלה, און אין גענעאַלאָגיע (יחוס) איז ער גאָר געווען אַ חריף. נאָך אונזער ערשטען באַגעגעניש בין איך געווען זייער נייגעריק צו וויסן, ווער דער יונגערמאַן איז און פון וואַנען ער שטאַמט, איבערהויפּט נאָך, ווײַל ער האָט געזאָלט זיין דער איבערזעצער פון מיין מאמר איבער די פראַנקיסטן פון דייטש אויף העברעיש פאַר דעם „העתיד״ [1].

ש״י הורוויץ האָט געשמייכלט, ווי עס איז געווען זיין טבע, און האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן לאַנג און ברייט פון דער משפחה, פון וועלכער דער יונגערמאַן שטאַמט, און אַזוי בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דער יונגער עלוי שטאַמט פון סלוצק, ווו זיין פאָטער ר׳ שמעלקע סימכאָוויטש (געשט. 1896) האָט געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע. דער דאָזיקער ר׳ שמעלקע אַליין איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער למדן, וווּנדערבאַר „געשווומען אין דעם ים התלמוד״, געשריבן גאָר אַ שיין העברעיש און רוסיש, געווען אַ שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון דעם

---

1) באַלאַבאַן: לתולדות התנועה הפראנקית, העתיד 1913 ז׳ 122 — 150.

„פעטערבורגער העראָלד", און געקאָנט אַחוץ דעם עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן. אָט דעם ר' שמעלקן האָט מען פאָרגעשלאָגן עטלעכע רבנות-שטעלן, אַפילו אין ווין און אין וואַרשע (נאָך דעם אָפּטרעטן פון ר' יאָקל געזונדהייט), נאָר ער האָט נישט געוואָלט מאַכן פון זיין תורה קיין קרדום לחפור בה, און ער איז ליבער געבליבן אַ ייד אַן עושר און כל ימיו געשטיצט סופרים וחכמים. צוויי יאָר פאַר זיין טויט (1894) איז ר' שמעלקע סימכאָוויטש באַרופן געוואָרן פון דעם מיניסטעריום קיין פעטערבורג צו דער באַוווסטער רבנים-קאָמיסיע.

ר' שמעלקע האָט צוויי מאָל חתונה געהאַט; פון זיין ערשטער פרוי, געבוירן איסערלין, האָט ער געהאַט עטלעכע קינדער, דערונטער אַ זון (וואָס לעבט היינט נישט מער) ד"ר שלמה שכנא סימכאָוויטש, דער מחבר פון אַ גרויסן פילאָזאָפישן ספר „דער פּאָזיטיוויסמוס דעס מאָזאַאיסמוס" (ווין, 1880). זיין צווייטע פרוי, זיסל, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אויף די עלטערע יאָרן, איז געווען אַ גרויסע מיוחסת, אַ טאָכטער פון דעם באַוווסטן לעמבערגער עושר ר' הערץ בערענשטיין. ר' הערצעלע בערענשטיין האָט געגאָלטן אין לעמבערג פאַר אַ גרויסן מיוחס [1]). ער איז געווען אין אַ דירעקטער אָפּשטאַמונג פון דעם „פּני יהושע" און פון זיין אייניקל ר' בעריש (בערענד לעווי), דעם לאַנד-ראַבינער אין האַמבורג. די נאָכקומענדע דורות האָבן זיך געטיילט אין צוויי צווייגן, דער לובלינער צווייג האָט אָנגענומען דעם נאָמען לעווענשטיין און פון אים שטאַמט אויך דער באַוווסטער פּאָליטיקער און פאַרטיידיקער פון שטייגערן ד"ר נתן לעווענשטיין. דער לעמבערגער צווייג האָט זיך אָנגערופן בערענשטיין און פון אים שטאַמט ר' הערצעלע מיט זיינע פיל קינדער, וואָס זענען פאַרקניפּט און פאַרהייראַט מיט די שענסטע יידישע משפחות. דאָס איז די טראַדיציע, וואָס אונזער הערצעלע סימכאָוויטש האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין היים. ער אַליין האָט איבערגענומען די מעלות טובות פון ביידע צדדים, דעם אייזערנעם מוח און דאָס שוואַכע געזונט, דעם וווּנדערבאַרן זכרון און דאָס גרינע פּנים...

---

1) לויט זיין נאָמען האָט אַסך יאָרן נאָך זיין טויט אָנגערופן משה ריכטער זיין פּיעסע „הערצעלע מיוחס".

ביי פיר יאָר איז ער געווען באַקאַנט אַלס עילוי, און ביי אַכצן האָט ער באַקומען התרת-הוראה, נאָר באַלד האָט זיך אין אים ערוועקט דער חשק צו שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפטן, פון דער היים האָט ער אַרויסגעטראָגן עטלעכע שפּראַכן, און אַדאַנק זיינע גוטע פעיקייטן, האָט ער אין אַ קורצער צייט געמאַכט מאַטורע אַלס עקסטערן אין אַ רעגירונגס-גימנאַזיע אין פעטערבורג און איז געפאָרן קיין בערן אויף דער אוניווערזיטעט. פון דאָרט האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן קיין בערלין, ווו ער האָט געפונען אַ געלעגנהייט זיך צו באַפעסטיקן אין חכמת ישראל. זיין דאָקטאָראַט האָט ער באַקומען פאַר דער מלחמה (1914) אויפן גרונט פון אַ דיסערטאַציע איבער די כוזרים [1]. אָבער שוין פריער אַלס סטודענט דרוקט ער וויכטיקע מאמרים אין פאַרשידענע העברעישע און דייטשע צייטשריפטן.

אין יאָר 1910 פאַרעפנטלעכט ער אין דער „מאָנאַטשריפט פאַר געשיכטע און וויסנשאַפט דעס יודענטומס" אַן אינטערעסאַנטן מאמר איבער זיין עלטער-זיידן, דעם „פני יהושע", פון וועלכן מיר ווערן געוואָר די ביטערע התנצלות פון דעם גאון בשעת זיין רבנות אין לעמבערג. גלייכצייטיק (1912–13) דרוקט ער אין „העתיד" אַ גאָר וויכטיקע חקירה איבער יחזקאל הנביא, ווי אויך קלענערע אַרטיקלען אין „השלוח".

אין יאָר 1918 ברענגט אים ד"ר ברוידאָ אַראָפּ קיין לאָדז, אַלס לערער און מנהל פאַר יידישע למודים אין די דאָרטיקע גימנאַזיעס. שמחוני אַנטוויקלט זיך אַלס אויסגעצייכנטער פעדאַגאָג, באַזונדערס אין די העכערע קלאַסן, און אַדאַנק זיינע פּאָרטראַגן זענען אַנטשטאַנען די ערשטע דריי חלקים פון זיין היסטאָרישן האַנטבוך „דברי ימי ישראל" (בערלין, 9–1922) [2], וואָס איז דאָס ערשטע אָריגינעלע העברעישע געשיכטס-בוך, באַגרינדעט אויף די נייע פאָרשונגען פון וועלהויזן, קיטעל, שירער און אַנדערע. אַדאַנק זיינע פּאָרטראַגן זענען אויך געשאַפן געוואָרן זיינע שטודיען צו דער ביבלישער תקופה, ווי אויך צו דער מיטלאַלטערלעכער העברעישער ליטעראַטור, ווי, למשל, די אויסגעצייכנטע אַרבעט „רבי שלמה בן-גבירול" און איבער זיין גאַנצער

1) די אַרבעט ליגט שוין זייט יאָרן אין קראָקעווער אַקאַדעמיע און מ'זעט נישט זי זאָל אַ־ויסגעגעבן ווערן.

2) חלק 3 איז דערשינען נאָך זיין טויט, הוצאת „דביר".

עפּאָכע („התקופה”), איבער „דריי נייע פּיוטים פון רבי יהודה הלוי” [1] און אַזוי ווייטער.

דאָס איבערטראָגן די „התקופה” פון מאָסקווע קיין וואַרשע האָט געשאַפן פאַר שמחונין אַ ברייט פעלד פאַר וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, באַזונדערס פאַר קריטיק פון די נייע ספרים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין יענער צייט. ער רעצענזירט אַלעס, אומעטום פילט ער זיך אינ־דערהיים. אַזוי רעצענזירט ער מיינן בוך איבער לובלין, מייזעלס אַרבעט איבער דער תקופה פון דער השכלה, מאַהלערס האַנטבוך פאַר דער יידישער כראָנאָלאָגיע, וואַלטס שטודיום צום טעקסט פון ירמיהו הנביא, טאָרטשינערס ספר איוב, שטראַקס מבוא התלמוד, קלויזנערס תולדות הספרות החדשה, קלאַצקינס הערמאַן כהן, דאָס באַרימטע ווערק איבער די ווינער מצבות פון בערנאַרד וואַכשטיין, אַלאַנגע ריי פון ספרים: האָראָדעצקיס, בובערס, מילערס און אַנדערע. אין זיינע קריטיקן איז ער שאַרף, אָבער גערעכט, ער האָט נישט קיין רחמנות אויף עם־הארצות און באַהאַנדלט מיט אַ גיפטיקער איראָניע די יעניקע שרייבער, וואָס נעמען זיך אונטער פאַרשידענע זאַכן און קאָנען זיי נישט אויספירן. אָפּט באַדויערט ער די ירידה פון דעם העברעישן סטיל (התנונות, התקופה 6), אָדער דאָס צו שטאַרקע הערשן פון ראַציאָנאַליזם אין אונזער לעבן און ליטעראַטור (שלטון ה„שכל”, התקופה 11). אויסגעצייכנט איז זיין באַריכט איבער דעם ווערק פון שפּענגלער: „דער אונטערגאַנג דעס אַבענד־לאַנדעס”, און קרעפטיק איז ער זיך מתוכּח מיט דעליטשן פאַר זיין אַרבעט: „דער גרויסער טעות”.

אַלס געלערנטער באַטייליקט זיך שמחוני אין די שמחות פון דער יידישער וויסנשאַפטלעכער וועלט און שרייבט אַרטיקלען צום 60־יעריקן יובילעום פון דובנאָוו, צום 70־יעריקן געבורטס־טאָג פון גאָלדציהער, צום 50־יעריקן יובילעום פון האָראָדעצקין, אָבער גלייכצייטיק איז ער מספּיד די שעפער פון אונזער וויסנשאַפט, ווען זיי גייען אַוועק פון דער וועלט: פּאָזנאַנסקי, ש״י איש הורוויץ, נתן־נטע סמואלי, בן־ציון האַלפער און אַזוי ווייטער. פון זיינע זעלבשטענדיקע אַרבעטן וויל

---

1) שלשה פיוטים מר׳ יהודה הלוי, דביר א, ע׳ 223.

איך דאָ באַמערקן די איינלייטונג צום עפּאָס „גלגמש", זיינע אַרטיקלען אין „רשומות" ב׳, אָבער אַן אייביקן אָנדענקען האָט ער זיך געשטעלט דורך זיין וווּנדערבאַרע איבערזעצונג פון יאָסעפוס פלאַוויוס „מלחמת היהודים". נאָר דער, וואָס קאָן די אַלטע שולמאַנישע איבערזעצונג און קאָן דעם גריכישן אָריגינאַל, — דער איז אַ מבין אויף דער פיינקייט פון שמחונים אַרבעט און אויף דער שפּראַך, וואָס לעזט זיך ווי דער שענסטער ראָמאַן, אָדער ווי אַ לייכטער פעליעטאָן, און איז דאָך ווערטלעך און גענוי לויט דעם אָריגינאַל.

אין דער איינלייטונג צו דער איבערזעצונג האָט שמחוני אַנאַליזירט דאָס לעבן און שאַפן פון פלאַוויוס, און איז געקומען צום אויספיר, אַז יוסף בן מתתיהו איז נישט געווען קיין פאַררעטער פון זיין פאָלק. איך בין מיט אים נישט מסכים אין דעם ענין, אָבער די פיינקייט פון זיינע אויספירונגען, דאָס לאָגישע פון זיינע באַהויפּטונגען האָבן מיר באמת אימפּאָנירט.

אין יאָר 1924 איז שמחוני באַרופן געוואָרן קיין בערלין, ווו ער האָט איבערגענומען דאָס וויסנשאַפטלעכע סעקרעטאַריאַט פון דער העברעישער און דייטשער ענציקלאָפּעדיע, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַג „אשכול". דאָרט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דעם פּרובע-העפט אַ גרויסן אַרטיקל איבער „אלכסנדריה של מצרים", וואָס איבערשטייגט גאָר שטאַרק אַן ענציקלאָפּעדישן מאמר און בילדעט פאַר זיך אַ ריין וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג. אין בערלין האָט שמחוני געפונען אַ נײַ געביט פאַר זיין אַרבעט, אָבער דאָ אין פוילן האָט ער אונז געפעלט, און מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אים צו פאַרהאַנדלען, כדי אים צוריק צו באַקומען פאַר דעם נייעם אינסטיטוט פאַר חכמת ישראל, וואָס האָט געזאָלט געגרינדעט ווערן אין וואַרשע [1]. ליידער איז אין מיטן פון די פאַרהאַנדלונגען, ווי אַ בליץ אויף אַ קלאָרן הימל, געקומען די טעלעגראַפישע ידיעה, אַז שמחוני איז ביי אַן אָפּעראַציע אין אַ בערלינער שפּיטאָל געשטאָרבן. דאָס אומגליק האָט פּאַסירט דעם 21טן מאַי 1926 (אסרו-חג שבועות תרפ"ו) און צוויי טעג שפּעטער האָט מען אים געבראַכט צו קבר ישראל.

---

1) דער „מכון" איז געעפנט געוואָרן אין חודש פעברואַר 1928.

מיר זענען דאַמאָלס געבליבן צעמישט פון דער נאַכריכט, און נאָך היינט, אַ גאַנץ יאָר, קאָנען מיר זיך נישט באַרויקן. אין דעם פאַרשטאָרבענעם האָבן מיר נאָענטע פאַרלוירן אַ האַרציקן חבר. זיין אַלטע מוטער און אַ יונגע שוועסטער — דעם שטאָלץ פון זייער לעבן. אָבער דעם גרעסטן פאַרלוסט האָט געליטן די יידישע וויסנשאַפט, ווייל שמחוני איז געווען איר פאָן און איר האָפענונג.

לעבן די זיילן פון חכמת ישראל, לעבן צונץ, גרעץ, האַרקאַווי, פאָזנאַנסקי, גאָלדציהער און אַנדערע וועט דער נאָמען שמחוני תמיד לייכטן.

6. אויפן קבר פון פּראָפעסאָר צבי פּרץ חיות ז"ל

1927—1876

„איך געהער צו אַ משפּחה וואָס לעבט נישט לאַנג, מיין זיידע ר' צבי חיות, דער זשולקעווער רב, מיין טאַטע ר' שלמה חיות און מיין פעטער, דער בראָדער רב ר' יצחק חיות האָבן קוים דערלעבט דאָס פופציקסטע יאָר. דערפאַר מוז איך מיך צואיילן, כּדי אויסצופירן דאָס, וואָס איך האָב מיר פאָרגענומען פאַר מיין לעבן".

דאָס זענען געווען די ווערטער, וואָס פּראָפ. חיות האָט אַרויסגערוקט אין אַ פּריוואַטשאַפטלעכן געשפּרעך, מיט אַן ערך צוואָנציק יאָר צוריק. און באמת, ער האָט זיך זייער געמוזט איילן, כּדי אין דעם קורצן לעבן פון איינאונפופציק יאָר צו פאַרענדיקן אַזוי פיל אויפגאַבן. פּראָפ. חיות איז געווען אַן עניו, ווער ס'האָט אים געקאָנט, האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער עניוותדיקער מענטש איז פון דער היים אַזאַ מיוחס, באַזיצט אַזאַ געוואַלטיקן וויסן און אַזעלכע גרויסע פעיקייטן, און דערביי אַזאַ שטאַרקן ווילן און אַזאַ גרויסן נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

אין דער היינטיקער דעמאָקראַטישער וועלט, נאָך דער גרויסער מלחמה, האָט יחוס נישט קיין גרויסן ווערט, אָבער דאָך, ווען מען זוכט די קוואַלן פון די פעיקייטן ביי אַ גרויסן מענטש, שטעלט מען די פראַגע, ווער איז ער און פון וואַנען ער וואַקסט. ווען מיר זאָלן די דאָזיקע פראַגע שטעלן דאָ ביי דעם פרישן קבר, וועלן מיר האָבן אַ גרייטע תּשובה: ווער פון אונז ווייסט נישט פון דעם אַלטן זשולקעווער און קאָלישער רב ר' צבי הירש חיות, דעם געוואַלטיקן למדן, בקי בכל חדרי ש"ס ופוסקים, דעם מחבר פון אַסך לומדישע ספרים, פון דעם מאַן, וואָס האָט ביי צוויי און צוואָנציק יאָר באַקומען דאָס

זשולקעווער רבנות, און שטילערהייט געמאַכט זיינע פילאָזאָפישע פּרי־וונגען אין דער לעמבערגער אוניווערזיטעט, כדי צו ווערן קרייז־ראַבינער אין זיין שטאָט. אָנקוקנדיק דאָס בילד פון צבי הירש חיות מיט באָרד און פאות, אין אַ גרויסן קאָלפּאַק אויפן קאָפּ, וועט קיין מענטש נישט וועלן גלויבן, אַז אָט דער ייד האָט באַהערשט פינף פרעמדע שפּראַכן און איז געווען איינער פון די מיסדים פון דער יידישער וויסנשאַפט.

ר׳ צבי הירש חיות האָט געהאַט עטלעכע זין: איינער איז געווען ר׳ יצחק חיות, דער בראָדער רב, דער צווייטער ר׳ חיים חיות, און דער דריטער ר׳ שלמה חיות, דער פאָטער פון אונזער גרויסן נפטר. אין אַזאַ סביבה איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1876 אין בראָדי צבי פּרץ חיות אַלס דער יינגסטער זון פון ר׳ שלמה חיות. שוין אין דער יוגנט האָט ער געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ, אַ זעלטענעם זכרון און איז געוואַקסן אַ למדן מופלג ווי זעלטן איינער. דאָס הויז איז געווען אָרטאָדאָקסיש, אָבער שטאַרק משכיליש. אויסער ש״ס ופוסקים האָט דאָס יינגל געלערנט דייטש און פראַנצויזיש, און אויסערן בית־המדרש האָט ער פאַרקערט אין די שענסטע הייזער פון זיינע קרובים, ביי נתן ביטער פאָן קאַליר, ביי ר׳ שמעלקע האָראָוויץ אין לעמבערג און אַנדערע.

נאָך דער מאַטורע איז ער געגאַנגען קיין ווין, ווו ער איז געווען אין דעם דאָרטיקן ראַבינער־סעמינאַר און אויף דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט איינער פון די בעסטע תלמידים. נאָכן ענדיקן דעם סעמינאַר האָט ער באַקומען זיין ראַבינער־צייגניש און זיין דאָקטוירים־דיפּלאָם, און האָט זיך געווידמעט דער ריינער וויסנשאַפט, געוואָרן סעקרעטאַר פון דעם אָריענטאַלישן אינסטיטוט ביי דער ווינער אוני־ווערזיטעט (1901). און געדריקט אין די שריפטן פון דער ווינער אַקאַדעמיע זיינע „בייטרעגע צור נאָרד־סעמיטישען אָנאָמאַטאָלאָגיע״, „יודישע און יודיש־אינדישע אינשריפטן אויס אַדן״, „מאַרקוס־שטודיען״, אַ פּירוש צו תהלים אין צוויי כרכים, און אַ פּירוש צו עמוס — ביידע אין אברהם כהנאס אויסגאַבן פון תנ״ך מיט אַ פּירוש מדעי.

פון ווען איז חיות אַראָפּגעפאָרן קיין לעמבערג, ווו ער איז אַ יאָר געווען רעליגיאָנס־לערער אינם דייטשן גימנאַזיום. דער גרויסער געלערנ־טער האָט זי אָבער נישט געקאָנט פאַרשאַפן קיין דיסציפּלין אין דער שולע. באַלד האָט ער פאַרלאָזט לעמבערג און האָט זיך אַריבערגע־

טראָגן קיין פלאָרענץ אין איטאַליען, ווו ער איז געוואָרן פראָפעסאָר אויף דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט און צוגלייך דאָצענט אין דעם דאָרטיקן ראַבינער-סעמינאַר. עטלעכע יאָר איז געזעסן חיות על התורה ועל העבודה און אין דער צייט האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע וויכטיקסטע ווערק און געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר דער ווייטערער אַרבעט. ס'האָט אים אָבער געפעלט אין פלאָרענץ אַ יידישע סביבה אין דער שיינער שטאָט פון די מעדיצעיער האָט חיות אַרום זיך געהאַט אַלצדינג, נאָר אַחוץ דעם רעקטאָר פונם סעמינאַר דאָקטאָר מרגליות, דעם פראָפעסאָר קאַסוטאָ און זעקס תלמידים האָט ער קיין ייד אַרום זיך נישט געזען. דאָס מאַכט אונז פאַרשטענדלעך. פאַרוואָס ער האָט אין יאָר 1912 איבער-געלאָזט די שיינע וויסנשאַפטלעכע שטעלע אין פלאָרענץ און אָנגענומען דעם פאָסטן פון אַ ראַבינער אין טריעסט.

דאָ האָט זיך אין חיותן ערשט אַנטפּלעקט דער גרויסער טאַלאַנט פון אַ רעדנער און פון אַ סאָציאַלן אַרבעטער. דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין טריעסט האָט געקריגן מיט חיותס אָנקומען אַ נייעם גלאַנץ, די סינאַגאָגע, וואָס איז ביז דאַן געשטאַנען ליידיק, איז געוואָרן אַ פאַר-זאַמלונגס-אָרט פאַר היימישע פון פרעמדע יידן. אַלע וווילטעטיקע אינ-סטיטוציעס, ווי שפּיטעלער, בתי-יתומים, בתי-זקנים, האָבן אויפגעבליט אונטער זיין האַנט. באַלד איז געקומען די מלחמה מיט אירע גזרות און אַרויפגעלייגט אויף דעם ראַבינער נייע שווערע פליכטן. טריעסט איז געלעגן נאָענט צו דער איטאַליענישער גרעניץ, עסטרייך האָט אַוועק-געשטעלט אין דער שטאָט אַ געוואַלטיקן גאַרניזאָן און טויזנטער קראַנ-קע יידן און נישט-יידן זענען געלעגן אין די דאָרטיקע שפּיטעלער. חיות איז אומעטום. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אויף די פיס, יידישע זעלנער, געזונטע און קראַנקע, פאַרזאָרגט ער מיט כשר עסן און מיט אַ גוט וואָרט. טויטע ברענגט ער צו קבר-ישראל און טויזנטער יידישע היימלאָזע באַזאָרגט ער מיט אַ דירה און מיט געלט.

און בשעת מלחמה האָט זיך צו אים געווענדט די ווינער יידישע קהילה און אים פאַרגעשלאָגן די שטעלע פון דעם אויבער-ראַבינער אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרייך. נאָך האָט געלעבט דער אַלטער אויבער-ראַבינער ד״ר גידעמאַן, אַ גרויסער געלערנטער און דער מחבר פון דעם באַוווסטן ווערק „התורה והחיים״, אָבער אַ גרויסער שונא פון

פוילישע יידן. אויך דער ווינער ראש-הקהל ד״ר שטערן, אַ זקן פון 86 יאָר, האָט זיך נישט בעסער באַצויגן צום פוילישן יידנטום. גידעמאַן, שטערן און זיינע חברים זענען געווען אויך גאָר שטאַרקע שונאי-ציון, וואָס הערצל האָט זיך נישט איינמאָל אָנגעשטויסן אין זייער קעגנערשאַפט. חיות האָט זיך נישט געביטן, ער איז פון זיין ציוניזם און נאַציאָנאַלן שטאָלץ נישט אָפּגעטרעטן אַפילו אויף איין שריט. שטאָלץ האָט ער געזאָגט די ווינער יידן כהאי לישנא: „אַזוי בין איך, און וועס׳שטעלט זיך פאָר, אַז ער וועט ביי מיר אָפּדינגען עפּעס פון מיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ, דער בייסט מיט זיינע ציין אַריין אין אַ גראַניט-שטיין״. שטערן און גידעמאַן האָבן באַקומען דרך-ארץ פאַר דעם מענטש און זיינע ווערטער, און צו דער גרויסער פאַרוווּנדערונג פון דעם ווינער יידישן ציבור איז חיות נאָך ביים לעבן פוי ד״ר גידעמאַן געוואָרן אויבער-ראַבינער פון ווין.

דאָ הויבט זיך אָן אַ נייער פרק אין דעם לעבן פון ד״ר חיות. ביז דאַן איז געווען אין דער קהילה דער ראש-הקהל אַלץ-מיטאַנאַנד, און וועגן דעם אויבערראַבינער האָט זיך גאָר ווייניק עמעץ געקומערט. חיות האָט געענדערט דעם אַלטן מנהג און ער איז געוואָרן די ערשטע פּערזאָן אין דער געמיינדע און אין דעם גאַנצן ווינער יידנטום. נישט קיין חתונות און נישט קיין לוויות האָט באַזאָרגט דער אויבער-ראַבינער, שוין אין די באַדינגונגען פון זיין אַנגאַזשעמענט האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די דאָזיקע אַרבעטן, איבערלאָזנדיק זיי פאַר אַנדערע רבנים. אַליין האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט דעם שול-וועזן. אין דער ערגסטער צייט נאָך דער גרויסער מלחמה, ווען אין ווין האָט געהערשט אַ הונגער און אַ פאַרצווייפלונג, האָט חיות אָרגאַניזירט העברעישע שולן, אַ פּעדאַגאָגישע אַנשטאַלט פאַר לערער, און באַזאָרגט געלט פאַרן ווינער ראַבינאַר-סעמינאַר און אַפילו פאַר די באַאַמטע און לערער פון דער ווינער געמיינדע. ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע און פון דאָרט געבראַכט צענטליקער טויזנטער דאָלאַר אויף אויסצוהאַלטן די קולטורעלע אינסטיטוציעס פון דער געפאַלענער עסטרייכישער הויפּטשטאָט. פאַר זיך האָט ער גאָרנישט געדאַרפט און גאָרנישט גענומען. אַלס אומפאַר-הייראַטעטער האָט ער געלעבט אין עניות און ענגשאַפט, און געוואַלטיקע סומען געגעבן פאַר וווילטעטיקע צוועקן און סאָציאַלער הילף. ווי אַזוי

חיות האָט אויפגעפּאַסט זיין שטעלע און זיין כבוד, זאָל דינען דער איינציקער ביישפּיל: איינמאָל האָט חיות געהאַלטן צו הזכרת-נשמות אַ פייערדיקע דרשה און אויפגעפאָדערט דעם עולם צו שטיצן זייערע ברידער. אסרו-חג איז צו אים געקומען דער סעקרעטאַר פון דעם ווינער ראָטשילד און אים ערקלערט, אַז דער באַראָן לאַדעט אים איין צו זיך, ווייל ער האָט בדעה צו געבן אַ גרעסערע נדבה. חיות האָט געענטפערט בזה הלשון: „איך בין אַ קליינער מענטש, אָבער בשעת איך שטיי אויף דער בימה בין איך גאָטס שליח, איך בין מער ווי דער ווינער קאַרדינאַל דאָקטאָר פּיפל, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז אַ קריסט, וואָס וויל געבן אַ נדבה, זאָל דעם קאַרדינאַל צו זיך איינלאַדן. גיי זאָג דאָס דיין פּריץ״. אויפן צווייטן טאָג האָט באַראָן ראָטשילד איבערגעגעבן אין דער קאַנצעלאַריע פונם אויבער-ראַבינער אַ גרויסע סומע פאַר ווילטעטיקע צוועקן.

די גרויסע אַרבעט אין דער געמיינדע און פאַר דער געמיינדע האָט נישט ערשעפּט דעם כּוח פון פּראָפ׳ חיות. שטייענדיק תמיד אויף דעם ברייטן נאַציאָנאַלן יסוד, האָט ער געפונען צייט פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, און אַדאַנק זיין טאַקט און זיין פּאָליטישן חוש, איז ער געוועזן אין די יאָרן 1921—1925 דער פּרעזידענט פונם ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיטעט. וויפל אַרבעט דאָס האָט פאַרשלונגען, וויפל כּוחות צעריבן — דאָס פאַרשטייט נאָר דער יעניקער, וואָס האָט אָנטייל-גענומען אין די לעצטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. אָבער חיות האָט זיינע כּוחות נישט געשוינט, און אַממייסטן כּוח האָט ער געווידמעט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער העברעישער אוניווערזיטעט אין ירושלים. און דער אידעאַל פון זיין לעבן איז געווען צו ווערן פּראָפעסאָר אין דער דאָזיקער אוניווערזיטעט.

חיות האָט נישט געזוכט קיין כּבוד, הגם כּבוד האָט ער געהאַט גענוג, ער האָט נישט געזוכט קיין טיטלען, ווייל איך טיטלען האָבן אים נישט געפעלט — ער האָט געוואָלט דעם אָפּשלוס פון זיין לעבן ווידמען דער ריינער וויסנשאַפט — נישט צווישן פרעמדע און נישט פאַר פרעמדע, נאָר אין יידישן לאַנד — אין ארץ-ישראל. און דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אַ קעגנערשאַפט נישט ביי פרעמדע, נאָר ביי אייגענע! די אָרטאָדאָקסיע האָט נישט געוואָלט צולאָזן אַז חיות, דער געוואַלטיקער למדן, חיות דער

בקי בכל חדרי-התורה אָבער אויך חיות דער מחבר פונם פירוש מדעי צו תהילים זאָל ווערן פּראָפעסאָר אין דער יידישער אוניווערזיטעט. און דאָס איז געווען דער שמערץ, וואָס חיות האָט געדאַרפט אַריבערטראָגן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. דאָס איז געווען די גרויסע גייסטיקע טראַגעדיע, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרץ. אין אַ צוויי וואָכן אַרום, דעם 28טן דעצעמבער, האָט גענזאָלט פאָרקומען אין מאַינץ אַ זיצונג פון דעם קוראַטאָריום פון דעם מכון לחכמת-ישראל פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט; חיות איז געווען דער פאָרזיצער פונם קוראַטאָריום און אין מאַינץ האָט מען געזאָלט אָננעמען באַשלוסן, וואָס האָבן אויך געקאָנט האָבן אַן אַנטשיידנדן איינפלוס אויף חיותעס צוקונפטיקן לעבן !..

און אינמיטן פון די פאָרבערייטונגען צו דער אסיפה אין מאַינץ איז געקומען די שרעקלעכע ידיעה, אַז חיות, אונזער חיות, דער גאָלדענער מענטש און דער גרויסער קאָפּ, איז פּלוצלינג געשטאָרבן. „ער האָט געהערט צו דער דאָזיקער משפחה, וואָס קאָן קוים איבערלעבן 50 יאָר", און ער האָט זיי קוים איבערגעלעבט. געפאַלן איז אַ גדול בישראל, געפאַלן בחצי-ימיו, און מיר אַלע באַוויינען אים מיט ביטערע טרערן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין !..

ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן און הוספֿות צו די היסטאָרישע מקורות

צײַטשריפֿטן און ביכער אין װעלכע ס'זענען געװען געדרוקט די מאמרים, װאָס קומען פֿאָר אין דעם בוך. אויך דערגאַנץ איך דאָ טײל מקורות, װאָס זענען אין טעקסט אַרויסגעלאָזט געװאָרן הן על־פּי טעות, הן בּדי נישט צו שטערן די דערצײלונגען.

שאול װאַהל, זײַט 17—38, „נײַער הײַנט" 1925 נ"ר 32, 38, 44, 50, 62. אין העברעיש: שאול װאהל אשיות והיסטורית אין דער אײַנלײַטונג צו דער נײַער אויסגאַבּע פֿון דעם ספֿר: גדולת שאול, װאַרשע 1925 (ה' אריה יהודה ליבּ ליפּשיץ), דאָרט זענען פֿאַראַן די היסטאָרישע קװעלן. אין פּויליש: Dziennik warszawski נ"ר 26—29 יאַנואַר 1927.

ר' פּנחס בּן אלעזר, זײַט 39—47, Izraelita װאַרשע 1904 Wschód, 1904 לבוב 1904 נ"ר 41 — 42, אויך בּראָשור, לבוב 1905 אונטער דעם קעפּל: „Z przemyskich dziejów" איבּער־געדרוקט Kurjer Nowy 12 — 14, װאַרשע יולי 1919, פֿון דאַנען: Z historji Żydów w Polsce, Szkice i studja װאַרשע, 1920 זײַט 147—154. העברעיש: „הצפֿירה" 1911 נ"ר 289—290 און המצפּה (קראָקע) 1911 נ"ר 46, 51.

דר. שמחה מנחם מיונה, זײַט 48—58, Chwila לבוב 1920 פֿון 4 מערץ נ"ר 409, איבּערגעדרוקט Z historji Żydów w Polsce זײַט 49—58.

הוספֿות: אַז דער פֿאָטער פֿון ר' יוחנן בּרוך — ר' שמחה, איז אויך געװען אַ דאָקטאָר, איז געדרונגען פֿון

דער אונטערשריפט פון דעם דאָזיקן ר' יוחנן ברוך אויף דעם כתב, וואָס ער האָט אין דעם יאָר 1656 געגעבן דעם אומגליקלעכן לובלינער דאָקטאָר ר' חיים בן ר' משה קאצענעלענבויגן, ווען ער איז געפאָרן קיין איטאליע. זע: ד ו ד ק ו י פ מ א ן אין מאָנאטשריפט פאַר געשיכטע און וויסנשאַפט דעם יודענטומס 1895, זייט 554–559. איין טאָכטער פון ד"ר שמחה מנחם האָט חתונה געהאַט מיט ר' יצחק סג"ל לאנדא אב"ד אין לעמבערג און שפּעטער אין קראָקע, דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר 1768. זע: ש ל מ ה ב ו ב ע ר: אנשי שם, זייט 120. צום פארשטענדניש פון דער זאך גיב איך דאָ דעם יחוס־בריוו פון דער משפחה לויט דעם ווי איך האָב אים גע־דרוקט אין מיין בוך Z historji Żydów w Polsce זייט 53 און פון וואַנען ס'האָט אים איבערגעדרוקט ד"ר יצחק שיפער אין „טאָז"־ידיעות נ"ר 3–4 פון 1930 זייט 73–74.

דר. שמחה מיונה

דר. יוחנן ברוך מיונה (געשט. 1669)
זיין ווייב: א כ ס ה בת דר. מנחם צונזפאָרט (געשט. 1666)

חיה

דר. יעקב מיונה (געשט. 1688)

דר. אליעזר מיונה (געשט. 1672)

דר. ש מ ח ה מ נ ח ם (ג. 1702)
ווייב ניכיה בת ר' פסח (ג. 1693)

יוסף
ג. 1718

טאָכטער
חתונה געהאַט מיט ר' יצחק סגל לאַנדא
אב"ד דק"ק לבוב, און שפּעטער
אב"ד דק"ק קראָקא (ג. 1768)

יעקב
(1697–1705)

אלסה
(ג. 1718)

מ ק ו ר ו ת: 1) אנשי שם נ"ר 212 זייט 88, 2) נוסח פון דער מצבה אויף דעם אַלטן בית־עולם אין לעמבערג נ"ר 301, 3) נוסח המצבה נ"ר 303 אָן א דאטע, 4) נוסח נ"ר 298, 5) אנשי שם נ"ר 73,

6) אנשי שם נ"ר 548, 7) נוסח המצבה נ"ר 296, 8) נוסח המצבה נ"ר 185, 9) נוסח נ"ר 186, 10) נוסח נ"ר 265, 11) אנשי שם זייט 120. די מצבות אויף דעם לעמבערגער אלטן בית-החיים האָב איך געלאָזט נומע-רירן אין יאָר 1914, ליידער איז מען נאָר צוגעקומען צו נ"ר 1500 און מ'האָט, דורך דער מלחמה, געלאָזט די ארבעט שטיין.

ר' בצלאל בן הקדוש ר' נתן, זייט 59—66, Chwila לבוב 4 און 5 מאי 1920 נ"ר 467—8. איבערגעדרוקט אין מיין בוך: Z historji Żydów w Polsce זייט 59—65, אויף דייטש אין דער מאָנאַטשריפט „Das Zelt" חין 1924 העפט 9. בנוגע דער גענעאלאָגיע פון ר' בצלאלן געפינען מיר אין דעם בוך פון הרב צבי הירש הורוויץ: כתבי הגאונים, פיעטרקוב 1928 זייט 32, אז ער האָט געהאַט א זון און א טאָכטער. דער זון ר' גרשון נתן איז געווען א מנהיג-מדינה אין לעמבערג און איז געשטאָרבן 1735, דער איידעם ר' חנוך-העניך איז געווען א גרויסער למדן און פון אים וואַקסן אסך גדולים, צווישן זיי: ר' מרדכי זאב אָרנשטיין, דער לעמבערגער רב 1735–1787.

זלמן... זייט 67–87. געדרוקט צום ערשטן מאָל אין פויליש אין דער לעמבערגער וואָכנשריפט Nasz kraj סטיטשען 1909 און אין דעם טאָגבלאַט Dziennik Polski לעמבערג 1909 נ"ר 38–51 איבערגעדרוקט אין מיין Z historji Żydów w Polsce זייט 129 – 146, אויף העברעיש גע-דרוקט: הצפירה 1911 נ"ר 265–268, יידיש אין „נייעה הייננט" 1926, נ"ר 31, 43, 55.

ר' לייבוש באלאבאן, זייט 38—100 פויליש: Rocznik Żydowski לבוב זייט 138-199 און אין א בראָשור, איבער-געדרוקט אין Z hist. Żydów w Polsce זייט 155–166. יידיש „נייער הייננט" 1925 נ"ר 233 אונטער דעם קעפל: דער שמחת-תורה אין לעמבערג אין יאָר 1766. די קוועלע צו דעם מאמר איז אין די אונטערהאַיעוואָדן-אַקטן אין לעמבערג באנד B. II זייט 75-77, אָפּגעדרוקט ביי

פּאַזדראָ: Sądy Podwojewodzińskie Żydowskie, לעמ־בערג 1903 נ״ר 65.

צווייקהלות אין איין שטאָט, זייט 103—115, הערט דאָ געדרוקט צום ערשטן מאָל. מקורות צו פּרק 1: מיין בוך Dzielnica Żyd. we Lwowie לעמבערג 1909. צו פּרק 2 בנוגע די אַנטשטייאונג פון צוויי קהלות, אין מיין בוך Żydzi Lwowscy לעמבערג 1906 זייט 107, דאָרט אויך: דער פּראָצעס צווישן יידן און יעזואיטן זייט 89—145, בנוגע די פאָרשטאָט: דאָרט, פון זייט 108 און 199—230. צו פּרק 5 איז דער מקור דאָס ספר יון מצולה פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער אין דער בראַניק פון Zubrzycki לעמבערג 1844. צום פּרק 6 זע מיינע אַרטיקלען אין דער לעמ־בערגער Chwila פון 24 מאַי 1925 ביזן 23 מאַי 1926, אונטערן קעפּל: „די ברייטע גאַס״.

די יידן אין קראָקע בשעת דער שוועדישער אינוואַזיע, זייט 116—138: פּויליש Nowy Dziennik קראָקע 1920 נ״ר נ״ר 108 - 113 און 121, העברעיש: הצפירה 1926 נ״ר 49, 61, 67, 73: יהודי קראקא בימי הכיבוש השוידי, קטע מקורות שנות 1655—1657.

דיפּלאָמאַטישע אינטערווענץ, 139—150, Nowy Dziennik קראָקע 1919 נ״ר 284 און 287, איבערגעדרוקט אין מיין בוך Z historji Żydów w Polsce זייט 173—182.

די יידן אין לובלין בשעת דער גרויסער מלחמה, זייט 151—168, דייטש Die Judenstadt in Lublin בערלין 1919, זייט 42—54, יידיש: „נייעס פון היינט״ 1920 נ״ר 43, 45, 61.

דער קאַמף וועגן יידישן האַנדל אין לובלין, זייט 169—180: Die Judenstadt זייט 55—62, „נייעס פון היינט״ 1920 von Lublin נ״ר 83, 89.

צו דער געשיכטע פון די יידישע דרוקערייען אין פוילן. זייט 234–181 זענען די קוועלן אָנגעגעבן אויף זייט 183, ווי ס'איז פון דאָרט צו זען, איז די אָפּהאנדלונג אין דער ברייטער מאָס געדרוקט אין יידיש צום ערשטן מאָל, די לאַטיינישע דאָקומענטן זענען אָפּגעדרוקט אין די „סאָנ-צינאָ-בלעטער", בעהלין III 1929 זייט 1–51.

גאפּאָלעאָן, זייט 237–255, געדרוקט: „נייער הײנט" 1921 נ"ר 97, 102, 108.

פעסטונגס-שולן, זייט 259–267: פּויליש Nowe życie 1924 I, זייט 197–203, פון דאָרט אין מיין בוך Studja Historyczne. וואַרשע 1927. זייט 93–99, דייטש: Menorah ווין 1927, העפט 6–7 זייט 369–376.

אונזערע קונסט- און קולטור-אוצרות, זייט 268–300, ליטע-ראַרישע בלעטער 1929 נ"ר 41, 42, 43, 44, 46, 47. און פּויליש אין מיין בוך: Zabytki hist. Żydów w Polsce וואַרשע 1929, קאַפּיטל II זייט 20–44.

אדאָלף שטאנד, נייער הײנט 1920, נ"ר 58 [17 דעצעמבער].

נתן נטע סאמועלי, נייער הײנט 1921 נ"ר 87 [15 אפּריל].

ע' נ' פרענק, התקופה באנד 20, זייט 485–6, Nowe życie 1924, I זייט 112–115.

פ' ה' ווערטהײמער, Nowe życie 1924 I זייט 435–437.

שמחוני, נייער הײנט 1927 נ"ר 132 [10 יוני], הצפירה 1927 נ"ר 132 [10 יוני].

הרב צ' פ' חיות, נייער הײנט 1927 נ"ר 284 [18 דעצעמבער].

הויפט־פארקויף:
„ב י כ ע ר" ווארשע, נאלעווקי 2a
„BYCHER" Warszawa, Nalewki 2-a